STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02479

DI UNTERSHTE SHUREH

Lotty F. Malach

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאָטי פ. מלאך

*

די אונטערשטע שורה

לאָטי פ. מלאך

די אונטערשטע שורה

דערציילונגען, געשטאַלטן און מאמרים

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשמ״ו — 1986

LOTTY F. MALACH

DI UNTERSHTE SHURE

Collections, Short Stories, Essays and Miniatures

I. L. Peretz Publishing House
14, Brener str. Tel Aviv, Israel

Copyright 1986
by the Autor **Lotty F. Malach**
1138 S. Bedford 3, **Los Angeles**, Calif.

הוצאת ספרים ע"ש י. ל. פרץ תל־אביב

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח' ברנר 14

נדפס בישראל, תשמ"ו

Printed in Israel, 1986

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל־אביב, טל. 372062

לאטי פ. מלאך

שײַנט די זון

שײַנט די זון אויף רויטע לאָקן
פֿאַלן שטראַלן — גאָלד אויף גאָלד.
שפּילט אַ קינד זיך אום אין גאָרטן
לויפֿט עס, לויפֿט און... פֿאַלט.

ליגט עס אויפֿן גראָז דעם גרינעם
מיט אַ גרויס געוויין.
מחמת דעם —
האָט עס אָנגעהויבן גיין.
ס'איז אים נמאס געוואָרן זיצן

אויגן, בלויע הימלען צוויי
און איבער אונדז דער גרויסער הימל
איז אין איינעם הימלען דריי.

און אַ קולכל דאָס האָט
גלעקל־קלאַנג און זילבער העל
עס כאַפּט עס אויף דער פֿויגל
און ענטפֿערט אָפּ אים טרעל נאָך טרעל.

שײַנט די זון אויף רויטע לאָקן
פֿאַלן שטראַלן — גאָלד אויף גאָלד.
אַזאַ קינד אין בלויען מאָרגן
האָט דער העלער געמאָלט.

דערציילונגען

דער רבי און א קאַנטשיק

יעדן זמן, שוין צום ווײפּלטן מאָל, האָבן די בעלי־בתים פון שטעטל אָפּגעהאַלטן אַן אַסיפה און באַשלאָסן אַראָפּצוברענגען עפּעס אַ לײטישן מלמד קײן מיהאַווא, אַ מלמד מען זאָל אים קאָנען רופן לערער און ער זאָל טאַקע לערנען מיט די קינדער אַלע לימודים, כדי מען זאָל זײ ניט דאַרפן שיקן אין דער גױיִשער שול אַרײן. װיפל איז דער שיעור צו האַלטן קינדער בײַ אַ דרדקי־מלמד? װי לאַנג? אַז מער װי חומש מיט רש״י איז ער זײ ניט מסוגל צו געבן, אױף קײן בלאַט גמרא פּאַרמעסט ער זיך אַפילו ניט. טאָ גײט אַ שטײגער און רופט שמחה מלמד, לערער, אַז דאָס גאַנצע אַלט־פרענקישע מלמדות ליגט אויף אים אויסגעגאָסן.

די ייִדן אין שטעטל, אָדער בעסער געזאָגט אין דאָרף, האָבן עס אפשר ניט געוווסט. זײ זײַנען געווען אַ היפּש ביסל באַאײנפלוסט פונעם דײַטשמערישן „יודאַיִזם", וואָס האָט זיך געצויגן אַהער נאָך פון דער מענדעלסאָן־עפּאָכע. אגב, האָבן זײ אויך געמײנט, אַז זײ לעבן שוין דאָ, אין דער בוקאָווינע, פון קדמונים, אַזוי אײַנגעוואָרצלט זײַנען זײ געווען אין דעם אַרום: אין די בערג, אין די טאָלן, מיט די ערלים די הײמישע גױעס און די ייִדישע אָרעמקײט.

דאָס איז געווען עפּעס אַ באַזונדער מין אָרעמקײט: רײנע שטיבעלעך מיט געל־גאָלדענעם זאַמד די ערד־דילן באַשאָטן, ציכטיקע בעטן מיט הויכע קישנס, אויסגעוואַשענע און אויסגעפּרעסטע בגדים און — הונגעריקע קינדער.

דער אמת איז, אַז עס זײַנען טאַקע דאָ געווען עטלעכע משפּחות, וועלכע האָבן אפשר געשטאַמט פון קדמונים. דאָס זײַנען געווען די גרונט־באַזיצערס, די ברויערײַ־האַלטערס און די האָלץ־ליפעראַנטן. דאָס זײַנען געווען צווײ אויסגעצווײַגטע, גרויסע משפּחות, וועלכע האָבן זיך צווישן זיך משדך געווען און האָבן מיטן ייִדישן דאָרף קײן שום מגע־ומשא ניט

געהאַט. זיי האָבן גערעדט דייטש, האָבן געהאַלטן פראַנצייזישע „גוווער־נאַנטקעס" און געלערנט זייערע קינדער טעניס און קלאַוויר־שפּילן. יידישע דערציונג איז זיי אַפילו אויפן רעיון ניט געקומען.

אַך, יאָ, פון „יודאַיזם" האָבן די עלטערע נאָך עפּעס וואָס גע־ווּסט. אַ סימן האָט איר אַז אויף ימים־נוראים האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט פון ווין אַ גלאַט אָפּגעראַזירטן חזן אין אַ פראַק, מיט רויטע בעקלעך, אויסגעשנורעוועטע וואָנצעלעך און אַ פיינע אָפּערעטן־שטימע. דער מי־טעלער דור, שוין אָפּגערעדט פון יוגנט, זיינען געווען פאַלנע דייטשן...

דערקעגן דאָס יידישע דאָרף האָט זיך דאָ אָנגעהויבן מיט איינצלנע וואַנדערערס, וועלכע זיינען דאָ אַהער געקומען אין שפּעטן מיטלאַלטער, געטריבן פון די פאַרשיידענע גזירות. און באַזעצט געוואָרן איז עס ערשט נאָך די רעוואָלוציעס פון 1847־8, ווען די עסטרייכישע רעגירונג האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון הארץ און האָט „צוגעזאָגט" יידן גלייכע רעכט. דעמאָלט האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער מדינה זוכן ערוי־מיקלט און טייל פון זיי האָבן עס געפונען, אָט דאָ, צופוסנס פון די קאַרפּאַטן.

דאָס דאָרף האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַ גרויסן שטח — אַ לאַנקע, צעשניטן אין דער מיט דורך אַ לויפנדיק, קלאָר וואַסער — דער טייך סערעט. דאָ, אין דער בוקאָווינע בכלל און אין דאָרף בפרט האָט זיך אויסגעפורעמט גאָר אַ באַזונדער יידיש לעבן.

שמחה מלמד האָט געהאַט אַן עכט דייטשישן נאָמען — האַלער האָט ער געהייסן. און געשריבן האָט ער זיין נאָמען מיט צוויי למדן האַללער, אַזוי ווי מען שרייבט אויף דייטש. נאָר ווער האָט עס געדענקט צי ער האָט בכלל ווען עס איז געהאַט אַ פאַמיליע־נאָמען? אַז ער אַליין האָט זיך געזען ווי שמחה מלמד, און זיין ווייב, רייזל, האָט אים גערופן „מיין שמחה, זאָל לעבן". די טעכטער, איידעמס און אייניקלעך האָבן זיך גערופן — שמחה דעם מלמדס.

יעדן זמן, נאָך דעם ווי די בעלי־בתים האָבן אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס אָפּצוזאָגן דעם דרדקי־מלמד, האָט מען געזען שמחהן שפּאַנען אַ טריאומפירנדיקן מיט זיינע תלמידים צו אַ נייעם חדר.

די קינדער זיינען געווען צעשאָטן איבערן גאַנצן שטח, אַט אַזוי ווי מען וואָלט אויסגעשאָטן אַ גרויסן עמער מיט קאָלירטע בעבלעך און יעדער בעבעלע קייקלט זיך איבער דער לאַנקע צו שמחה מלמד אין שטיבל אַריין, וווּ עס וועט הייאָר זיין דאָס חדר. שמחה מלמד האָט געהאַט אַ קליין הערביקל אויף דער לינקער זייט פּלייצע, אַ דאַר העלדזל און אַ שיטער בערדל — אַזוי שיטער, אַז מען האָט געקאָנט אָפּציילן יעדער האָר אויף זיין גאָמבע. זיינע אויגן, אַרויסגעשטאַרצטע פון קאָפּ, זיינען געווען הכנעהדיקע, געטרייע. און מיט אָט די אויגן האָט ער געוואַכט איבער יעדן קינד.

נעמט, אַ שטייגער, היינדל, משה מענדלס: ער מוז אים האַלטן נעבן זיך, וואָרעם דאָס יינגל האָט אַ שאַרף מוחל, אַ פּיקח, נאָר לערנען וויל ער זיך ניט. צו וואָס זאָל ער זיך לערנען, אַז ער איז דער בעסטער שפּרינגער איבער דער גאַנצער לאַנקע. און מחמת מען רופט אים היינדל, האָט ער זיך אויסגעלערנט קרייען, און ווען מען זאָל זיך אַפילו געווען שטעלן אויפן קאָפּ, האָט מען קיין מאָל ניט געקאָנט דערקענען צי קרייט ער, צי קרייט עס טאַקע אַ האָן.

פון דער צווייטער זייט זיצט ביי אים צינדל, זיין איינינקל פון דער עלטערער טאָכטער. ער מוז אים האַלטן נעבן זיך, מחמת צינדל איז נאָך אַ יונג קינד און ער האָט אַ טבע זיך צו פאַרהיקען. איז ווי נאָר שמחה באַמערקט דאָס, דערלאַנגט ער אים אַ ביסעלע וואַסער און אַ פּאָר לאַש־טשענדיקע גלעט איבערן רוקן, גייט עס אים גלייך איבער. און ווען עס גייט אים איבער, צעזינגט זיך צינדל ביים לערנען אַז ס׳איז אַ חיות פאַרן זיידן. וואָס וואָלט שמחה ניט אָפּגעגעבן דערפאַר, ער זאָל קאָנען דאָס קינד אָפּגעווינען פון היקען?

נעבן היינדלען, דער צווייטער, זיצט זיין ברודער מאָקיע. ער איז פונקט דער היפּוך פון היינדלען: אַ קורצער, אַ גראָבער מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַרויסגעשטאַרצטע שפּיציקע ציין. ער וואָלט נעבעך זייער שטאַרק געוואָלט לערנען, האָט ער אָבער אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ און שמחה מוז זען דעם קינד מיט עפּעס צו פאַרגיטיקן. וואָרעם מאָקיע איז זייער מקנא זיין ברודער היינדל.

בויע מיט זוליען דאַרפן זיצן צוזאַמען — אַזוי האָט די מאַמע אָנ־געזאָגט. האָט אָבער דער עלטערער, בויע, אַ טבע צו דערלאַנגען דעם קלענערן סטיסקעס אין די זייטן און ער געפינט אַלע מאָל דעם געהעריקן „פּאַרוואָס". אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז שמחה האָט געמוזט אַריינזעצן צווישן זיי ביידע פּינחס פּיוויש לייבס, אויך ניט קיין צדיק, אָבער פּאָרט שוין אַן עלטער ייִנגל.

מעכל בלומעס כאָוועט זיך אין גאַנצן אַליין. און ווי עס זעט אויס כאָוועט ער זיך גאַנץ נישקשהדיק. ער איז אַ פּעטינקער, מיט גרויסע זומער־שפּרענקלעך אויפן פּנים און אַ באַרשט מילך־ווייסע האָר אויפן קאָפּ. ער גייט ביז שפּעט אין ווינטער באָרוועס. מעכל איז דעם פריִערדיקן מלמדס קינד. רב מרדכי מלמד האָט די „טשוכאָטע", מוז בלומע אַרומגיין איבער די מערק האַנדלען מיט די גויים און שמחה גיט אַכטונג אויף מעכלען. מעכל ווייס אַז מען גיט אויף אים אַכטונג און פילט זיך גאַנץ זיכער.

אַזוי האָט זיך ביי שמחה מלמד אָפּגעצייכנט יעדער קינד מיט זיין באַזונדערער כאַראַקטעריסטיק, און ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַז די כאַראַקטער־שטריכן פון די קינדער זאָלן זיך ניט אָנשלאָגן איינס אָן ס׳אַנדערע, נאָר פאַרקערט, זאָלן זיך דערגאַנצן.

פרי, פאַר נאַכט, האָט שמחה אָפּגעלאָזט דאָס קליינוואַרג אַהיים און זיך ערשט גענומען צו די בר־מיצווה־בחורים. בלויז ציע איז גע־בליבן וואַרטן אויף איר ברודער, פּינחס. מען האָט געלערנט די סדרה חיי שרה. ...ויקח את רבקה ותהי לו לאשה ויאהבה: און יצחק האָט געבראַכט רבקהן אין זיין מוטערס שרהס געצעלט און האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב. זאָגט רש"י... — וואָס זאָגט רש"י? האָט אַלטער, יהודה גאָטעסמאַנס ייִנגל, געפרעגט. ער דאַרף זי דאָך ערשט נעמען פאַר אַ כלה, ווי זשע קומט עס?...

ביי שמחה מלמד האָט געפלאַמט דאָס פּנים. ווי אַזוי פאַרטייטשט מען דעם דאָזיקן פּסוק פאַר די קונדסים? די ליפּן האָבן זיך ביי אים אָנגעגאָסן, ווי ביי אַ זויגקינד. אַלטער האָט געוווּנקען צו די אַנדערע

ייִנגלעך און דווקא געוואָלט דער רבי זאָל אים פּאַרטייטשן: וואָס זשע זאָגט רש״י? און געקוקט דעם רבין גלייך אין די אויגן אַריין.

שמחהס שיטערע באָרד האָט זיך געטרייסלט פון כעס. דער קנאָפּ אויפן האַלדז איז אים געלאָפן אַרויף און אַראָפּ. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און געוואָלט דעם חוצפּהניק דערלאַנגען, נאָר אַ ייִד טאָר ניט דינען קיין עבודה־זרה און זיין האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הילפלאָז ביי דער זייט.

רייזל איז געזעסן אין אַ ווינקל און האָט געשטריקט אַ זאָק. ס׳האָט געשטראַלט פון איר צניעות און מנוחה. זי האָט דאַכט זיך גאָר ניט געזען און גאָר ניט געהערט.

ציע פּיוויש לייבס איז איצט אַלט געווען אַכט יאָר. זי איז געזעסן רייטנדיק אויף דער הויכער שוועל מיטן אָפענעם חומשל פאַר זיך און האָט זיך צוגעשאָקלט צום ניגון. ס׳איז געווען אַ זעלטן וואַרעמער טאָג אין שפּעטן האַרבסט. די טיר איז געשטאַנען ברייט צעעפנט און די בלויקייט פון הימל האָט איינגעדרימלט אין אירע אויגן.

פּלוצלינג האָט רייזל זי אויפגעוועקט, ווי פון שלאָף: „גיי, ציעטשקע קרוין, ברענג אַריין אַ ביסל פרישׁ וואַסער פון קוואַל דאָס האַרץ צו דערקוויקן. וועסט האָבן אַ גרויסע מיצווה, טאָכטער, די ייִנגלעך לערנען תורה״. דאָס וואָס זי האָט אויך געלערנט, האָט זיך ניט גערעכנט.

— איכ׳ל, איכ׳ל איכ׳ל, — איז מעכל אָפּגעשפּרונגען פון טיש. האָט אויסגעכאַפּט דעם עמער און דאָס גאַנצע „אויסטייטשן״ איז צערונען געוואָרן.

— גייט ביידע, — האָט רייזל אַ קוק געטאָן אויף שמחהן.

ווען ער איז ניט שמחה מלמד וואָלט ער איצט צוגעגאַנגען צו זיין ווייב רייזל און וואָלט איר אויסגעקושט די צניעותדיקע חכמה פון אירע אויגן. אַזוי שוין גאָט־געבענטשטע דרייסיק יאָר שטייט זי ביי זיין זייט און העלפט אים אַרויס פון אַלע שווערע פאַרלעגנהייטן. טאַקע איר און נאָר איר, האָט ער צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס ער איז מצליח מיט זיין חדר. און ווען ס׳וויזט זיך אויס, אַז דער הימל איז ביי דער ערד, אַז ער בלייבט חלילה אָן אַ קבעלונג, טוט זיך זיין רייזל אָן דאָס גייע,

פּערקאַלענע קליידל, וואָס זי האָט זיך אַליין אויפגענייט, און גייט זיך דורך א ביסל צו די שכנים, גלאַט אַזוי, אַ שיינער טאָג אין דרויסן...

נאָך דעם טרעפן זיך די ווייבער אין דער פרי ביים אַרויסטרייבן די בהמות אויף דער פּאַשע: וואָס וועלן זיי לויפן און אָפּזאָגן שמחה מלמד? וואָס וייסן זיי ס׳אַראַ שלימזל זיי וועלן אַריינקריגן אויף זיין אָרט. — באשר בכן, די „נגידים" געפעלט ניט? זאָלן זיי שיקן זייערע זינגדלעך צום זשאַדעווער רב, אָדער צום סאַדעגערער רבין...

סיי ווי וועלן די קבצנישע קינדער ניט דערציִען אין חדר לענגער ווי ביז בר־מיצווה. דערנאָך וועט מען זיי שיקן... אָ, יאָ, מען וועט זיי שיקן קיין טשערנאָוויץ, קיין ראַדעוויץ, ניט כּדי צו לערנען תּורה, נאָר כּדי צו ווערן זאָקן־שטריקערס, שניידערס, קעלער־יונגען (געווען אַזעלכע רעסטאָראַנען), דינסטמיידלעך און וועשערינס. — און יעדן זמן האָט שמחה געהאַט אַ ניי גערעטעניש אין זיין חדר.

איין מאָל, ס׳איז געווען פּרייטיק. אין דרויסן האָט געגומען אַ פּרעסטל און דאָס איז געווען זייער גוט, ס׳האָט אַ ביסעלע איינגעפּרוירן די בלאָטעס. פרייטיק איז געגאַנגען אַ סדרה פאַרהערן: פאַרהערן די פּרשה פון דער וואָך, די הפטורה, זומער פּרקי־אבות, און ווינטער שיר־השירים — אַזוי האָט זיך דאָס דאַרף געפירט. פרייטיק איז שוין שמחה מלמד געווען שבתדיק אויפגעלייגט. ער איז זיך געזעסן אין זיין הילצערנעם פאָטערשטול, ווי אויף אַ היסב־בעט און האָט זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דער הנאה פון לערנען. ווען ס׳איז געקומען צו אַ קאַפּיטל תּנ״ך אָדער צו אַ פּירוש רש״י, האָט זיך שמחה מלמד ניט געהאַט וואָס צו שעמען לגבי די גרעסטע למדנים. דערקעגן האָט ער געהאַלטן, אַז תּלמוד איז ניט פאַר קיין יונגע קינדער. דעריבער איז ער געבליבן דאָס גאַנצע לעבן אַ דרדקי־מלמד.

פרייטיק איז דער חדר געווען איבערגעפּאַקט. פאַר ציען איז ניט געווען קיין פּיצל פּלאַץ, אַפילו ניט אין אַ ווינקל, זיך אוועקצוזעצן. אגב, ציען פאַרהערט מען ניט, באשר בכן זי וואַרט אויף איר ברודער, פּינחס? איז וועמען גייט עס אָן, צי זי האָט יאָ ווו צו זיצן, צי ניט? ציע איז אָבער געווען זייער דערפינדעריש: האָט זיך געפונען אַ פּלאַץ

אויפן שטאָלן פון לאַנגן, גרויסן טיש, זיך דאָרט איינגעקאָרטשעט און אַנידערגעזעצט.

שיר־השירים האָט גאָר באַזונדער צעפייערט די מוחלעך פון די קינדער: ערשטנס, רעדט זיך דאָרט וועגן שעפעלעך און ציגעלעך און דאָס האָבן זיי זייער ליב. צווייטנס, גייט מען תיכּף נאָך שיר־השירים אַהיים און ס'איז נאָך האַלבער טאָג אין דרויסן. דערקעגן ציען האָט געלאָקט דער ניגון פון שיר־השירים. עפּעס האָט דער דאַזיקער ניגון געטאָן צו דעם געמיטל פון מעלאַנכאָלישן קינד, וואָס איז געווען אַזוי גלעטנדיק, אַזוי היילנדיק, אַזוי צוזאָגנדיק.

...„ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים דודיך מיין: ניט אַזוי ווי די אומות־העולם קושן זיך פון האַנט צו האַנט אָדער פון אַקסל צו אַקסל, נאָר ער זאָל מיט אונדז ריידן פּה־אל־פּה, אַזוי ווי בשעת מתּן־תּורה...״ טייטשט דער רבי.

פרעגט ציען, וואָס דאָס איז אַזוינס אומות־העולם? אָדער ווער עס זיינען די אומות־העולם? פרעגט זי בחרם. דערקעגן האָט זי יאָ געוווּסט דעם באַטייט פון מתּן־תּורה. און ס'איז געווען דער אומבאַגרענעצטער כּוח פון קינדערישער פאַנטאַזיע, וואָס האָט געקאָנט, זיצנדיק דאָ אויפן שטאָלן, צווישן בריקענדיקע פיסלעך און נאָסע שיכלעך אַרויסרופן אין איר מוחל די בילדער פון שיר־השירים. נאָר אויף איין זאַך האָט זי זיך יאָ אָפּגעשטעלט: ווי אַזוי זעט אויס אַ טערקלטויב? ווייטער איז איר אַלצדינג „קלאָר״...

ציע האָט ניט געהערט ווען די ייִנגלעך האָבן געענדיקט דאָס לערנען, פאַרמאַכט און אַ קוש געטאָן די ספרים און האָבן בלויז געוואַרט אויפן ווונק, אַז מען מעג שוין... גיין אַהיים — הייסט עס.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט ציעס קולכל פון אונטערן טיש: הנך יפה רעיתי הנך יפה... די ייִנגלעך האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. שמחה האָט זיך אַנגעבויגן, אַנגעטאַפּט דאָס קינד ביים אַקסל און זי אַרויסגעצויגן פון אונטערן טיש. ס'האַרץ האָט אים אַזש פאַרקלעמט פון ליבשאַפט און רחמנות. ער וואָלט זי גענומען אויף דער שויס און זי איינגעטוליעט, טאַקע, ווי אַ טייבעלע. אָבער חברה יונגען האַלטן זיך

ביי די זייטן פון געלעכטער און זי שטייט אַ פאַרשעמטע, דאָס פּנימל ווערט רויט און בלאַס, די הענטלעך אַראָפּגעלאָזט, הילפלאָז. האָט זיך שמחה אַ נעם געטאָן צו די יינגלעך:

— אַנו, בחורים, לאָמיר נאָר זען צי וועט איר מאָרגן זיין אַזעלכע גרויסע חכמים, ווען דער דיין קומט פאַרהערן? —

דערהערט אַז דער דיין, רב שמש פרידלאַנד, וועט קומען פאַרהערן, איז זיי שיִר ניט דער שבת פאַרשטערט געוואָרן. מ'האָט זיך אַרויסגערוקט, ווי קאָטינקעס.

ציע איז ניט געגאַנגען אַהיים מיט איר ברודער פינחס. זי האָט זיך פאַרנומען, איינע אַליין, מיטן קירצערן וועג, איבער דער קלאַדקע. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט אָן דעם פאַרענטש און האָט אַראָפּגעקוקט צו די פישלעך, וועלכע האָבן געשטיפט אין דעם מיט שטראַלן דורכגע־לויכטענעם וואַסער. זי האָט דערקענט אָן זייער יאָגן זיך איינס נאָך ס'אַנדערע, אַז זיי זיינען הונגעריק. און זי האָט זיך דערמאָנט אַז זי איז אויך הונגעריק.

פרייטיק איז געווען גאָר אַ באַזונדערער טאָג פון הונגער ביי די יידישע קינדער פון דאָרף. ציע מיט פינחסן זיינען געווען צווישן די געציילטע קינדער, וועלכע זיינען געגאַנגען אַ האַלבן טאָג — פון אַכט ביז צוועלף — אין דער דייטשישער שול און גלייך דערנאָך זיינען זיי געלאָפן אין חדר אַריין צום פאַרהערן. ווען זשע האָבן זיי געזאָלט עסן? און וואָס האָבן זיי געזאָלט עסן, אַז פון דער וואָך איז ניט געבליבן קיין ביסן ברויט און דעם מאַלאַי (קורוץ־ברויט) האָט די מאַמע נאָך אַפילו ניט געהאַט אַריינגערוקט אין אויוון?

אין די גוטע צייטן פלעגט די מאַמע, נאָכן חלה נעמען, „אַראָפּ־גנבענען" אַ שטיקל טייג און מאַכן פאַר די קינדער אַ פלאַם־פלעצל; אַי ווי די קינדער האָבן דאָס ליב געהאַט. אָבער איצט איז געווען אין אַ שווערער צייט, ווען די מלחמה איז געהאָנגען אין דער לופט און דער הונגער האָט געשאַרפט זיינע ציינער, זיינען די קינדער געלאָפן אין שול אַריין הונגעריקערהייט און מקנא געווען די שוואָבישע קינדער, וועלכע האָבן געפּענט פיין־פאַרפאַקטע פּעקעלעך אָנבייסן.

ציע ווייסט ניט ווי לאַנג זי איז אַזוי געשטאַנען אויף דער קלאַדקע און זיך דורכגערעדט מיט די פישלעך: „סקערביקל, גיב אַ קוק,דאָרט קריכט אַ ווערעמל, כאַפּ עס... וואַרט, דו נאַריש פישל, ביז די פליג וועט זיך אָפּשטעלן אויפן וואַסער, וועסטו זי דעמאָלט כאַפּן..." פלוצלינג האָט איר אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן, דער פאַרענטש האָט זיך אָפּגעבראָכן צוזאַמען מיט איר און שוין, מער ווייסט זי ניט. זי ווייסט אַפילו ניט צי ס׳האָט עפּעס פּאַסירט און פאַר וואָס מען איז זיך דאָ אַזוי צונויפ־געלאָפן? זאָל עס זיין דערפאַר וואָס מען האָט זי געכאַפּט זינגען שיר־השירים אויפן קול? די מאַמע האָט זי געלערנט, אַז אַ מיידל זינגט ניט אויפן קול ווען עס געפינען זיך מאַנצבילן אין שטוב...

איבער איר איז געשטאַנען דער טאַטע. אין גאַנצן אַ נאַסער, זיין רויטע באָרד האָט אויסגעזען, ווי די פעדערן פון זייער רויטן האָן. שמחה מלמד האָט איר געווישט די האָר אויפן קאָפּ און האָט איר אַריינגעהויכט זיין וואַרעמען אָטעם אין אירע הענט. אַ רחמנות איז בלויז געווען אויף דער מאַמען. זי איז געשטאַנען מיט פאַרוויינטע אויגן און זיך געבעטן ביי איר רחמים: טאָכטער, כשרע נשמה מיינע, נעם אַ ביסעלע איינ־געמאַכטס... ציע האָט זייער געוואָלט צוליב טאָן דער מאַמען, נאָר זי האָט עפּעס ניט געקאָנט פונאַנדערנעמען די ציינדלעך און עפענען דאָס מויל.

אין דער זייט איז געשטאַנען פּינחס, אין גאַנצן אַ פאַרשולדיקטער און האָט נערוועז געצויגן מיט דער נאָז. וואָס האָט ער דען געטאָן, וואָס? ער איז בלויז אַהיימגעקומען אָן איר. ער קאָן זיך ניט שטענדיק מיט איר אַרומפירן...

פלוצלינג האָט עפּעס נאָכגעלאָזט און זי האָט קוים הערבאַר אַ מורמל געטאָן: מ אַ מ ע. דער אייביק שטרענגער פאָטער, מיט דער בייזער, רויטער באָרד, האָט אויסגעשריען: „פרימצע, מיר האָבן אונדזער טאָכטער, מיר האָבן אונדזער קינד. ייִדן, לאָמיר גומל מענטשן".

נאָך קיין מאָל האָט ציע ניט געזען איר רבין אין אַזאַ ליכט, אין אַזאַ התלהבות, ווי בעת ער האָט אויסגעזונגען מיט אַ קול, ווי אַ וויינענדיק פידעלע: שעשה לנו נס, אַ, נס גדול, במקום הזה...

ציע האָט געפילט אַז זי האָט דאָ אָפּגעטאָן אַ גוואַלדיקע זאַך, עפּעס אַזאַ מין זאַך וואָס אַ מיידל טאָר ניט טאָן... נאָר געניי וואָס האָט זי בשום־אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין.

ווען אַלע שכנים זיינען זיך שוין געווען פונאַנדערגעגאַנגען, דער טאַטע מיט פּינחסן האָבן בלויז באַוויזן אויף זיך אָרויפצוציען פרישע העמדער לכבוד שבת און זיינען אַוועק צום מנין דאַווענען, האָט די מאַמע געכאַפּט אויף זיך דאָס זיידענע טיכל, מיט אַ ברייט ווייס פאַרטעך פאַרדעקט די וואָכעדיקע קליידער און געבענטשט ליכט. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום בעט וווּ ציע איז געלעגן מיטן פּנים איינגעגראָבן אין קישן און האָט זיך צוגעהערט צי דאָס קינד אָטעמט. פּלוצלינג האָט ציע זיך אויפגעזעצט, געפאַלן דער מאַמען אויפן האַלדז און זיך צעוויינט:

— מאַמע, מאַמע, איך וועל שוין מער ניט... —

— וואָס וועסטו שוין מער ניט? — איז דער מאַמען איינגעפאַלן דאָס האַרץ. — טאָכטער, פאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך ניט, זאָג, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן? —

— געזונגען, — האָט ציע געכליפּעט, — געזונגען אויפן קול שיר־השירים און אַלע אין חדר האָבן געלאַכט פון מיר...

די מאַמע האָט אויפגעהויבן ביידע הענט צום הימל: „איך דאַנק דיר, גאָטעניו ליבער! איך דאַנק דיר, שרעק מיך, רבונו־של־עולם, נאָר שטראָף מיך ניט...“

„ספּעדיינע עוועניו"

פון אַ קליינער הייזקע, אויף 511 מעדיזשאַר סטריט, איז יעדער פרי־מאָרגן אַרויסגעקומען אַ הויכער יונגער־מאַן און זיך געלאָזט גיין מיט דער גאַס אַראָפּ צו קאַלעדזש בולוואַרד. ער איז צוגעגאַנגען פינף בלאָק — אויסגעלייגט ווי אַן עלנבויגן — ביז דער ברייטער ספּעדיינע עוועניו. דאָרטן האָט ער גענומען דעם טראַמוויי און איז געפאָרן „אַפּטאַון" צו דער אַרבעט. אַזוי שוין אַכט, דאָס ניינטע יאָר.

ער האָט געאַרבעט אין אַ פירמע, וועלכע האָט אין אירע פאַבריקן אויסגעאַרבעט מענער־אָנצוגן און מאַנטלען פאַר אַ גאַנצער „נעץ" דע־פּאַרטמענט־געשעפטן. ער איז געווען אַ גוטער שניידער און האָט געאַרבעט כּסדר אַ קיילעכדיק יאָר, אַ זאַך מיט וואָס ווייניק אַרבעטער זיינען געווען באַזאָרגט.

ניט געקוקט אויף דעם האָט געהויערט איבער אים אַ דינער שאָטן פון טרויער. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ מאַטער פייכטקייט. זיין שמאָלער, הויכער קערפּער האָט זיך ווי אָנגעשפּאַרט אַנטקעגן ווינט.

גאָר אַן אַנדער געשטאַלט האָט דער זעלבער יונגער־מאַן, פישל זילבערט, מיט זיך פאָרגעשטעלט בשעת ער האָט אין די אָוונטן זיך דערנענטערט צום לאָקאַל פון דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן. דער טראָט זיינער איז געוואָרן ברייטער, זיכערער; די באַוועגונגען — פרייע, אויפֿ־געבונדענע. ער האָט באַצייטנס צעקנעפּלט זיין „קעשמיר"־מאַנטל, מחמת ס'איז אים שוין וואַרעם געוואָרן נאָך איידער ער האָט געעפנט די טיר.

ווי תּמיד איז אין לאָקאַל געווען אַ רעש, אַ רויך, אַ פּאַרע, וואָס האָט ווי אַרויסגעקוואָלן פון דער געדיכטער מענטשן־מאַסע.

ביסלעכוויז האָבן זיך פאַר זיינע אויגן אויסגעשיילט גרעסערע און קלענערע גרופּעס און יחידים. פישל האָט געזען ווי אַ כאַפּטע יונגע־לייט האַלטן געפאַנגען דעם ביזנעס־אַגענט און ריידן אין אים אַריין מיט אַלע

כּוחות. אַ גרופּע יוגנטלעכע, צווישן זיי אויך מיידלעך, איז געשטאַנען אין אַ זייט און מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט, ווייזט אויס טאַקע אויף אים, אויף פישלען. ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען, זיינען זיי צוגעלאָפן און אַלע אין איין קול: „מיר קאָנען זיך ניט דערוואַרטן; מיר קאָנען ניט צוקומען".

פישל איז צוגעגאַנגען צום ביזנעס־אַגענט און האָט אים אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער פּלייצע. יענער האָט זיך אויסגעצויגן, איז ווי דינער געוואָרן און האָט זיך גענומען אַרויסרוקן פון דער ענגעניש. פישל איז מיט אים אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט. ריידנדיק אַזוי האָט ער אים אָנגעוויזן, מיט די אויגן, אויף די יוגנטלעכע, וועלכע זיינען געשטאַנען ממש מיט פאַרבראָכענע הענט.

— וואָס־זשע טוט מען, סיימאָן, די חברה דאָ האָט די וואָך נאָך ניט געהאַט קיין שטאָך אַרבעט.

„די וואָך" איז געווען מאָנטיק אָוונט. נאָר דער דראַנג נאָך אַרבעט איז ביי די יונגע אימיגראַנטן געווען גאָר אָין לשער, און מאָנטיק איז אַוועקגעגאַנגען אַ לײדיקער טאָג.

כאָטש פישל זילבערט האָט זיך קיין מאָל ניט געשניטן אויף קיין פירער, האָט ער פון דעסטוועגן געהאַט אָנזען אין פאַך און ווען ער האָט גענומען דאָס וואָרט האָבן זיך אַלע צוגעהערט צו זיינע רייד.

— קודם־כּל מוזט איר פאַרשטיין, חברה, אַז מיר אַלע ווייסן זייער ווויל, אַז דער ערשטער און דרינגענדיקער פּונקט אויפן סדר־היום איז אַרבעט, „דזשאָבס".

— אָט, אָט, אָטאָ, דאָס איז עס דאָך...

פישל האָט אויפגעהויבן די האַנט און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

— זיך צו דערהאַלטן, היינטיקע צייטן אויף אַ „דזשאָב" איז געוואָרן ממש אַ קונץ. פון דעסטוועגן דאַרף יעדער איינער, וואָס קריגט אַ טאָג אַרבעט, זיך באַטראַכטן פאַר אַ יוניאָן־מאַן און ניט גיין הינטן־אַרום בעטן טובות דורך באַקאַנטע אָדער לאַנדסלייט. מיר טאָרן בשום־אופן ניט דערלאָזן, אַז פון דער נייער אימיגראַציע זאָל ווערן אַן ערב־רב.

ניט קיין וואונדער וואָס פישל האָט גערעדט אַזוי באַזאָרגט. ער איז שוין געווען אַ יונגער־מאַן אין די מיטעלע יאָרן. „מיטעלע יאָרן" האָט ביי די

זיבעצן, אַכצן און צוואַנציק יאָריקע פּאַרדינערס געהייסן אַ מענטש פון עטלעכע און דרייסיק יאָר. און פישל איז דאָס געווען.

ער האָט געוווינט, ווי אַלע פון זיינס גלייכן, ביי יענעם אין אַ צימער. אַ פיין מעבלירט שלאָפצימער, ציכטיק, ריין. אַ גלאַנציקער קאָמאָד מיט אַ הויכן שפּיגל, אַ טאָפּלט בעט (אַזוי האָט מען אין יענע יאָרן פאַרדונגען), אַ פענצטער מיט ווייס געקראָכמאַלעטע פירהענגלעך, און אַלמער איינ־געבויט אין דער וואַנט; איין איינציק בענקל, ווי אונטערצושטרייכן אַז ער וווינט אַליין. קיין טישל איז ניט געווען, וואָרעם געגעסן האָט מען ניט אין די צימערן — אויף דעם איז געווען ספּעדיינע עוועניו מיט אירע יידישע רעסטאָראַנען. און אויב ער האָט געוואָלט שרייבן אַ בריוו אַהיים, האָט ער צוגערוקט דאָס בענקל צום קאָמאָד.

* * *

זונטיק, די זון האָט זיך גאַנץ פרי אַרויסגערוקט פון איר באַהעלטעניש און האָט אַרומגענומען די וועלט מיט הייסער ליבשאַפט. פישל האָט פאַר־רוקט דאָס ווייסע פירהענגל אין אַ זייט און האָט אַרויסגערוקט דורכן פענצטער. ער האָט געזען ווי די יונגיטשקע מרס. מעסטל, מיט די צע־פּאַטלטע, נאָך ניט פאַרקעמטע האָר, האָט אַרויסגעפירט איר קליין טעכטערל פונעם הויז אין פאַרשטאַכעטעוועטן געדטנדל אַריין, איר אָנגעטאָן אַ בלוזי פּאַטשיילקעלע אויפן קאָפּ און האָט זי אָפּגעלאָזט מוטער נאַקעט זיך שפּילן אין אַ קעסטל זאַמד.

דאָס קינד האָט זיך פאַרשפּילט אַ ווײַלע ביז זי האָט דערזען די קאַץ, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן מיטן בויך אַרויף און האָט זיך איבערגעגעבן דער הנאה פון דער וואַרעמער זון. איז דאָס קינד געפאַלן אויף אַ המצאה: זי האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכעלע פון איר קעפּל און האָט עס אָנגעטאָן דער קאַץ. די קאַץ האָט אָפן אַרויסגעוויזן איר אומצופרידנקייט. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעשאָקלט פון זיך דאָס טיכעלע און איז אַוועק זיך צולייגן ביים פלויט. דאָס קינד — נאָך איר. אַזוי עטלעכע מאָל, ביז די מאַמע איז אַרויסגעקומען צו לייזן דעם שטומען וויכוח.

פישל האָט אַראָפּגעקוקט פון ערשטן שטאָק און האָט געשמייכלט צו

זיך אַליין. צי וועט ער ווען האָבן עפּעס וואָס זיין אייגנס ? אַ קינד, למשל ? ווי אַזוי וועט עס אויסזען ? און וואָס וועט עס זיין, אַ מיידעלע צי אַ יינגעלע ? ווער וועט זיין זיין מאַמע ? ער האָט לאַנג געטראַכט און זיך ניט געקאָנט דערטראַכטן, ווער דאָס וועט זיין. דאָס הייסט, ערגעץ־ווו אין דמיון האָט יאָ אַרומגעפלאָטערט אַ געשטאַלט פון אַ מיידל מיט צעפּלאָסענע רויטלעכע האָר, נאָר זי איז געווען אַזוי ווייט פון אים, אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילו ניט געקאָנט אויסשטרעקן זיין באַגער צו איר.

ווען ניט דער זונטיק וואָלט ער אפשר גאָרניט געוווּסט אַז ער איז אַזוי עלנט. שוין וויפל מאָל ער האָט אין זין געהאַט אויף זונטיק זיך עפּעס צו פאַרגרייטן. כאָטש מיט חברים זיך באַשטעלן עפּעס צו טאָן, אָדער צו גיין ערגעץ. איז ער אָבער אַ גאַנצע וואָך אַזוי פאַרנומען מיט זיצונגען, קאָמיטעטן, יוניאָן, לאַנדסמאַנשאַפט, אַז פּלוצלינג, ווי פון הימל אַראָפּ, גיט זיך אַ שטעל אַוועק דער זונטיק און ער איז איינער אַליין.

אין אַזעלכע מאָמענטן גייט ער ניט אַרויס אויף ספּעדיינע עוועניו. ניין. מען קאָן דאָך ניט אַרויסטראָגן דעם אומעט אויף דער גאַס...

גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען און זיך געפירט פישלס לאַנדסמאַן, יונה מאַרקוס, בערך פון זעלבן עלטער. ער איז גראָד שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ געלעכטערל אויף די ליפּן, ווי ער וואָלט זיך אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער וועלט.

ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער, אַ זשוואַווע מענטשל, וועמען אַלע האָבן געהאַלטן פאַר זייער אַ פעיקן. כאָטש אין וואָס זיין פעיקייט איז באַשטאַנען האָט מען ניט געקאָנט אַזוי לייכט פעסטשטעלן. צום שאָפּ האָט ער זיך ניט צוגערירט. וואָס־זשע אַלע, טאָקע אַלע, מוזן גיין אין שאָפּ אַריין ? ער האָט זיך, ברוך־השם, אין דער היים אויך אַדורכגעשלאָגן אָן אַרבעט. זאָל ער דאָס ניט קאָנען באַווייזן אין דעם ריזיק גרויסן לאַנד, קאַנאַדע ? בפרט, אַז ער פאַרלאַנגט אַזוי ווייניק פון דעם לאַנד. אַ צימערל — פיר איילן די ברייט, אַן אייזערן בעטל, אַ הינקענדיק טישל מיט צוויי בענקלעך, יאָ, צוויי בענקלעך. נו, האָט ער ניט קיין קאַמאַד פון „מאַהאָגאָני" איז וואָס ? אַי ס'איז קאַלט אין שטוב, זאָגט איר ? רייבט מען זיך די הענט. אָט זעט ווי יונה טוט עס אַזוי פלינק און געשיקט.

דערפאַר האָט ער זיין אייגנס אַ קאַראַנאַ, אַ ייִדישע שרייבמאַשין, אָפּגע־שטעמפּלט 1900 פונקט ווי אויף זיין מעטריקע. און פון אָט דער קאַראַנאַ האָט יונה געפּאָדערט און טאַקע אַרויסגעקראָגן אויך אַ צמצומדיקע חיונה, אַזוי צמצומדיק, אַז אָן אַ גמילת־חסדל, פון צייט צו צייט, וואָלט ער זיך ניט געקאָנט דערהאַלטן ביים לעבן.

דער דאָזיקער מצב האָט אים לגמרי ניט געשטערט צו זיין גוט אויפ־געלייגט און צו זשמורען פאַרשייט מיט זיינע קליינע אייגעלעך, גלייך ער וואָלט נאָר וואָס אָפּגעטאָן דאָס גרעסטע שפּיצל.

פון דעם דאָ געזאָגטן וואָלט מען געקאָנט מיינען אַז יונה איז געווען אַ שרייבער. חלילה. ער איז געווען אַן איבערשרייבער. אויב עמעצער האָט געהאַט אַ מאַנוסקריפּט מיט עטלעכע דאָלאַר האָט יונה דערפון גע־מאַכט אַ לייט. אונטער די „קלאַווישן" פון דער קאַראַנאַ האָט דער מאַ־נוסקריפּט געקראָגן גאָר אַ פיינעם אויסזען. דעסגלייכן אַ ראָלע. אויב עמעצער האָט זיך פאַרליבט אין אַ ראָלע און אים (אָדער איר) האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער קאָן זי שפּילן, איז ער געקומען מיט איר, מיט דער ראָלע, צו יונהן, ער זאָל זי אים „צופיקסן". מען מוז צוגעבן, אַז יונה האָט געוווסט ווי אַזוי צו באַהאַנדלען אַ ראָלע און זי מאַכן אָנציִענדיק. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז יונה איז געוואָרן אַ „מאַכער" אַרום ייִדישן טעאַטער. וואָס הייסט אַ מאַכער ? ער איז ניט געווען קיין אונטערנעמער, קיין רעזשיסער. אויף דעם דאַרף מען האָבן געלט און נאָך עפּעס. און יונה האָט פון די אַלע זאַכן גאָרניט געהאַט. דערפאַר האָט ער אָבער יאָ געהאַט די ייִדישע שרייב־מאַשינקע, אויף וועלכער ער האָט געקלאַפּט טאָג ווי נאַכט און האָט אַרויסגעקלאַפּט פון איר נאָטיצן, ראָלעס, סצענאַריעס און... אַן אָרעם שטיקל ברויט.

שלעכט איז נאָר געווען אין די צוו־ישן־סעזאָנען, ווען יונה איז אַרומ־געגאַנגען און טרויעריק געשמייכלט: „אפשר קאָן מען ביי אייך לייען אַ פינף־און־צוואַנציקער ? כאָטש אַ צענערל. שאַט, איר ווייסט ווער ס'קומט אַהער גאַסטראָלירן ? צילי אַדלער". — און זיינע אויגן האָבן אויפגעשיינט מיט דערוואַרטונג.

כאָטש קיין שטענדיק ייִדיש טעאַטער איז אין טאָראָנטאָ ניט געווען,

זיך ניט געקענט אויסהאַלטן אַפילו אין יענע „גוטע צייטן", פלעגן אָבער קומען אָפטע גאַסטראָפּן: מאַלי פּיקאָן און יעקב קאַליך, סטעלאַ און צילי אַדלער מיט אַן אַנסאַמבל, דאָס יידישע קונסט־טעאַטער מיט מאָריס שוואַרץ בראש. הקיצור, די שטאָט האָט געגאָסן פון די בעסטע אויפפירונגען ביז צו די סאַמע מיטלמעסיקע קאָמעדיעס און יונה מאַרקוס איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אָפּשרייבער און איבערשרייבער פאַר דער יידישער בינע.

חברה יוגנט, פאַרשיכורט פון דער אַרבעט אין יוניאָן, האָבן פון אים חוזק געמאַכט:

— ער איז אַ בטלן.
— ער איז אַ ליידיקגייער.
— עס מאַכט אים גיט אויס וואָס פאַר אַ טעאַטער, אַבי „טריאַטער".
— ער פירט מאַדאַם וואַלערשטיין צו דער חופּה.
— ער גייט מיט מאָריס שוואַרץ הקפות.
— ער ברענגט מנחם רובין פאַר אַ קרבן.
— ער פירט לאַזאַר פריד צו דער עקדה.
— ער טראָגט חנה אַפּל אויף די הענט.
— ער פאַלט פאַר זיי כורעים.

אומבאַרמהאַרציקע יוגנט! יענער איז מיט לייב און לעבן געווען פאַר־קאָכט און פאַרליבט אין יידישן טעאַטער, צי האָט איר עפּעס געוווסט וועגן דעם?

ווען אַל העריס און וויקטאָר פּעקער זיינען געקומען צום צווייטן מאָל קיין טאָראָנטאָ האָט יונה מ. גאָר אויפגעלעבט. ער איז געוואָרן פולבלעך אויפן פּנים און האָט זיך צום ערשטן מאָל, זינט ער איז אין טאָראָנטאָ, באַוויזן אין אַ ווינטער־מאַנטל. די צוויי אַקטיאָרן האָבן אים אַריינגענומען אין דער מיט, ווי זייערס אַן אייגענעם מענטשן. און דאָס איז דאָך וואָס יונה האָט נעבעך געוואָלט, צו דעם האָט ער דאָך געשטרעבט, און אויף דעם האָט ער אַלע יאָרן געהאָפט, צו ווערן אַן אייגענער ביים יידישן טעאַטער. און ער איז עס געוואָרן. אויף זיין אייגענעם שטייגער און לויט זיין אייגענעם באַדינג איז ער עס געוואָרן.

דער קאָנטראַסט — אַל העריס, דער גוטמוטיקער שלימזל, און וויקטאָר

פעקער, דער שטרויענער גזלן — זיינען אין דער אמתן געווען איין האַר־מאַנישע גאַנצקייט אין זייער צוזאַמענשפּילן. ס׳האָט געשפּרודלט פון זיי מיט הומאָר און חריפות אין לעבן אַזוי גוט ווי אויף דער בינע און יונה איז געוואַקסן מיט דער גדולה.

עס זיינען אַוועק גאַנצע וואָכן מיט יום־טובדיקע אָוונטן. זייערע ווערטלעך און זאָגעכצער האָבן אָנגעפילט יידישע שטובן און האָבן זיך געקייקלט פון די מיילער פון הונדערטער און טויזנטער יוגנטלעכע. און יונה האָט געפילט, אַז עס האָבן זיך געלוינט אַלע הונגעריקע טעג און חדשים אַבי צו ווערן אַ טייל פון דעם אַלעמען, אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יידישער בינע. קיין שום טרופּע, וועלכע האָט גאַסטראַלירט אין טאָ־ראָנטאָ, האָט זיך שוין אָן אים און אָן זיין קאָראָנאַ ניט געקאָנט באַגיין.

* * *

די ניי־איינגעוואַנדערטע אימיגראַציע האָט זיך אויסגעשפּרייט און זיך ארומגעוועבט אַרום עטלעכע רעשיקע, אינדוסטריעלע הויפּטגאַסן: דאַנדעס סט., קאַלעדזש בולוואַרד, בעווערלי קווינס און ספּעדיינע עווענױ.

ספּעדיינע עווענױ מיטן אַלהאַמבראַ האַל, מיטן לייבאָר לייסעום, מיט היימאַנס בוכגעשעפט, מיט וואַלערשטיינס „דראַג סטאָר״, מיט דער „ביווער דרעס קאָמפּאַני״, מיט „פּראָמט פּרעס״, מיט דער ברייטער גאַס שפּאַצירנ־דיקער יוגנט, מיט כמורנע, 48 לאַנג־שעהעדיקע אַרבעט־וואָכן און שפּעטע, ברויזנדיקע אָוונטן.

דאָס לעבן איז געוואַקסן, איז געוואָרן פול און פולער, און ווי ביט ווי איז יעדער איינער, לויט זיינע השגות און פעיִקייטן, מיטגעוואַקסן, אַריינ־געוואַקסן און אַרומגעוואַקסן געוואָרן, ווער מיט האָב און גוטס, ווער מיט נאָענטע און אייגענע און ווער מיט אַנזען און פּרעסטיזש. און וועמען גאָט האָט געגעבן מיט דער פולער האַנט — מיט אַלע זאַכן צוזאַמען.

אין גאַס, דער עיקר טאַקע אויף ספּעדיינע עווענױ, האָבן זיך אָנ־געהויבן ווייזן די ערשטע שפּראָצן פון אַ נאָכוווקס, אַ סימן אַז דער ישוב שלאָגט וואָרצלען. גראָד די יינגסטע צוויי, ישראלקע און שיינדעלע, האָבן זיך אויסגעשיילט פון דער מאַסע יוגנטלעכע און האָבן אָנגעהויבן גיין

באַזונדער. באַלד דערויף האָבן זיי חתונה געהאַט. שיינדעלע איז געקומען קיין קאַנאַדע מיט דער מאַמען. זי האָט דעם שאָפּ ניט פאַרזוכט. — די איין־און־איינציקע וועלכע האָט דעם שאָפּ ניט פאַרזוכט. דערפאַר האָבן אירע בעקעלעך טאָקע געבליט ווי רויטע קאַלינעס אין ווייסן שניי. איז ניט קיין חידוש וואָס דער שיינער, הויכער ישראלקע האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין איר, אַז מער ווי דריי חדשים האָט ער ניט געוואָלט „אַרומגיין".

אַבראַם, דער ביזנעס־אַגענט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, איז אין אַ שיינעם טאָג געקומען אין זיין אָפיס אַריין מיט אַ מיידעלע אויף די הענט. ער האָט דאָס קינד אַוועקגעזעצט אויפן שרייבטיש און זיך גענומען צו דער אַרבעט. נאָר ער האָט ניט געהאַט מיטן וועמען עפּעס וואָס צו פאַרהאַנדלען. די קלאָוקמאַכערס, וועלכע זיינען געקומען זוכן „דזשאַבס", האָבן איצט געזוכט ביים קינד אַ ביסעלע חסד, אַ שמייכל, אַ חנדעלע.

רייזעלעס קינדער־גאָרטן איז געוווען דער לייבאָר לייסעום. זי האָט אַלעמען געקענט און אָנגערופן ביים ערשטן נאָמען. און אויב עמעצער האָט זיך ניט גלייך אומגעקערט אויף איר, האָט זי געשלעפּט ביי די הויזן און געבעטן: „קום אַראָפּ, קום אַראָפּ". גלייך יענער וואָלט געשטאַנען אויף אַ הויכער לייטער.

צי האָט אַבראַם פאַרשטאַנען די גרויסע בענקשאַפט וואָס האָט באַ־הערשט די יונגע־לייט און מיידלעך? שווער צו זאָגן. נאָר ער, להיפוך צו אַ סך אַנדערע טאַטעס און מאַמעס, האָט זיין קינד ניט געקאַרגט: זאָל מען זיך שפּילן מיט איר, זאָל מען איר אויסקושן יעדער אבר, עס גייט אים ניט אָן. און עס האָט דעם קינד, ווייזט אויס, גאָרניט געשאַדט. ס'איז געוואַקסן ווי אַ בלימעלע אונטער די שטראַלן פון גרויס ליבשאַפט און האָט געקוויקט אַלעמען דאָס האַרץ.

נאָר איינצלנע יחידים, זיינען ניט אַרומגעוואַקסן געוואָרן, ניט מיט אייגענע און ניט מיט נאָענטע. זיי זיינען געבליבן אַליין, הויל, נאַקעט, ווי שטיינער אין מדבר.

קיין שום באַשעפעניש אויף גאָטס ערד איז ניט אַזוי טיף עלנד, ווי אַ יונגער־מאַן, וועמען ס'האָט אויסגעמיטן זיין באַשערטקייט. ער נעמט

די גאַנצע שולד פונעם גורל, פונעם פשוטן צופאַל, אויף זיך, ניט אַנדערש נאָר ער אַליין איז שולדיק אין דעם, ניט געווען קלוג גענוג, ניט געוואָגט גענוג, ניט פלינק גענוג...

* * *

געטראָפן האָבן מיר ביידע חברים, פישל זילבערט און יונה מאַרקוס, אַנומלט אין לאָס אַנדזשעלעס. זיי זיינען נאָך אַזוי פיל יאָרן ווידער געוואָרן פריינד; וווינען בשכנות, האַלטן זיך צוזאַמען; נאָר זיי האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן. ס'איז גראָד פישל, וועלכער שפּאַצירט היינט אַרום מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין אויסגעפּילטן פּנים. מען זעט, אַז אויף דער עלטער טריומפירט ער איבער די אויסגעבענקטע טעג און נעכט פון זיינע יונגע יאָרן. אַ געמיטלעכע רויִקייט נעמט אַרום זיין גאַנץ וועזן.

נאָר יונהן גייט קיין שום זאַך ניט איין. גראָד ער איז אַנטוישט און ליידט שטאַרק.

— וואָס קוקט איר אונדז אַזוי אָן?

— פאַר וואָס זאָל איך אייך ניט אָנקוקן? מיר האָבן זיך שוין לאַנגע יאָרן ניט געזען.

— איר מיינט צו זאָגן מיר האָבן זיך געעלטערט, האַ?

— מיר אַלע עלטערן זיך.

— ווער איז דער „מיר"? וואָס־זשע, איר רעכנט אייך שוין אַריין אין אונדזערע יאָרן?

— כמעט.

— כמעט, עי? — האָט פישל איבערגעפרעגט און זיינע ליפּן האָבן זיך געקרייזלט אין אַ גוטמוטיקן שמייכל. מען זעט באַשיימפּערלעך אַז ער האָט שלום געמאַכט מיט דער גאַנצער וועלט.

— איר קוקט אויס געזונט ווי אייזן — האָט זיך יונה אויפן אַלטן שטייגער אַ וויצל געטאָן. דער זעלבער יונה. ניט געמינערט אַ האָר ניט.

— און דאָס טעאַטער אונדזערס איז דערווייל אונטערגעגאַנגען — איז ער פלוצלינג געוואָרן מעלאַנכאָליש. — פאַר אונדזערע אויגן איז עס

אָפּגעגאַנגען און אַראָפּ פון דער סצענע. איר ווייסט ? — האָט ער אין איין אָטעם פאַרגעזעצט — איך האָב אַ „הערמעס".

יונה האָט קיין מאָל ניט אָנגערופן אַ שרייבמאַשין — אַ שרייבמאַשין. נאָר ביים נאָמען האָט ער זי גערופן, ווי להבדיל אַ מענטש. — די „אונדערוווּד" מאַכט קונצן; די „רעמינגטאָן" וויל זיך שוין אָפּרוען; די „קאָראָנאַ" האָט זיך אויסגעדינט אירע יאָרן.

— מיין „הערמעס" איז אַ יפּפיה — האָט ער געזשמורעט מיט זיינע קליינע אייגעלעך. — קומט, איך וועל זי אייך פאָרשטעלן (די שרייב־מאַשין, הייסט עס).

ער איינער האָט ניט שלום געמאַכט מיט זיין גורל. ער איז פול מיט אומרו. דאָס אַרומשפּאַצירן אויף „מיראַקל מייל" (אַ פּרעכטיק שיינע געגנט אין לאָס אַנדזשעלעס) מיינט צו אים לגמרי גאָרניט. גראָד אויף די עלטערע יאָרן קאָן ער זיך ניט אונטערגעבן דעם ליידיקן אַרומשפּאַצירן. והראיה, ער האָט זיך ערשט איינגעהאַנדלט אַ שפּאָגל־נייע שרייבמאַשין און וואַרט אויף אַ ראָלע.

זאָשע און בראָניע

(פון דער סעריע אינלענדישע עמיגראַציע)

ערשטער טייל

זאָשע און בראָניע זיינען געקומען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן פון מאָנטרעאָל. דאָרטן האָבן זיי באַלאַנגט צו יידישיסטיש־ציוניסטישע קרייזן, געלייען ביכער אין דער פאָלקס־ביבליאָטעק אויף עספּלאַנייד עוועניו און געגאַנגען אויף אָוונט־קורסן אין דער יידישער פאָלקסשול. די דאָזיקע אָנגעהעריקייט האָבן זיי, צוזאַמען מיט זייער צניעותדיקן אויסזען, מיט־געבראַכט פון דער היים.

בראָניע איז געווען די עלטערע. כאָטש ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן זיי, האָט מען תמיד דערמאָנט זאָשען פריער. אפשר דערפאַר, וואָס זי איז געווען העכער, שטאַרקער געבויט און אַגרעסיווער פון איר על־טערער שוועסטער. בראָניע איז געווען עטוואָס קלענער פון מיטלען וווּקס, האָט געהאַט אַ בלאַס פּנים, קאַשטאַן־ברוינע, גלעטנדיקע האָר און אַ שטי־פעריש בליאַסק אין אירע פאַרשזמורעטע, גרויע אויגן.

זאָשע, די יינגערע, האָט געהאַט דאָס זעלבע מאַטאָווע פּנים, גרעסערע געזיכט־שטריכן, אַ ווייסן, לאַנגן האַלדז, וואָס מבינים האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ „קלאַסישער" האַלדז, טונקל ברוינע לאָקן און שוואַרצע פלאַמען אין די גרויסע אויגן. זיי זיינען געווען ניינצן און צוואַנציק יאָר אַלט און האָבן אויסגעזען ווי אַ צווילינג.

זיי האָבן געבראַכט קיין קאַנאַדע אַ בליענדיקע יוגנט; זיי האָבן געבראַכט קיין קאַנאַדע אַ ברען צו אַרבעט און שאַפן, אַ וועלט מיט האָפענונגען און דערוואַרטונגען. און אונטער זייער צניעותדיקן אויסזען האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ שטורמישער דראַנג צום לעבן.

איין גאָט ווייסט וועלכע האַנט עס דיריגירט מיט דער עמיגראַציע

פון גרויסע מאָסן און וועמענס טייוולאָניש שפּיל עס איז געווען דאָס, וואָס האָט אָנגעבראַכט קיין מאָנטרעאָל אַזוי פיל יונגע מיידלעך און די בחורים אַוועקגעפירט ערגעץ אַנדערש: קיין טאָראָנטאָ, שיקאַגאָ, ניו־יאָרק. איז געוואַקסן אַ מיידלשע יוגנט מיט האָפענונגען, וואָס זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אין מיזערנע טעג, אָט פונקט, ווי וואַסערן ווערן אַ מאָל פאַר־זונקען אין די זאַמדן פון מדבר.

איז וואָס, אַז באַקן האָבן זיך געראָיטלט, אויגן האָבן געפינקלט און מיידלעך האָבן זיך געצייטיקט? אַז ס'האָט אויסגעפעלט דער „מין" וואָס זאָל זיך קוויקן דערמיט. דער „מין" איז אַרומגעגאַנגען אויף ספּעדיינע עוועניו (טאָראָנטאָ) און דיוויזשן סטריט (שיקאַגאָ), האָט געקליבן יאָרן און זיך „געגרויסט" אַז ער זוכט אין גאַנצן קיין מיידלעך ניט...

זאָשע און בראָניע האָבן געשטעפּט „אָוועראָלס" 44 שעה אַ וואָך; אַ מאָל 48 און אַ מאָל טאַקע גאַנצע פּופּציק. די וואָך האָט זיך אָנגעהויבן מאָנטיק גאַנץ פרי,ביים גרויסן, קיילעכדיקן זייגער, וואָס האָט געשטשי־רעט מיט די ווייזערס און האָט איינגעהאַלטן די צייט. געענדיקט האָט זי זיך שבת נאָכמיטאָג מיט הויפּנס, ביז צו דער סטעליע, אָנגעשטעפּטע „אָווערעלס" און אַ פולשטענדיק אויסגעשעפּטן גוף און נשמה. אין צווישן — פון מאָנטיק ביז שבת — גאָרניט. פּוסט, ליידיק. אַ מאָל, אַ מאָל, אַ פאַר־זאַמלונג, אַ מאָל אַ גאַסט פון ניו־יאָרק. שבת אָוונט איז מען „אויסגע־גאַנגען" צו אַ טאַנץ אָדער אַ פּעקל פּאַרטי * (וואָס איז אין יענע יאָרן געווען זייער פּאָפּולער). אַהיימגעקומען איז מען ביטער אַנטוישט. צו דער „פּאַרטי" זיינען געקומען פינף און צוואַנציק מיידלעך און צען בחורים. די אויסגעצירטע פּעקעלעך אָנגעשטאָפּט מיט אַלדאָס גוטס, וואָס די בחורים האָבן באַדאַרפט אויסקויפן, זיינען געבליבן ליגן פאַרשעמטע און די מייד־לעך האָבן זיך געראָיטלט. זונטיק איז מען געשלאָפן שפּעט און געלייענט ביכער; געלייענט אין בעט, דאָס איז געווען אַ ספּעציעלער לוקסוס. פאַרנאַכט איז מען אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן צופוסנס פון באַרג „מאָונט

---

* פּעקל פּאַרטי — לויטן נוסח האָט יעדער בחור באַדאַרפט קויפן דאָס פּעקעלע עסן ביי אַ מיידל וואָס געפעלט אים צום בעסטן און עסן מיט איר צוזאַמען.

ראַיאַל״. די לבנה העט ווייט, אויף אַן אומגעהייער הויכן הימל, האָט באַגלייט, אַראָפּגעקוקט מיט באַדויער, וואָס מיידלעך שפּאַצירן אַליין...

דאָך פון צייט צו צייט האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט געמאַכט די יונגע הערצער אויפציטערן. אַ שרייבער איז געקומען פון ניו־יאָרק און ס׳איז געוואָרן יום־טוב אויף עספּלאַנייד עוועניו.

איינע פון די מיידלעך האָט אָנגעהויבן גיין „סטעדי״ (כּסדר), דעמאָלט האָבן זיך אַלע געוואָרעמט אין איר ליבע. אַ צווייטע איז אַ כּלה געוואָרן, אַ דריטע האָט חתונה געהאַט. דאָס לעבן איז דאַכט זיך געגאַנגען זיין נאָרמאַלן גאַנג, נאָר... וואָס מער חתונות, אַלץ ווייניקער חתנים זיינען פאַרבליבן און די עמיגראַציע איז כּמעט אין גאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן.

נאָך עטלעכע יאָרן פון שווערן „הונגער״ האָבן זיך טייל מיידלעך, געווייינטלעך די דרייסטערע צווישן זיי, אַרומגעזוען און, ווי פייגל פון פרעמדע נעסטן, האָט מען זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפאָרן. די מערסטע זיינען געבליבן, געוואַרט, געהאַפט, אַהיימגעשיקט געלט און... גרוי געוואָרן.

גאַנצענע „בייטן״ מיט די שענסטע, מיט די איידלסטע ייִדישע בלומען זיינען אין יענע יאָרן אַזוי אַרום פאַרוועלקט געוואָרן...

* * *

זאָשע און בראָניע האָבן שפּאַצירט אויף סאַינט לאָרענס בולוואַרד און אויסגעקוקט אויף אַ באַקאַנטן מיט וועמען צו פאַרבייטן אַ שמייכל. זאָשען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז זייער אַ מילדער פאַרנאַכט. די גאַסן זיינען געוועזן באַלעבעט. פון דעלוט סטריט האָט זיך געטראָגן אַ כמורנער פראָסט. אונטער די פיס האָט געסקריפּעט אַ קוויטיקער שניי. די מענטשן — מענער און פרויען — זיינען געגאַנגען אין לאַנגע מאַנטלען מיט אויפגעשטעלטע קאָלנערס, פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּ. די קאַפּעליושן אַראָפּגערוקט ביז כּמעט איבער די אויגן. יעדער האָט געאיילט אויף זיין וועג.

— קום, לאָמיר גיין אַהיים — האָט בראָניע געפּרוּווט איינבעטן זאָשען. — ווער גייט עס שפּאַצירן אין אַזאַ קעלט? —

— איך וויל זיך זען מיט אַ מענטשן! — האָט זאָשע אַרויסגעשטורעמט.

— שיין זיך אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע, — האָט בראָניע אָפּגע־זיפצט. — מען דאַרף אַרומגיין איבער די גאַסן זוכן אַ מענטשן און... ניט געפינען.

אין מאָנטרעאָל זיינען געווען אַ סך יידישע שטובן, ווו מען האָט געקאָנט אַ טיר עפענען און אַ סך וואַרעמע מענטשן מיט וועמען מען האָט זיך געקאָנט באַגעגענען. אָבער זאָשע און בראָניע האָבן דאָ קיינעם ניט געהאַט, קיינעם ניט געקענט. זיי האָט אַראָפּגעבראַכט אַ רייכע לאַנדס־פרוי קיין „וועסטמאַונט" (אַ רייכע געגנט אין מאָנטרעאָל) און געמאַכט פון זיי דינסטן. ווי נאָר זיי האָבן אָפּגעדינט די צוויי יאָר (ווי דאָס געזעץ פאָדערט) האָבן זיי פאַרלאָזט די רייכע "היים", מיט די גלאַנציקע פּאַר־קעטן, מיט די פאַרכישופטע באַלקאָנען, מיטן פּריוואַטן סאָסנע־וועלדל הינטערן הויז, מיט די רייצנדיקע בלומענבייטן ביים אויסגערונדיקטן אַספאַלט־אַריינפאָר, און זיינען, ווי פייגעלעך פון אַ גאָלדן שטייגעלע, אַרויסגעפלויגן און זיך אָפּגעשטעלט אין ערשט בעסטן צימער אויף דער גרויער קלאַרק־סטריט אין דער יידישער געגנט. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי ווילן גאָרניט, דאַרפן גאָרניט, נאָר זיין פריי, גיין ווען זיי ווילן און קומען ווען זיי ווילן, אַזוי ווי אין דער היים. זיי זיינען געווען יונג און גרין, ווי דאָס שפּראָצנדיקע גראָז פון אונטערן אָפּגייענדיקן שניי. און, זיינען נאָך דריי יאָר אָפּזיין אין מאָנטרעאָל געבליבן איינזאַם און אַליין.

— ס'איז אונדז שוין געווען אַ סך בעסער אין דער היים. — האָט זאָשע שטיל געזאָגט, אַזוי שטיל, אַז ס'האָט בראָניען געשניטן ביים האַרצן. — מען איז כאָטש ניט געווען אַזוי עלנט און... ווען האָט אונדז אויסגעפעלט געזעלשאַפט? — האָט זאָשע ווידער אויפגעשטורעמט.

און טאַקע, אין דער היים האָבן זיי זיך נאָר געדאַרפט ווייזן אין גאַס, זיינען זיי שוין געווען אַרומגערינגלט מיט פריינד און באַקאַנטע. בראָניע ווייסט, אַז די שוועסטער איז גערעכט, עס ליגן איר נאָך אין טעם די שבת און יום טובדיקע נאָכמיטאָגן, ווען זיי פלעגן אַרויסגיין הינטער דער שטאָט שפּאַצירן. גאַנצע חברות, גאַנצע מחנות זיינען זיי געגאַנגען — יינגלעך און מיידלעך. מען האָט געלאַכט און געשטיפט. מען האָט גע־

בליצט מיט יוגנטלעכער חריפות און שאַרפזין, מען האָט אויסגעזונגען די שענסטע לידער, אַזש פעלד און וואַלד זיינע זיך פאַרגאַנגען אין זמירה. אמת, מען האָט געטראָגן אָפּבלאַקירטע קליידלעך, אַרויסגעוואַקסענע הויזן, איבערגעניצעוועטע שינעלן אַנשטאָט מאַנטלען, און ניט איין מאָל איז מען געווען פשוט הונגעריק; אָבער מען איז געווען צוזאַמען, מע האָט געהאַט זיינס גלייכן, מען איז געווען אויפגעלייגט, מען איז זיך ממש פאַרגאַנגען אין לעבנספרייד.

און היינט? היינט האָט מען ברויט צו דער זעט, אַפילו פלייש אויך, די „אָווראַלס״ גיבן, ווי ניט איז, פּרנסה. אָבער אַ נייער הונגער, אַזאַ נאַגנדיקער הונגער, וועגן וועלכן זיי האָבן פריִער גאָר קיין מאָל ניט געוווּסט, האָט זיך פאַרקליבן צו זיי אין האַרץ אַריין און זיך דאָרט באַזעצט.

אין דער היים האָט מען געוווינט אין אַ קעלערשטוב, ווי אין אַ נאָרע. גאַנץ כעלם האָט זיך געחידושט, ווי פון אונטער די טרעפּ אַפיר זיינען אויסגעוואַקסן אַזעלכע שיינע קינדער. און יעדע האָט זיך געהאַט איר באַזונדערן חן: בראָניע — דעם פאַרזשמורעטן שמייכל; זאָשע — די שוואַרצע פלאַמען אין די אויגן; צירעלע — דאָס זאַפטיקע מיילכל, ווי אַ צייטיקע יאַגעדע; און די ייִנגסטע, דאַכט זיך נאָך אַ פּיצל — די בראַנד־רויטע האָר.

נאָר פיר מיידלעך זיינען זיי געווען און די מאַמע האָט געזאָרגט און געזיפצט: „וואָס וועט זיין דער תּכלית?״

ווי נאָר די צוויי עלטערע זיינען אָוועקגעפאָרן פון דער היים, זיינען די צוויי ייִנגערע — קוים וואָס אונטערגעוואַקסן פון דער ערד — כּלות געוואָרן און איינס נאָך ס'אַנדערע חתונה געהאַט. אמת טאַקע, מיט זייער פּראַצע, מיט די שוועסטערס פון אַמעריקע, אויסגעהאָרעוועטע און אָפּגע־שפּאָרטע דאָלאַרן. און זיי אַליין, זאָשע, בראָניע? זיי שטעפּן „אָווראַלס״...

בראָניע האָט געקוקט אויף די צוויי פּאַקענע מאַנטלען, דאָס איינציקע אויף וועלכע זיי האָבן זיך דעם ווינטער אַרויפגעאַרבעט. אין שטוב איז געווען קאַלט. די באַלעבאָסטע האָט אָפּגעשפּאָרט דאָס ביסל וואַרעמקייט וואָס האָט באַדאַרפט דורך אַ רער אַרויפגיין צו זיי אין צימער אַריין

אויפֿן ערשטן שטאָק, דערפֿאַר, וואָס זיי האַלטן ביינאַכט אָפֿן אויף אַ שפּאַרע דאָס פֿענצטער פֿאַר פֿרישער לופֿט.

— דעם דרויסן — האָט די באַלעבאָסטע, אַן עלטערע פֿרוי מיט אַן אויסגעטרוקנט קול, געטענהט — קאָן איך ניט באַהייצן.

זאָשען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי הערט ביינאַכט דעם אַלט־באַקאַנטן זיפֿץ וואָס זי האָט אַ מאָל געהערט פֿון דער מאַמען אין דער היים „וואָס וועט זיין דער תּכלית?" זי האָט אָנגעקוקט די עלטערע שוועסטער און געזען ווי איר מאַט פּנים ווערט געל, גרינלעך, ממש ווי די קאָליר פֿון די „אָוועראָלס". און געפֿילט האָט זי, אַז איר אייגן פּנים מוז אויך אַזוי אויסזען...

— מיר האָבן ניט קיין משפּחה אין ניו־יאָרק — האָט בראָניע פּלוצ־לינג געזאָגט אין אַ טאָן, ווי זי וואָלט פֿאַרגעזעצט אַ לענגערן שמועס מיט דער שוועסטער — אָבער מיר וועלן געפֿינען לאַנדסלייט און קרובים. דאָ האָבן מיר דאָך קיינעם ניט. געדענקסט ווען יאָסל קאַגאַן איז געקומען צו אונדז זיך געזעגענען? ער וווינט אין ברוקלין. ער האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט. די וואָך האָב איך צונויפֿגעלייגט די זאַכן אין טשעמאָדאַן און האָב געפֿונען זיין אַדרעס.

— דו מיינסט עס טאַקע? — האָט זיך זאָשע אַ כאַפּ געטאָן. אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג איז אויפֿגעגאַנגען אין אירע אויגן און דער אָפּגעגאַנגענער פֿלאַם אין זיי האָט זיך צוריק אויפֿגעכאַפּט. זי האָט זיך אַ דריי געטאָן איבערן צימער אין אַ טאַנץ און איז ראַפּטעם שטיין געבליבן פֿאַר דער עלטערער שוועסטער: — איך האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגן דעם נאָר כ'האָב מורא געהאַט וועסט זאָגן ס'איז ניט פּראַקטיש.

שלאָפֿן געלייגט האָבן זיך שוין גאָר אַנדערע צוויי מיידלעך איידער די, וועלכע זיינען היינט אַהיימגעקומען פֿון דער אַרבעט. זיי האָבן זיך איינגעגנעסט איינע נעבן דער צווייטער אין בעט און ס'האָט זיך אויס־געוויזן, אַז זיי שלאָפֿן שוין. פּלוצלינג האָט איינע אַרויסגעפּלאַצט:

— מר. קעץ האָט געמיינט, אַז מיר וועלן שוין אַזוי אייביק פֿאַר אים שטעפּן „אָוועראָלס".

— „איך גיב אייך א ,טשענס׳ נאָר געדענקט"... — האָבן זיך די מיידלעך נאָכגעקרימט דעם באַלעבאָס, און געלאַכט אויפן קול.

— מרס. פינקלשטיין וועט זיך מעגן האַלטן מיט איר צימער. וויפל מאָל מיר האָבן זיך שוין פאַרקילט זינט מיר וווינען ביי איר.

— ווען איך וואַש זיך אויס דעם קאָפּ — האָט זיך בראָניע אויפֿגעזוצט — הויפט מיר אָן רינען פון דער נאָז...

* * *

סוף מערץ 1933 זיינען זאָשע און בראָניע פאַרפאָרן צו זייערע קרובים דזשוי און בלומע קאַגאַן קיין וויליאַמסבורג. בלומע האָט זיי ניט געקענט, נאָר ווען דזשוי איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, איז געוואָרן א גרויסע גדולה אין שטוב. איין קליינקייט „לייבלעכע שכנים" פון דער היים. דזשוי און בלומע האָבן אַרויסגעוויזן אָן אויסערגעוויינטלעכע צופרידנקייט מיט זייער קומען. בלומען איז גלייך איינגעפאַלן, אַז דאָס האָט איר גאָט אַליין צוגעשיקט לאָקאַטאָרן פאַר איר צימער, וואָס שטייט שוין ביי איר ליידיק חדשים־לאַנג.

די מיידלעך האָבן זיך שנעל איינגעאָרדנט: אויפגעהאָנגען די מלבושים הינטער א פאַרהאַנג, קיין שאַפע איז ניט געווען. זיי האָבן פאַרשפּרייט דעם אָפּגעריבענעם „דרעסער" מיט א געבלימלט פּויעריש טיכל, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט פון דער היים. צעשטעלט עטלעכע בילדער, א פּאָר מיידלשע חפצים און טואַלעט־זאַכן. א וואַרעמע זון האָט אַריינגעשיינט. זיי האָבן צעעפנט דאָס גרויסע פענצטער, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן די פייערטרעפּ.

בשעת זיי האָבן פאַרלאָזט מאָנטרעאָל איז נאָך דאָרט געווען גוט קאַלט. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. דאָ האָט דער פרילינג שוין געקלאַפּט אין טיר אַריין, אָדער אַזוי האָט זיך זיי אויסגעוויזן. זיי האָבן זיך נאָר געחידושט, וואָס אין אַזאַ גרויסער שטאָט מיטן עלעווייטער אונטער דער וואַנט און א געבראַזג אויף דער גאַסס זאָלן פייגעלעך ניט מורא האָבן צו זינגען.

און מאָדנע, זיי, די פייגעלעך, זיינען געקומען, זיך געשטעלט אויף

די אייזערנע פאַרענטשן פון די פייערטרעפּ און אַריינגעקוקט מיט גרויס נייגעריקייט אין צימער אַריין. נאָר ווען זאַשע האָט זיי אַרויסגעוואָרפן עטלעכע קרישקעס, האָבן זיי זיך אַ הויב געטאָן מיט אַ געצוויטשער אין דער לופטן, ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעלאַכט פון איר.

דזשוי און בלומע האָבן געהאַט אַ סך פריינד. די טיר האָט זיך ממש ניט צוגעמאַכט. זיי האָבן די צוויי „קוזינעס" פאַר אַלעמען פאָרגעשטעלט און ס'איז געווען וועמען פאַרצושטעלן: זאַשע איז געווען אַ שטאַלטנע מיט אַ זעלטן שיינער פיגור. און בראָניע איז געווען אַ ציכטיקע, אַן אַקוראַטנע און האָט גערעדט צו דער זאַך; מען קאָן זאָגן אַן אינטעליגענטקע...

* * *

וויליאַמסבורג האָט געהאַט אַן „אינטערנאַציאָנאַלן" אַרבעטער-קלוב מיט איבער דריי הונדערט מטגלידער. דזשוי און בלומע האָבן די מיידלעך נאָך דעם זעלבן אָוונט מיטגענומען אין קלוב אַריין צו אַן אונטערנעמונג.

דער זאַל איז געווען העל באַלויכטן מיט אַ שאַרף ליכט, וואָס האָט געשניטן אין די אויגן. די ווענט — ווייס געקאַלכט אַבער הויל, נאַקעט. עטלעכע רייען שמאָלע בענק פון ווייסן האָלץ זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט איבער דער גאַנצער לענג פונעם זאַל; אַ שמאָלער דורכגאַנג אין דער מיט פוןביידע רייען. עס איז שוין געווען פאַרזאַמלט אַ היפּשער עולם און ס'האָבן געהאַלטן אין צוקומען נאָך מענטשן. דאָס געשפּרעך איז געוואָרן אַזוי לעבעדיק און פריילעך, אַז ס'האָט זיך גאָר קיינעם ניט געגלוסט אויסצוזעצן אויף די שמאָלע האַרטע בענק אָן אַ רוקן-ווענטל.

סוף כּל סוף האָט דער פאָרזיצער, טאַקע זייער קרוב, דזשוי, גערופן דעם ביז גאָר אויפגעלייגטן עולם צו אָרדענונג. דער פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון עטלעכע שיינע פאָלקסלידער, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן געזונגען און שטאַרק הנאה געהאַט, אַן „אַפּיל" פאַר געלט און פאַרענדיקט מיט אַ האַרצרייסנדיקער דעקלאַמאַציע, וועגן סוועט-שאַפּ, באַלד דערויף האָט מען צערוקט די בענק און באַשאָטן דעם דיל מיט זעגעכץ. ביי דער

פיאַנאָ האָט זיך, מיט גרויס חשיבות, אַוועקגעזעצט אַ שיינער, דיקער מאַן מיט אַ הויכן, ווייסן שטערן. ער האָט אַ פּרווו געטאָן די פּיאַנאָ, זיך פאַרקרימט. נאָך אַ לאַנגן בעטן האָט ער אויפגעשפּילט אַ קאַזאַצקע. מאָמענטאַל האָבן זיך פאַרלעך געלאָזט איבערן דיל, צוקלאַפּנדיק מיט די פיס צום טאַקט. נאָך דעם האָט מען געטאַנצט אַ מאַזורקע, אַ טשאַרדאַש און נאָך עטלעכע פּאָפּולערע טענץ. פּלוצלינג האָבן אָנגעהויבן פליִען מיידלעך פון אַלע זייטן, יונגע מיידלעך — 16־17 יעריקע, די ייִנגסטע פון דעם דור. — זיי האָבן זיך אָנגעקליבן אַרום דעם פּיאַניסט. זיך אָנ־געהאָנגען אויף זיינע ברייטע פּלייצעס, געגלעט אים דעם שיינעם, שוואַרצן קאָפּ (אַזוי איז געווען די מאָדע אין יענער צייט פון די „פלעפּערס״) און אים געבעטן ער זאָל שפּילן אַמעריקאַנער טענץ, באשר בכן, זיי זיינען ניט קיין „גרינהאָרנס״...

פאַמעלעכן האָט דער פּיאַניסט אָנגעהויבן שפּילן אַ סענטימענטאַלן וואַלץ און באַגלייט מיט זיין שיינער באַריטאָן־שטימע: „אין אַ ליטל ספּעניש טאָון, איט וואָס אָן אַ נייט לייק דיס...״

באַלד דערויף איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ נאָך מער סענטימענ־טאַלער מעלאָדיע:

„איי וואָנדער ווהאָט בעקיים אָף סאַלי?״
דעט אָלד גוירל אָף מיין״.
ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און ממש תפילה געטאָן:
„ווערעווער שי מיי בי,
איף נאָ אָון וואָנטס הער נאָו
פּליס סענד הער בעק טו מי״...
אַ וווּנדער, וואָס ס׳איז געשען מיט סאַלין,
דאָס אַלט־ווילע מיידל מיינס?
די זון איז אַנטרונען פון דער אַלעע
זינט יענעם טאָג
ווען סאַלי איז אַוועק —
ניט וויכטיק ווו זי איז

לאָטי פּ. מלאך

ווו זי זאָל ניט זיין
אויב קיינער וויל זי ניט
זאָל זי כאָטש בלייבן מיין...
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

די מיידלעך האָבן דאָס ליבע ליד גענומען זייער ערנסט. זיי האָבן פאַרלייגט די שיין־געקרייזלטע קעפּלעך ביי די בחורים אויף די אַקסלען און האָבן זיך געוויגט אין אַ זיסן חלום.

זאָשע און בראָניע זיינען געשטאַנען אין דער זייט און זיך צוגעקוקט. ס'האַרץ איז זיי אויסגעגאַנגען נאָך דעם וואַלץ, אָבער זיי האָבן אויך דאָ קיינעם ניט געקענט, קיינעם אַ חוץ דזשוי מיט בלומען. זיינען זיי גע־שטאַנען ווי פאַרשמאַכטע פון הונגער. פּלוצלינג איז צוגעקומען אַ בלאַסער יונגערמאַן, מיט אַן איידל פּנים און דינע קאַלירלאָזע האָר, האָט זיך זייער גאַלאַנט פאַרנויגט, און געבעטן בראָניען צום טאַנץ. בראָניע איז געוואָרן אויסער זיך. זי איז געווווינט געווען מען זאָל נעמען זאָשען פריִער. דער בלאַסער יונגערמאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ ערשטקלאַסיקער „פּירער". נאָר בראָניע האָט זיך ניט פאַרגונען הנאה צו האָבן. זי האָט כּסדר געקוקט אַהין אין יענעם ווינקל, ווו זי האָט איבערגעלאָזט שטיין זאָשען איינע אַליין. פּלוצלינג האָט אַ שווער געטאָן פאַר אירע אויגן דאָס ווילבאַקאַנטע אויסגענייטע בלוזקעלע, וואָס האָט זאָשען אַזוי שיין גע־פּאַסט און וואָס האָט נאָך מער אַרויסגעבראַכט איר שיינעם שוואַנען־האַלדז. אַ הויכער, בחור, ווי ער וואָלט געווען איר ברודער — ביי איר זייט.

איצט האָבן זיךביידע מיידלעך געלאָזט ווילגיין און געוויזן וואָס זיי קאָנען. זיי האָבן געטאַנצט מיט גוסט און טעמפּעראַמענט. דזשוי און בלומע זיינען געווען שטאָלץ אויף זיי און האָבן יעדן איינעם דערציילט, אַז דאָס זיינען זייערע „לייבלעכע" שכנים פון דער היים.

זאָשע און בראָניע האָבן געלעכצט נאָך געזעלשאַפט. ווי פיש, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער יבשה און זיינען מיט אַ מאָל אַריינ־

געפּאַלן אין אַ טייך, אַזוי זיינען זאַשע און בראַניע אריינגעפּאַלן קיין ניו־יאָרק אין דער געגעבענער סביבה. נאָר דאָס וואָס זיי האָבן דאָ טייל מאָל געהערט האָט געקלונגען פרעמד אין זייערע אויערן. ס'איז דאַכט זיך יאָ צום האַרצן און ניט צום האַרצן. און ווען בלומע איז צוגעשטאַנען צו זיי אַז זיי זאָלן ווערן מיטגלידער אין קלוב האָבן זיי זיך געקווענקלט:

— קודם־כּל מוזן מיר זיך אַרומזען, געפינען אַרבעט, אָנקוקן ניו־יאָרק.

— וואָס מיינט איר? — האָט בלומע געשמייכלט צו זיי מיט איר ליבן שמייכל — וואָס מיינט איר, ניו־יאָרק איז אויפן בוידעם? אָט דאָס, וואָס איר זעט איז ניו־יאָרק. איר וועט ווערן מיטגלידער אין קלוב, זיך באַקענען מיט מענטשן, וועט איר אויפלעבן. ס'איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך, ווי צו באַלאַנגען...

דזשוי איז געווען קעגן. ער האָט פאַרשטאַנען ,אַז מען דאַרף די מיידלעך ניט אַרויפצווינגען. זאָלן זיי זיך פריַער איינלעבן מיט חברים, חברטעס ,דאָס איבעריקע וועט שוין קומען פון זיך אַליין.

ער איז געווען גערעכט. אַרויפגענומען צו דער אַרבעט האָט זיי טאַקע אַ חבר פון קלוב, מיטן נאָמען בנימין קרעמפּל. ער האָט זיי אָנגעזאָגט: — מאַכט אייך, ווי די לעמעשקעס. איר ווייסט גאָרניט און פאַרשטייט גאָרניט — איר זייט גרינע. דערנאָך וועט מען שוין זען. ס'גייט אָן אַ ביטערער קאַמף צו אָרגאַניזירן די „סעקשן"* אַרבעטער פונעם נאָדלפאַך. ווער עס הויבט נאָר אויף דעם קאָפּ ,דעם וואַרפט מען..."

זאַשע און בראַניע האָבן זיך ניט געריכט, אַז זיי וועלן ערשט דאַרפן אָנהויבן אויפסניי, אַז זיי וועט אָנקומען אַזוי שווער צו געפינען אַרבעט. אַ שרעק איז זיי באַפאַלן. זיי געפינען זיך אין מיטן גרויסן ניו־יאָרק אָן פּרנסה.

אין קלוב האָט געשוויבלט און געגריבלט. די מענטשן האָבן זיך עפּעס ווי צעשראָקענע סטאַדעס געזוכט אָנצושפּאַרן איינע אין די אַנדערע. ס'איז ניט געווען דער אָוונט, אַז דאָרטן זאָל עפּעס ניט פאָרקומען:

---

* „סעקשן" — אַ חלק: אָן אַרבל, אַ קאָלנער.

אַ רעפּעטיציע, אַ טאַנץ, אַ לעקציע. איין קליינינקייט; עטלעכע הונדערט יונגע מענער און פרויען. זאַשע און בראַניע האָבן געוואָלט כאָטש אַלץ־דינג מיטמאַכן, זאַשע האָט געהאַט אַ שיינע שטימע, האָט זי זיך פאַר־שריבן אין געזאַנג־פאַראיין, און בראַניע האָט געהאַט אַ גוטע דיקציע, האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ליבהאָבער־גרופּע פונעם טעאַטער. טראָץ אַלע נויטן איז דאָס לעבן געוואָרן פול און פולער. זאַשע און בראַניע האָבן זיך אָנגעזען, זיי האָבן געהאַט אַ סך פאַרערערס: ניט איין בחור האָט זיי שוין פאָרגעשלאָגן חתונה צו האָבן. אָבער זיי האָבן דאָך ערשט אָנגעהויבן צו פאַרברענגען, אַ ביסל הנאה צו האָבן פונעם לעבן. זאָלן זיי זיך שוין פאַרבינדן? ניין, זיי האָבן צייט. ניו־יאָרק איז ניט מאָנט־רעאָל. איבעריקנס, ווער פון די אַלע בחורים פאַרמאָגט דען אַ שטיקל געזיכערטן דזשאָב, אויף חתונה צו האָבן?...

איין מאָל איז געקומען אין קלוב אַריין אַ לעקטאָר. לויט דער וואָרע, וואָס מען האָט פאַר אים געמאַכט און דער אָוואַציע, וואָס מען האָט אים אָנטקעגן געטראָגן, האָבן די מיידלעך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין זייער אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט. און כאָטש ער איז שוין געווען אַ מענטש מיט גרויע, שיטערע האָר, האָט ער אָבער נאָך פאַרמאָגט אַ קיילעכדיק פּנים, בליצנדיקע אויגן און זייער אַ ליבן שמייכל. ער האָט זיך פאַר־האַלטן זייער היימיש מיטן עולם, שוין אַ ביסעלע צו היימיש. ס׳האָט זיך עפּעס געפילט ווי דאָס וואָלט געווען אַ געמאַכטע היימישקייט. ער האָט גערעדט וועגן זאַכן, וואָס זיינען זיי שטאַרק אָנגעגאַנגען: וועגן דעם, אַז אַרבעטער דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען אין אַזאַ קריזיס; דאַרפן פאָדערן אַ רעגירונג־פּראָיעקט צו לינדערן די נויט; וועגן דעם, אַז יונגע מענטשן דאַרפן זיך לערנען, אויסבילדן, ווערן פירערס... נאָר ווען ער האָט צווישן אַנדערן אַ זאָג געטאָן און באַגלייט מיט זיין זייער ליבן שמייכל, „חברהרים, שלאָגט אייך אַרויס פון קאָפּ, מיר האָבן ניט קיין יידישע קולטורער, נאָר אַ קולטורערער אויף יידיש...” דעמאָלט האָבן זיך זאַשע און בראַניע אויפ־געכאַפּט, ווי פון אַ חלום. דער גאַנצער ענין איז זיי געוואָרן קשה. ניט אַזוי האָט מען זיי געלערנט אין די צישאַ־שולן אין כעלם; ניט אַזוי האָבן גערעדט די שרייבערס, וועלכע האָבן זיך אין די ווינטערדיקע פּרעסט

אַראָפּגעלאָזט קיין מאָנטרעאָל. אויב אַזוי, וואָס זשע איז דאָס, וואָס זיי רעדן, שפּילן, זינגען? און צו וואָס דאַרף מען דאָס?

להיפּוך צו דער דאָזיקער דערקלערונג פונעם באַרימטן און געוויס אויטאָריטאַטיוון לעקטאָר איז אין קלוב אָנגעגאַנגען אַ פּילאַרטיקע קולטור־אַרבעט, וואָס איז געוואַקסן ווי אויף הייוון און איז אַריבערגעזוירן אין אַלע זייטן אויף דער יידישער גאַס. פּשוט: יוגנט וויל לעבן. און לעבן מיינט געזעלשאַפט, לעבן מיינט שפּראַך, לעבן מיינט פאָלקשאַפונג, הומאָר, געזאַנג, וואָרטשפּיל, חריפות. אָן די אַלע זאַכן איז קיין לעבן ניטאָ; אָן די אַלע זאַכן וויאַנעט מען, גייט מען אויס פון הונגער.

ווער־זשע איז געווען דער לעקטאָר? אַ מענטש מיט הויכער קולטור; אַ שעפערישער, אַ פאַרדינסטפולער — און טאַקע פאַר דער יידישער קולטור. נאָר, געווען אַ צייט אַזאַ, וואָס האָט דיקטירט אַזוי צו ריידן... האָט דיקטירט אַ סך גרויסע מענטשן אַזוי צו ריידן און ער איז געווען איינער פון די גרויסע.

נאָך אַ לענגערער צייט אָפּזיין אין ניו־יאָרק האָבן זיך זאַשע און בראָניע דערפרעגט און אָנגעקומען צו אַ פאַרזאַמלונג פון מענטשן וועלכע שטאַמען פון דער זעלבער היים וואָס זיי. דאָס איז געווען ערגעץ אין אַ זייטיקער גאַס פון סעקאָנד עוועניו.

ברייטע, הילצערנע טרעפּ האָבן געפירט אַרויף אויפן ערשטן שטאָק צו אַ שוואַך באַלויכטענעם קאָרידאָר. אַן אָפענע טיר האָט געוויזן דעם וועג צו אַ הישפּלעך גרויסן, אָבער אָפּגעלאָזענעם צימער. אַ שוואַרץ־געפאַרבטער, הילצערנער טיש איז געשטאַנען אויבן ביי דער בימה. אויפן טיש איז געלעגן אויסגעשפּרייט, ווי אַ טישטוך, אַ גרויער שיכט פון שטויב. גלעזערנע שיסעלעך, דאָ און דאָרט צעשטעלט, זיינען געווען אָנגעפילט מיט אַש און ציגאַרעטן. עטלעכע רייען בענקלעך פון פאַרשיידענער פאָרם און קאָליר זיינען געווען אויסגעשטעלט. ביי די ווענט — לאַנגע שמאָלע בענק.

אַרום טיש זיינען געשטאַנען — דריי יונגעלייט און צוויי פרויען, וועלכע האָבן זיך קענטיק זייער אָנגענעם אונטערגעהאַלטן און ביי יעדן

פיר מיט דער האַנט האָבן זיי געמאַכט אַ צייכן אויפן טיש. זיי זיינען אַלע געווען זייער שיין אָנגעטאָן: די מיידלעך — לויט דער לעצטער מאָדע פון זיבעטער עוועניו, אין קאָלירפולע קליידער מיט פּעלערינעס. די יונגעלייט, — מיט אַריבערגעלייגטע, ווייסע קאָלנערס, ליכטיקע הויזן, און מיט שיין פּאַרקעמטע האָר.

זאָשע און בראָניע זיינען אַריינגעקומען, געגריסט דורך אַ שאָקל מיטן קאָפּ און זיך אַוועקגעזעצט אויף צוויי בענקלעך כמעט ביי דער טיר. די מענטשן ביים טיש האָבן געשמייכלט צו זיי פון דער ווייטנס. קיינער איז ניט צוגעקומען פרעגן ווער זיי זיינען, פון וואַנען זיי קומען אָדער וווהין זיי גייען. ס'איז דאָך היינט אַ פאַרזאַמלונג, זיינען געקומען מענטשן...

איינער פון די, וואָס זיינען געשטאַנען ביים טיש איז זאָשען געווען זייער אויפפאַלנדיק. זי האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים. דער מענטש האָט געמאַכט דעם איינדרוק גלייך ער וואָלט געווען אויסגעטעט־סעט — ניט געשניצט פון ניסהאָלץ. אין זיין אומגעלומפּערט גרויסן קאָפּ האָבן געשטעקט אַ פּאָר שאַרפע אויגן, וואָס האָבן זיך, ווי צוויי שפּיזן איבערגעקרייצט. און נאָך האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די אויגן זיינען פאַר־ביטן — דאָס הייסט דאָס רעכטע אויג וואָלט באַדאַרפט זיין אויף דער לינקער זייט און דאָס לינקע — אויף דער רעכטער. דעמאָלט וואָלטן זיי אפשר געווען אַ פּאָר גאַנץ שיינע אויגן. אַזוי, פאַרביטענערהייט זיינען זיי געווען זייער אומהיימלעך.

איינציקווייז זיינען אַריינגעקומען נאָך מענטשן און עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ קליינער ,אָבער זייער לעבהאַפטער עולם. אַלע האָבן זיך דאָ געקענט און אין צימער איז געוואָרן זייער היימלעך. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז דער קלעצלדיק געטעסעטער מענטש, מיטן גרויסן קאָפּ און פאַרביטענע אויגן, געווען דער רעדנער. ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן זיינען די אויגן מילדער געוואָרן. זיי האָבן אויפגעהערט צו שפּיזן פון די פאַרקערטע זייטן. זיי האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ מילדן שיין און האָבן נאָר אָנגעהויבן צו אַפּעלירן...

זאַשען און בראַניען איז ער גראָד זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט גערעדט אַזוי לאַגיש, אַז ס'האָט זיך אַליין אויסגעלייגט אויפן שׂכל און מען האָט זיך נאָר געוווּנדערט, פאַר וואָס מען האָט זיך פריִער אַליין צו דעם ניט דערטראַכט. און כאָטש געוויסע מאָמענטן וואָס ער האָט באַרירט זיינען פאַר זיי שוין היינט געווען היפּשלעך אָפּגעפרעמדט, האָבן זיינע רייד דאָך געקלונגען היימיש אין זייערע אויערן און האָבן אָנגערירט אַן איינגעדרימלטע סטרונע אין זייער האַרצן. ער האָט גערעדט וועגן זאַכן, וואָס זיי זיינען געווען געוווינט צו הערן און האָבן שוין אַזאַ לאַנגע צייט ניט געהערט. ער האָט גערעדט וועגן „אַקטועלע ייִדישע פּראָבלעמען", וועגן „פאַרשטאַרקטן קריזיס אין ייִדישע פאַכן", וועגן „אינלענדישע איבערוואַנדערונגען און סטיכישער עמיגראַציע..."

אַבי זאַשע און בראַניע האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען די איינציקע וואָס האָבן איבערגעוואַנדערט. אַ, יאָ, זיי האָבן פאַרשטאַנען. און אויף וויפל זיי האָבן ניט אַזוי פאַרשטאַנען, האָבן זיי געפילט די „אינלענדישע איבערוואַנדערונגען" און די „סטיכישע עמיגראַציע" אויף זייער הויט, אויף זייער לייב און לעבן...

צווייטער טייל

שוין דעמאָלט, אין די פריִע דרייסיקער יאָרן, האָט זיך גענומען איינשטעלן אַן אופן פון אומאָפיציעלע חתונות ביי יונגע מענטשן אין אַמעריקע. דאָס איז ניט געווען דער באַגריף „פרייע ליבע", ווי ביי די אַנאַרכיסטן. ניין. דאָס האָט געמיינט חתונה האָבן בלויז אויפן אייגענעם אחריות. אָן חופּה וקידושין, אָן אָפיציעלע ציווילע פּאַפּירן („מערידזש לייסענס"). סיבות דערפאַר זיינען געווען אַ סך. מען דאַרף אין זין האָבן, אַז דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער גרויסער דעפּרעסיע. אַ מאָל האָט מען ניט געהאַט קיין געלט אויף צו פּראַווען אַ חתונה און אַ מאָל האָבן אַפילו אויסגעפעלט די דריי דאָלאַר אויף אַרויסצונעמען די ציווילע חתונה־פּאַפּירן. די מערסטע וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָ זיינען געווען

אימיגראַנטן, אַן טאַטע־מאַמע, אַן משפּחה. זיינען אַ סך פּאָרלעך פון דער „באַוועגונג" אַוועק, געדונגען צוזאַמען אַ שטיקל „פלעט" — אַ דירה אויף ניו־יאָרקיש לשון — און געגאַנגען ווינען צוזאַמען. ס'האָט געקאָסט ביליקער אין צווייען. און... וואָס, דאָס שטיקל „פּאַפּיר" וועט שוין באַ־וואָרענען די צוקונפט?

יאָ, אַ סך פּאָרלעך; אָבער ניט די צניעותדיקע בראָניע און ניט די טעמפּעראַמענטפולע זאָשע. ווען אַ בחור וואָלט געוואַגט זיי פאַרצושלאָגן אַזאַ מין זאַך, וואָלטן זיי יענעם אויסגעדראַפּעט די אויגן.

בנימין קרעמפּל, אַ נעט געקליידטער יונגערמאַן מיט אַ ריטמישן גאַנג און זינגענדיקע אַקסלען האָט געוואָרפן אויף זאָשען אַן אויג באַלד ווי די שוועסטער זיינען אָנגעקומען פון מאָנטרעאָל. זיי האָבן זיך געטראָפן אין וויליאַמסבורגער „אינטערנאַציאָנאַלן" אַרבעטער־קלוב, וווהין זייער קוזין, דזשוי קוגלער, האָט זיי מיטגענומען. בנימין און זאָשע גייען שוין אַרום אַ לענגערע צייט „סטעדי" — שטענדיק. זיי וואָלטן חתונה געהאַט. ניט איין מאָל קוקן זיי זיך איבער מיט פאַרשמאַכטע אויגן און וואָגן ניט אַרויסצוריידן זייערע באַגערן, זייערע געדאַנקען. אָבער, אַז ס'איז ניטאָ די מינדסטע אויסזיכט אויף איינצואָרדנען זיך. די ערד אונטער די פיס איז ניט זיכער.

אָבער יונגע מענטשן זיינען יונגע מענטשן. גייען זיי אַזוי אויף יוניאָן סקווער, האַלטן זיך ביי די הענט, וואַרפן זיך איבער מיט פאַרליבטע בליקן און פרייען זיך מיטן לעבן. בנימין איז דווקא געווען עטוואָס אָנגעברוגזט: „זי איז אַזאַ שטיפערקע, אַז קיין מאָל קאָן מען מיט איר ניט אויסריידן קיין ערנסט וואָרט". וואָס ער פּרוּווט איר געבן צו פאַרשטיין איז, אַז ס'איז אַ שלעכטע צייט היינט אין אַמעריקע. היינט דינגען זיך „מענטשן" פּשוט אַ דירה און ציִען זיך אַריין צוזאַמען אָן טענות ומענות. — „ער אַליין, דיין קוזין, קוגלער מיט בלומען האָבן דאָך אויך אַזוי געטאָן, נו, האָבן זיי אַ שלעכט לעבן? איזי מיט שיינדלען זיינען אויך געגאַנגען ווינען צוזאַמען".

נאָר גיי רעד מיט זאָשען; ווען זי איז געגאַנגען מיט בנימינען, איז זי דען געגאַנגען אויף דער ערד? געטראַכט פון אַ תכלית? זי האָט דאָך

געשוועבט אין די וואָלקנס. אויב איר ווילט, גיט זי זיך גאָר אַ דריי און טענצלט זיך אַ ביסל איבער. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג און געגעבן אַן אולטימאַטום: „הער זיך איין, מיין טייערע. גענוג זיך אַרומגעשפּילט. איך קאָן ניט פּאָרויסזען, ווען איך וועל קריגן אַרבעט. אַ צוויי הונדערט דאָלאַר האָב איך נאָך. אין צווייען וועט זיין לייכטער אויסצוקומען. „מיר דאַרפן זיין צוזאַמען!" אירע אויגן האָבן אַ פלאַקער געטאָן. ער איז צוגעשטאַנען: „אָדער, אָדער, וואָס זאָגסטו?" — „אָדער!" — האָט זי אויסגעשריגן — און האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַן אויטאָבוס, וואָס איז גראָד פאַרבייגעפאָרן. ער האָט זי ניט גע־פּרוווט צוריקהאַלטן, ניט נאָכגעלאָפן, נאָר געבליבן שטיין אין מיטן יוניאָן סקווער. געטראַכט האָט ער גאָרניט.

ווען זאָשע איז אַהיימגעקומען, איז נאָך בראָניע ניט געווען אין דער היים. זאָשע איז דווקא געווען צופרידן דערפון. זי האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט דער עלטערער שוועסטער גאָרניט זאָגן וועגן דעם, סיידוי קאָן זי אירע געדאַנקען איצט ניט צונויפנעמען. זי האָט זיך קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז ער זאָל מיט איר „אַזוי, מיר ניט דיר ניט, אָפּברעכן". זי וועט דאַרפן ווידער גיין אַליין, אַזוי ווי אין מאָנטרעאָל. ניין. זי וועט זיך ניט פאַרטשעפּען מער מיט קיינעם. זי האָט געהאַט גענוג פון דעם „פּאַצעט". זע נאָר, דעם „אָדער" וואָס ער האָט מיר געשטעלט. און פאַר אירע אויגן האָט זי דערזען בנימין קרעמפּלען אין זיין גאַנצער גרויס: זיין תמיד שמייכלענדיק, אָבער בלאַס פּנים, זיינע מילדע גרויע אויגן, זיין טונקל־בלאָנדן קאָפּ האָר, דער עיקר זיין גאַנג. זיין גאַנג מיט די זינגענדיקע אַקסלען; דאָס האָט זי צום מערסטן צוגעצויגן. אַ, ער וועט מער ניט קומען, און וואָס וועט זי ענטפערן בראָניען, ווען דער טעלעפאָן וועט אויפהערן קלינגען? ער וועט געוויס מער ניט רופן. זע נאָר, ער האָט זי אַפילו ניט געפּרוווט צוריקהאַלטן, ווען זי איז אַנטלאָפן. און... קאָן זיין זי האָט ניט באַדאַרפט אוועקלויפן מיט אַזאַ כּעס...

די גרויסע שטאָט ניו־יאָרק האָט די צוויי שוועסטער אַ ביסעלע צע־טיילט. אין מאָנטרעאָל האָט מען זיך ניט אַ ריר געטאָן איינע אָן דער אַנדערער. אָבער אין דער היים? — אין דער היים איז מען ניט געווען

קיין צונויפגעוואַקסענער צווילינג — האָט זי געטראַכט. — מען איז געגאַנגען צוזאַמען און מען איז געגאַנגען באַזונדער. און אַזוי האָט זיך עס גענומען איינשטעלן דאָ אין ניו־יאָרק. אָבער די דירה, די דירה איז געבליבן צוזאַמען. ס׳איז זיי אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז מען קאָן האָבן באַזונדערע דירות. ווי אַזוי וואָלט זי אָוועקגעגאַנגען מיט בנימינען און איבערגעלאָזט בראָניען אַליין?

זאָשע האָט געהאַט אַן אייביק אומגעזעטיקטן דורשט צו פאַרברענגען. (אין אַמעריקע, „גוד טיימס"). ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, אויף דער דער גרויסער אַנטוישונג, איז זי יעדן פרייטיק, נאָך אַ וואָך אַרבעט, געגאַנגען ביז צוועלף אַ זייגער ביינאַכט טאַנצן .טאָקע דאָרטן, ניט ווייט פון דער היים, אין וויליאַמסבורג. און דאָס איז ערשט געווען אַ רעפּע־טיציע, — אַ צוגרייטנוג אויף מאָרגן, ווען עס וועט פאָרקומען דער אמתער טראַסקן־באַל אין אַרבעטער־קלוב.

און בראָניע? בראָניע האָט גאָר אָנגעהויבן גיין אויף קורסן, און דוקא אויף יידישע קורסן. קורסן איז ביי זיי ניט געווען קיין פרעמדע זאַך. אין דער היים זיינען זיי געגאַנגען אויף קורסן, אין מאָנטרעאָל זיינען זיי געגאַנגען צוזאַמען און דאָ גייען זיי באַזונדער: זאָשע אויף „טאַנץ"־קורסן און בראָניע אויף יידישע קורסן.

איין מאָל, ס׳איז שוין געווען קורץ פאַר דער זומער־וואַקאַציע, אַרום צען אַ זייגער אין אָוונט, האָט זיך פונעם יידישן לערער־סעמינאַר אויף דער צוויי און דרייסיקסטער גאַס געגעבן אַ שאָט אַרויס אַ קלאַס מיט סטודענטן. ס׳איז געווען אַ שיינע זומערנאַכט, אַז ס׳האָט זיך גאָר קיינעם ניט געגלוסט אַהיים צו גיין. יונגע מענטשן, אין די צוואַנציקער. פלוצלינג האָט זיך איינער, אַ בחור, אַ ווילער יונג מיט ברייטע פּלייצעס און אַ טונקל ברייט פּנים, געגעבן אַ שטעל אָוועק אין דער מיט און הויך אַ פרעג געטאָן: — „ווער פון אייך, — גערעדט האָט ער צו אַלעמען, — ווער פון אייך וואָלט מיט מיר געגאַנגען נאָך היינטיקן אָוונט חתונה האָבן?" די בחורים האָבן זיך הילכיק צעלאַכט. די מיידלעך זיינען געבליבן גע־פּלעפט. — „ביסט משוגע געוואָרן?" — האָט איינער פון זיי געפרעגט;

— „ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט״. — האָט אַ צווייטער חוזק געמאַכט.
— „ניין. איך מיין עס ערנסט; ווער פון אייך, מיידלעך, וואָלט געהאַט דעם מוט?״

פון צווישן אַרום צוואַנציק יונגע מענטשן האָט זיך באַוויזן אַ קליין הענטל — בראָניע. ס׳איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז ווען אַ פעדער וואָלט אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, וואָלט מען געהערט. זי האָט אויפגעהויבן איר האַנט, פּונקט ווי אין קלאַס, אָדער ווי ביי אַ פאַרזאַמלונג. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ניט געגלויבט זיינע אויגן: זי? אויף יעדער אַנדערער וואָלט ער זיך געריכט, נאָר ניט אויף איר. ער האָט צעשאַרט די ענג־פאַרזאַמלטע גרופּע, צוגעגאַנגען צו איר, אָנגענומען איר הענטל, עס אַריינגערוקט אין זיין אָרעם, זיך אָפּגעטיילט פון עולם און איז מיט איר אַוועקגעגאַנגען אָן אַ זיי געזונט.

זיי זיינען אָנגעקומען ערגעץ אין אַ קליין „אָפּיסל״. בראָניע האָט ניט געוווּסט וווּהין זיי גייען. האָט מען זיי געהייסן זיך אַוועקזעצן אויף אַ לאַנגער, אויסגעבעטער באַנק, ווי אין אַ שפּיטאָל; דאָרטן זיינען געזעסן נאָך אַ צוויי פּאָרלעך, זיצן זיי אויך. „ווו זיינען מיר?״ — האָט בראָניע קוים געוואָגט צו פרעגן. אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן אַ מיטל־יאָריקער מאַן מיט אַן אויסגעקראַכענעם קאָפּ און אַ ווונק געטאָן: „נעקסט״. ער האָט זיי רעכט ניט אָנגעקוקט און זיי געהייסן אָנשרייבן זייערע נעמען. דערנאָך האָט דער היפּשלעך אָפּגעליסעוועטער מאַגיסטער, מיט אַ האַלב טעפּעלע קאַווע אין דער האַנט, ציניש אַ פרעג געטאָן: „וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?״ זיי האָבן זיך איבערגעקוקט: טאַקע, וואָס ווילן זיי? וואָס טוען זיי דאָ? — נאָר דער מאַגיסטער האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער. ער האָט שוין געהאַלטן אין אויספילן אַ בויגן פּאַפּיר, דאָס הייסט צוויי בויגנס, איינעם פאַר אים און איינעם פאַר איר, — געהייסן חתמענען, דערנאָך האָט ער אַריינגערופן צוויי עדות, יונגע מיידלעך, געהייסן זיי אויך חתמענען און צום סוף האָט ער זיך אַליין אויך אונטערגעשריבן.

אַרויסגעקומען פון חתונה־אמת, האָבן זיי זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין פּנים אַריין. זי האָט זיך געלאָזט גיין צו דער

סאָבווי. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, זי אָפּגעפירט אַהיים קיין ברוקלין, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט. ס׳איז זיי ביידן געווען שווער אויפן האַרצן. וואָס האָבן זיי דאָ אָפּגעטאָן? פון אַ שפּאַס איז געוואָרן אַ צו גרויסער ערנסט... ביי דער טיר האָט ער זי אָנגענומען ביי דער גאָמבע, איר אַריינגעקוקט אין פּנים. זי איז געווען בלאַס און דערשראָקן. ער האָט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט: „ס׳איז פאַרפאַלן!״

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים, אין זיין געדונגענעם צימער. האָט ער שוין — הייסט עס — זיינס אַן אייגנס, אַ ווייב. ער איז ניט געווען איבערגליקלעך, נאָר פאַמעלעכן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אים אַזאַ מין אומבאַקאַנטע מנוחה, וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל פריִער ניט געפילט. ער איז שוין ניט אַליין. אַפילו ווען זי איז אין וויליאַמסבורג און ער איז דאָ, איז ער שוין ניט אַליין. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, מיטן פּנים אַראָפּ און איז גלייך איינגעשלאָפן.

* * *

בנימין קרעמפּל איז פון דעסטוועגן צוריקגעקומען צו זאַשען. אָבער ס׳איז שוין ניט געווען דאָס. — „איך געפעל אים ניט, כ׳בין אַ קליינשטעטלדיקע, — האָט זאַשע געטראַכט. — איך האָב זיך דען פאַרגעשטעלט פאַר אים, אַז איך קום פון ווין, צי פון פּאַריז?״ כאָטש פרעגט זי בחרם, ווי אַזוי ס׳זעט אויס פּאַריז, ווי אַזוי פירן זיך דאָרטן אויף די מענטשן. (דאָס אימיגראַנטישע וויליאַמסבורג איז גאָרניט געווען אַזוי פיל אַנדערש, ווי כעלם). זי איז געגאַנגען שטיל ביי זיין זייט, פאַרטאָן אין אירע אייגענע געדאַנקען. ער האָט דווקא גערעדט. דער מערסטנס שווייגנדיקער בנימין קרעמפּל האָט געקראָגן לשון אויף אַ מאָל.

— איך גיי מאָרגן אַרבעטן. מר. מאַרטין (אַזוי האָט געהייסן דער ביזנעס־אַגענט) האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט האָבן פאַר מיר אַ שטיקל דזשאַב אויף עטלעכע וואָכן. אָבער דו ווייסט דאָך, ווי אַזוי עס איז אין „פּיינטער״־פאַך (שטובן־מאָליער) ביסט קיין מאָל ניט זיכער מיטן מאָרגן. אין נאָדלפאַך, אַז מען גייט אַרויף אין אַ שאַפּ, קאָן מען כאָטש אויסרעכענען פאַר אַ סעזאָן.

— נו דערפאַר פאַרדינען די מאַליערס בעסער. — האָט זי געזאָגט און זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן איילן. — אויב אַזוי, לאָמיר גיין אַהיים; ס׳איז שפּעט, דאַרפסט אויפשטיין גאַנץ פרי...

— וואַרט אַ מינוט, איך האָב דיר נאָך ניט געזאָגט, וואָס איך דאַרף דיר זאָגן.

— וואָס אַזוינס האָסטו מיר צו זאָגן? — האָט זי געפרעגט סאַרקאַס־טיש — דו האָסט מיר דאָך שוין געזאָגט: אָדער, אָדער! — ער האָט פאַרהערט דעם שטאָך.

— יאָ. איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט אַנדערע מיידלעך. מיט כּייקען, מיט סאָפיען און אַנדערע. זיי זיינען פיינע, ווילע מיידלעך. — אירע ליפּן האָבן זיך פאַרשנירלט.

— זאָל דיר וויל באַקומען. איך פאַרגין דיר מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער אַנטקעגן וואָס דערציילסטו מיר דאָס? ביסט מיר ניט שולדיק קיין חשבון.

— אפשר ניט און אפשר יאָ. דו דאַרפסט דאָס וויסן, זאָלסט ניט מיינען, אַז איך בין אַזאַ גרויסער צדיק...

— אויב אַזוי, וועל איך דיר אויך דערציילן. איך בין ניט געגאַנגען מיט קיינעם. „אָלרייט?״ — און איז שוין גרייט געווען צו אַנטלויפן, אַזוי ווי דעמאָלט אויף יוניאָן סקווער; נאָר ער האָט זי באַצייטנס צו־געהאַלטן מיט כּוח, זי געצוווּנגען זי זאָל אים אויסהערן. גערעדט האָט ער דווקא שטיל, אָן כּעס.

— דו ווייסט גאַרניט, ווי דער עלנט איז גרויס. דו זעסט דעם הו־האַ, דאָס געלעכטער, דעם גערודער, ס׳איז אָנשטעל. יעדער איינער זוכט אַן אַקסל, וווּ אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ. ווען מענטשן אַרבעטן, פילן זיי זיך ניט געפאַלן ביי זיך. ווען מען האָט אַרבעט, קאָן מען זיך פאַרגינען גיין אַ מאָל אין אַ „מווי״, אַ טעאַטער; כאַטש אין אַ קאַפע, וווּ מען טרעפט זיך מיט מענטשן. היינט איז אַלץ אין גאַס, ניטאָ אפילו דער „ניקל״ (פינף סענט) אַריינצוגיין אין אויטאָמאַט אויסצוטרינקען אַ טעפּעלע

קאָווע. זאָלסט זען ווי די יוגנט (ער אַליין איז שוין אַלט געווען זיבן און צוואַנציק יאָר) וואַלגערט זיך אויס אין די פּאַרקן. ניטאָ וווהין צו גיין...

— און ווו ביסטו געווען ? — האָט זי אים שטעכעדיק אַ פרעג געטאָן ; זי האָט נאָך געוואָלט פרעגן, „ווו האָסטו זיך געוואַלגערט ?", אָבער ניט געהאַט די העזה צו שטעלן בנימינען אַזאַ פראַגע.

ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס זי טראַכט. נאָך עטלעכע שאַרפע איבער־ריידן, האָט ער זי אָנגעכאַפּט ביי ביידע אַקסלען און מיט איר אַ גוטן טרייסל געטאָן :

— וואַרף זיך ניט אַזוי. ביסט שוין אַ גרויס מיידל, דאַרפסט שוין גיין חתונה האָבן.

זי האָט זיך אין גאַנצן פאַרלוירן. צי הערט זי דאָס, צי האָט זיך איר בלויז אויסגעדאַכט ? פּלוצלינג האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיינע אַקסלען און זיך צעוויינט. אירע ברוין־גלאַנציקע האָר האָבן זיך צעשאָטן אויף זיין ברוסט. ער האָט זיי צעטרלעך געגלעט. אַרויסגענומען אַ ווייס, געשטרייפט טיכעלע פון קעשענע און איר אָפּגעווישט דאָס פּנים.

— איך האָב באַשלאָסן — האָט ער ווייטער גערעדט — אויב דו ביסט מסכים, לאָמיר גיין דאָס ערשטע אַרויסנעמען פּאַפּירן. וואָס ס'וועט זיין, וועט זיין. דאָס מיינט נאָך ניט חתונה האָבן.

— ניין דאָס מיינט ניט. — האָט זי ווידער אויפגעפלאַמט. — אָן אַ חופה מיינט גאָרניט.

— מירן זען.

— וואָס מיינסטו, מיר וועלן זען. וואָס וועלן מיר זען ?

* * *

ניו־יאָרק האָט געברויזט, ניו־יאָרק, ווי דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געוואָרפן אין קאָנוואולסיעס : הונגער־מאַרשן, דעמאָנסטראַציעס, סטרייקן, אויף יעדן ראָג — אַן אָפענע פאַרזאַמלונג און אונדזערע „אויסגעגרינטע" בחורים און מיידלעך אין דער מיט. אין יענער צייט איז כדאַי צו באַ־

טאָנען — האָט דער וויליאַמסבורגער אַרבעטער־קלוב און נאָך אַזעלכע קלובן אויפגעטאָן קאָלאָסאַלע הילפסאַרבעט; מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן, געגאַנגען צו אַלע בעקערס אין דער געגנט און צונויפגעבראַכט נעכטיק און אַפילו יענע־וואָכעדיק ברויט. מען איז געגאַנגען צו די שפּייזקלייטלעך און „איינגעהאַנדלט" אומזיסט גרינסן, קאַרטאָפל און פּרוכט. אמת, דאָס איז שוין געווען „געריררטע" סחורה, ניט אין גאַנצן פריש, אָבער בעסער, ווי גאָרניט. מען האָט אַנגעבראַכט, קאָן מען זאָגן, פון אַלעם גוטן, נאָר ניט קיין שטיקל פלייש (אַ פּיצל פלייש האָבן קינדער ניט אָנגעזען פאַר די אויגן וואָכנלאַנג). דאָס אַלץ האָט מען צעטיילט צווישן די מיטגלידער און געגעבן יעדער איינעם, וואָס איז אַריינגעקומען אין קלוב. אייגענע און פרעמדע, ייִדן און ניט־ייִדן, גרויס און קליין. די שוואַרצע האָט מען גאָר באַזונדערס מהנה געווען.

* * *

מאַרק סעגאַל איז קיין מאָל ניט געווען קיין גרויסער פאַרדינער; במילא — היינט אויך ניט. ס'איז דאָך עפּעס אַ קריזיס אין לאַנד, אַרבעטלאָזיקייט אויף דער גאַנצער וועלט, האָט ער אויך ניט קיין אַרבעט. וואָס עפּעס דאַרף ער זיין אַן אויסנאַם?

ער איז דווקא יאָ געגאַנגען אין די קאַפעען זיך באַגעגענען מיט מענטשן. ער האָט אַפילו מיטגענומען בראַניען. באַגעגנט האָט ער זיך מערסטנס מיט עלטערע פון אים חברים און פריינד און זיי האָבן שוין, ווי עס איז געצאָלט פאַר אים. אַ מאָל וויליק און אַ מאָל זייער אומווילליק. און אַ מאָל איז ער געבליבן זיצן אין קאַפע און געוואַרט עמעצער זאָל אים קומען אויסלייזן. נאָר ווי זאָגט אַ ייִדיש גלייכוועורטל? „יעדן שיכּור העלפט גאָט אויף אַ גלעזל בראַנפן". זיינע פריינד האָבן געהאַט אַ ביסל אַפשיי פאַר אים. וואָס איז די מעשה? ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט לידער אין בוזעם־קעשענע און אַ מאָל האָט ער די לידער אַפילו פאַרגעלייענט. דעמאָלט איז געוואָרן אַ לעבעדיקע דיסקוסיע ביי זיין טיש. איינער האָט געזאָגט: „ס'איז ווערט אַ שמיץ צו דער ערד". אַ צווייטער,

אַליין אַ שטיקל דיכטער, האָט פאַרטיידיקט: „דאָס איז דער מאָדערנער ריטם; מען דאַרף קאָנען אויפכאַפּן”. אַ דריטער: „ס'איז שטראָם־גראָם. און גראָם איז נאָך ניט קיין ריטם”. אין קאַפע איז שטיל געוואָרן און די אַנדערע טישן האָבן זיך צוגעהערט צו דער פלאָמיקער דיסקוסיע.

מילא, לידער — יאָ. אָבער איין זאַך האָט מארק ניט געהאַט ניט אין קעשענע און ניט אין די הענט — אַ פאַך, אַ קוואַליפיקאַציע, מיט וואָס צו פאַרדינען אויף ברויט. מען קאָן ניט זאָגן אַז ער האָט זיך ניט געמיט. ער האָט שוין געאַרבעט ווי אַ קירזשנער, אַ קאַמאַשן־שטעפער, אַ היטל־מאַכער און צום סוף ווי אַ זעצער אין אַ דרוקעריי. פון אַלע מלאכות איז אים דרוקעריי צום בעסטן געפעלן. ער האָט זיך געשפּיגלט אין יעדער שורה וואָס ער האָט אויסגעזעצט (קיין לינאָטיפּ איז נאָך דעמאָלט ניט געווען). ווער שמועסט אויסשטעלן אַ בלעטל איז ביי אים געווען ממש אַ שמחה. ער האָט זיך געבעטן רחמים מען זאָל אים לאָזן אַרבעטן. אָבער די יוניאָן האָט געזאָגט: „לאָ! אין אַזאַ שלעכטער צייט קאָן מען זיך ניט אַריינרייסן אין יענעמס פאַך, ניטאָ גענוג אַרבעט פאַר די אייגענע מיט־גלידער”. חוץ לזה, יעדער דרוקער האָט געהאַט ברידער, אויפוואַקסנדיקע קינדער, וועלכע מען דאַרף צוגרייטן מיט אַ פאַך צום לעבן .שוין יאָרן, אַז דרוקעריי גייט איבער פון פאָטער צום זון, אָדער צום ברודער. ס'איז געוואָרן אַ משפּחה־פאַך.

* * *

ווען פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ פּרעזידענט און האָט איינגעפירט דעם „ניו־דיל” און די „וו. פּ. אַ.” W.P.A. Workers Propect Administration זיינען אַזעלכע בעל־מלאכות ווי מאַרק געקומען צו זיך. הער אַ מעשה: מען זאָל צאָלן פאַר שרייבן לידער. ער, מאַרק, וואָלט צוגעצאָלט מען זאָל ערגעץ וועלן דרוקן זיינע לידער. (מען האָט אים געדרוקט, נאָר ער איז קיין מאָל ניט געווען צו־פרידן) און דאָ צאָלט מען שכירות, פאָלגע שכירות פאַר שרייבן לידער. דעמאָלט האָט ער אָפּגעצאָלט זיין באַלעבאָסטע אַלע הינטערשטעליקע

חדשים דירה־געלט און האָט זיך גענומען פּאַקן. די באַלעבאָסטע, אויך ניט קיין גרויסע נגידיתטע, האָט זיך צוגעקוקט מיט באַדויער.

— כ׳האָב אייך חלילה פּוגע בכּבוד געווען, געפּרוווט „עוויקטן״? (אַ פּאָפּולער וואָרט אין יענער צייט)? כ׳האָב געוואָרט, ווי לאַנג כ׳האָב נאָר געקאָנט.

— חלילה! איר זייט מיר געווען די בעסטע באַלעבאָסטע, וואָס איך האָב ווען געהאַט, אַפילו אַריינגעבראַכט מיר אַ טעפּעלע קאַווע.

— איז, וואָס־זשע איז די סיבה, וואָס איר ציט זיך פּלוצלינג אַרויס?

— באַלעבאָסטעניו (קיין נאָמען האָט ער ניט גענוצט). כ׳האָב חתונה געהאַט.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר, באַטראַכט איר פאַרזאָרגט פּנים און איר אַ קוש געטאָן אין איר צעקנייטשטער באַק. בעת־מעשה האָט ער צו־געלייגט פינף דאָלאַר צום דירה־געלט, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

— חתונה געהאַט? זאָל אייך זיין מיט מזל־ברכה. שוין צייט, שוין טאַקע צייט כ׳לעבן. — און זי האָט זיך אַרויסגערוקט פון צימער.

ער האָט אַריינגעוואָרפן זיין וועש, די זאָקן, נאָזטיכלעך אין דער וואַליזע, צונויפגענומען זיינע פּאַפּירן, געלייגט זיי פון אויבן און פאַר־מאַכט די וואַליזע. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן דעם הוט, גענומען דעם רעגן־מאַנטל (אין דרויסן איז געווען אַ חמימה) און אָט איז ער פיקס און פאַרטיק. „אים איז נאָך אַלעמען געווען גוט דאָ, אין דעם צימער״. — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, געכאַפּט נאָך אַ בליק אויף זיין פּירעקיק שרייבטישל. „ווער זאָגט עס, אַז אַ טישל פּילט גאָרניט?״ — איז אים איינגעפאַלן.

געקומען קיין וויליאַמסבורג צו בראַניען אין שטוב אַריין אַ ניט געבעטענער, האָט ער געטראָפן די מיידלעך, זאָשע און בראָניע, אין אַ גאָר אויפגעלייגטער שטימונג. זיי האָבן זיך אַרומגעשפּילט, ווי צוויי קעצלעך. (אַז מען שמועסט יוגנט איז דאָך ניט שייך). דאָס האָבן זיי געראַמט די שטוב אַזוי, געוואָרפן זיך מיט די קישנס איינע צו דער אַנדערער. אויף דעם האָב זיך אַריינגעשטעלט מאַרק מיט זיין גאַנצן גע־פּעק. דערזעענדיק זיין הולך זיינען זיי געבליבן געפּלעפט:

— וווהין פאָרט איר?

— איך פאָר ניט, כ׳בין שוין געקומען. — און האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין דער טיר. ער האָט גאָרניט געפרעגט, אַרויסגענומען פון זיין געפעק אַ גרויסן, געלן פוירהאַנג מיט גרויסע, רויטע בלומען, געבעטן אַ האַמער און האָט אַריינגעקלאַפּט אין סופיט צוויי גרויסע נעגל און פאַרהאַנגען איין בעטל. דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט זיין וואַליזע, זיין מאַנטל און אַנדערע פּעקלעך און האָט זיך אַ קער געטאָן צו די מיידלעך חוצפּהדיק, ווי זיין טבע איז געווען:

— אָט דאָ וווין איך. דאָרט ווו בראָניע געפינט זיך, דאָרט איז מיין היים — האָט ער זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין — איך האָב אַ דערלויבעניש אויף דעם פון „נאַטשאַלסטווע" — האָט ער זיך געחכמהט מיט דעם פרעמדן וואָרט, און האָט אונטערגעטראָגן די „מערידזש לייסנס" דווקא זאָשען אונטער דער נאָז און צוגעגעבן: — זאָרגט ניט, זאָשע, מירן אייך ניט „עוויקטן". מיט דער צייט וועלן מיר דינגען אַ גרעסערע דירה.

זאָשע האָט זיך אַ קער געטאָן:

— בראָניע?!

בראָניע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, ווי צו אַ שפּיל גלייך ווי גאָרניט. ס׳האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז דאָס איז אַן אָפּגערעדטע זאַך. אָבער ס׳איז ניט אַזוי געוועזן. גאָר טיף אין האַרצן איז בראָניע געווען שטאַרק צופרידן — זי האָט ליב אָט דעם חוצפּהדיקן יונג.

ס׳איז שווער אָנגעקומען צו באַגעגענען יענעם אָוונט. אַפילו מאַרק, וועלכער איז בטבע געווען זייער אַ געוואַגטער, האָט זיך אויך געפילט פאַרלוירן. „זיי מיינען איך וועל זי דאָ אויפעסן" — האָט ער געטראַכט. די מיידלעך האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט באַהאַלטענע בליקן: „וואָס גיט מען אים עסן? ער זיצט דאָך שוין אַ גאַנצן נאָכמיטאָג און האָט גאָרניט בדעה אַהיימצוגיין". אַז ער האָט מער ניט קיין היים דאָס איז זיי גאָר ניט איינגעפאַלן. דערווייל איז בראָניע געפאַלן אויף אַ המצאה: זי האָט צוגעשטעלט אַ טאָפּ מיט קאַרטאָפל און זאָשע איז אַוועק אין

קלוב אַריין און זיך געבעטן: „חברים, העלפט אַרויס; מיר האָבן אַ גאַסט אויף וועטשערע און האָבן אים ניט וואָס צו געבן". איז איינער אַ יאָט (אַ פּאָפּולער וואָרט אין יענער צייט) צוגעגאַנגען צום אייזקאַסטן און אַרויסגעשלעפּט אַ הערינג, ווי אַ לוויתן; איינגעפּאַקט אין אַ צייטונג־פּאַפּיר און אַ צווייטער האָט אַרויפגעלייגט אַן אַלטגעבאַקן קאָרנברויט. „קומט אַרויף אין קלוב, ווען איר וועט האָבן אָפּגעגעסן, מירן דאָ פּאַר־בריִען טיי". האָט מען איר אָנגעזאָגט.

אין שטוב איז געוואָרן הימלעך פון דער פּאַרע, וואָס האָט געשלאָגן פון די הייסע קאַרטאָפל. מאַרק האָט דערפילט, אַזוי גוט. ס'איז אים נאָך קיין מאָל אַזוי גוט ניט געווען, ממש, ווי ביי דער מאַמען אין דער היים.

אויף צו מאָרגנס האָבן זיך אַלע דריי געפלייסט אויפצושטיין וואָס פריִער. ס'ערשטע זיינען אַרויס די צוויי מיידלעך פונעם שמאָלן בעטל, זיך „אָפּגעשמערגלט" דאָס פּנים, פאַרקעמט, ווי ניט איז, די האָר און אַרויס פון דער שטוב. אונטן, ביי די טרעפּ, האָבן זיי זיך צעטיילט: בראָניע האָט געהאַט אַ דזשאָב, איז זי אַוועק צו דער אַרבעט און זאָשע האָט געקויפט אַ לאָקאַלע צייטונג, איבערגעקוקט, אונטערגעשטראָכן און זיך אַוועקגע־לאָזט זוכן אַ דירה מיט צוויי באַזונדערע, אָפּגעשלאָסענע שלאָפצימערן. גייענדיק אַזוי, האָט זי דערזען אַ קליין שולכל „אנשי אמת", איז איר גלייך עפּעס איינגעפאַלן אין איר פאַרעקשנטן קאָפּ. זי האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פון טאַש, זיך אַרומגעקוקט און פאַרשריבן דעם אַדרעס.

מאַרק האָט מיטגעבראַכט אין זיין געפּעק אַ קליין לעמפּל, איז ער אַ גאַנצע נאַכט געזעסן אונטערן פאַרשפּיליעטן פורהאַנג און האָט געשריבן. ווען ער איז אָנגעקומען אין אָפיס פון דער „דאַבליו־פּי־איי", האָט ער שוין געהאַט אָפּגעטאָן אַ טאָג אַרבעט, נעמלעך: ער האָט אָנגעשריבן אַ פּאָעמע פון זעקס סטראָפעס, פאַרשטייט זיך ניט אויף אַ מאָל; ער האָט געמעקט און געשריבן, ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל. ביז ער האָט דערפילט, אַז אַזוי מוז עס זיין, בעסער קאָן ער ניט. ווען ער איז אַריין אין אָפיס, האָבן אַלע זיינע קאָלעגן אַוועקגעלייגט די אַרבעט און זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים צו הערן, וואָס ער האָט עפּעס דאָ מתקן געווען...

דער עלטסטער זון

אויף אַ ברייטער שטאָטישער גאַס גייען צוויי ברידער. בײדע האָבן די זעלביקע מראה: נידעריק געוואַקסן, די זעלביקע געדיכטע געל־ברוינע האָר. דער עלטערער איז אַ יונגער־מאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק. ער פאַרמאָגט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, אַ שווערן גאַנג און אַ גרויסן קאָפּ אויף אַ קורצן האַלדז.

דער ייִנגערער — ערשט צוויי יאָר מיט זעקס חדשים אין לאַנד. דער מאַמעס מילך איז אים נאָך פול אין די אָנגעגאָסענע ליפּן, נאָר זיין פּנים קוקט אויס עפּעס ווי געקריוודעט. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ ליכטיק ברוינעם אָנצוג, ברוינע שיך מיט ברייטע קנאָפּל און אַ רעשיק קאָלירטן קראַוואַט. להיפּוך צו זיין ברודער, באַוועגט ער זיך לייכט און עלאַסטיש אויף זיינע פיס, און די לאַנדסמיידלעך זאָגן, אַז ער האָט אַ „זגראַבנע" פיגור. ער גייט אין אָוונטשול, רעדט שוין ענגליש און איז נאָר וואָס געוואָרן אַ קאַנאַדער בירגער.

מנחם, דער עלטערער, האָט אין משך פון די פינף יאָר וואָס ער גע־פינט זיך אין לאַנד קיין צייט ניט געהאַט זיך צו „אַמעריקאַניזירן". ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין טאָראָנטאָ, איז ער גלייך דעם אַנדערן טאָג אַריין אין „שאַפּ" און זיך אָוועקגעשטעלט פּרעסן. און ביז ער האָט אָפּ־געצאָלט פאַר זיין שיפסקאַרט, אַריבערגענומען דעם ייִנגערן ברודער, בערל, דערנאָך דער מאַמען מיט די צוויי קליינע שוועסטערלך, האָט ער געאַרבעט איבער־שעהען — צען, צוועלף שעה אַ טאָג. צוליב דעם האָט ער געקראָגן פלאַכע פיס.

מנחם און זיינס גלייכן האָבן זיך אויסגעלערנט מלאכות, אָרגאַניזירט יוניאָנס, געגרינדעט פאַראיינען, לאַנדסמאַנשאַפטן און אויפגעבויט אַ ייִדישן קולטור־צענטער לויטן מוסטער פון די אַרבעטער־היימען אין פוילן. יעדן אָוונט פלעגט מען זיך דאָרט צונויפקומען, פאַרברענגען, זינגען, טאַנצן, דיסקוטירן, אויפנעמען אַ גאַסט — מען קאָן זאָגן „זיך אויסגעלעבט". נאָר

קאַנאַדע איז זיי עפּעס פאַרבייגעגאַנגען אין אַ זייט — פּונקט ווי דאָס ניט־ייִדישע פּוילן האָט זיי אויסגעמיטן אין קליינעם שטעטל אין דער אַלטער היים. אַ חוץ איינצלנע, יחידים, אַזעלכע ווי בערל, וועלכע האָבן פון אָנהייב אָן זיך איינגעעקשנט צו גיין מיטן שטראָם — זיינען די מערסטע געווען פאַרנומען מיטן איינפלאַנצן דאָס אייגענע, דאָס היימיש־ייִדישע, דאָס אַרבעטער־לעבן דאָ אויפן באָדן פון דער פרעמדער, נייער און קאַלטער היים.

אין די ייִדישע פּאַכן האָט געבראַוזט: עס זיינען אָנגעקומען העמדער־מאַכערס, קאַמאַשן־שטעפּערס, שטריקערס, מענער־שניידערס, דאַמסקע שניי־דערס. אַ טייל פון זיי זיינען דאָ געוואָרן פוטערוואַרג־אַרבעטער — אַ גוטער פאַך אין קאַנאַדע. דאָס איז געווען די קליין־שטעטלדיקע יוגנט, וואָס האָט זיך מיט אַלע כּוחות געשטופּט דורך דער שמאָלער שפּאַרע, וואָס דאָס ריזיק גרויסע לאַנד האָט געהאַלטן אָפן פאַר אָפּגעקליבענער אימיגראַציע. און אָט די קליין־שטעטלדיקע יוגנט האָט עס געשאַפן אָן אינדוסטריע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן מיט שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע און אַנדערע גרויסע שטעט אין אַמעריקע.

און... די הונדערטער טויזנטער יוגנטלעכע, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך אַדורכצושטופּן דורך די דינע שפּאַרעס פון עמיגראַציע, די זיינען פאַר־בליבן צווישן די הייליקע זעקס מיליאָן... און קאַנאַדע שטייט אויפגערוימט און אירע בלעגנדיקע שטחים כּמעט ליידיק...

* * *

שוין לאַנג, אַז מנחם האָט געהאַט אַן אויג אויף אַ לאַנדסמיידל פון זיין פּאַראיין, אַ האַנט־נייערין פון קליידלעך. זי איז אויך געווען קליין געוואַקסן, גערעדט מיטן זעלביקן זינגענדיקן אַקצענט ווי ער. און ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, איז זי צו אים אויך ניט געווען גלייכגילטיק. אַ סימן האָט ער, אַז בעת די זומערדיקע אַרויספאָרן אויפן לאַסטאויטאָ, זיצט זי שטענדיק ביי אים אויפן שויס.

דאָס דאָזיקע זיצן ביי אַ בחור אויף די קני בשעת אַן אַרויספאָר אויף אַ פּיקניק, האָט געקראָגן אַ ספּעציעלען באַטייט ביי דער אימיגראַנטישער

יוגנט. אויפן לאַסטוואָגן האָט מען בכּיוון אויסגעשטעלט בענקלעך פאַר אַלע בחורים. דערמיט האָט מען געצווונגען די מיידלעך זיך אויסצוקלייבן, יעדע באַזונדער, אַ פּאָר קני זיך אָוועקצוזעצן. און אויב עמעצער האָט זיך געשעמט, געקווענקלט, האָט זי געמעגט שטיין געזונטערהייט דעם גאַנצן וועג. אָבער ווער עס האָט אויסגעקליבן וועמענס קני און זיך אַוועקגע־זעצט, איז דאָס שוין געוואָרן אַ סימן פון אַנגעהעריקייט.

ווען צירל האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט אויפן קנאַפּעלע, געדרייט, ביז זי האָט זיך געגעבן אַ זעץ אַוועק ביי מנחמען אויף די קני, איז ער געוואָרן אויסער זיך. דאָס לשון האָט אים אַזש אָפּגענומען, כאָטש ביי זיך אין האַרצן האָט ער געהאָפט אויף דעם.

חברה יוגנט האָט אים צעטראָגן:

— העי, מנחם, דאָס ביסטו ? מעג מען שוין נאָך דיר קדיש זאָגן...

— דו האָסט שוין דיין חלק עולם־הזה...

— ס׳איז דיר וואַרעם, מנחם ? פאַלסט אַריין אין אַ מחיהדיקן גיהנום...

* * *

אַזוי איז מען אָפּגעפאָרן אַ גאַנצן זומער, ביז שפּעט אין האַרבסט אַריין, ווען די מייפּל־ביימער האָבן זיך שוין געמיניעוועט אין רויט־גאָל־דענע קאָלירן. נאָר קיין טאָלק האָט מען ביי איר, ביי צירלען, ניט געקאָנט דערגיין. וואָרעם אויסגעזען האָט דאָס, ווי דאָס קאָן קיין צווייי ניט ציילן. אַ פּנימל — בלוט און מילך, און אויגן — גאָלע חידוש. אין דער אמתן אָבער איז דאָס געווען אַ קאָקעטקע, אַ שטיפערקע — פלאַם־פייער. דאָס האָט ניט דורכגעלאָזט קיין מאַנסבילס אויג, זי זאָל אים ניט צוּוואַרפן קיין אַרויסרופנדיקן בליק. די עלטערע מיידלעך האָבן זי גערופן „צירעלע ברען״.

מנחמס מאַמע האָט געהערט עפּעס אַ רמז. זי האָט זיך געחידושט וואָס צווישן אַלע מיידלעך און יינגלעך, וואָס קומען אַריין אין שטוב, זעט זי ניט, אַז מנחם זאָל שענקען איינער פון זיי אַ באַזונדערע אויפמערק־זאַמקייט.

זי האָט אָבער פאַרט דערקענט, אַז מיט איר זון איז עפּעס פאַרגע־קומען און געהאָפט האָט זי, אַז ס׳וועט אַלץ זיין צום גוטן. זי פלעגט האָבן

אַ נטיה פאַרן שלאָפן גיין זיך אַריינכאַפּן אין אַ צימער פון די קינדער — אַ מאָל צו די מיידלעך און אַ מאָל צו די ייִנגלעך. בערל איז נאָך ניט געווען אין דער היים. זיין בעט איז געשטאַנען גלאַטיק אָפּגעצויגן און האָט געבלענדט מיט די פּיל־קאָלירטע שטרייפן. ער איז געווען אַ פּעדאַנט, בערל. דאַקעגן מנחם איז אָפט מאָל געווען אַזוי מיד, אַז ער פלעגט זיך אַ וואַרף טאָן אויפן צודעק אין די קליידער, זיך אַ ביסל אָפּרוען, כאַפּן אַ דרימל, דערנאָך זיך ערשט לייגן שלאָפן.

די מאַמע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון מנחמס בעט און האָט אַריינגעפלאָכטן אירע פינגער אין זיינע געדיכט־געקרייזלטע האָר, ווי איר געוווינהייט איז געווען. ער האָט ניט געעפנט די אויגן, הגם ער איז ניט געשלאָפן. די מאַמע האָט גוט געוווּסט, אַז איר זון איז ראוי לחופּה. נאָר מחמת דעם וואָס ער איז יונגערהייט געבליבן דער פאַרזאָרגער פון אַ משפּחה, נאָך דעם ווי „ער" זאָל זיך מיִען — האָט זיך אָפּגעשיידט, האָט מנחם דערוויַיל זיך אָפּגעהאַלטן פון פאַרדרייען זיך אַ קאָפּ מיט מיידלעך.

— הערסט, מנחם, איך טראַכט אַ גאַנצע וואָך וועגן די צוויי מיידן אונדזערע. זיי וועלן דעם זומער פאַרענדיקן די מיטלשול. שוין צייט זיי זאָלן אָנהייבן עפּעס צו טאָן, פאַרדינען. זיי קאָנען גיין אַרבעטן.

אַלע מאָל, פריִער, ווען די מאַמע האָט דערמאָנט די מיידלעך, אַז זיי זאָלן גיין אַרבעטן, פלעגט ער אויפשפּרינגען:

— מאַמע, דאָ איז ניט פּשיפּעטשוק. דאָ, אַז מען וויל עפּעס דערגרייכן, דאַרף מען זיך לערנען. וואָס איז, עס פעלן שאָפּמיידלעך אין אַמעריקע?

היינט האָט ער געשוויגן. די מאַמע האָט בלויז געזען ווי ער פאַר־קוועטשט שטאַרק זיינע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט עס זאָל זיך פון זיי עפּעס ניט אַרויסכאַפּן. זי האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, ריידן מיט אים טאַקע וועגן זיין אייגענעם תכלית, נאָר זי האָט זיך געכאַפּט אין צייט, אַז איצט דאַרף מען אים לאָזן צופרידן; וואַרטן און האָפן ביז ער וועט אַליין דערציילן.

זי וועט ניט וואַרטן אויף דער כלהס צד. מ'שטיינס געזאָגט, די צדדים דאָ אין אַמעריקע. בסך־הכל איז זי איין מאַמע צווישן צענדליקער יוגנט־לעכע. די אַנדערע מאַמעס און טאַטעס זיינען דאָך נאָך אויף יענער זייט

ים. וואָס איז, יעדער איינער האָט עס אַ געטרייען זון ווי איר מנחם? דאָס איז דאָך איר עלטסטער, איר בכור, איי, וועט זי מאַכן אַ חתונה, אַז קינד און קייט וועלן האָבן צו געדענקען און וואָס אַהיים צו שרייבן...

* * *

ענדלעך האָט מנחם געבראַכט צירלען אַהיים צו דער מאַמען אין שטוב אַריין. אין קיך (קיין עסצימער איז ניט געווען) איז דער טיש געווען באַצירט און אָנגעשטעלט מיט אַלץ וואָס דאָס האַרץ קאָן נאָר גלוסטן. די מאַמע איז אַרומגעפלויגן, דערלאַנגענדיק די קינדער דאָס עסן, ווי אַ שמעטערלינג איבער בלומען. ס׳איז געווען גאָלע זונשיין, גאָלע פרייד. די צוויי מיידן אין שטוב האָבן גלייך אַריינגענומען צירלען אין דער מיט, ווי זי וואָלט באַלאַנגט צו זיי, ניט צו מנחמען.

אָבער ווי נאָר צירל האָט זיך באַקענט מיטן יינגערן ברודער, בערל, איז דאָס געוואָרן גאָר אַן אַנדערע צירל. דאָס הייבט ניט אויף די אויגן פון דער ערד, און ביי יעדער וואָרט פלאַמט איר אויף דאָס פּנים.

אַזאַ מזל האָט ער שוין, מנחם: ווי נאָר ער פאַרקוקט זיך אויף אַ מיידל, ווערט זי „פאַרצוקט". מילא, אַז ס׳קומט צו פאָרן אַ גאַסט פון ניו־יאָרק, אָדער פון אַלדי שוואַרצע יאָר, און כאַפּט אַרויס דאָס שענסטע מיידל פון זייער מיט — צו די צרות איז מען שוין צוגעוווינט, דאָס האָט שוין ניט איין מאָל און ניט איינעם פון זיי געטראָפן, אָבער אַן אייגענער ברודער...

ביי זיי, ביי די לאַנדסלייט פון אָסטראָוועסקי, הערשט אַ שטרענגע מאָראַל: מען כאַפּט ניט איינער ביים צווייטן. האָט מען געזען גיין אַ בחור מיט אַ מיידל, האָט זיך שוין קיינער צווישן זיי ניט אַריינגעמישט ביז ס׳איז קלאָר געוואָרן זייער שייכות. האָט עס געמעגט ווי טאָן ביזן ביין, האָט ער געקענט אָפּקלעמען דאָס האַרץ ,האָט קיינער קיינעם ניט געפּרוווט אָפּשלאָגן.

„דאָ איז ניט קיין דזשאַנגל, האָבן די עלטערע, די מער געזעצטע בחורים געטענהט. אפשר זיך שלאָגן, בייסן ווי די הינט? אפשר זיך אַרויסרופן אויף אַ דועל, אַזוי ווי די פּריצים?... און דאָ קומט צו פאָרן אַ ברודער, אַ שנעק, אייגן בלוט און פלייש און"...

נאָר וואָס איז ער שולדיק, דער ברודער? ער פאַרטשעפּעט זי דען? זי וואַרפט דאָך צו אים אײגעלעך פון אונטער די לאַנגע וויִעס אַפּיר.

מנחם איז איצט געגאַנגען מיט זײַן ברודער בערל און נאָך עטלעכע חברים אויף דער באַליבטער ספּעדיינע עוועניו. אין גאַס האָט זיך געטראָגן אַ מילד ווינטעלע. ס'איז געווען אַ זונטיק, דער ערשטער טאָג אין פרילינג, ווען די זון האָט באמת געוואַרעמט. מנחמס חושים זײַנען געוואָרן אָנגעשפּיצט ביז ווייטיק, ווען ער האָט זי געזען פון דער ווייטנס אָנקומען אַנטקעגן, צוזאַמען מיט עטלעכע חברטעס. וואָס פאַר אַ מינע וועט זי דאָ מאַכן ביים באַגעגענען? ער איינער האָט באַמערקט ווי איר פּנים ווערט פאַרגאָסן מיט רויט בשעת זיי דערנעענטערן זיך. און געפילט האָט ער, אַז דאָס איז ניט צוליב אים, נאָר צוליב זײַן ברודער בערל.

ער האָט שוין געוואָלט אַנטלויפן, דורך עפּעס אַן אויסרייד זיך אַרויסדרייען פון דער באַגעגעניש.

— וואַרטס אַ מינוט. איך מוז זיך אַרײַנכאַפּן צו הײמאַנען אין בוכגעשעפט — האָט ער געזאָגט און זיך געלאָזט לויפן. נאָר זי האָט אים אָפּגעהאַלטן, ווי זי וואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשטאַנען דאַרויף אָוועקצושטעלן דעם טראַפּ:

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? מיר גייען גלייך אַוועק.

זי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן און זיך שטומערהייט געבעטן רחמים: „זע, וואָס בין איך שולדיק? איך האָב דען געשיקט נאָך אים? איך האָב אים דען אַהער געבראַכט, גערופן? אַז דאָס האַרץ גייט אויס נאָך אים... העלף מיר. זע, ער גיט אַפילו ניט קיין קוק אויף מיר. העלף מיר. ער איז דאָך דײַן ברודער. העלף"...

די דריי בחורים מיט בערלען בתוכם, האָבן זיך בעת מעשה איבער עפּעס געשפּאַרט. די מיידלעך האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און אַרײַנגעקוקט אין אַן אויסשטעל-פענצטער. זיי בײדע זײַנען געשטאַנען אײנער קעגן אַנדערן. ער האָט לאַנג לאַנג אויף איר געקוקט. פון זײַנע קינדערישע אויגן האָט אַרויסגעקוואָלן אַ לויטערע טרער און געפינקלט אויף זײַן באַק. צום סוף האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם שווערן קאָפּ און האָט צוגעזאָגט — צוגעזאָגט צו העלפן.

די ציטערדיקע האַנט

דער אויטאָבוס האָט זיך אַראָפּגערוקט פון ברייטן שאָסיי און זיך אַריינגעשלענגלט אויף אַ שמאָלן וועג צווישן צוויי רייען אַלטע מייפּל־ביימער. די ניין־שפּיציקע מייפּל־בלעטלעך האָבן געציטערט אין ווינט און אויסגעלייגט אַ פיינעם אַזשור פון ליכט און שאָטן אויפן שטויב. דער אויטאָבוס האָט זיך געוויגט, ווי אויף כוואַליעס. דערנאָך האָט ער אַ שטאַרקן קרעכץ געטאָן און מיט כוח זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ פּלאַטאָ. דאָ איז געווען פריי, ליכטיק און זוניק. דריי בנינים זיינען געשטאַנען אויס־געשטעלט ווי אַ גרויסער סגול מיט אויפשריפטן, וואָס האָבן זיך געלייענט: אוידיטאָריע, עסזאַל, ביוראָ.

עס זיינען אַרויסגעשטיגן אַ זעקס אָדער אַכט מענטשן, צווישן זיי חיה אַרען און בתיה מירסקי, צוויי שוועסטער; מר. סיימאָן פּאַנסקי, אָנ־געטאָן ווי אַ טיראָלער באַרגמענטש אין קורצע הויזן, אַ קאָלירטע פעדער אַריינגעשטעקט אין זיין גרין היטעלע; זעלדע האַראָוויץ און נאָך עטלעכע.

זעלדע איז געווען די איינציקע, וואָס האָט פאַררעגעסטרירט איר נאָמען אין ביוראָ. אַלע אַנדערע זיינען דאָ געווען שטענדיקע זומער־תּושבים און זיינען אַוועק יעדער איינער צו זיך אין „באַנגאַלאָ״ אַריין.

— אויף ווי לאַנג? — האָט דער מענטש אין ביוראָ געפרעגט זעלדען.

— אויף צוויי וואָכן, אפשר דריי, כּװעל זען.

— איר זייט דאָ באַקאַנט? איר ווייסט וווּ צו גיין?

— ניין. האָט זי געענטפערט עטוואָס אין פאַרלעגנהייט.

דער יונגערמאַן אין ביוראָ האָט געעפנט דאָס האָריזאָנטאַל איבער־געשניטענע טירל. ער איז געווען אַ קרעפּטיקער מאַן אין די פּריִע דריי־סיקער. פון זיין צעשפּיליעט העמד האָבן אַרויסגעשיינט גאָלדענע האָר אויף זיין ברוסט, ווי צייטיקע זאַנגען אויפן פעלד. ער האָט אַ נעם געטאָן איר רענצל און געשטעלט פיס. זי איז אים נאָכגעגאַנגען, ניין, נאָכגעלאָפן.

— איר זייט דאָ נאָך קיין מאָל ניט געווען? אַ חידוש. אַהער קומען

אַלע פון שטאָט. — און ער האָט אַריינגעשטעלט איר טשעמאָדאַנטשיקל אין אַביידל אָנגעהייצט, ווי אַ קאַלכאויוון.

זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ פּאָר טונקעלע, קורצע הייזלעך, אָן אויסגע־שניטענע בלוזע און אַ פּאָר גרויסע, גרינע זונגלעזער, האָט זי אויסגעזען פּונקט ווי אַ פּראָש. זי איז אַרויס פונעם ביידל, ווי פון אַ בראַנד.

ס׳איז געווען אַרום דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג. אין קעמפּ איז געווען שטילג. נאָר אין „פּאַרק", וואָס איז באַשטאַנען פון איין גרויסן בוים מיט ברייטע צווייגן, עטלעכע אייזערנע שטולן און אַ געל־געפאַרבטער הוידלקע מיט צוויי זיצפּלעצער, איז געשטאַנען אַ גרופּקעלע מענטשן אַרום אַ רוי־אומגעהובלטן טיש; זיי האָבן היציק דיסקוטירט און זיך געווישט דעם שווייס פון די שטערנס.

— איך וויל זיך אויסדריקן פריי; כע, כע, כע. כ׳האָב פיינט צו זיין געפּענטעט, — לאַכט אַ ייִד מיט אַ ברייט מויל שיטערע ציין.

— אַזוי! און דאָס, וואָס זיי האָבן דאָרטן געעפנט אַ שול פאַר ייִדיש, פּונקט ווי די מיסיאָנערן.

— הערט אַ משל. פאַר וואָס עפּעס, ווי די מיסיאָנערן? אפשר גאָר, ווי די פּיאָנערן?

— ס׳איז געווען „נייוועלט", די צייטונג מיין איך, וואָס האָט אַרויס־געהויבן דעם כּבוד פון מאַמע־לשון אינעם לאַנד פון די אבות. — רופט זיך אָן אַ מענטש העט פון דער ווייטנס. ס׳איז גאָר קיינעם ניט איינ־געפאַלן, אַז ער הערט ווענן וואָס מען אַמפּערט זיך דאָ.

— עד, ווי די „נייוועלט" פלעגט זיך עס אָננעמען פאַרן געקריוור־דעטן. ניטאָ היינט מער אַזעלכע צייטונגען אין דער מדינה. — ער האָט גערעדט אין אַזאַ טאָן גלייך ווי ער וואָלט זיך איצט געפונען אין ירושלים, ניט הינטער ניו־יאָרק.

דורך דער צייט איז זעלדע, פון קיינעם ניט באַמערקט, צוגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הוידלקע, מיט דער אָנטבלויזטער פּלייצע צו דער זון, מיטן קאָפּ אין שאָטן און זיך איבערגעגעבן אַ זיסער הנאה. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און איינגעדרימלט.

שמחה זאַקהיים, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, מיט שטייפע, גרויע

האָר, ווי אַ בינטל שטעכיק דראָט אויפן קאָפּ, האָט פּלוצלינג אַ קוק געטאָן אויף איר זייט.

— זע נאָר די יפהפיה, ראַכט זיך, אַז איך קען זי.

— ווער איז דאָס ? אַ מיידל צי אַ ווייבל ? — איז ראַכלין, אַ מענטש מיט אַ ברייט מויל און שיטערע ציין, געוואָרן פאַראינטערעסירט.

— וואָס טוט זי דאָ ? — האָט זאַקהיים אָפּגעציילט פיר ווערטער צווישן זיינע ציין.

— וואָס זשע, ס'איז אַן עוולה, אַז מען קומט אַהער ? דאָ איז בלויז פאַר אויסדערוויילטע ? — האָט ראַכלין טאַקע געוואָלט וויסן.

— זי איז ניט געקומען גלאַט אַזוי.

— אפשר איז זי געקומען זוכן אַ חתן, וואָס זשע, מ'טאָר ניט ?

דער שמועס איז פּלוצלינג, אָן אַ פאַרוואָס, איבערגעריסן געוואָרן. די מענטשן זיינען זיך צעגאַנגען. ראַכלין איז עפּעס ווי ניט ווילנדיק, געבליבן הינטערשטעליק.

ער איז געווען אַ „יונגערמאַן" אין די זעכציקער. זיינע דינע, קורצע פיס האָבן מיט מי געטראָגן זיין באַלייבטן גוף. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ דין לייבל מיט אַ פּאָר קורצע כאַקי־הויזן. אַ ציניש̇ער שמייכל פון איין אויער צום צווייטן האָט זיך געשפּרייט איבער זיין פלאַטשיקן פּנים. און מערקווירדיק, ביי דעם אַלעמען איז ער פאָרט געווען היפּשלעך סימפּאַטיש. ער האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און זיך דערנענטערט צו דער הוידלקע, ווו זעלדע האָט זיך געוויגט אין לייכטן דרימל.

— אַ גאַסט, זע איך. היינט אָנגעקומען פון דער שטאָט ?

זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן און אָנגענעם איבערראַשט האָט זי אַרויסגעשטאַמלט :

— אַ„ האַלאָ. — און איז שטיל געבליבן.

— אַזוי, אַזוי, — האָט זיך ראַכלין צופרידן געריבן די הענט. — טרעפט מען זיך, הייסט עס, ווידער. ס'איז טאַקע אַ קליין וועלטל, באמנות.

זי האָט געשוויגן.

— וואָס דערציילט איר עפּעס נייעס פון דער שטאָט ? דאָ, אין קעמפּ זיינען מיר ווי אָפּגעריסן פון דער וועלט.

— איך ווייס ניט וועלכע נייעס איך אינטערעסירט היינט; יעדער טאָג איז אָנגעלאָדן מיט געשעענישן און דווקא ניט מיט קיין איבעריק פריילעכע.

— איך אינטערעסיר זיך מיט אַלע נייעס, איך האָב פיינט צו זיין באַגרענעצט.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און פריינדלעך געשמייכלט צו אים, ווי זי וואָלט דערמיט געזאָגט: ערגעץ־ווו האָבן מיר שוין דאָס אַ מאָל געהערט...

ס'איז איינגעטראָטן אַן אומבאַקוועמע הפסקה. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט אָנצוהאַלטן דעם שמועס:

— און איר, הייסט עס, זייט פאַרבליבן ביי "זיי".

— ווו בין איך דען געווען און ביי וועמען בין איך פאַרבליבן? איך לערן מיט קליינע קינדער יידישקייט, אַזוי ווי אַלע יאָרן.

— דערפאַר חידושט מיך דאָך אויף אייך...

* * *

פון ווייטנס האָט מען געזען גיין עזרא בריקנער. ער האָט געהאַלטן עפּעס אין קייען און האָט זיך פּעדאַנטיש אָפּגעווישט דאָס מויל מיט אַ ווייס טיכעלע. ער איז צוגעקומען נענטער בעת ראַכלין האָט פאַרטרוילעך געפרעגט:

— וואָס זשע, איר וואָלט ניט געקאָנט קריגן אַ שטעלע ערגעץ אַנדערש?

— מסתמא וואָלט איך יאָ געקאָנט, נאָר, וואָס זאָל איך זאָגן די קינדער? מיר זיינען אַזוי איינגעלעבט. פינף קלאַסן האָב איך.

בריקנער איז צוגעקומען.

— כ'האָב געקוקט פון ווייטנס — האָט בריקנער אָנגעהויבן ריידן — געוואָלט זען מיט וועמען דו אונטערהאַלטסט זיך דאָס אַזוי געשמאַק; — און געוואַרט ראַכלין זאָל אים פאַרשטעלן.

— דאָס איז זעלדע האָראָוויץ. — האָט ראַכלין ניט גערן פאַרגעשטעלט.

— זעלדע האָראָוויץ, — האָט זיך בריקנער געפּרוווט דערמאָנען.

— און וואָס איז אייער נאָמען? — האָט זי צוריקגעפרעגט.

— עזרא בריקנער. מיר דאַכט זיך, אַז איך קען אייך, זעלדע.

— געוויס קאָנען מיר זיך, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ צופרידנקייט.

— מיר האָבן זיך אַ מאָל געטראָפן אין פילאַדעלפיע ביי אַ קאָנפערענץ.

— אַ, יאָ. איך געדענק שוין, — האָט ער אויפגעלעבט. — קומט דאָך אייך אַ גרויסער שלום־עליכם. — ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר אַ גרויסע, מענערישע האַנט און זי האָט מיט אָפענעם פאַרגעניגן אַריינ־געלייגט איר האַנט אין זיינע און דערפילט די וואַרעמקייט.

— ווי לעבט זיך אייך? — האָט ער מיט אויפריכטיקער פריינדשאַפט זיך נאָכגעפרעגט. — וויפיל יאָרן זיינען שוין אַוועק זינט...

פון איר פּנים איז אָפּגעגאַנגען דער שמייכל. — אָט נישקשה — און זיך שטומערהייט געבעטן: לאָז געמאַך, פרעג ניט. — און באַלד דערויף צוריקגעפרעגט:

— ווי אַזוי גייט עס אייך, מען קנעלט? איר זייט בשעתו געווען באַוווסט ווי אַן אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג. — האָט זי אים אונטערגע־טראָגן אַ קאָמפּלימענט.

זיין רונדיק געשניצט פּנים איז מיט אַ מאָל פינצטער געוואָרן. זיינע ליפּן האָבן זיך מאָדנע אַ קרייזל געטאָן. ער האָט מיט גרויס מי אויפ־געהויבן זיין רעכטע האַנט כדי צו פאַרשאַרן אַ לאָק פון זיינע האָר, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן איבערן שטערן. די האַנט האָט זיך געטרייסלט, ווי אין קאָנוווּלסיע. ער האָט זי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט. ראַכלין האָט אַוועק־געקוקט; זי האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק. נאָר בריקנער האָט איר פאַרעקשנט געקוקט אין פּנים אַריין, ווי איינער רעדט: — זעסטו שוין ווי עס גייט מיר, וואָס איך מאַך?

ס'איז אַריינגעטראָטן אַן אומהיימלעך שווייגעניש.

צום גליק זיינען צוגעקומען עטלעכע מענטשן און האָבן פאַרווישט די פיינלעכקייט פון עם מאָמענט. בריקנערס פּנים האָט זיך צוריק אויס־געגלייכט. ער האָט ווידער געשמייכלט. גלייך, ווי גאָרניט.

— זייט באַקאַנט האָט דווקא ער גענומען פאָרשטעלן: — דאָס איז זעלדע האָראָוויץ, פון ניו־יאָרק. אויך אַ לערערין.

— דאָס בין איך — האָט זישאַ שוואַרץ, אַ פריילעכער יונגערמאַן זיך שטיפעריש פאַרנויגט. — און דאָס איז מיין פלוניתטע, — האָט ער צוגעפירט זיין יונג ווייבעלע, — מרס. „סוב־דירעקטאָר". — דאָס ווײַבעלע האָט געהאַט פוקעס, שוואַרצע האָר, אַ זיסן שמייכל אויף די ליפּן און אַ חן־פינטעלע אויף דער גאָמבע. זי האָט ממש אַנגעקוואָלן פון איר מאַנס חכמות. — הערט אים ניט. מיין נאָמען איז פערל. ער מאַכט פון מיר תמיד חוזק...

ס'האָט זיך אַנטוויקלט זייער אַ לעבהאַפטער שמועס.

— איר אַרבעט דאַכט זיך זומער אין קעמפּ — — — ?

— אין קעמפּ קינדערלאַנד. — האָט זי אַרויסגעהאָלפן.

— איז וואָס זשע טוט איר דאָ ?

— איך בין ספּעציעל געקומען זען אייער קעמפּ. אין שטאָט שמועסט מען, אַז ס'איז ממש אַ יידישע מלוכה דאָ ביי אייך.

— זי איז ניט געקומען גלאַט אַזוי, — האָט זיך זאַקהיים אָפּגעריסן, ווי פון אַ שטריק.

אַלע זיינען איבערראַשט געוואָרן, נאָר זעלדע האָט זיך ניט פאַרלוירן. זי האָט געקענט זאַקהיימען פון פריִער, פון אַן אַנדערער זייט און אַן אַנדערער סביבה. זי האָט געוואָלט זאָגן: — נו, און אַז ניט גלאַט אַזוי, איז ווי אַזוי דען אַנדערש ? — נאָר ער האָט ניט געלאָזט. ער האָט זיך געריסן, אַז די האָר האָבן זיך אים אַזש געשטעלט קאַפּויער.

— צו וואָס דאַרפט איר אַ יידישע מלוכה ? צו וואָס ? און אַן אַ מלוכה איז אייך שלעכט ?

— אַ יאַלד, בלייבט אַ יאָלד אַפילו אין מרחק. האָט זישאַ שוואַרץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך אויסגעדרייט.

— קאָכט זיך ניט אַזוי, זאַקהיים. — האָט בריקנער געפּרוווט באַרויִקן. — ווי לאַנג איז, נו יאָ, ווי לאַנג, אַז איר...

נאָר יענער האָט ניט אויפגעהערט צו שטורעמען.

— אין קיין יידישן קעמפּ טאָר מען „זיי" ניט אַריינלאָזן. — און געטייטלט אויף איר מיט אַ פינגער, ווי מיט אַ שפּיז.

בריקנער האָט אָנגענומען זעלדען מיט זיין לינקן, געזונטן אָרעם און זי אָפּגעפירט אין אַ זייט.

— האָט קיין פּאַראיבל ניט. איר ווייסט דאָך, מען איז אַזוי אָנגעווייטיקט. נאָך אונדזערע גרויסע פּאַרלוסטן, אונדזער הימל־שרייענדיקן חורבן — האָט ער זיך שיער ניט צעווײנט, — נאָ דיר אַזאַ מין בראָך. אונדזער ביסל אָפּגעראַטעוועט האָב און גוטס; אונדזערע שרייבער, לערער, די גאַנצע יידישע קולטור...

זי האָט אַרויפגעקוקט צו אים מיט גרויס געבעט.

— בין איך, הייסט עס, און נאָך אַזעלכע, ווי איך שולדיק אין דעם ? דאָס אומגליק האָט אונדז דאָך אַלעמען געטראָפן.

ער האָט געשוויגן אַ לענגערע צייט. ס׳האָט אים שוין באַנג געטאָן וואָס ער האָט פאַרפירט מיט איר אַזאַ שמועס. נאָך אַ ווייל האָט זי דווקא אָנגעהויבן ווייטער צו ריידן.

— און די, וואָס איר רופט אָן „זיי״, האָבן קיין האַרץ ניט, זיי טוט גאָרניט וויי ?

— מיר וועלן מיט זיי קיין מאָל ניט האָבן קיין מגע־ומשא. זיי האָבן שווער געזינדיקט קעגן יידישן פאָלק.

— זיי זיינען אַ טייל פון יידישן פאָלק. און, געזינדיקט האָבן זיי קעגן זיך אַליין.

ער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט און געשוויגן אַ לענגערע צייט. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— אַז מען האַקט האָלץ, פאַלן שפענער, דאָס איז אומפאַרמיידלעך, ווי מען זאָל ניט ווען אויסמיידן. ווי פיינלעך דאָס זאָל ניט זיין...

— איר וועט דאָך מוזן צוגעבן, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע... נו, יאָ, ווי זאַקהיים, אַ שטייגער, ער איז ניט דער איינציקער, וואָס וואָלטן גערן אויסגעהאַקט דעם גאַנצן וואַלד אַבי די שפענער זאָלן פאַלן. — האָט זי אַרויפגעקוקט צו אים מיט אַ קרענקלעכן שמייכל. ס׳איז שוין געוואָרן אַ ספּאָרט אַזאַ, וואָס מער שפענער...

* * *

זעלדע איז געווען אַ פּרוי פֿון אומבאַשטימטן עלטער. דאָס הייסט אין דער פּרי, ווען זי איז אויפגעשטאַנען פֿון שלאָף, האָבן זיך אירע באַקן גערויטלט און זי האָט אויסגעזען, ווי אַ יונג מיידל. איבערן טאָג איז זי עלטער געוואָרן מיט אַ גוטע צוואַנציק יאָר. איצט, פֿאַרנאַכט איז זי געווען אַ פֿרוי פֿון איבער פֿערציק יאָר. עטוואָס נידעריקער פֿון מיטלען ווּוּקס, מיט אַ פּירקאַנטיק פּנים, פֿלאַך געבויט, האָט זי אויסגעזען, ווי אַ ליאַלקע אויסגעמאָלן אויף אַ ברעטל.

* * *

אין עסצימער זיינען די טישן געווען אויסגעשטעלט ווי אַ גרויסע חית (כעס). זעלדען האָט מען אַוועקגעזעצט, צוזאַמען מיט אַן עלטער פּאָרפֿאָלק, ביים סוף פֿון איינעם פֿון די לאַנגע טישן. זי האָט זיך גראָד דאָ באַלד היימיש געמאַכט מיט די צוויי עלטערע, פֿאַרלוירענע מענטשן. זיי צודערלאַנגט זאַלץ, פּעפּער, פּוטער: — עסט, מר. שטיינהאַרט, פֿאַר־טרינקט מיט אַ ביסעלע מילך, ס׳איז גוט פֿאַר אייך. (זי האָט געמיינט זי האָט צו טאָן מיט די קינדער). זי האָט אויסגעפֿונען אַז דאָ, ביים עק טיש, איז זייער אַ באַקוועמער פּלאַץ צו זיצן. מען קאָן אַריין־ און אַרויס־גיין ווען מען וויל און קיינעם ניט שטערן...

חיה אָרען און בתיה (באַסיע) מירסקי קומען שוין אַהער אין קעמפּ אַריין כמה וכמה יאָרן. נאָך ווען זייערע מענער האָבן געלעבט האָבן זיי זיך דאָ אויפגעשטעלט אַ זומערהויז מיט צוויי וווינונגען, מיט הייס און קאַלט וואַסער און אַ קילונג־סיסטעם. זיי זיינען אַלע מאָל אַריינגעגאַנגען אין עסצימער און עפּעס, ווי ניט ווילנדיק, שטיין געבליבן מיט זייערע הויכע פּלייצעס איבער זעלדעס קאָפּ. עטלעכע מענטשן האָבן דאָס באַ־מערקט, אָבער ווער׳מען גייט עס אָן? ביז איין מאָל האָט בריקנער צוריק־גערוקט זיין בענקל אַהער און געבעטן דעם קעלנער, אַז פֿון הייַנט אָן און ווייטער זאָל ער אים סערווירן אָט דאָ, ביי דער זייט פֿון טיש.

דער קעלנער האָט געשטוינט:

— איר ווילט ניט זיצן צוזאַמען מיטן דירעקטאָר און די אַנדערע חשובֿע געסט?

— דאָ זיצן אויך חשובֿע געסט, — האָט ער גוטמוטיק געשמייכלט, מיט זיין אויסגעברוינטן פּנים און ווייסע ציין.

זעלדעס אויגן האָבן אויפגעשיינט מיט חידוש און מיט פרייד. זי האָט אַריבערגעבויגן איר קאָפּ איבערן שיסעלע און האָט אַראָפּגעשלונגען אַ הייסן לעפל זופּ מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

נאָך וועטשערע, ווען אַלע האָבן זיך געקליבן אויפן אָונטיקן שפּאַציר, יעדע גרופּע אין אַ באַזונדערער ריכטונג, האָט ער זי גערופן מיטצוגיין מיט זיין גרופּע. די מענטשן האָבן געהאַט פּאַראיבל, געפילט אַז ער ברענגט אַריין שעטנז אין זייער אינטימער חברותא. אָבער ער האָט זיך ניט וויסנדיק געמאַכט. זעלדע איז געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט:

— אַ דאַנק, אָבער איך פיל ניט ווי צו גיין.

— איר גייט ניט? גוט. איך גיי אויך ניט.

— איך בין פּשוט ניט צוגעוווינט צו גיין אין דער פינצטער. — האָט זי זיך געפּרוווט פאַרענטפערן.

— קומט, בריקנער, מיר האָבן מורא צו גיין אָן אייך, — האָבן זיינע חברים אים גערופן. מיט אַ זשעסט פון דער לינקער האַנט האָט ער זי נאָך אַ מאָל פאַרבעטען און זי געלאָזט גיין פאַרויס. זי האָט אומגערן געפאָלגט. ביידע זיינען דעם גאַנצן אָונט געגאַנגען שווייגנדיק; גאַרניט, ווי בריקנערס טבֿע. די אַנדערע האָבן געשטיפט און געלאַכט, דער „סוב־דירעקטאָר" האָט געאַרבעט מעשׂים. צום סוף האָט די שיינקייט פון דער נאַכט גובֿר געווען די צעהוליעטע שטימונג און מען איז איבערגעגאַנגען צו מעלאַנכאָלישער זמירה. דעמאָלט האָט זיך איר קליין שטימעלע אַריינ־געוועבט אין געזאַנג מיט אַ לירישקייט ווי אַ פידעלע. קיינער האָט דאָס ניט באַמערקט. בלויז בריקנער האָט אַ דריק געטאָן איר אָרעם, אַ סימן, אַז ער הערט.

ווען ער האָט זי שפּעטער אָפּגעפירט צו איר ביידל, האָט ער, עפּעס אַזוי ווי צו זיך אַליין, גאַרניט ווי צו איר, אָנגעהויבן ריידן:

— אין פילאַדעלפיע זיינען איצט גרויסע היצן. מיין ווייב ווייקט זיך אין שאַפּ. דער סעזאָן ביי „קלאַקס" (פּרויען־מאַנטלען) הויבט זיך תמיד אָן צוזאַמען מיט די גרויסע היצן. פילאַדעלפיע, אין די זומער־

חדשים, איז געגליכן צו אַ דאַמפּקעסל. די ערד גיט פון זיך אַרויס אַ פּאַרע. נאָך אַ פּויזע האָט ער צוגעגעבן:

— ווייל איז מיר, איך בין אין קעמפּ. כע, כי, כע — האָט ער ווייטיקלעך געלאַכט. — ווייל איך, גיי איך זיך אין וואַלד שפּאַצירן. ווייל איך, שווים איך אַרום אין טייכל. מיר איז גוט, כ׳לעבן.

זעלדע האָט געשוויגן. עפּעס האָט זיך צונויפגעקנוילט ביי איר אין האַלדז.

— מיין זון איז אַ „קאָונסלער" (מדריך) אויף יענער זייט קעמפּ, אין דער קינדער־אָפּטיילונג. איך בין דאָ געווען צוואַנציק יאָר דירעקטאָר פון קעמפּ. היינט רו איך זיך אָפּ, — האָט ער געקוקט אויף זיין נאָכ־הענגענדיקער האַנט, — זיי אַרבעטן שוין פאַר מיר אויך...

זיי זיינען נאָך געשטאַנען אַזוי עטלעכע מינוט אין שווייגן, דערנאָך האָט זי אים אַ דריק געטאָן זיין האַנט און איז אַריין צו זיך אין ביידל.

דעם זעלבן אָוונט האָט זעלדע אָנגענומען אַ באַשלוס. נאָר זי האָט נאָך דערוויל אַליין ניט געוווסט וועגן דעם.

זינט דער „געשעעניש" (און דאָס איז געווען אַ געשעעניש אין קעמפּ, אַז אַ געוועזענער דירעקטאָר זאָל ווידערשפּעניקן דעם כּלל און זיך חברן מיט אַ מענטשן, וואָס האָט, לויט דער אָנגענומענער מיינונג, באַדאַרפט איגנאָרירט ווערן), האָט דער „סאָשל דירעקטאָר", אַ פּעיִקער יונגערמאַן, אַ פּליט פון דייטשלאַנד, וועלכער האָט געוווסט ווי זיך צוצופּאַסן צו אַ סיטואַציע, זי אויך אָנגעהויבן צו באַמערקן, און איר אָנגעהויבן שענקען אַ ביסעלע אויפמערק. אַריינגייענדיק אין עסיצמער האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט ביי איר טיש, זיך געגריסט מיט אַלעמען, פאַרביטן אַ פּאָר שפּאַסיקע ווערטלעך מיט בריקנערן און דווקא צו איר גערעדט בשעת ער האָט איבערגעגעבן די פאַרשטייענדיקע אַקטיוויטעטן פון טאָג. זי האָט אים זייער העפלעך און זייער פאָרמעל געדאַנקט.

* * *

פריייטיק אָוונט איז באמת געווען אַ גרויסער עונג־שבת אין קעמפּ. עס זיינען אָנגעקומען אַ סך נייע געסט. אַלע האָבן זיך אויסגעפּוצט אין

ליכטיקע קליידער. דאָס עסצימער איז געווען העל באַלויכטן. שניי־ווייסע טישטעכער האָבן געבלאַנקט פון די טישן. דער אויבן־אָן איז געווען אַ טיש אין דער ברייט פונעם עסצימער אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ גרויסע מנורה מיט זיבן אָנגעצונדענע ליכט. דער מאָלצייט איז באַשטאַנען פון חלה, גילדענער יויך מיט מאַנדלען, עוף און אַ געשמאַקן היימישן צימעס.

רויטער וויין האָט געפינקלט אין געשליפענע גלעזער און קליינע, קיילעכדיקע קיכעלעך, ווי גאָלדענע מטבעות, האָבן געשיינט אויף זילבערנע טאַצן. חיה און בתיה אין זייערע צאַרט געבלימלטע קליידער, פריש־געמאַכטע פריזורן און מאַניקירטע נעגל האָבן פאַרשמעקט דעם אַרום מיט זייער טייערן פּערפום.

מר. סיימאָן פּאַנסקי איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי — אַ שיינע, רייפע זומערראָז — און צוויי געשעפטס־קאָלעגן, וועמען ער האָט איינגעלאַדן אַהער, כדי דאָ, אין דער געמיטלעכער אַטמאָספער, צו ריידן וועגן „ביזנעס". (אין אַמעריקע איז אָנגענומען צו פאַרבינדן „ביזנעס" מיט „פּלעזשור" — געשעפט מיט פאַרגעניגן). ער איז געשטאַנען אַ שיינענדיקער אין פאַרצימער אין אַ לייכטן, קאַקאַ־ברוינעם אַנצוג, ווייס און ברוין קאָמבינירטע שיך און אַ ביז גאָר שיין פאַרביק, זיידן ספּאָרטהעמד. ער האָט געראויכערט אַ שמעקעדיקן ציגאַר און האָט יעדער איינעם אויפגענומען מיט אַ ברייטן גוט־שבת.

פרייטיק־צו־נאַכט, נאָכן עסן איז מען ניט געגאַנגען, ווי יעדער אָוונט אין דער וואָך, שפּאַצירן. נאָר מען האָט זיך פאַרזאַמלט אין אוידיטאָריע, ווו ס׳איז געווײנלעך עפּעס פאָרגעקומען — אַ לעקציע אָדער אַ קאָנצערט און אַ מאָלביידע זאַכן צוזאַמען. אין דעם פרייטיק אָוונט, אַזוי ווי ס׳איז גראָד געווען אין די „ניין טעג", האָט עזרא בריקנער באַדאַרפט רעדן וועגן „איכה, דאָס קלאַסישע ווערק".

אין דרויסן האָט זיך געקליבן אויף אַ רעגן, דעריבער איז זיך דער גאַנצער עולם צונויפגעקומען צו דער לעקציע אין אוידיטאָריע. מיטן אויסנאַם פון עטלעכע קליינע גרופּקעלעך מענטשן, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַ חזקה אין די פרייטיק־צו־נאַכטן, ווען מען וואַרפט אַראָפּ דעם

עול פון קאָפּ, צו שפּילן אַ „פּאָקער" (פאַראַן אַזאַ טראַדיציע אויך אין אַמעריקע).

אין זאַל האָט זיך זעלדע אַוועקגעזעצט אויף אַ לאַנגער באַנק האַרט נעבן דער וואַנט. ס'האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז נעבן איר איז דער פּלאַץ געבליבן ליידיק. אַ ביסל פאַרשפּעטיקט איז אַריינגעקומען אַן עלטערער מאַן מיט אַ דינער פיגור איינגעהילט אין גאַנצן אין גרוי: אַ שיינער, גרויער אַנצוג, שיטערע גרויע האָר, אַן אָפּגעלעבט גרוי פּנים און אויסגעטריקנטע, גרויע ליפּן.

קענטיק, אַז ער איז דאָ געווען איינער פון די זייער אָנגעזעענע געסט; וואָרעם אַ סך מענטשן אין זאַל האָבן אויסגעדרייט צו אים זייערע קעפּ גריסנדיק אים מיט די הענט. ניט לייגנדיק קיין שום אַכט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן ערשטן, בעסטן פּלאַץ — נעבן זעלדען.

זעלדע האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייט מיט אַ לייכטן שמייכל. ער האָט זי אָנגעקוקט איבעראַשט, מיט צוויי גרויע אויגן, ווי שטאָלענע שאַרפן. דאָס גרויע פּנים זיינס איז אונטער דער הויט פאַרגאָסן געוואָרן מיט קאָליר, אָדער אַזוי האָט זיך זעלדען אויסגעדאַכט. ער האָט געזוכט מיט די אויגן אַן אַנדערן פּלאַץ, נאָר ס'איז ניט געווען. דערווייל האָט דער פאָרזיצער געעפנט דעם אָוונט.

יענער איז גראָד געווען אַ קליינינקער, אַ זשוואַווער יונגערמאַן, מיט לאַכנדיקע אויגן און צוויי הויכע ווינקלען ביי ביידע זייטן שטערן. זיין קול האָט ווייט אַריבערגעשטיגן זיין וווּקס. ס'איז געווען פול, קרעפטיק — באַריטאָניש. ער האָט אַרויסגעבראַכט אַן אַפּיקורסישן געדאַנק, אַז איכה איז איבערגענומען געוואָרן פון אַ פרעמד פאָלק און איז פאַריִדישט געוואָרן „אין גלות". זיין שפּראַך איז געווען אַזאַ פאָלקסטימלעך זאַפטיקע, אַז ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן אים צו הערן, וואָס ער זאָל ניט געווען זאָגן.

זעלדע איז נאָך געווען באַהערשט פון יענער יונגקייט, וואָס איז אויף אַלצדינג בייגעריק. דערהערט אַזאַ יִידיש־לשון, וואָס האָט זיך געטונקען אין אַ שלל פון גלייכווערטלעך און געשפּריצט מיט הומאָר, האָט זי געחלשט צו וויסן ווער דער מענטש איז, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ כּוח־הדיבור. זי האָט זיך לייכט צוגעבויגט צו איר שכן און שטילערהייט געפרעגט:

— ווער איז דער פּאָרזיצער?

דער מאַן אין גרוי האָט ניט געענטפערט. האָט זעלדע צוגעוואָרט אויף אַ שטיקעלע הפסקה און האָט ווידער געפרעגט:

— רב ייִד, אדוני מיסטער, אפשר ווייסט איר ווי אַזוי דער פּאָר־זיצער הייסט?

דער מאַן אין גרוי האָט אַפילו ניט קיין צוק געטאָן מיט אַ מוסקל פון זיין פּנים, וואָס זאָל אָנדייטן, אַז ער הערט. זעלדע האָט זיך געחידושט:

— אַ טויבער?

נאָר ווען דער פּאָרזיצער האָט פאַרענדיקט זיין קורצע איינלייטונג, האָט דער מאַן אין גרוי שטאַרק אַפּלאָדירט מיט זיינע גלאַטיקע, ווייסע צווײ הענט, וואָס זיינען געווען די איינציקע עדות, אַז ער איז אַ מאָל געווען יונג.

— אויב אַזוי, הערט ער דאָך יאָ. און זי האָט אים ווייטער פאַר־טשעפּעט (ממש, ווי אַ הינטל). זי האָט אין גאַנצן אויסגעדרייט איר פּנים צו אים און געפרעגט שוין אין אַ העכערן טאָן:

— ווי אַזוי הייסט דער פּאָרזיצער?

דער מאַן אין גרוי האָט אויף איר אָנגעשטעלט אַ דראָענדיק פּנים, ווי ער וואָלט איר געוואָלט דערלאַנגען אַ פּאַטש. זיינע באַקן זיינען נאָך מער איינגעפאַלן און דאָס געביס זיינס האָט אַרויסגעשטאַרצט, ווי ביי אַ מת. ער האָט זיך ראַפּטאָם אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דאָס אָרט.

ווען בריקנער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה, זיינען חיה און בתיה געווען די ערשטע צו באַמערקן, ווי פיין ער זעט אויס; ווי אויפ־געלייגט ער איז און ווי זיכער זיינע באַוועגונגען זיינען. ער איז זיך געשטאַנען, דאַכט זיך גלייך, גאָרניט ווי אַלע מאָל, מיטן רעכטן אַקסל אַראָפּגעלאָזט. זיין פּנים — פול און ברוין; זיינע טונקעלע האָר האָבן געגלאַנצט ווי דורך אַ זילבערנעם נעפּל. ער האָט אָנגעקוקט דעם עולם מיט אַ וואַרעמען שמייכל, פאַרוואָרפן אַ בליק אויף זעלדעס זייט און האָט אָנגעהויבן ריידן. ער האָט אָפּגעפרעגט די איינלייטונג פון פּאָרזיצער, ווי אַ ווילדן געדאַנק און אַרויסגעבראַכט, אַז „איכה איז אַ קלאַסיש ווערק פון גרויס טרויער און פּאָעזיע". — וואָרעם אַפילו עס הויבט זיך אָן מיט

„איכה ישבה בדד" איז אָבער פֿאַראַן אויך האָפֿענונג און אמונה: „כי לא יזנח לעולם אדני". און „לא ענה מלבו ויגה בני איש".

ער האָט ציטירט פּסוקים און געבליצט מיט אָריגינעלע געדאַנקען. ווען ער האָט געענדיקט, האָבן די הילצערנע ווענט פֿונעם זאַל אָפּגעהילכט פֿון די אַפּלאָדיסמענטן. העגט האָבן זיך געשטרעקט צו אים מיט גרויס אָנערקענונג. למען האמת: ס'האָט ניט אויסגעזען, ווי שבת־חזון, נאָר ווי שבת נחמו.

ווען מען האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט פֿון דער באַגייסטערונג, האָט ער געזוכט מיט די אויגן דאָס אָרט, וווּ זעלדע איז פֿריִער געזעסן. ס'איז שוין קיינער דאָרט ניט געווען. זעלדע איז אַוועק ווי אַ פֿאַרווונדעטע חיה אין איר נאָרע אַריין.

אַלע האָבן זיך געקליבן אין דער קאַסינאָ אַריין צו טרינקען טיי. בריקנער איז מיטגעגאַנגען מיטן שטראָם. נאָר אויפֿן וועג האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אַוועק אין אַ זייט און זיך פֿאַרנומען צו איר ביידל. ס'איז געווען פֿינצטער. ער האָט שוין געוואָלט צוריקגיין, נאָר פּלוצלינג האָט ער דערהערט:

— אַ גוטן גוט־שבת אייך, איר וואַרט דאָ אויף עמעצן?

בריקנער האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ קוסט. צוקוקנדיק זיך נענטער, האָט ער געזען זעלדען זיצן אויף דער שוועל און דעם „סאָושל־דירעקטאָר" אָנקומען מיט דער סטעשקע.

— איך וואַרט דאָ אויף קיינעם ניט, — האָט זעלדע געזאָגט איבעראַשט, ממש דערשראָקן — אָבער וואָס טוט איר דאָ אַזוי שפּעט?

— איך האָב אייך געזען אַוועקגיין איינע אַליין, האָב איך געטראַכט: דער הימל האָט זיך אויסגעשטערנט נאָכן רעגן, למאַי זאָלט איר אַהיימגיין אַזוי פֿרי. „ער" איז היינט אין די הויכע פֿענצטער...

— אַזוי? ווער למשל איז „ער?"

דער דירעקטאָר האָט ניט געענטפֿערט, נאָר זיך צוגעזעצט אויף אַ טרעפּל נעבן איר.

— ס'איז אַ שיינע וועלט, זאָג איך אייך. מען דאַרף בלויז וויסן

ווי אַזוי צו געניסן פון דער שיינקייט, — האָט ער גערעדט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין...

— קומט לאָמיר אויך גיין „אין די הויכע פענצטער" טרינקען טיי, — האָט גראָד זי געמאַכט דעם פאָרשלאָג.

ווען זיי זיינען אַריין אין קאַסינאָ, זיינען שוין אַלע טישן געווען באַזעצט. ס'איז געווען לעבעדיק און פריילעך. מען האָט זיך איבערגע־וואָרפן מיט ווערטלעך פון איין טיש צום צווייטן, געלאַכט און זיך אונ־טערגעהאַלטן אויפן קול.

— העי, בריקנער, ביסט דאָך עפּעס אַ גאון, כ'האָב גאָרניט געוווסט וועגן דעם.

— ניין. איך וויל זיך ניט שפּילן מיט אים, — האָט זישאַ שוואַרץ, דער „סוב־דירעקטאָר" געטומלט, — איך וויל זיך שפּילן מיט עמעצן אַנדערש.

בריקנער האָט גאָרניט „באַמערקט" ווען זי איז אַריינגעקומען. ער איז געווען אין דער בעסטער שטימונג, וואָס זי האָט אים אין משך פון דער גאַנצער וואָך געזען. נאָר ביים אַהיימגיין האָט ער זיך מיט אַלעמען איינציקווייז געזעגנט, געדאַנקט פאַר די קאָמפּלימענטן, ווי עס פירט זיך אין אַמעריקע, און איז געבליבן הינטערשטעליק.

— ווער גייט אויף מיין וועג? — האָט אַ שיינע, דיקע פרוי מיט צוויי בלאָנדע צעפּ אַרום איר קאָפּ, געפרעגט און דערביי צוגעוואָרפן אַ שעלמישן שמייכל צו בריקנערן.

— מיר דאַכט זיך, אַז מר. פּערלמאַן, דער „סאָשל דירעקטאָר" גייט אויף אייער וועג, — האָט בריקנער ניט זיכער באַמערקט.

— יאָ, איך וועל אייך אָפּפירן, האָט דער דירעקטאָר גאַלאַנט זיך אָפּגערופן. ער האָט אַ נעם געטאָן זעלדען ביים אָרעם און שטילערהייט צוגעגעבן: — דערנאָך וועל איך אייך צופירן.

— אָט איז דאָך מיין ביידל. ווי ווייט האָב איך דען? — האָט זיך זעלדע געבעטן.

— איך וועל אייך צופירן, ווי ווייט אָדער נאָענט עס זאָל ניט זיין.

זי האָט צו אים אַרויפגעקוקט, אים איינגענומען, ווי מען נעמט איין אַ קינד.

— איר דאַרפט גיין מיט זיי, ניט מיט מיר. איר זעט? זיי וואַרטן אויף אייך.

דער דירעקטאָר האָט אויפגעהויבן די אויגן, זיך אַרומגעקוקט. פון דער ווייטנס איז געשטאַנען בריקנער, איינער אַליין. זיין קראַנקע האַנט אין קעשענע, אַזוי ווי זיין געוווינהייט איז געווען. ערשט איצט האָט זיך פּערלמאַן געכאַפּט, אַז ער איז דאָ אפשר ניט געוווּנטשן; פריִער איז אים דאָס גאָרניט איינגעפאַלן...

בריקנער איז איר געווען פון גאַנצן האַרצן דאַנקבאַר. ער האָט גע־פילט אַז דעם היינטיקן אָוונט, גראָד אין דעם דערהויבענעם מאָמענט, נויטיקט ער זיך געוואַלדיק אין די פּאָר מינוט מיט איר וויפל עס נעמט דער גאַנג פון דער קאַסינאָ ביז איר ביידל. אין דרויסן איז געווען פייכט און לויטער. ער האָט אַרומגעוויקלט זיין געזונטן אָרעם אַרום אירע אַקסלען און זי איינגעטוליעט צו זיך. זי האָט פּאַמעלעכן ניט געוואַגט, אָנגענומען זיין קאַלטע, ציטערדיקע האַנט און זי הייס געגלעט, ווי זי וואָלט דערמיט געזאָגט: אָרעמע, ליבע, קראַנקע האַנט, זיי מיר אַ חבר, זיי מיר אַ פריינד. עלנט בין איך און קראַנק איז מיין נשמה...

זיי זיינען געגאַנגען שפּאַן נאָך שפּאַן; יעדער טריט אַ טראָפּן פון זייער לעבן. קיין איינציק וואָרט איז ניט געפאַלן צווישן זיי. וואָס איז דען דאָ געווען צו ריידן?

סוף־כל־סוף זיינען זיי דאָך צוגעקומען צום ביידל און זיינען שטיין געבליבן איינער קעגן אַנדערן.

— איר גייט שוין טאַקע אַריין?

זי האָט געשוויגן, ניט געענטפערט. פּלוצלינג האָט ער זי אַ ציִ געטאָן צו זיך מיט אַזאַ כּוח, אַז זי איז דערשטיקט געוואָרן. ער האָט אָנגענומען מיט ביידע הענט איר קאָפּ און זי געקושט; ניט אויף די ליפּן, נאָר אויף די אויגן, אויפן שטערן, אויף די האָר. ער האָט גייציק איינגעזאַפּט אין זיך איר נאָך יוגנטלעכן, זיסן ריח. זי האָט זיך נאָכגעגעבן, נאָכגעגעבן,

און מיט איין מאָל האָט זי זיך אַ ריס געטאָן און פאַרהאַקט די טיר פון אינעווייניק.

עס האָט אים גענומען היפּשע עטלעכע מינוט ביז ער איז געקומען צו זיך.

* * *

שבת אין דער פרי זיינען זיי שוין געווען צוריק פרעמדע. און כּדי די פרעמדקייט זאָל זיך וואָס בעסער אָנזען האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיטן עולם. צום אָנבייסן איז זי ניט אַריינגעגאַנגען אין עסצימער כּדי אים אַרויסצוהעלפן פון דער פאַרלעגנהייט. מיטאָגצייט זיינען אָנגעקומען אַ סך מענטשן און קיינער האָט זיי ניט אין זין געהאַט, אַ חוץ איין מענטש: דער „סאָשל דירעקטאָר". בריקנער האָט זיך געזעצט אויבנאָן ביים טיש, ווי ס'איז אַלע מאָל געווען איינגעשטעלט.

שבת פאַרנאַכט. אַ גאָלדיק אויסגערונדיקטער טאָג האָט געגעענט צו זיין סוף. אַ זיסער טרויער האָט געהויערט אין דער לופטן. ווייסע וואָלקנדלעך האָבן זיך שטיפעריש געשיפּט איבערן הימל. פּאַמעלעך, ווי דורך אַ כּישוף־האַנט, זיינען דורכזיכטיקע נעפּלען צעהאַנגען געוואָרן איבער די בערג. זעלדע האָט געעפנט די טיר פונעם אָנגעהייצטןביידל און זיך אָוועקגעזעצט אויף דער שוועל. דאָס רענצל איז שוין געווען געפּאַקט. זי האָט באַשלאָסן נאָך מאָרגן מיטן לעצטן אויטאָבוס אַהיים־צופאָרן. אַהיים, אין די בראָנקס, אין אַ טענעמענט־הויז אויפן פערטן שטאָק, וווּ די היץ זעצט דורך דער סטעליע גלייך אויפן מוח אַראָפּ.

* * *

זונטיק פאַרנאַכט. די זון, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געשליידערט פייערדיקע רייפן, האָט איצט, ביים אַראָפּלאָזן זיך, געפלייצט מיט ווילדע קאָלירן. אַ לייכט ווינטעלע האָט געשפּילט איבער די ציטערדיקע גראָזן.

די מענטשן, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין קעמפּ, נאָך דעם, ווי די מערסטע געסט זיינען שוין אָפּגעפאָרן מיטן ערשטן אויטאָבוס אַהיים, האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען אַרום דעם מיטלסטן בנין — דעם עסזאַל. קיינער האָט זיך ניט געאיילט אַריינצוגיין עסן. יעדער איינער האָט געהאַט

אזוי פיל צו דערציילן פון די אייגענע און נאָענטע, וועלכע זיינען אַרויס־געקומען סוף וואָך דאָ צו פאַרברענגען. דער שמועס איז געווען זייער אַ לעבעדיקער און האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ געלעכטער; — מיט אַ טרוקן, מיטליאַריק געלעכטער. ווי תּמיד האָט דער סוב־דירעקטאָר, זישאַ שוואַרץ, געפירט די גראַנדע. נאָר בריקנער איז געווען שטאַרק אומרויִק. פאַר וואָס קומט זי שוין ניט אַרויס? שוין, ס'איז דאָך שוין נאָכן יריד, — האָט ער געטראַכט. — די מערסטע זיינען דאָך שוין אַוועקגעפאָרן. וואָס זשע זיצט זי דאָרטן איןביידל? ער האָט אַרומגעזוכט מיט די אויגן דעם „סאָשל דירעקטאָר" — ער איז אויך ניטאָ...

זעלדע האָט געטראָגן איר רענצל אַרום און אַרום די בנינים כּדי אויסצומיידן דעם פאַרזאַמלטן עולם. זי האָט זיך אויף אַ מינוט אָפּגעשטעלט אויפן טרעפּל פון לעצטן אויטאָבוס און אַרומגענומען דעם קעמפּ מיט די אויגן. העט ווייט, אויפן באַרגיקן האָריזאָנט האָט זיך געצויגן אַ שרענגע מיט קינדער. אין אָפּשיין פון די לעצטע שטראַלן האָבן זיי אויסגעזען, ווי סילועטלעך אָנגעקלעפּט אינעם הימל און האָבן אַראָפּגעזונגען שירה צו דער ערד.

— קדימה, קדימה, קדימה הפּועל
העי, העי, קדימה הפּועל. — — —

— „אָל אַבאָרד!" האָט דער שאָפער אויסגערופן. — אַלע מוזן איינ־שטייגן.

צי האָט זיך בריקנערן אויסגעדאַכט, אַז ער זעט זי אַרויפגיין אויפן אויטאָבוס? ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיך געלאָזט לויפן מיט אַזאַ אימפּעט, גלייך ער וואָלט פּלוצלינג אַראָפּ פון זינען. אין דעם מאָמענט האָט זיך דער אויטאָבוס אַראָפּגעגליטשט פון דעם פּלאַטאָ און איז פאַרשוווּנדן צווישן די מייפּל־ביימער.

צוריק איז שוין געגאַנגען אַן אַנדערער בריקנער; אַ בריקנער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן אַקסל, מיט דער ציטערדיקער האַנט אין קעשענע — „און מיר האָט זי גאָרניט געזאָגט, זיך אַפילו ניט געזעגנט. ווען" — — —

זעלדע איז געזעסן אויפן אויטאָבוס איינגעקאָרטשעט אין זיך, ווי אַ פאַרוווּנדיקט הינדל. זי האָט געפילט, אַז זי קאָן ניט אַהיימפאָרן צו

די ענגע פיר ווענט; זי קאָן ניט אויסהאַלטן דעם הייסן זומער; זי קאָן ניט איבערטראָגן דעם עלנד; מיט איין וואָרט זי קאָן ניט.

שפּעט אין אָוונט איז זי אָנגעקומען אויף „מאַנשאַלא פּאַרקוויי" (אַ סאַבוויי־סטאַנציע אין די בראָנקס) און זיך געלאָזט גיין קאָסע איבערן וואַן־קאָרטלאַנד־פּאַרק צום „טרייאַנגל טענעמענט־הויז", ווו זי האָט געוווינט. האָט זי גאָר פאַרבלאָנדזשעט צו די שלום־עליכם־הייזער אויף גיילס פּלעיס. זי האָט אַראָפּגעקוקט צו איר שול, וואָס איז געווען האַלב איינגעגראָבן אין דער מויער מיט די פענצטער ממש אויפן טראָטואַר. אויף אַ שילדל איבער דעם אַריינגאַנג האָבן געפּלעמלט פיר אותיות א. פ. א. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן, כמעט אַלע קינדער שלאָפן איצט אין קעמפּ. „צו וואָס האָט זי זיך געדאַרפט נעמען וואַקאַציע, צו וואָס?" מיט די קינדער איז איר דאָך אַזוי גוט...

דער הימל איז געווען איבערנאַטירלעך שיין. העט אויבן אויבן, אויפן עק פון דער פאַרריסענער מויער, ווי אויף אַ פליגל אין חלל האָט געברענט איין איינציק ליכט אין אַ פענצטער. איבער אַ שרייבטיש איז געזעסן איבערגעבויגן אַ מאַן און געשריבן. דער שרייבער האָט געהייסן אַ. ראַבאַי. זי האָט אים גוט געקענט און אויך געווען נאָענט באַקאַנט מיט זיין פרוי, שרה. זיי וואָלטן זי אפשר אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און זי געטרייסט. נאָר „ווי קלינגט מען עס צו יענעם אָן אַזוי שפּעט ביינאַכט?"

אַן אַרבעטער־פירער ווערט אַן עקזעקוטיוו

דאָס שיין וואָרט מנהל ווערט אין אַמעריקע אָנגערופן מיט אַ סך נעמען: פּאַרוואַלטער, אויפזעער, דירעקטאָר, עקזעקוטיוו וכדומה. קיין איינער פון די אַלע פּראָפעסיאָנעלע נעמען איז אָבער ניט אַזוי אָנצִיִענדיק ווי דער טיטל עקזעקוטיוו.. צו דער מדרגה פון אַן עקזעקוטיוו שטרעבן אַלע: די קינדער אין שול גרייטן זיך אויף דעם, דער אָנגעשטעלטער אין אַ ביוראָ, דער פאַכמאַן איז אַ פאַבריק און מכל־שכן — אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע. דאָס וואָרט עקזעקוטיוו, ווי ס׳ווערט פאַרשטאַנען אין אַמעריקע, איז ממש אַ צויבערוואָרט. ס׳מיינט ניט נאָר אַ גוט באַצאָלטער פּאָסטן, ס׳מיינט אויך שטאַנד, אָנזען אין דער געזעלשאַפט און... מאַכט. זעלטן עס זאָל זיך פאַרלויפן, אַז אַן עקזעקוטיוו זאָל אָפּגעזאָגט ווערן פון זיין שטעלע. דער דאָזיקער אַמט ווערט אַזוי „אַרומגעצעמענטירט", אַז ווען עס געלינגט נאָר זיך אַהין צו דערשלאָגן איז עס שוין אויפן גאַנצן לעבן. אַן עקזעקוטיוו פון אַן אינסטיטוציע ווערט ממש אַליין די אינסטיטוציע. ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך און מ׳קען ניט האָבן פאַראיבל אויף אַלע די, וועלכע האָבן נאָר אַ ביסעלע פעיִקייט און אַמביציע און צִיִען זיך אַזוי שטאַרק צו יענער הויכער פּאָזיציע. מען זאָגט זיך אָפּ פון אידעאַלן, מען פאַרבייגט פּרינציפּן און ס׳טרעפט (ס׳זאָל זיך אַזוי ניט טרעפן), אַז מען פאַרקוקט עלעמענטאַרע אָנשטענדיקייט אַבי צו דערגרייכן די פון אַלעמען באַגערטע מדרגה פון אַן עקזעקוטיוו.

ויהי היום, נאָך דעם גרויסן חורבן, איז געקומען אַ ייִד קיין אַמעריקע. אַ ייִד אַן אַרבעטער, אַן ערשט־קלאַסיקער בעל־מלאכה ביי רויכוואַרג: פוטער־מאַנטלען, קעלנער, מופטעס און אַלץ וואָס לאָזט זיך נאָר מאַכן פון פעל און פעלץ. זיין נאָמען אפרים ריבאָק.

אין דער היים, אין פוילן, און שפּעטער אין מערב־אייראָפּע, איז ריבאָק געווען אַן אָנגעזעענער און באַליבטער אַרבעטער־פירער. געקעמפט מיט

לייב און לעבן פֿאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן פֿאַראיין, געשטאַנען אין שפּיץ פֿון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי און צו זיין וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט — אַפּילו קעגנערס. קודם־כל דערפֿאַר, ווייל ער איז געווען אַ מייסטער אין זיין פֿאַך (ס'ליגט שוין אין דער נאַטור פֿונעם אַרבעטער צו האָבן דרך־ארץ פֿאַרן גוטן בעל־מלאכה), והשנית, פֿלעגט ער דערשיינען אויף אַ פֿאַר־זאַמלונג ניט מיט קיין צעכראַשטשעטע העמדל, ווי אַנדערע אַרבעטער, נאָר אָנגעטאָן עלעגאַנט, ממש ווי פֿון אויסשטעל־פֿענצטער אַרויס. און גערעדט האָט ער צו דער זאַך — געקאָנט לאָגיש באַגרינדן אַ געדאַנק, אַן אידעע. ער פֿלעגט זיך אוועקשטעלן פֿאַר אַן עולם שלאַנק און הויך, מיט אַ לייכטן בויג פֿאָרויס, און גערעדט מיט דיקציע, מיט קראַפֿט. ווייניק האָבן זיינע צוהערערס געקאָנט וויסן, אַז דער דאָזיקער בויג מיינט אויך אַ בויג אין זיין כאַראַקטער. זיין ברויט האָט ער געצויגן פֿון די צען פֿינגער, גלייך מיט אַלע אַרבעטער און זיין גהזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט איז געווען גאָלע לשמה.

די ייִדישע יישובים אין מערב־אייראָפּע האָבן זיך געקלאַמערט צו די לענדער אין וועלכע זיי האָבן געפֿונען אַ שטיקעלע מקום מקלט. פֿאַרט האָט די שינאה דאָ ניט אַזוי געשאַרפֿט , ווי אין דייטשלאַנד און אין פּוילן. האָבן ייִדישע אימיגראַנטן אויסגעשטרעקט זייערע הענט צום ניט־ייִד — אין די הענט דאָס האַרץ — און האָבן זיך געבעטן: ברודער, גוי, זיי מיר אַ שכן, זיי מיר אַ פֿריינד; דערלויב מיר אָוועקצולייגן מיין פֿאַרוואָגלטן קאָפּ ביי דיין שוועל. דו זעסט דאָך, די וועלט האָט פֿאַרהאַקט טיר און טויער און אין דרויסן לאָזט זיך אַראָפּ אַזאַ פֿינצטערע נאַכט...

האָט דער ניט־ייִד דערלויבט. דאָס הייסט ניט אַזוי דערלויבט, ווי אָוועקגעקוקט, ער זעט ניט. און אַז ער זעט ניט, איז ער ניט קיין משה־מחויב איבערצוגעבן דער פּאָליציי. האָבן ייִדן און גויִם געלעבט זייט ביי זייט, געאַרבעט צוזאַמען, מאַרשירט צוזאַמען און געקעמפֿט צוזאַמען. נאָר דער שונא, אַלעמענס שונא — דייטש־נאַצי ימח שמו וזכרו — האָט מנצח געווען און פֿון דעם אַ תל געמאַכט.

אונדזער אַרבעטער־פֿירער האָט געמוזט פֿאַרלאָזן זיינע געפּירטע, ווייל ער האָט זיי בשום אופן ניט געקאָנט מיטנעמען און אַליין, שוין די לעצטע

רגע, קוים זיך אַרויסגעראַטעוועט, ממש פון די נעגל אַרויס. ווייב און קינדער זיינען אַוועק ערגעץ מיט אַ טראַנספּאָרט, ער ווייסט ניט וווהין.

קירזשנעריי איז אַ וווּיל פאַך אין אַמעריקע. ס׳באַצאָלט זיך גוט. אָבער ווּ איז דאָס געדעדט געוואָרן? אין די גרויסע צענטערס פון פוטער־אויס־אַרבעטונג: ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, מאָנטרעאָל, מאַניטאָבאַ, שיקאַגאָ. מיט אַנדערע ווערטער — אין מיזרח און אין מיטל־מערב פון לאַנד. האָט אָבער דער גורל געוואָלט אַז אונדזער אַרבעטער־פירער זאָל פאַרוואָרפן ווערן אַזש אין דער ווייטער וועסט — קיין מערב, און ניט צופעליק, נאָר ווייל ווייב און קינדער האָבן זיך, על־פּי־נס, אַהין דערשלאָגן.

אין לאָס אַנדזשעלעס טראָגן פוטער־מאַנטלען בלויז די האָליוווּדער „שטערן”. אַפילו די „ביקיני” באָד־קאָסטיומען זיינען אויך פון קאָסטבאַרע פעלכלעך. דאָ און דאָרט זעט מען גלאַט אַ רייכע פרוי טראָגן אַ פעלץ־מאַנטל אַפילו אין מיטן זומער. דאָס איז ווען מען גייט צו אַ פּרעמיערע אָדער אין „האָליווּוּד באָול” (נאָמען פון אַמפי־טעאַטער). איז שטערן אויפן קאַ־ליפאָרניער לויטערן הימל זיינען טאַקע פאַראַן זייער אַ סך, אָבער האָלי־ווּדער "שטערן" — פאַרט אין אַ באַגרענעצטער צאָל. ליידט דאָס פאַך פון אַרבעטלאָזיקייט. די באַשעפטיקונג דויערט דריי חדשים אַ יאָר.

האָט אונדזער אַרבעטער־פירער זיך געפּרוּווט איבערוואַרפן אויף אַן אַנדער פאַך. אפשר ווערן אַ צושניידער? געהערט האָט ער, אַז די „אַמאַל־גאַמייטעד יוניאָן” כאַפּט ממש אויף די ניי־אָנגעקומענע פּליטים. איי ער איז ניט קיין שניידער? נו, און אַ קירזשנער איז ער דען געבוירן געוואָרן? איז ער אַוועקגעגאַנגען דאָרטן ווּ מען דאַרף, דערציילט אַזוי און אַזוי, אַז ער מוז זיך אויסלערנען אַ נייע מלאכה, וואָרעם די פוטער־יוניאָן האָט אַ סך אַרבעטלאָזע. איז אַרויסגעקומען אַ ייִד מיט פליישיקע באַקן און קליינע אייגעלעך, וואָס האָבן אַרויסגעבליצט פון שמאָלינקע שפּעלטעלעך, אים דערלאַנגט די האַנט, אַריינגערופן צו זיך אין אָפיס אַריין און זיך גאָר אַוועקגעזעצט כאַפּן אַ היימישן שמועס מיט אים. און כדי דער פרעמ־דער זאָל ניט מיינען, אַז ער וויל אים פאַררײדן די ציין האָט ער גלייך אָפּגעשטעמפּלט אַן אַרבעטס־קאַרטל און זיך גענומען דורכקוקן די רשימה פון יוניאָן־שעפער אין שטאָט. בשעת־מעשה האָט ער פאַרטרוילעך גערעדט:

„און וואָס מיינט איר, אַ ביזנעס־אַגענט איז לייכטער? ווייניק קאָפּדרייעניש און האַרץ־ווייטיק האָט מען? שווער, ברודערקע, צופרידן צו שטעלן אַלעמען — סיי דעם אַרבעטער, סיי דעם בעל־הבית".

* * *

די פירמע „וועסטערן מענס קלאָטהינג" האָט זיך געפונען אין אַן אַלטן בנין אויף היל סטריט. ווען ער איז אַריינגעגאַנגען נעמען דעם עלעווייטאָר האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז ער געפינט זיך אויפן „בעלוויל". ס'איז געווען אַלט און היפּשלעך בלאָטיק. פּונקט אַזוי האָט אויסגעזען דער שאָפּ — ביזן גאַרטל אין מיסט (דעם סאַלאָן האָט ער ניט געזען). ס'איז צוגעקומען אַ מיידל אין אַ קורץ קליידל ביז איבער די קניִעס און צעלאָזטע האָר. ער האָט איר געוויזן זיין אַרבעט־קאַרטע. זי האָט אַ קלונג געטאָן מיט אַ גלעקל און ס'איז צוגעקומען אַ ייִד, וואָס קנעלט אונטער אויף די על־טערע יאָרן אַלס „פאַרמאַן". זע נאָר דעם פּאַצעט, האָט דער „פאַרמאַן" אַ טראַכט געטאָן. אָבער ער האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז דער מענטש קומט אַהער מיט רעקאָמענדאַציעס און אים דערלאַנגט שלום־עליכם. דערנאָך האָט ער זיך מיט אים אַוועקגעלאָזט איבערן שאָפּ.

זיי זיינען צוגעקומען צו אַ גרויסן טיש, אויף וועלכן ס'זיינען געווען אויסגעשפּרייט עטלעכע פּאַכן פאַרשיידענע קאָלירן שטאָף, אָנגעצייכנט פון אויבן מיט קרייד: אַרבל, קלאַפּעס, לייסטלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן. קיין פּאָלעס האָט מען אים נאָך ניט אָנגעטרויט. דער אויפזעער האָט אים גע־געבן אַן עלעקטריש מאַשינדל אין האַנט אַריין און אים געוויזן ווי אַזוי זיך צו ספּראַווען דערמיט. די קונץ דערפון איז געווען אונטערצוקומען מיטן מעסערל אַזוי „כיטרע", אַז די שטאָפן זאָלן זיך ניט באַווייזן צו פונאַנדער־רוקן. ער האָט באַקוקט דאָס מאַשינדל פון אַלע זייטן און ס'האָט אים אויסגעזען צו זיין זייער לייכט צו מאַנעווירן דערמיט. ווי נאָר ער האָט זיך צוגערירט צו די אָנגעצייכנטע מוסטערן, האָבן זיך די שטאָפן דער־שראָקן און זיך גענומען איינקאַרטשען. דער „פאַרמאַן", גראָד אַ ווילער ייִד, אַ שאָפּ־מענטש פון כמה וכמה יאָרן, האָט אויף אים געקוקט פון דער ווייטנס: „ער שוויצט, דער פּאַצעט". און כדי אים ניט מבייש צו זיין,

האָט ער אונטערגעשיקט גלאָריען, זיין אַרויסהעלפערין, זי זאָל אים אַ ביסל צווייזן.

— האַנעי, האָט דאָס מעקסיקאַנער מיידל ליבלעך גערעדט צו דעם טויט־ערנסטן צושניידער, — דו מוזט צוהאַלטן מיט דער גאַנצער פּלאַך פון דער לינקער האַנט, אַנדערש וועסטו האָבן איין אַרבל גרעסער פונעם צווייטן — און אים דערביי אָפּגעגאָסן מיט אַ בליק, ווי שוואַרצע לאַווע.

— אַ שיינעם דאַנק דיר פאַר דער עצה — האָט ער געטראַכט און דער „דו" האָט פיינלעך אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן. אַז מען דאַרף זען די מאַטעריאַלן זאָלן ליגן ווי צוגעקלעפּט דאָס, במחילת כבודה, פאַר־שטייט ער שוין אַליין. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס ?

ביז צוועלף אַ זייגער האָט ער זיך שוין געהאַט גוט אָנגעמוטשעט און איז געווען צופרידן זיך אָנידערצוזעצן און אַ ביסל אונטערהייבן די פיס אויפן שטאָלן פון טיש. ער האָט אויפגעוויקלט אַ ציכטיק פאַרפּאַקטן „סענד־וויטש" און זיך גענומען אַרומקוקן ווו ער געפינט זיך אין דער וועלט.

— עץ זענט נאָר וואָס אָנגעקומען ? — ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט אַ קליין מענטשל מיט צעשראָקענע אויגן, ווי בלויע בלאָ־טערן, ווייטער גערעדט — ווי אַזוי זענט עץ געבליבן לעבן ? נאָר מיר דאַרף מען ניט דערציילן... אויסגעוואַלגערט זיך אין אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און געקומען קיין אַמעריטשקע אַרבעטן אין שאָפּ. אַ בראָך זאָל עס נעמען.

— איך האָב פריִער אויך געאַרבעט אין אַן אַטעליע, איך בין אַ פּראָ־לעטאַריער, — האָט אונדזער אַרבעטער־פירער געזאָגט מיט אַ געוויסן שטאָלץ — נאָר דאָ, זעט אויס, וועל איך מוזן אָנהייבן פון אלף־בית.

— אַ קאָטער (צושניידער) ווילט עץ ווערן ? מ'עט ענק ניט צולאָזן.

— וואָס הייסט מען וועט מיך ניט צולאָזן ? איך בין דאָך געוואָרן אַ מיטגליד אין דער יוניאָן, נאָט, זעט מיין קאַרטע.

— דאָס קוויטל וועט ענק גאָר ניט העלפן, זיי, — האָט ער אַ וויי געטאָן אויף אַנדערע צושניידערס — וועלן זיך אויסלאַכן דערפון.

— ס'קאָן ניט זיין. איך האָב אין פּאַריז אויך געאַרבעט מיט ניט־ייִדן.

געקומען אַהיים איז ער מיט אַ ביטער געמיט. גאָר ניט געזאָגט דעם ווייב (איר דאַרף מען סיי ווי קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלייגן), און

זיך אוועקגעזעצט לייענען א צייטונג. א גרויסע זאַך, האָט ער געטראַכט, שניידן מיט אַ מאַשינקע וואָס גייט אַליין. אַ מאָל וואָלט ער זיך דאָס אויס־געלערנט איינס און צוויי. היינט... האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח, ווייזט אויס, אַז די יאָרן רוקן זיך אָן.

צום שווערסטן איז אים געווען אַריבערצוטראָגן די אָפּגעפרעמדקייט פון די אַנדערע אַרבעטער אין שאַפּ. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז זיי קוקן אויף אים מיט חוזק. דאָס פלירטעווען פון די מיידלעך מיט דעם „האָנעי", און אַז ער האָט זיך ענדלעך דערוווּסט וואָס דאָס הייסט, האָט ער זיך געפילט ביטער באַליידיקט. אין דער היים, אין וועלכן אַרבעטפּלאַץ ער זאָל ניט געווען אָנקומען, האָבן דאָך די אַרבעטער ממש געצויגן די היטלען פאַר אים (ניט מער זיי האָבן ניט געטראָגן קיין היטלען...) און דער דרך־ארץ איז געווען גאָר אָין לשער. און דאָ קוקט מען אויף אים עפּעס ווי אויף אַן אוניקום.

איינער, אַ לאַנדסמאַן זיינער, וואָס איז אַ מאָל געקומען פון זאַ־גלעמביע קיין לאָדזש, אַ מענטש ניט קיין גרעסערער עסקן ווי ער איז געווען, האָט געקראָגן אַ שטעלע ערגעץ ווו אין אַ צענטער (דאָ רופט זיך יעדער לאָקאַל „צענטער"), מוז ער מיט אים אַ רעד טאָן.

כּך הווה!

— מען דאַרף האַלטן די אויגן אָפן — האָט אים זיין לאַנדסמאַן גע־זאָגט. — ס'מאַכט זיך אַ מאָל אַזאַ געלעגנהייט. זעלטן טאַקע, אָבער פאַרט. נאָר... — האָט יענער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— דאָ־הי מוז מען אָפּזען פון די אַמאָליקע דרכים. דאָ, ברודערקע, גילטן ניט קיין רעוואָלוציעס. און ס'איז נישטאָ פאַר וועמען אויך.

— מילא, ביז איך וועל זיך אַריינקריגן אויף אַ פּאָסטן...

— אַריינקריגן, איי־איי... די קונץ איז זיך צו דערהאַלטן אויף אַ פּאָסטן. און ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט זיין אויסגעגלעט הענטל פון אויבן, אויף דער בוזעם־קעשענע, אַ סימן אַז ער איילט זיך.

— גיב מיר אַ קלונג אין אַ צען טעג אַרום, וועל איך זען וואָס איך קאָן טאָן פאַר דיר.

אָבער אונדזער אַרבעטער־פירער, אפרים ריבאַק, האָט געהאַט די

גרויסע מעלה, וואָס ער אָריענטירט זיך שנעל. אָריענטאַציע איז אַ האַלבער וועג צו דערפאָלג. און אפשר טאַקע אַ גאַנצער? ער האָט באַלד דערשמעקט ווי עס האַלט אין אַמעריקע, און אונדזער אַ מאָל פלאַמיקער רעדנער איז געוואָרן אַ ביסעלע געלאַסענער, גערעדט וויניקער וועגן נאַציאָנאַלע פראַגעס און וויניקער וועגן סאָציאַלע און דאָס אויך אין אַ טאָן, גלייך ווי איינס דאָס אַנדערע איז זיך סותר.

מען מוז צוגעבן, אַז וואָס שייך אַמעריקע האָט ער ריכטיק אָנגעטאַפּט דעם דופק. די ייִדישע אַרבעטערשאַפט אין לאַנד האָט נאָך מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק אָנגעהויבן אָפּצופאַלן. דעם הויכפונקט האָט די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג דערגרייכט אין די מלחמה־יאָרן, ווען זי האָט בפירוש געמאַכט אַ גרויסן בייטראַג צו דער מלחמה־אָנשטרענגונג (אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך). אין 1945—1950 האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג־אַראָפּ. אַ שליח־ציבור פון אַן אָנגעזעענער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט זיך נאָך מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר צוריק באַרימט, אַז „קיינער פון אונדזערע חברים איז ניט געבליבן אין שאַפּ".

דאָס איז באַשטימט ניט געזאָגט געוואָרן לגנאי, חלילה, בלויז אַ פאַקט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן. דער שאַפּ איז ניט קיין הייליקטום.

אַנדערע באַדערפעניש, אַנדערע באַדינגונגען, אַנדערע לידער. דער אויפשטייג אינעם ייִדישן לעבן איז געקומען גאָר פון אַן אַנדער זייט — ישראל. ייִדישע ישובים איבערן לאַנד האָבן אויפגעלעבט. אין קלייניקייט. מיר זיינען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך! אַסימילירטע קרייזן האָבן זיך פלוצלינג דערמאָנט, אַז זיי „באַלאַנגען אויך צו דער „דזשואיש קאָמיוניטי'". אונדזער אַרבעטער־פירער האָט זיך זייער שטאַרק איבערגענומען מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם ייִדישן פאָלק. אַזוי שטאַרק, אַז בעתן סטרייק פון די ישראל־מאַטראָסן פאַר העכערע שכירות און בעסערע באַדינגונגען איז ער געוועזן להרוג ולאבד קעגן זיי. „זיי ברענגען שאָדן דער מדינה", האָט ער געטענהט. אברהם שלאָנסקי, דער באַרימטער העברעיִשער דיכטער, איז געגאַנגען אויף אַ משמרת („פּיקעט־ליין') אין חיפה און אונדזער אַרבעטער־פירער איז שוין היינט געזעסן אין „ברענטוווד" (אַ רייך

פּאַרשטעטל) און האָט געצאָרנט אויף די חוצפּהדיקע ספּנים (מאַטראָסן). פון דאַנען איז שוין געווען אַ לייכטע זאַך אויסצומעקן פון באַוווסטזיין אַלע נויטן, וואָס דער אַרבעטער באַגעגנט אויך היינט, טאָג־טעגלעך, ביים פאַרדינען חיונה פאַר זיין פאַמיליע.

אין גאַנצן קיין צופאַל איז די איינשטעלונג ניט געווען... אין קאַן איז געשטאַנען אַן עקזעקוטיוו־פּאָסטן. האָט ער בודק געווען זיינע פריִער־דיקע איבערצייגונגען, זיך גוט אָפּגעטובלט און זיך גענומען פּאַוואָלינקע, זייער פאַרזיכטיק קריכן אויף דער געזעלשאַפטלעכער לייטער. ניט אַזוי לייכט איז עס אים אָנגעקומען. ס׳האָט געקאָסט אַ סך מי און אַ היפּש ביסל פּראָטעקציע ביז ער האָט זיך ענדלעך אַרויפגעדראַפּעט אויף דער הויכער שטעלע. אַרויפגעקומען אויבן, אויפן שפּיץ פון אַ גרויסער אָרגאַ־ניזאַציע, האָט זיך אים שטאַרק פאַרדרייט דער קאָפּ און עס האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן.

האָט ער קודם־כל אויפגעהערט צו דערקענען מענטשן, דער עיקר זיינע לאַנדסלייט. והשנית האָט ער זיך גענומען אויסהיטן פון זיינע אַמאָליקע פּאַרטיי־חברים. און אַזוי ווי אַ חסיד רעדט כסדר מיטן רבונו־של־עולם, אַזוי האָט ער ניט אַרויסגעלאָזט דאָס וואָרט „ישראל״ פון מויל. צו דעם „ניט־זען״ האָט צוגעשפּילט אַ קרענקלעכע סיבה, ער האָט פאַרמאָגט אַלע מעלות וואָס פאָדערן זיך כדי צו זיין אַ דערפאָלגרייכער עקזעקוטיוו: איניציאַטיוו, שׂכל, אויסזען, גדלות און אַ ווייב (דאָס איז וויכטיק אין אַמעריקע). נאָר איין זאַך האָט אים געפעלט: שפּראַך — די ענגלישע שפּראַך.

נאָכן אָפּזיין אין אַמעריקע וואָסערע פינף און צוואַנציק יאָר איז ער, רחמנא לצלן, געבליבן אַ „גרינער״. דער אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ פאַר־ליידט דאָס ניט. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט — אוודאי ניט. דאָ איז אַמעריקע, „האַרי אַפּ״ און אַמעריקאַניזיר זיך! דיין עקזעקוטיוו־פּאָסטן וועט ניט וואַרטן אויף דיר. די גאַנצע עקזעקוטיווע האָט זיך שוין לאַנג איבערגעוואָרפן פון יידיש אויף ענגליש. און צווישן דער יוגנט דרייען זיך אַרום מיידלעך אין „מיקראָ־מיניס״, און יונגעלייט מיט צעשויבערטע בערד נאָר מיט הויך־אַקאַדעמישע אַטעסטאַטן אין די קעשענעס.

זעט נאָר, ווי אונדזער אַמאָליקן אַרבעטער־פירער איז גאָר קיין מאָל ניט איינגעפאַלן, אַז כּדי צו שטייגן אויף דער גוזעלשאַפטלעכער לייטער דאַרף מען האָבן אַן אַטעסטאַט. וואָס אַן אמת, אַ מתמיד, אַן אַמביציעזער לערנער און טאַקע אַ קענער איז ער תּמיד געווען. אָבער אַז מען דאַרף גאָר האָבן אַן אַטעסטאַט צו באַווייזן, אַז מען האָט געלערנט, דאָס האָט ער ערשט איצט, אין די מיטעלע יאָרן, אויסגעפונען. און טאַקע דאָס איז געווען די טענה, וואָס זיין ווייב האָט געהאַט צו אים: „אַזוי פיל יאָרן זיך אָפּגעגעבן מיט ,גאַרנישט׳, קלובן, פאַראיינען, לעקציעס, אסיפות. כּאָביי וואָלסטו כאָטש אָפּגעשפּאָרט אַ שטיקל אַטעסטאַט פאַר דיין האַרעוואַניע. נאָר דו האָסט דען אַ מאָל עפּעס אין זין געהאַט ?...״

זי אַליין האָט זיך גראָד זייער גיך צוגעפּאַסט און אַריינגעפּאַסט אין איר נייער ראָלע. זי האָט אויף זיך גענומען אַ שטרענגע דיעטע, רעדוצירט איר קיילעכדיקע פיגור, איז אַוועק אין אַ סאַלאָן און זיך געלאָזט אויסבויען אַ פריזור ווי אַ סטויג די הייך און פון הייגט אויף מאָרגן איז פון דער פלינקער שטיק־אַרבעטאָרין געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע דאַמע, זיך גע־חברט בלויז מיט פרויען פון פּראָפעסיאָנאַלן און פאַרבעטן אין שטוב אַריין אויסשליסלעך איינפלוסרייכע מענטשן (פון וואַנען דאָס נעמט זיך, וואָס פרויען זיינען מער להוט צו סנאָביזם, ווי מענער, אויף דעם דאַרף ערשט קומען דער גרויסער פּסיכאָלאָג עס צו דערקלערן). נאָך לאַנג איידער זיין עקזעקוטיוו־פּאָסטן איז געוואָרן באַשטעטיקט האָט זי שוין געהאַט גע־דונגען אַ דירה אין דער ריכטיקער „סויבורביאַ״ און אַרויס פון שטאָט.

טראָץ דעם אַלעמען איז דאָס פּקידישע בענקל ניט געשטאַנען סאָליד. און וואָס ווייטער האָט זיך עס אָנגעהויבן אַלץ מער צו שאָקלען. נאָכן אָפּעקזעקוטיוון אַ טאָג און טייל מאָל נאָך מיט אַן אָוונט־צוגאָב איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיין איזאָלירטער היים, געטריי, ווי זיין הויכער אַמט און זיין קליין ווייבעלע האָבן פון אים פאַרלאַנגט.

און אין דעם איז טאַקע געלעגן די טראַגעדיע. פון אַן אידעאַל איז געוואָרן אַ פּראָפעסיע. פון אַ נביא איז ער געוואָרן אַ כּהן. ער דערמאָנט זיך די ליבשאַפט, וואָס ער האָט אַ מאָל געגאָסן פון די אַרבעטער, די פאַר־

ערונג. נאָך יעדער פאַרזאַמלונג איז מען אַרומגעגאַנגען ביז האַלבע נאַכט דיסקוטירנדיק מיט פריינד און מיט קעגנערס. מען איז געווען אָנגערעגט, סטימולירט און זיך געפילט דערהויבן. און היינט? היינט...

אַזוי האָט ער מיט מי און מאַטערניש דערצויגן ביז ער איז אַלט געוואָרן צוויי און זעכציק יאָר און האָט אַליין אַריינגעגעבן זיין רעזיגנאַציע, וועלכע איז גלייך אָנגענומען געוואָרן. און דאָס איז די זאַך, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק וויי געטאָן, דאָס אָנכאַפּן זיך אָן דער רעזיגנאַציע, ווי זיי וואָלטן געוואַרט דערויף...

איבערגעלעבט דעם תלמיד

צי געדענקסטו, חבר לערער, די שול אויף ברוקלין עוועניו? דו דארפסט זי זיכער געדענקען. זי שטייט נאָך עד־היום אַזוי שטיל און פאַרטראַכט — מיטן שינדלדאַך אַראָפּגעצויגן איבערן גאַניק — ווי אַ היטל איבערן שטערן — און הילכט בלויז אָפּ אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהען, ווען די קינדער קומען זיך דאָרט צונויף מיט זייער רעש און געפּילדער. נאָר זיי שרייען היינט אויס גאָר אַן אַנדער לשון און לערנען אַן אַנדער תורה...

להיפּוך צו אונדזערע קינדער שרייען זיי אויס דרייסט און הויך זייער מעקסיקאַניש (לייען שפּאַניש) לשון. אונדזערע קינדער פּלעגן זיך שפּילן אין גאַס אויף ענגליש. אויך זיי זיינען שיינע קינדער. אייניגע שענער פּונעם אַנדערן, מיט ברוינלעכע פּנימלעך און זיתים פּייכטע אויגן, וועלכע קוקן אויף דיר מיט אַ ביסעלע חשד. גאָר אַנדערע קינדער זיינען דאָס היינט, חבר לערער. דאָס איז דער נאָכוווקס — דער דריטער דור — פון די אַמאָליקע „זוס־סוטס", געדענקסט זיי? מיט מעסערלעך אין די קעשענעס, ניט דווקא אויף צו שניצן פייפלעך, דאָס איז ניט שלום־עליכם „מעסערל", נאָר לאַנגע שפּיציקע מעסערלעך, מיט וועלכע מען דאַרף זיך אַ מאָל פאַרטיידיקן קעגן עלטערע יינגלעך, גרעסערע און שטאַרקערע פון די וואָס קומען זיך דאָ צונויף. ווייל אַזוי האָט זיך געביטן די געגנט; אַזוי האָט זיך געביטן די סביבה. ביי די קינדער איז עס אַ פראַגע פון „סורוויוועל", פון קיום הנפש.

די יידישע שול דיינע האָט זיך אַרויסגעצויגן אין דער „וואַלי" (טאָל) — אַ געגנט. דערנאָך האָט זי זיך צוריקגעצויגן קיין לאָס־אַנדזשעלעס. די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן און זי איז געוואָרן אַ צוויי־טאָגיקע מיטל־שול; דערנאָך איז זי געוואָרן אַ זונטיקשול און האָט זיך אַריינגעצויגן אין

אַ קלאַסצימער פֿון די רעגירונג־שולן — „פּאַבליק סקולס״. זי האָט זיך אַזוי לאַנג געצויגן ביז זי האָט זיך אין גאַנצן אַרויסגעצויגן פֿון ייִדישן לעבן...

* * *

צי געדענקסטו, אַז ביי דיר אין קלאַס האָט זיך געלערנט אַ הויך אויפֿגעשאָסן ייִנגל מיט אַן אומרויִקן קנאָפּ אויפֿן האַלדז. פֿייוול האָט ער געהייסן, פֿייוול באַלקין. ער האָט זיך תּמיד אַרומגעשפּילט מיט אַ פּיל־פֿעדער אין די הענט און האָט קיין מאָל ניט געהאַט ווו אַהינצוטאָן די לאַנגע פֿיס זיינע. נאָך אַ סימן וועל איך דיר אָנגעבן, אַז פּונקט דעמאָלט, ווען דו האָסט געלערנט אין דער ברוקלין־שול איז ער געוואָרן בר־מצוה. אַ גרויסער בחור געוואָרן, פֿייוול. זיין טאַטע, דער קאַמאַשן־שטעפּער, זיין מאַמע, די שיינע זינגערין בעטי, זיין עלטסטער ברודער, דזשעק, און זיין קליין שוועסטערל שוירלי האָבן אים געמאַכט אַ בר־מצוה־„פּאַרטי״ — אַ שמחה הייסט עס. און דו, ר׳ לערער, ביסט טאַקע געווען דער סאַמע ראש הגדול, האָסט געפּראַוועט די שמחה על התּורה ועל הלייט.

נו, דער תּלמיד דיינער איז געוואַקסן, געוואַקסן דין און הויך, ווי אַ באַנאַנע־בוים אין זיין משפּחה־שטאַם. און מיט אים צוזאַמען איז אויך געוואַקסן אַ שטיפֿער, אַ לאַכער, אַ קונדס, אַז ס׳איז ניט געווען אויס־צוהאַלטן פֿון אים.

ווען די מלחמה האָט געפֿלאַקערט אויף אַלע פֿראָנטן, איז פֿייוול אַוועק זיך פֿאַרשרייבן אין אַמעריקאַנער פֿלאָט. ער וועט פֿאַרטרייבן אַלע נאַציס און פֿאַשיסטן פֿון דער ערד און וועט גלייך אַהיימקומען; די מאַמע דאַרף וועגן דעם ניט וויינען. און זי האָט טאַקע ניט געוויינט. זי האָט צערטלעך געשמייכלט מיט אירע וואַרעמע אויגן צו איר קליינעם זון, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק געאיילט אויסצוּוואַקסן...

דער אָפּציִר פֿון דער „נייווי״ האָט אויסגעהערט פֿייוולען מיט קאָפּ. ער האָט אים אָנגעטאָן אַ רונדיק ווייס היטעלע, האָט אים דערווייל אָפּ־געשיקט צוריק אַהיים צו דער מאַמען. אָנגעזאָגט האָט ער אים, אַז אַזוי גיך ווי זיינע אַקסלען וועלן אויסוואַקסן צו דער און דער מאָס, זאָל ער גלייך קומען צוגיין.

דער טאַטע האָט געאַרבעט איבערשעהען און האָט אויסגעצאָלט דאָס שטיבל אויף מאַלאַבאַר גאַס אין וועלכן די משפחה האָט געוווינט. די מאַמע האָט געקעכלט די קינדער און געזונגען פאַר „מלחמה רעליף". דער על־טערער ברודער, דזשעק, איז שוין לאַנג געווען אויפן פּאַסיפישן פראָנט און האָט געשריבן פון דאָרטן זייער ערנסטע אָבער קורצע בריוועלעך: „מיר האָבן אָפּגעשלאָגן אַן אַטאַקע, אַ סך ,באָדיס׳ זיינען געפאַלן. איך בין דערווייל ניצול געוואָרן..." דאָס קליינע שוועסטערל איז געגאַנגען אין שול און זיך געשפּילט מיטן הינטל. און פייוול? פייוול האָט זיך געמאָסטן צי ער וואַקסט...

* * *

ווען בריטישע מאַנדאַט־היטערס זיינען באַפאַלן ייִדישע שיפן מיט קוים פון גיהנום אַרויסגעראַטעוועטע מעפּילים, פאַרשטעלט זיי דעם וועג צו לאַנדן, האָט זיך אין פייוולס קינדערישע אויגן צעפלאַקערט דאָס פייערל, וואָס האָט תּמיד, אָן פייוולס וויסן ,געטליעט אין זיי. ער האָט עפּעס גע־הערט וועגן אַ הגנה; נאָר ווער, וואָס, ווען, האָט ער ניט געוווּסט. ביז איין מאָל, ניט אין גאַנצן צופעליק, קומט ער אַריין אין דרוקעריי „דאַון־טאַון" און טוט אַ פרעג הויך אויפן קול: „דאָ געפינט זיך די הגנה?" אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט דערשראָקן. „וואָס פאַר אַ הגנה, מיר האָבן קיין מאָל ניט געהערט וועגן אַזאַ מין זאַך." מען האָט געפּרוּווט דאָס בחורל משלח צו זיין. אין דעם מאָמענט איז אַרויסגעקומען פון ערגעץ אַ טיר אַ יונגערמאַנטשיק, ניט קיין סך עלטער פון פייוולען, און האָט אים אַ ווונק געטאָן ער זאָל אים נאָכגיין. ער קומט אַריין אין אַ צימער וווּ מען לייגט צונויף צייטונגען און איינער זיצט ביי אַ טישל מיט הינקענדיקע פיסלעך און באַקוקט פייוולען פון אויבן ביז אַראָפּ. ער גיט אַ שאָקל צו דעם פריִער דערמאָנטן יונגנמאַנטשיק און זיי גייען שוין אַריין אין אַ דריט צימער. צו זיין גרויסער דערשטוינונג האָט ער דאָרטן געטראָפן זיין עלטערן ברודער דזשעק, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג צוריק אַהיימגעקומען פון אָקינאַווא און האָט אַפילו נאָך ניט באַוויזן אַראָפּצוּוואַרפן די מיליטערישע מלבושים פון זיך און איז נאָך געגאַנגען מיט אַ שטעקן.

ווי נאָר ער האָט דערזען פּיוולען איז ער צום ערשטן מאָל זינט פּיוול געדענקט אים, אַרויס פון די כלים.

— וואָס טוסטו דאָ, מר. פּיוול? — ער האָט אים אָנגענומען ביים אויער, האָט אים אַזוי אָפּגעפּירט אַהיים און אים אַ וואָרף געטאָן גלייך צו דער מאַמען אין שויס אַריין.

— נאַדיר, אָט האָסטו אים, דעם תכשיט דיינעם, פרעג אים נאָר ווו ער איז געווען?

* * *

די מאַמע האָט געוויינט, דער טאַטע האָט געבעטן, שוירלי איז געפאַלן די ברידער אויפן האַלדז. אַפילו דאָס הינטל, אַ שטומע חיה, האָט דערפילט, אַז עפּעס גייט דאָ אָן. האָט עס צונויפגענומען די פיר קליינע היטעלעך און זיך אָפּגערוקט מיט זיי אין אַ זייט. פּיוול האָט אויפגעהויבן יעדעס הינטעלע באַזונדער, האָט עס אויסגעקושט פונעם קעפּל ביזן עקל, דערנאָך האָט ער אַרומגענומען די מאַמע. פון איבער אירע אַקסלען האָט ער אַ קוק געטאָן צום עלטערן ברודער דזשעק, דעם וועטעראַן. יענער האָט ערנסט, שוין אָן כעס, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אוןביידע זיינען צוגעגאַנגען צום פאָטער, וועלכער איז געשטאַנען אַ הילפלאָזער ביים פענצטער און האָט עקשנותדיק אַרויסגעקוקט אין דרויסן, ניט געוואָלט רידן צו זיי.

— גוד ביי, פּאָפּ, גיב אַכטונג אויף דער מאַמען. און ביידע האָבן זיך אַרויסגערוקט, ווי צוויי פאַרשולדיקטע, פון דער שטוב.

פּיוול האָט אַ קוק געטאָן אויף צוריק. ער האָט געוואָלט אָנזאָגן שוירלין זי זאָל ניט פאַרגעסן אָפּצושניידן דאָס גראָז און צו באַוואַסערן דאָס גערטדל.

— קאַט די לאָן, — האָט ער צוריקגעשריגן.

דזשעקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אפשר איז איצט דער מאָמענט דעם קליינעם איבערצודברן. ער האָט אַזוי גייענדיק, פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן:

— אפשר וואָלסטו געבליבן אין דער היים אַכטונג צו געבן אויף דער שטוב, אויפן שטיקל גאָרטן? אויף שוירלין קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן און דער טאַטע אַרבעט שווער. שאַ, ווייסטו וואָס? וואַרט צו ביז איך וועל דיר

שרייבן, ווען סטו דעמאָלט קומען. נאָך אַלעמען, מיר ווייסן דאָך אַפּילו ניט ווּהין מיר פאָרן.

אַ בליץ פון פּייוולס אויגן איז געווען דער ענטפער. סמאַרט עליק (חכם). ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? — האָבן פּייוולס פלאַמיקע אויגן געשפּילט דעם עלטערן ברודער אין פּנים אַריין. — בלייב דו אין דער היים און איך וועל דיר שרייבן, ווען סטו שפּעטער קומען צו פאָרן מיט דער „קווין מערי״... (ענגלישע לוקסוסשיף).

ווי נאָר די יינגלעך זיינען אַרויס פון שטוב, האָט זיך בעטי, די מאַמע, ביטער צעוויינט: „קוים באַוויזן צו זען דזשעקן אַהיימקומען אַ לעבעדיקן; אַז ס׳איז גאָר ניט דער זעלבער דזשעק. אַוועקגעפאָרן אַ יינגל, אַ קינד; אַהיים געקומען איז עס אַן אַלט געמיט. און איצט, נאָ דיר אַזאַ מין חתונה...״ זי איז געזעסן אויף דער סאָפע מיט די פיס אונטער זיך און האָט געקלאָגט אויפן קול: „פּייול, דזשעק, גיט אַכטונג ווּ איר גייט און ווּהין איר פאָרט״.

דער טאַטע, באַלקין האָט געטרייסט:

—זאָלן זיי גיין, די יונגען, ס׳וועט זיי גאָר ניט שאַטן! — אַליין האָט ער געפילט אַז עס רייסט זיך אים עפּעס אָפּ אין האַרצן...

* * *

קיין סך צייט פון וועג צו שרייבן איז ניט געווען. די רייזע איז געווען אַ שווערע, אַן אונטערערדישע. אַראָפּ פון שיף איז מען אין מיטן ים, דווקא ניט ווייט פון דער אַראַבישער שטאָט יפו. דאָס איז געווען אויסגערעכנט כדי די ענגלישע זאָלן מיינען אַז דאָס גנבענען זיך אַראַבער. מען איז געגאַנגען ביז איבערן האַלדז אין וואַסער און קוים מיט די לעצטע כוחות באַוויזן צו ברענגען דאָס לעבן צום ברעג. ווען ניט דזשעק, דער אויס־געפּרוּווטער וועטעראַן, וואָלט פּייוול פאַרטראָגן געוואָרן פון די כוואַליעס, ווי אַ שפּענדל אויפן וואַסער.

דער אַזוי אויך הייסער נגב האָט געפלאַקערט. די רייען פון פלמ״ח זיינען שיטער געוואָרן. די ניי־אָנגעקומענע האָבן זיך גלייך געמוזט שטעלן אין דער מיט און אויספילן דאָס אָרט פון די געפאַלענע און פאַרוווּנדעטע.

פייוול געדענקט ניט ווי לאַנג די בראַנד האָט אַזוי אָנגעהאַלטן, ווי לאַנג ס'האָט געדויערט ביז ס'איז אַ ביסל שטילער געוואָרן אויפן פּראַנט. ער מיט זיין תּימנער חבר, זכריה, האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיי וועלן האַלטן דעם פּראַנט, זיי וועלן ניט גיין אויף קיין שפּאַן צוריק. (מערק־ווירדיק, יענער האָט אויסגעזען ווי אַ דריטער, אַ יינגערער ברודער פון פייוולען).

— כּן, זאת ארצנו — האָט אים זיין דראָבנער חבר געפינקלט מיט זיינע ווייסע ציין אין די אויגן אַריין.

— „שור" (זיכער), האָט פייוול אויסגעצויגן. — מיר'ן דאָ פּלאַנצן „גרייפּס" (ווייַנטרויבן).

— „לא גרייפּס", — האָט זיך אַ ריר געטאָן אַ זאַמדיק בערגל מיט אַ פּאָר ליכטיק בלויע אויגן, — „אלא תּפוחי זהב. כּן תּפוזים!"

די יינגלעך אין זאַמד האָבן זיך גלייך געגומען שפּאַרן, ווי אַזוי מען וועט דאָ אויסלייגן אַ קיבוץ.

שוין העט, העט ביי די שטילשטאַנד־פּאַרהאַנדלונגען, ווען דער מענטש האָט זיך גענומען אָפּטיילן פון דער ערד, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרומ־וואַשן דעם ברודיקן שווייס און מיטן קאַרגן ביסל וואַסער קילן די וווּנדן, האָט זיך פייוול ערשט אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער דינער הויך. ער האָט צו זיין גרויסער איבערראַשונג אויסגעפונען, אַז ער איז ליגנדיק דאָ אין זאַמד צוגעוואַקסן מיט אַ האַלבן אינטש. ער האָט זיך הילכיק און פריידיק, ווי אַ מאָל אין דער יידישער שול, צעלאַכט:

— זע, דזשעק — האָט ער גערופן זיין ברודער, וועלכער איז גע־שטאַנען אויף זיין פּאָסטן און געהיט.

אַ שוואַרץ אויג אונטער אַ ווייסער אַבאַיע אויף יענער זייט פּראַנט האָט אויך באַוווּנדערט פייוולען; ער האָט געצילט און געטראָפן. פייוולס קינדעריש געלעכטער האָט זיך איבערגעריסן ,איז געבליבן הענגען אין דער אָנגעגליטער לופט. ער איז אומגעפאַלן פונקט אַזוי גלייך, ווי ער איז געשטאַנען. דאָס פייער אין זיינע טונקעלע אויגן האָט זיך ניט איבער־געריסן, בלויז אָפּגעשטעלט.

אַ צעקנייטשטע, ברודיק־ווייסע האַנט פון אַ „דזשענטלמאַן" מיט פּאַר־

נעפּלטע אויגן האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם אַראַבער אויף דער פּלייצע: „וועל דאָן (גוט געטאָן) מיין פריינד".

ס'איז געוואָרן אַ טומל, מער ווי געוויינלעך; צי איין חייל איז שוין דאָ געפאַלן? נאָר מחמת דעם וואָס ס'איז שוין געווען שטילשטאַנד און דערצו איז פּיוול געווען אַן אויסלענדישער וואָלונטיר. די אַרמעע פּלמ"ח־חברה האָט זיך נעבעך דערפילט שולדיק, גלייך ווי זיי וואָלטן דאָס גורם געווען... די פעלד־סאַניטאַרן מיטן דאָקטאָר זיינען גלייך געווען אויפן פּלאַץ און... פעסטגעשטעלט.

דזשעק, וועלכער איז געקומען צולויפן פון זיין פאָרפּאָסטן, האָט זיך אויך דאָס מאָל ניט פאַרלוירן. ווי אַן אויסגעפּרוּווטער וועטעראַן האָט ער געוווּסט, אַז אויך דאָס קאָן פּאַסירן, כאָטש ער האָט זיך כּסדר באַמיט צו האַלטן דעם ברודער אין הינטערגרונט, האָט ער אים ניט געקענט פאַרהיטן. ער האָט געכאַפּט אַ שטיק ווייסע לייוונט פון די סאַניטאַרן און האָט דערמיט איינגעהילט פּיוולס קאָפּ, ווי מען הילט איין אַ קינד. דערנאָך האָט ער אים צערטלעך גענומען אויף די הענט, אים איינגעטוליעט צו זיך און געקושט זיין נאָך וואַרעמען שטערן.

ס'איז געווען פאַרנאַכט. די זון האָט גענומען פלייצן מיט כוואַליעס קאַלירן איבער דעם מדבר. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס לייוונט פון פּיוולס פּנים כּדי אים נאָך איין מאָל צו זען. פּיוול איז „געשלאָפן" אַ שווערן קינדערישן „שלאָף" און דזשעק האָט אים געוועקט: „זע, פּיוול, דער מדבר איז רויט; ניט נאָר פון זון־אונטערגאַנג, נאָר פון חרפּה. פון חרפּה, וואָס זיינע זאַמדן טרינקען אַזוי פיל אומשולדיק בלוט. ,וואַסער!' שרייט דער מדבר, דו הערסט, פּיוול? ,וואַסער! און איך וועל בליִען און געבן פּרוכט'. אָבער אַנשטאָט קיל, ריין וואַסער גיט מען אים וואַרעם, קלעפּעדיק בלוט. ווי דורשטיק ס'איז דער מדבר, אַזוי דורשטיק איז דער שונא". ער האָט צוריק איינגעהילט פּיוולען אין ווייסן לייוונט און אים אַזוי אין זיינע קורצע כאַקי־הויזן אַראָפּגעלאָזט אויפן טראָגבעטל. אליין האָט ער געכאַפּט ביידע ביקסן — זיינע און פּיוולס — און זיך צוריקגעשטעלט אויף זיין פּאָסטן.

די נאַכט האָט אַראָפּגעלאָזט אַ געדיכטן, גרויען נעפּל איבער דעם

מדבר, איבער די איינזאַמע פאַרפאַסטנס, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט אַנגעשפּיצטע חושים ביז צום פּלאַצן, אויף דער וואַך.

שטעל זיך אויף, טייערער חבר לערער, בויג אָן טיף דיין מלמדישן קאָפּ פאַרן אָנדענק פון דיין תּלמיד, וועלכער האָט צו זיינע ניינצן יאָר געקראָגן אַ תּיקון.

* * *

דזשעק האָט איצט געפילט, אַז נאָך דעם וואָס ס'האָט געטראָפן מיט פּייוועלען מוז ער אַהיימפאָרן, איינגעמען און טרייסטן טאַטע־מאַמע. איבעריקנס, דערוויל איז שטילשטאַנד, אַז מען וועט דאַרפן, וועט ער פאָרן צוריק. ער איז געווען מיד, זייער מיד. צוויי מלחמות אַדורכגעמאַכט, חדשים לאַנג זיך אויסגעוואַלגערט אין די זאַמדן. אויסגעשטאַנען די הייסטע חמסינען, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן מיט דער שיף. ער וועט זיך אָפּרוען אויף דער שיף. אַ ביסל אָפּקילן דאָס צעהיצטע געמיט...

גייט ער אַזוי, דזשעק, אין אַ פאַרכמורעטן פרימאָרגן מיט נאָך שווערער פאַרכמורעטע געדאַנקען אַהין און צוריק אויפן דעק. שוין צום צוועלפטן מאָל אַז עס קומט אים אַנטקעגן אַ ישראל־מונדיר מיט אָפּצייכנס פון אַן אָפיציר. צי זאָל עס זיין וויל ער אַליין טראָגט אויך אַ מיליטערישן צייכן „ציון" אויף עברית? ער האָט אַפילו ניט באַמערקט ווער עס שטעקט אין דעם מונדיר, און ס'איז אים ניט אָנגעגאַנגען אויך. ער האָט געטראַכט דערפון, ווי אַזוי וועט ער עפענען די טיר און אַריינקומען אין שטוב? וואָס וועט ער זאָגן? פּלוצלינג גיט אים דער מונדיר אַ שמייכל גלייך אין פּנים אַריין. דאָס האָט אים שוין פאַרדראָסן. „דיר איז גוט צו שמייכלען", האָט ער געטראַכט. דער שמייכל איז אייגנטלעך געווען זייער אַן אומשולדיקער. ער האָט געמיינט צו זאָגן, דער שמייכל, „איך דאַנק דיר ,יענקי' וואָס דו ביסט געקומען אונדז אַרויסהעלפן אין אַזאַ גורלדיקער צייט".

מיט אַ מאָל האָט ער באַמערקט, אַז אין דעם מונדיר שטעקט גאָר אַ מיידל. האָט עס אים ערשט רעכט פאַרדראָסן. ער האָט זיך אָפּגעפלאָגט צוויי און אַ האַלב יאָר אויפן פּאַסיפישן פראָנט, אין וויטן מזרח; אויסגעטראָגן די גרעסטע געפאַרן. זיך אויסבאַהאַלטן אַ יאָר צייט אין „פאָקס־

האָלס״, פאַרוווּנדעט געוואָרן און ווייטער געקעמפט און מער ווי צו דער מדרגה פון אַ „סטעף־סאַרדזשענט״ האָט ער זיך ניט דערדינט. און דאָ גייט אַרום אויף אַ פּאָר פלינקע פיסלעך אַ מונדיר מיט אַ קליידל מיט שטרייפן פון אַ לייטענאַנט און אַ היטעלע שטיפעריש פאַררוקט אויף אַ זייט נאָר זיך ווי מיט אים צו רייצן. ער וועט איר ניט סאַלוטירן. ער האָט אין צה״ל אויך קיינעם ניט סאַלוטירט. ער איז ניט געקומען קיין ישראל סאַלוטירן! און דאָ אוודאי ניט. ער האָט פון דעסטוועגן נאָך אַ מאָל געכאַפּט אַ קוק כּדי זיך צו איבערצייגן: יאָ, אַ מיידל. אַזאַ סאָרט מיידל האָט ער קיין מאָל ניט ליב געהאַט (כאָטש ער האָט זי אַפילו רעכט ניט אָנגעקוקט). דאָס הייסט אַזוי אַ שטיף צו טאָן, אויף צו פאַרברענגען מהיכא־תּיתי, מען איז דאָך מער ניט ווי אַ מענטש. אָבער זאָל זי אים ניט דרייען קיין קאָפּ איצט און זיך ניט פּלאָנטערן פאַר זיינע פיס. זי האָט אויפגע־כאַפּט זיין בייזן בליק און אים אַרויסגעגאַנגען פון וועג. זי האָט בלויז געכאַפּט אַזאַ „קוקעלע״ אויף צוריק און אים אָפּגעבריט מיט אירע פייער־דיקע אויגן: „זע נאָר, דעם אַמעריקאַנער סנאָב״.

שוין גלייך צום אָנבייסן האָט זי געביטן איר פּלאַץ ביים טיש און זיך אַוועקגעזעצט אַ מייל ווייט פון אים. — דאָס איז אַ פּיפּיק אָפיצירל, ווי קומט עס וואָס ער האָט זי גאָר פריִער אין גאַנצן ניט באַמערקט? ער וועט זען וואָס ס׳וועט זיין ביים אָוונט־מאָלצייט, צי וועט זי זיך צוריקזעצן ביים פריִערדיקן טיש הינטער אים, צי ניט? ער וועט בכיוון אַריינקומען אין עסזאַל אַ ביסל שפּעטער און זען פאַרטיקערהייט. ער קומט אַריין, זי זיצט ערגעץ „עק וועלט״. שאַ, דאַכט זיך ביים קאַפּיטאַנס טיש. איז ער שוין געוואָרן פאַראינטריגירט און, ווי נאָר דער קאַפּיטאַן האָט זיך העפלעך פאַרנויגט און זיך אָפּגעטראָגן, איז ער צוגעגאַנגען, האָט זיך אויך העפ־לעך פאַרנויגט און זי געפרעגט אין אַ צעבראָכענעם עברית:

— איר גייט אַראָפּ אין פּאַריז, צי פאָרט איר ביז לאָנדאָן?

— איך פאָר קיין אַמעריקע, האָט זי אים אין אַ פּערפעקטן ענגליש געענטפערט.

האָט ער זיך אַ גאַנצן אָוונט געבראָכן דעם קאָפּ, נאָך וואָס פאָרט „דאָס״ קיין אַמעריקע? ניט אַנדערש, אין אַ געהיימער מיסיע. אַז זי איז

אַ סאַברע האָט ער דערקענט אָן איר הברה — אויסשפּראַך הייסט עס. נאָר אַפּילו אַלס אַ סאַברע איז זי אויך פון אַ „געמישטער ראַסע״: אַ תימנער אָדער אַ מאַראָקאַנער. ער האָט געהערט אַז די מאַראָקאַנער האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער מלחמת העצמאות, ספּעציעל אין אויס־שפּירדינסט. זיי קענען אַראַביש און פראַנצויזיש און פאַרשטייען זייער גוט ענגליש, נאָר וואָס פאַרט פאַר אַ מיסיע קאָן מען אַזאַ „באַשעפעניש״ אָנהענגען? האָט ער אַזוי איין מאָל אין אַ לייכטזיניקן שמועס (ער האָט שוין באַוויליקט צו שמועסן) אַ פרעג געטאָן:

— איר פאָרט אויף וואַקאַציע, חופש, צי פאָרט איר איינהאַנדלען „פייגל״ (עראָפּלאַנען)?

— איך וועל איינהאַנדלען וואָס ס׳וועט זיך לאָזן — האָט זי אים שעלמיש געענטפערט. זי האָט מיט אים אָפּגעפלירטעוועט אַ האַלבע נאַכט און קיין פּיפּס ניט געטאָן וועגן וואָס זי פאָרט קיין אַמעריקע.

פאַרן אַראָפּגיין פון שיף האָט זי אויסגעטאָן דעם מונדיר און זיך אָנגעטאָן אַ קליידל.

אַ קליידל איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. מיט די אָפיצירישע שטרייפן וואָלט ער זי אַהיים צו דער מאַמען ניט פאַרבעטן. אין אַ קליידל, האָט ער באַמערקט, איז זי גאָר ניט אַזאַ מיאוסע...

* * *

— זע נאָר — האָבן אירע אויגן אויפגעלויכטן — אייער הייזעלע זעט אויס פונקט ווי ס׳וואָלט געשטאַנען אין פּתח־תקוה.

* * *

ס׳האָט געדויערט אַ צוויי־דריי יאָר. מען איז געפאָרן אַהין און אַהער. מען האָט זיך געשריבן הייסע ליבעבריוו און אויפן טעלעפאָן זיך צעקריגט. ביז דזשעק האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסן, אַז ער קאָן ניט אויס־האַלטן פון אַזאַ קאַפּריזנעם „אָפיציר״ און האָט אָפּגעהאַקט „פאַר גוד״ אויף שטענדיק.

דזשעק — „יאַנק"

ווען דזשעק האָט דערהערט דעם „קליק" (קריץ) אויפן טעלעפאָן אויף יענער זייט ליניע, דאָס הייסט אויף יענער זייט וועלט, איז ער געבליבן זיצן מיטן טרייבל אין דער האַנט אין גאַנצן אַ צעחושטער. ער האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס איז טאַקע געשען, אַז זיי האָבן טאַקע אָפּגעבראָכן. אַ קלעמעניש האָט זיך אַ דריי געטאָן פּין האַרצן אין בויך אַריין. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָפּצוברעכן די באַציִונגען, די קאָרעספּאָנדענץ מיט איר. אָבער ער זאָל עס טאַקע אויספירן? אויף דעם האָט ער זיך ניט געריכט. און זי האָט אים נאָך צוגעהאָלפן דערצו, ווי זי וואָלט נאָר געוואַרט אויף דעם.

— ווי דו פאַרשטייסט, יאַנק. דו ביסט אַ פרייער מענטש. איך אָבער האָב אַ מדינה צו פאַרזאָרגן און אַ גרויסע משפחה, שוועסטערלעך און ברידערלעך. צאתך לשלום יאַנק, — האָט זי מיט אַ מעלאַנכאָלישער שטימע געזאָגט און צוגעגעבן נאָך שטילער, — איך וועל בענקען נאָך דיר, יאַנק. — און האָט אויפגעהאַנגען.

— זי פאַרזאָרגט עס די מדינה, — האָט ער מיט איראָניע געטראַכט. — פרעגט זי נאָר, וואָס זי טוט אין דער מדינה? — איך בין אין קאָמוניקאַציע־גדוד; — האָט זי איין מאָל געזאָגט, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי עס וואָלטן זיך דערביי קיין שום פראַגעס ניט געשטעלט. ווו אין קאָמוניקאַציע? ווער קאָמוניקאַציע, ראַדיאָ, טעלעפאָן, טעלעגראַף? אָט וועט זי אייך באַלד זאָגן. דאַכט זיך זי האָט אים אַזוי ליב געהאַט. — צי האָט זי מיך טאַקע ליב געהאַט? — האָט זיך זיין לויפנדיקער געדאַנק אָפּגעשטעלט. — נאָר אַרויסקריגן אַ וואָרט פון איר, וואָס שייך איר מיליטערישן דינסט איז געווען, ווי פון אַ שטיין. שטום. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, היינט דורכן טעלעפאָן ,אַז ער האָט געהערט פון איר, אַז זי האָט שוועסטערלעך און ברידערלעך. ער האָט פיינט, אַז מען האַלט סודות...

פלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האַלט נאָך אַלץ דאָס טעלעפאָן־טרייבל אין דער האַנט און האָט אויפגעהאַנגען. ער איז אַרויס פון דער שטוב, זיך געלאָזט גיין אָן אַ ציל. ער האָט געפילט, אַז דער „קליק" פונעם טעלעפאָן האָט געעפנט אַ שפּאַלט אין זיין האַרץ, און אַ גרויסע בענקשאַפט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אים. ניט דווקא נאָך איר אַליין, נאָר נאָך פּייוולען, זיין ברודער, נאָך זיינע גוטע חברים, נאָכן נגב, נאָך... ישראל. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האַלט דאָס אַלץ אין איר האַנט און מיט איין „קליק" פונעם טעלעפאָן — אָפּגעריסן.

ער האָט אַזוי געבלאָנדזשעט אין זיינע רעיונות ביז ער איז אָנגעקומען אויף די בערגלעך, ווו די צוויי שכנישע ייִדישע געגנטן, סיטי טעראַס און באַיל הייטס, האָבן זיך געגעבן די הענט. ניט געווען קיין גרענעץ ווו איין שכונה הויבט זיך אָן און ווו די אַנדערע לאָזט זיך אויס. די בערגלעך זיינען געווען באַשאָטן מיט קליינע הייזקעס און דער טאָל — באַיל הייטס, אויך אַזוי, נאָר אַ ביסעלע געדיכטער.

דאָ אויף די בערגלעך פלעגט ער זיך קליינערהייט שפּילן מיט אַנדערע קינדער, מיט פּייוולען. יעדער טראָט איז אים דאָ נאָענט, יעדעס ביימעלע — אייגן. נאָר וואָס זאָל ער דאָ היינט טאָן מיט זיך אַליין, זיין האַרץ ציט אַהין; אַהין צו יענער פּרעמד, ווו ער האָט איבערגעלאָזט... דאַכט זיך, זיך אַליין.

אָך, ווען זי גייט איצט ביי זיין זייט, ווי זיי פלעגן גיין מיטן זאַמדיקן סטעפּ צום שאָסיי. זי האָט עס עפּעס געהאַט דרכים אין זיך — האָט ער אינטענסיוו געטראַכט. אַ מאָל, ווען זיי פלעגן זיך צעקריגן, און דאָס האָט געקאָנט טרעפן זייער אָפט, פלעגן זיי שפּאַצירן גאַנצע שעהען און ניט אויסריידן אַ וואָרט איינער צום צווייטן. (אגב, זיינען דאָ ווערטער געווען אין גאַנצן איבעריק. די נאָענטקייט אַליין האָט גערעדט). זי פלעגט זיך נאָר אַזוי אומגערן אַ רייב טאָן אָן זיין אָרבל און זיך גלייך צוריקכאַפּן. איין מאָל, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו אַ ראָוו, האָט ער זי שטומערהייט אויפגעהויבן און זי אַריבערגעשטעלט אויף דער אַנדערער זייט און זיך געלאָזט גיין ווייטער, גלייך ווי גאָרניט. דעמאָלט איז זי שטיין געבליבן און האָט זיך צעוויינט און גרויסע טרערן זיינען גערונען איבער איר

אַנגעהויכט פּנימל. און דאָס אַלץ האָט געקאָנט פּאַסירן בעת זי איז גע־גאַנגען אויסגעסטראַיעט אין איר אָפּיצירסקן מונדיר.

* * *

ער האָט געפּרוווט און נאָך אַ מאָל אָנגעקלונגען. ניט וועגן עפּעס, גלאַט אַזוי, געוואָר צו ווערן וואָס עס טוט זיך דאָרטן.

דאָס הויזגעזינט זאַלבע צען זיינען געלעגן אויסגעלייגט אויף מאַטראַצן, צו צוויי קינדער אויף אַ מאַטראַץ — יינגלעך באַזונדער, מיידלעך באַזונדער, אין דער גאַנצער לענג פון אַ לײדיקער וואַנט און געשמאַק געשלאָפן. נאָר טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט טאַפּטשאַנעס צוגעגאָגלט צו דער וואַנט אין אַ קליין חדרל באַזונדער. זי אַליין, די אָפיצירעכע, איז געשלאָפן אין איר קאַבינעטל, וואָס איז געווען צוגעבויט צום הייזל, פיר איילן די גרויס. דאָרטן איז געשטאַנען דער טעלעפאָן. ס׳איז געווען אין מיטן נאַכט. מיט איין שפּרונג איז זי שוין געווען ביים טעלעפאָן און ווען זי האָט דערהערט זיין קול „נוחה!״ איז זי געפאַלן אין חלשות דאָס טרייבל איז געבליבן הענגען און האָט געהאַלטן אין איין רופן: „האַלאָ, האַלאָ״. זי האָט געהערט, ווי אין חלום, נאָר ניט געקאָנט ענטפערן. „יאַנק, יאַנק״, נאָר קיין קול איז ניט אַרויסגעקומען.

דזשעק, האָט ער זיך דערמאָנט זיין פריערדיקן נאָמען, „יו אַר אַ לוזער״. (דו ביסט אַ פאַרלירער). פאַרפאַלן. אָפּגעבראָכן איז אָפּגעבראָכן. מען כאַפּט ניט צוריק. — און אפשר איז בעסער אַזוי, — האָט ער זיך געגומען אויסריידן. — ער האָט עפּעס דערפילט, ווי אַ לאַסט גליטשט זיך אַראָפּ פון זיינע אַקסלען.

דער אמת איז, אַז זי איז געווען צו פיל פאַר אים, אַ צו שטאַרקער טעמפּעראַמענט. זי האָט אים אַ סך געגעבן: פרייד, געזעלשאַפט און... אָבער באַרויבט אים פון זיין געמיטלעכקייט צו וועלכער ער האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע נייגונג. מען קאָן זאָגן, אַז ער איז טאַקע געווען אַ ביסעלע פלעג־מאַטיש. נאָר זיין פאַמעלעכדיקייט האָט געהאַט אַ זין, ס׳איז ניט געווען קיין פוילקייט. דאָרט ווו מען האָט באַדאַרפט איז ער געווען אי פלינק, אי פאַרזיכטיק און אַזוי אַרום האָט ער זיך דערהאַלטן ביים לעבן דורך די

געפּערלעכסטע שלאַכטן סיי אין אָקינאַוואַ, סיי אין נגב. ניט אַזוי ווי פּייוול, יענער האָט זיך אויסגעשטעלט ממש, ווי אַ צילברעט... אָבער אַזוי אין לעבן איז אים די געשפּאַנטקייט געווען מער, ווי ער האָט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט זיך געגייטיקט אין רו, מער צייט אויף צו טראַכטן.

איצט האָבן זיך פאַר אים אָנגעהויבן לײדיקע, אײנזאַמע טעג און וואָכן. ער האָט שוין געהאַט רו איבערן קאָפּ. ביסלעכווייז האָט ער זיך אָנגעהויבן אַריינגליטשן צוריק אין דער שטימונג, מיט וועלכער ער איז אַהיימגעקומען פון אָקינאַוואַ. אַ שווערע שטימונג. ער האָט ווידער אָנגעהויבן אַריינצוגיין אין די „יו. ס. אָ.״ (אַזעלכע קאָמיוניטי צענטערס פאַר די, וועלכע געפינען זיך אין מיליטער־דינסט). אָבער וועמען האָט ער דאָרטן געטראָפן? ניט זיינס גלייכן, נאָר ניינצן, צוואַנציק יאָריקע צוציקעס, וועלכע האָבן געמיינט, אַז מיליטער־דינסט איז גאָלע גלאָריע.

ער האָט זיך אַזוי אַרומגעדרייט שלינג און שלאַנג גאַנצע וואָכן און חדשים און ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. דערוויל געלעבט אויף אַרבעטסלאָזע טשעקס („אַנעמפּלאָימענט אינשורנס״) אָן וועלכן ס׳איז אויסקוק אויף אַ תכלית.

איין מאָל, ס׳איז געווען אין אַ מיטן מיטוואָך, שטייט ער אַזוי אויף אַ בריקל צווישן פּלאַיאַ דעל רעי און ווענים. דאָרטן זיינען פאַראַן עטלעכע אַזעלכע בריקלעך איבער אַ קאַנאַל, וואָס פליסט אַרויס פון ים און ווערט פאַרזונקען אין גרין־באַוואַקסענע זומפּן. די בריקלעך זיינען פּרימיטיווע, שיינע, אויסגערונדיקט איבערן קאַנאַל, ווי אַ האַלבע לבנה. שטייט ער אַזוי, דזשעק, אָנגעשפּאַרט אויף אַ פּאַרענטש און קוקט אַריין אין מוטנעם וואַסער אונטערן בריקל. ווי קומט ער אַהער? פרעגט אים בחרם. אין ווענים איז רעשיק און ער האָט געוואָלט זיין אַליין. אַליין בענקט זיך עפּעס געשמאַקער... „אַ וווּנדער צי גייט זי נאָך אין איר מונדיר?״, דער אָפּיצירסקער מונדיר, אויף וועלכן זי איז אַזוי שטאָלץ געווען און ער האָט אַזוי פיינט געהאַט, אָט דער מונדיר האָט עס, אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען, אַז ער זאָל אָפּברעכן מיט איר. ער האָט פון דעסטוועגן געבענקט, אַ, ווי שטאַרק ער האָט געבענקט. און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניט אַזוי נאָך איר, ווי נאָך דער סביבה, נאָך זיינע עטלעכע, געציילטע חברים,

מיט וועלכע ער איז אַזוי נאָענט געוואָרן קריכנדיק אין די גרויע נעכט אויף אויסשפּיר. די געטריישאַפט וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן איינער צום אַנדערן איז געווען גאָר אַין לשער. דזשעק האָט זיך דאָרט גוט אַריינגע־פּאַסט.

ווי ער שטייט אַזוי פאַרזונקען אין זיינע רעיונות שפּרינגט אַרויף אויפן בריקל אַ סאָלדאַט: „גאַקי! דו?"

— סאַרדזשאַנט ווייגאַקי, „איף יו פּליז".

— אַנטשולדיק — האָט דזשעק זיך אויסגעשטרעקט און סאַלוטירט.

— כ'האָב פאַרזען דיין דריטן שטרייף... און ביידע האָבן זיך האַרציק אַרומגענומען און צעלאַכט.

— „גאַש", ביסט נאָך אין דינסט, ס'איז דאָך שוין דריי יאָר נאָך דער מלחמה? יענער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ כדי צו באַהאַלטן אַ ווײ־טיקלעכן שמייכל. — ווי דו זעסט.

— וואָס זשע, ביסט נאָך ניט באַפרייט געוואָרן?

— באַפרייט, מיט אַ העכערן ראַנג. — און האָט אַ ווייז געטאָן זיין אַרבל.

— נאָר?

— ניט געהאַט וווּהין צו גיין, צו וועמען אַהיימצופאָרן.

— וואָס הייסט?

— זי האָט מיך אויסגעביטן.

שטייען זיי, צוויי יונגע־לייט, איינער אַ ייִד, איינער אַ גוי, אמתע גוטע פריינד, וועמען דער פּחד אויפן שלאַכטפעלד האָט צונויפגעוואָרפן אין אַ גרוב ערגעצוו אויף אַן אינדזל אין וויטן מזרח, און דערציילן זיך אויס וואָס איינעם איז געלעגן אויפן האַרצן.

„גאַקי", זיין פּולער נאָמען איז געווען דזשאָרדזש ווייגאַקי, אַ מיטל־ווּוקסיקער, אַ דאַרער מיט אַ גרינגלעכער הויט אויפן פּנים און צוויי אַנ־געגאָסענע אויגן און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועט ער זיך צעוויינען; והראיה, ער האָט טאַקע אָוועקגעבויגן דעם קאָפּ און זיך גע־ווישט דאָס פּנים. און דזשעק, אַ הויכער, אַ שווערלעכער מיט אַ ליכטיק פּנים, ברוינלעכע האָר מיט אַ גאָלדענעם אָפּשיין, וואָס זאָגט עדות אַז ער

איז קליינערהייט געווען בלאַנד. אים האָט עפּעס שטאַרק געקוועטשט, ער האָט געוואָלט עפּעס, נאָר ניט געוווּסט געניי וואָס און ניט געוווּסט וווּהין זיך צו ווענדן נאָך דעם געגאַרטן „עפּעס". און גאַקי, ער האָט שוין אַלץ אויפגעגעבן. די אַרמיי איז געוואָרן זיין היים. און דאָס איז שוין אויך ניט געווען קיין זיכערע היים, וואָרעם ער איז שוין פינף און פערציק יאָר אַלט און מען קאָן אים עווענטועל „באַפרייען" קעגן זיין ווילן. ביידע האָבן געהאַט אַ מינימאַלע בילדונג: דזשעק קנאַפּע דריי יאָר קאָלעדזש און גאַקי מיר ניט ווי הייסקול (מיטלשול) — דער סאַמע דורכשניטלעכער מענטש האָט אויך אַ נשמה...

פון דעסטוועגן זיינען פונעם בריקל שוין אַראָפּגעגאַנגען גאָר אַנדערע צוויי מענטשן. אַ „באַדי" ביי אַ סאָלדאַט איז, ווי אַ צווייטע נשמה...

זיי האָבן זיך צוגעזאָגט צו טרעפן, זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין „יו. ס. אָ." זוכן פאַרוויילונג, ווידער אָנגעהויבן לייענען די מיליטערישע צייטונג „סטאַרס און סטרייפּס" און האָבן געקייכט פון געלעכטער פון ביל מאָלדייס קאָמישע קאַרטונס.

צו זיך אַהיים האָט דזשעק זיין פריינד ניט פאַרבעטן. פאַר וואָס? ער ווייסט אַליין ניט פאַר וואָס. אַ יידישלעכע שטוב, עס וואַלגערן זיך אַרום יידישע צייטונגען, די סאָפע איז אָפּגעליזעוועט, דער טעפּיך אָפּגעריבן, דאָס גאַניקל צעפּאָרן, דער טיש, די בענקלעך. עסן עסט מען אין קיך, אַלע מאָל געגעסן אין קיך. ס'איז עפּעס ניט.

אין דער דאָזיקער הייזקע ווו דזשעק איז אויפגעוואַקסן, האָט אַ מאָל געקוואָלן מיט פרייד, מיט קינדעריש געלעכטער, מיט לויפן אַריין און אַרויס און אָפענע טירן. היינט? די מאַמע איז פאַרטרויערט. דער טאַטע — פאַר־זאָרגט. כאָטש ער האָט שוין אַ שטענדיקן דזשאָב, ליגט ער אָפּ גאַנצע אָוונטן אין דער יוניאָן. און שוירלי? שוירלי ליגט אויסגעשטרעקט אין דער גאַנצער לענג אויף דער סאָפע, טוט די היימאַרבעט, שפּיגלט זיך אין שפּיגל און די ראַדיאָ ביי דער זייט שפּילט אויף די העכסטע אָקטאַוועס. אָ, איר וואָלט שוין גאָר געפעלן ווען דזשעק ברענגט אַהיים איינעם פון זיינע חברים. אָבער טאַקע צוליב איר האָט דזשעק אים, גאַקין, ניט געוואָלט איינלאַדן. אַ גוי... יענער איז זיך געווען אַזוי פיל באַוווּסט אַלס אַ גוי —

ער האָט זיך נאָך אין זיין לעבן ניט איבערגעצלמט — ווי דזשעק אַלס אַ ייִד. ער איז געווען דער דריטער דור אַמעריקאַנער געבוירענער פון יוגאָסלאַווישן אָפּשטאַם. דזשעק — דער ערשטער דור אַמעריקאַנער פון ייִדישן אָפּשטאַם. זיי האָבן פאַרבונדן די מלחמה־דערפאַרונגען די וועטע־ראַן־אַדמיניסטראַציע, די געפאַר, די הריגות. און היינט? די איינזאַמקייט, די וועטעראַן־אַדמיניסטראַציע, דער רעהאַביליטאַציע־צענטער, דאָס זוכן און ניט וויסן וואָס.

מערקווירדיק, דזשעקס ייִדישקייט איז געווען זייער אַ בלאַסע. דאַקעגן אַלס ישראלי האָט ער זיך געפילט מער אָנגערעגט. ווער האָט אים גע־שטויסן זיך צו פאַרשרייבן בסוד סודות אין דער הגנה? ווען ניט פּייוול וואָלט די מאַמע אַפילו ניט געוווּסט ווּהין ער איז געפאָרן. אין דער ייִדישער שול איז ער ניט געגאַנגען. ער ווייסט אַזוי פיל וועגן ייִדישקייט, וויפל פּייוול מיט שוירלין פלעגן אַהיימברענגען פון דער שול, — אַ ביכל, אַ לידל, אַ מעשהלע, אַ וויץ. יאָ טאַטע־מאַמע האָבן גערעדט צווישן זיך (ניט צו די קינדער) ייִדיש; ריידן נאָך היינט ייִדיש. קליינערהייט האָט ער אויך געקאָנט ריידן ייִדיש. אָבער „גאָש", ס'איז שוין דאָ אפשר הונ־דערט יאָר אין דעם...

אין גאָס זיינען די צוויי „באַדיס" תמיד געגאַנגען צוזאַמען. לויטן אויסזען איז גאָקי געווען דער ייִד און דזשעק — אַ פאָלנער אַנגלאָ־סאַקס. יענער האָט געקראָגן זייער אָפּט אורלויב, האָט ער געהאַט אַ סך צייט. זיינען די צוויי אַרומגעגאַנגען ווו די וועלט האָט אַן עק. מען איז געווען צוזאַמען, שוין ניט איינער אַליין. און דאָרט ווו צוויי סאָלדאַטן גייען טשעפּעט זיך צו אַ דריטער, אַ פערטער, אַ...

* * *

די מאַמע האָט זיך צוגעקוקט און געשוויגן. נאָר איין מאָל ביינאַכט, ווען דזשעק איז נאָך ניט געווען אין שטוב — זי האָט אים אַלע מאָל געהערט אויפשליסן די טיר — האָט זי געזאָגט צום פאָטער:

— דו ווייסט? פון ישראל קומען מער ניט אָן קיין בריוו. שוין אַ צייט ווי עס קומען ניט אָן קיין בריוו. און קיין טעלעפאָן־רוף אויך ניט.

— ווער ווייסט וואָס דער יונג האָט דאָרטן אָפּגעטאָן. — האָט דער פאָטער אָפּגעזיפצט.

— מיר איז דאָס מיידל דווקא געפעלן. — האָט די מאַמע געזאָגט מיט באַדויער. — זי קוקט אויס פונקט אַזוי ווי פּיוול האָט אויסגעזען. אַ ביסל אַ שוואַרצלעכע, אָבער אַ חנעוודיקע און רירעוודיקע.

— אַזוי ווי דו, — האָט דער פאָטער געענטפערט.

— וואָס זשע ,איך געפעל דיר ניט ?

— ניין. — האָט דער פאָטער געוואָלט אַרומנעמען זיין ווייב, די מאַמע פון זיינע קינדער. נאָר זי האָט זיך אויסגעדרייט צום פירהענגל, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען איבערן פענצטער. — וואָלסט זיך כאָטש געווען דערמאָנט אַ ביסל פריִער...

* * *

דזשעק האָט אָנגעהויבן קוקן אויף זיך ווי אַ „מיספּיט”, אַ טויגעניכטס, אַ שלימזל. אַלע זיינע חברים האָבן זיך שוין דורך דער צייט געהאַט איינגעאָרדנט. ווער עס האָט אויסשטודירט, ווער עס האָט חתונה געהאַט. אַפילו די פאַרקריפּלטע האָבן זיך שוין אויך געהאַט ווי ניט איז צו עפּעס דערשלאָגן. טייל איז געבליבן אין מיליטער־דינסט, טייל איז געגאַנגען אַרבעטן אין די שפּיטעלער, אַנדערע האָבן געקראָגן רעגירונג־שטעלעס, אין די שולן, אין רעהאַביליטאַציע־צענטערס. און ער ? צו אַלץ דאַרף מען האָבן בילדונג ; כאָטש אַ קאָלעדזש־אַטעסטאַט. און אים האָט זיך פאַרגלוסט די הגנה. האָט ער אַלץ איבערגעלאָזט און געפאָרן. קיין חרטה האָט ער פון דעסטוועגן ניט געהאַט. פאַרקערט, ער וואָלט געוואָלט צוריקפאָרן.

אים מיט פּיוולען האָט מען בעת זייער אָנקומען קיין ישראל, צעטיילט. פּיוולען איבערגעשיקט צום פּלמ״ח און ער איז געבליבן אין צה״ל. ער האָט זיך אָבער געמיט שטענדיק צו זיין אַרום פּיוולען. ווי עס זאָל זיך ניט מאַכן, אַן אָנגריף צי וואָס, וועט ער זיין קליינעם ברודער פאַרהיטן. ער האָט דאָך עפּעס דערפאַרונג. דער גורל אָבער האָט אים ניט פאַרהיט...

דזשעק געדענקט, ביים געזעגענען זיך, די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען, האָט אים עוזר, אַ חבר מיט וועמען ער איז געשטאַנען צוזאַמען אויף דער וואַך, געפרעגט. ניט געבעטן, ניט געמאָנט, נאָר פּשוט געפרעגט.

— וועסט צוריקקומען? — יאַנק איז צעטומלט געוואָרן.

— כ׳ווייס ניט.

— אָ, איך מיין ניט צוריק אויפן שלאַכט־פעלד; האָסט שוין דיין חלק געגעבן און איבערגעלאָזט אויך, — האָט עוזר אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד.

— מיר האָפן דאָך אויף אַ שלום. עפּעס האָט בן־גוריון געהאַלטן גאָר אַ האָפּערדיקע רעדע אויף דער ראַדיאָ. ס׳מוז דאָך עפּעס זיין דערביי. מיר קעמפן ניט נאָר לשם שמים, נאָר לשם הארץ, דער עיקר לשם הארץ. ס׳וועט זיין דאָ אַ לעבן, יאַנק. דו וואָלסט געווען אַ גוטער חלוץ. — יאַנק האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

— וואָס ווייס איך אין איצטיקן מאָמענט? איך ווייס אַפילו ניט ווי אַזוי מען עפנט די טיר אין דער היים און מען זאָגט אָן דער מאַמען די בשורה...

איצט האָט ער געטראַכט דערפון. און ווען ער האָט ניט מורא פאַר טאַטע־מאַמע, נאָך מער פאַר דער מאַמען, הויבט ער זיך אויף און פאָרט צוריק אַוועק קיין ישראל. אָ, ער וואָלט זייער געוואָלט נאָך אַ מאָל זען ישראל. עפּעס איז דאָרט אַן אַנדער לעבן. מען האָט גאָרניט און מען איז אויפגעלייגט. נאָר ווי קאָן ער? האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט. נוחה! ווי אַזוי קאָן ער זי באַגעגענען? און ווי אַזוי וועט ער זי אויסמיידן? נוחה, נוחהלע, — האָט ער געטראַכט. דאָס איז אַזאַ מנוחה, ווי דער סמבטיון. ס׳איז פון דעסטוועגן געווען גוט צו זיין מיט איר — האָט ער געשמייכלט, ניט געווען אַזאַ צייט אין ישראל ער זאָל זיך פילן פאַרלוירן.

* * *

ווי פונעם הימל אַראָפּ איז אָנגעקומען אַ בריוו פונעם ישראל־קאָנסול אין לאָס־אַנדזשעלעס אַזוי און אַזוי, די ממשלה פאַרבעט, אויף אירע הוצאות, די גאַנצע משפחה קיין ישראל אויף אַ וויזיט. אַז ער האָט פאַר זיי צו־געגרייט אַ וויזע און וועט מאַכן פאַר זיי רעזערוואַציעס אויפן ערשטן בעסטן עראָפּלאַן (קיין „אל־על" איז נאָך דעמאָלט ניט געווען). דערביי האָט דער בריוו אויסגעדריקט אַ סך מיטגעפיל צו די עלטערן, שבחים פאַר זייערע ביידע זין, סיי דעם לעבן געבליבענעם יעקב, סיי דעם יונגן

פּיוול, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן על קידוש המדינה.

— קומט, — האָט די מאַמע אויסגעשריען מיט צער און מיט צאָרן, — לאָמיר פאָרן אויף קבר־אבות צו פּיוועלען! — און אויף אירע שוואַרצע, גלאַנציקע האָר האָט אָפּגעשיינט אַ זילבערנער שימער.

איצט האָט דזשעק בפירוש ניט געוואָלט פאָרן. ער האָט געהאַט געגנוג דערצערנונג אין זיין לעבן. ער קאָן ניט מער. אין הינטערבאַוווסטזיין איז געוועזן נוחה. — זי האָט שוין לאַנג געמוזט חתונה האָבן, — האָט ער הויך אַ טראַכט געטאָן. — ניין, איך קאָן ניט!

— וואָעס? מיר וועלן פאָרן אָן דיר? — האָט די מאַמע געפרעגט, — ווי פאַלט דיר איין אַזאַ מין זאַך? ער איז דער העלד און מיר וועלן פאָרן... און ווען דזשעק האָט זיך שטאַרק געקווענקלט, געשטעלט זיך קעגן, האָט זיך די מאַמע צעוויינט. — ביסט דאָך געבליבן ביי אונדז אַ בן־יחיד, איין איינציקער, ווי קאָנען מיר דיך איבערלאָזן און ווי קאָנען מיר פאָרן אַליין? — די מאַמע האָט זיך אויף געהאַט איר אויסרעכענונג; איר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלייגן.

— שוירלי איז שוין אַ גרויס מיידל, זי וועט אַכטונג געבן, מאַמע, גלויב מיר, אַז איך קאָן ניט.

— קאָנסט ניט, דאַרף מען ניט. וואָס מוזן מיר עס אַזוי נויטיק פאָרן קיין ישראל? וועמען וועלן מיר דאָרט באַגעגענען, פּיוקען (פּיוולען)?

— מאַמע, ס'איז דאָך אַ פּחיתת־הכבוד זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ איינלאַדונג, ובפרט אַז עס דאַרף אייך גאָרניט קאָסטן. מען וועט אייך דאָרט אויפנעמען מיט גרויס כבוד.

— מוחל. איך האָב שוין מיין כבוד...

— „מאַם", — האָט שוירלי אויסגעשריען אַ וויינענדיקע, — איך וויל פאָרן. איך האָב זיך שוין געקויפט דריי קליידלעך, ס'איז געווען אַ „סייל" (אויספאַרקויף), איך דאַרף זיך בלויז קויפן נאָך אַ פּאָר שיך און אַ קאָסטיום פאַר דער רייזע. „מאַם", איך וויל פאָרן. דו קאָנסט זיצן אין דער היים — האָט זי בייז געקוקט אויף דזשקען.

דער שטילער טאַטע (אין וועמען דזשעק איז געראָטן), ווען מען האָט באַדאַרפט האָט ער געקראָגן לשון:

— ששש‎אַט, קריגט אייך ניט. אָדער מיר וועלן אַלע פאָרן, אָדער קיינער ניט.

*　*　*

צו דעם צערעמאָניאַלן קבלת־פּנים, וואָס מען האָט צוגעטיילט דער משפּחה (און נאָך אַזעלכע משפּחות) איז געקומען דאָס אָפּיצירל אויך. זי איז געקומען אין דינסט פון דער ממשלה. איצט האָט שוין יאַנק פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ „קאָמוניקאַציע" איר איז צוגעטיילט געוואָרן. האָט זי דאָך באַלד געקאָנט זאָגן. דאָס איז אַזאַ גרויסער סוד ? ביי אונדז אין אַמעריקע רופט מען עס „פּאַבליק רעליישנס". זי האָט זיך געהיט צו שטיין אויף זיין זייט און געפירט די מאַמע אונטערן אָרעם. ער האָט ניט פאַרפעלט דאָס צו באַמערקן. צום סוף פון דער צערעמאָניע האָט די מאַמע, ווי אים אויף צו להכעיס, געבעטן מנוחהן און זי געגלעט מיט אירע שווארע, וואַרעמע אויגן, זי זאָל צוקומען צו זיי אין האָטעל אַריין. „מיר זיינען דאָ פרעמדע מענטשן, מיר קאָנען ניט דאָס לשון און ווייסן ניט ווו אַ טיר צו עפענען". די מאַמע האָט איר אויך זייער שטאַרק באַדאַנקט, וואָס זי איז מיט זיי מיטגעגאַנגען. — ווען איר פירט מיך ניט ביי דער האַנט וואָלט איך אפשר אומגעפאַלן, כ'האָב זיך גאָרניט געריכט אויף אַזאַ פּאַראַד...

— אָ, גבֿרת, דאָס איז מיין פליכט, איך טו עס בת־שו־את חן. — האָט זי קוים פאַרענדיקט די לעצטע ווערטער, דערמאָנענדיק זיך, וואָס פאַר אַ „פּאַראַד" דאָס איז געווען.

— און אַ חוץ אייער פליכט וואָלט איר ניט געקומען אונדז זען ?

— יאָ, געוויס. געוויס וואָלט איך געקומען. איר געדענקט, איך בין דאָך געווען אַ מאָל ביי אייך אין הויז — און האָט זיי אַריינגעזעצט אין אַ טאַקסי.

— שוירלי, מאַרגן גייסטו מיט מיר, אויב דו האָסט ניט קיין אַנדער באַשטעלונג. — צו אים קיין וואָרט ניט, גלייך ער וואָלט גאָרניט געווען דערביי. ער האָט פון דעסטוועגן אַ זאָג געטאָן אונטער דער נאָז. „זאָלסט זיך אָנטאָן אַ קליידל". זי האָט ניט געהערט.

— נו, האָסטו דאָס געדאַרפט ? האָט זיך די מאַמע געוואָנדן צו דזשעקן.

לאָטי פּ. מלאך

— וואָס האָב איך באַדאַרפט?

— מען ווייסט שוין וואָס...

*　*　*

אַזוי איז שוין באַשערט אונדזער יִידיש פאָלק בכלל און דער יִידישער מדינה בפרט, נאָך די באַשיידענע חוקת המנהגים, פּראַקטאָקאָל הייסט עס אויף דער אָפּיציעלער שפּראַך, האָט מען געפּראַוועט עצבות און שמחה צוזאַמען. אין דער פרי איז מען געגאַנגען אויף קבר לבנים צו פּיוולען און אין אָוונט האָט מען, מיט ברען, ווי אַלע ווייטיקן צו פאַרטרייבן, געטאַנצט אויף דער חתונה ביי דזשעקן מיט מנוחהן. זי האָט איצט ניט „געברענט קיין וועלט", ווי דזשעקן פלעגט זיך אויסדוכטן. זי איז געווען בלייך, ווי אַ שאָטן, איינגעהילט, בפירוש איינגעהילט, ניט אָנגעטאָן, אין גאַנצן אין ווייסן און האָט אויסגעזען ווי אַ שניי־בלימעלע, מיטן בראָנדזענעם פּנימל ווי אַ ראָזשינקע, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פונעם איינהיל...

*　*　*

יאַנק, דאָ האָט אים קיינער ניט גערופן דזשעק, איז אַריין אין קיבוץ, ווי אַ פיש אין וואַסער. ער איז ווי געבוירן געוואָרן פאַרן קיבוץ. דורך זיינע הענט זיינען אַדורכגעגאַנגען פאַרשיידענע אַרבעטן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי פלעגט ער אַ מאָל אין אַ נויט העלפן פאַרריכטן אַ טראַק, אַ דזשיפּ, אַ טאַנק, אַפילו אַ העליקאָפּטער. דאָס ביסל דערפאַרונג איז אים דאָ שטאַרק צונוץ געקומען. דאָ האָט ער פאַרריכט וואָס ס'איז אים געקומען אין די הענט אַריין: פון אַ טאָפּ ביז אַ טראַקטאָר. היינט טרייבט ער אַ דיזעל־טראַק פון קיבוץ צום פּאָרט און צוריק, אַז עס גייט אַזש אַ רויך. און דאָס איז דער זעלבער דזשעק, דער „מיספּיט", דער טויגעניכטס, דער שלימזל... און מנוחה? מנוחה האָט געבליט ווי די שענסטע רויז אין גאָרטן.

*　*　*

נאָר ס'איז דעם יונגן פּאָרפאָלק נאָך אויסגעקומען ניט איין מאָל אַריינצוקריכן אין זייערע מונדירן און איבערלאָזן דעם קיבוץ. וואָרעם, די מדינה האָט געפאָדערט מער ווי איין מאָל אויסגעלייזט צו ווערן.

עד־דלא־ידע

(אַ מעשהלע)

באַקענט האָב איך זיך מיט מיין קליינער חברטע טשיפּל, בשעת זי איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ און מיטן הינטן אַרויף און געטרויערט אויפֿן קול נאָך אַ ניט אויפֿגעגנייט קלײדל. דאָס איז געווען אין סאַמע ערב־פּורים — אסתּר־תּענית, גאַנץ פֿרי, אַ מאָל אין תּל־אביב.

אין דרויסן האָט מען שוין געאַרבעט ביים צוגרייטן דעם פּאַראַד. מען האָט אָפּגעשפּאַרט די הויפּטגאַס, אַלענבי, מען האָט זי פּאַרבויט מיט פּאַלאַצן פֿון טאָוול, ווענט און טויערן, ברייטע הויפֿן, מיט באַלקאָנען פֿון ברעטלעך. דערנאָך האָט מען דאָס אַלץ באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן, באַמאָלן מיט בילדער און אין דער מיט אַ היכל טראָן פֿאַר אַחשוורושן און איבער דעם אַלעמען האָט מען פֿאַרצויגן עלעקטרישע דראָטן און אָנגעצונדן קאָלירטע לעמפּלעך.

די קינדער האָט מען אַוודאי ניט געלאָזט פֿאַרשלאָפֿן דאָס געשעעניש. מען האָט זיי גערופֿן און געמונטערט, געוועקט זייער פֿאַנטאַזיע. איין קלייניקייט: אַז מען האָט יאָ דערלעבט אויפֿצוהענגען המן הרשע, איז, קינדער, וואָס שוויגט איר? און די קינדער האָבן טאַקע ניט געשוויגן, זיי האָבן זיך געגרייט און געפֿרייט, געטומלט און געזונגען. נו, יאָ. געשיכטע איז איין זאַך, אָבער אַ נשף וועט דאָך זיין; און נאָך וואָס פֿאַר אַ נשף, אַ גאַנצע עדלאַידע (אַדלעיאַדע — פֿעסטיוואַל), אַ נשף אין מיטן העלן טאָג. די קינדער מיט זייערע פֿאַרשטעלונגען און פֿאַרוויילונגען האָט מען אָפּגעפּטרט אַ טאָג פֿאַר פּורים, וואָרעם דער „הייליקער" טאָג גופֿא איז באַשטימט געוואָרן פֿאַרן אמתן גאַסן־מאַסקנבאַל. דערווייל האָבן די קינדער געהאַט גראַגערס, רעשונים אויף עברית, און זיינען אַ גאַנצע וואָך אַרומגעלאָפֿן מיט מאַסקעס אויף די פּנימלעך און גראַגערס אין די הענט און...

„הבה נרעישה רעש־רעש־רעש.
הבה נרעישה רעש־רעש־רעש —
ברעשנים" — האָבן זיי פאַרצויגן מיט די הייזעריקע גראַגערס.

* * *

אַזוי איז עס געקומען דערצו, וואָס טשיפּל האָט געהאַט איר נשף פּונקט היינט, ערב־פּורים, ווען איר ניי קליידל איז נאָך ניט געווען אויסגעפּאַרטיקט.

איך האָב געהערט דורך דער וואַנט, ווען איר מאַמע איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, זיך געוואַשן און גענומען צוגרייטן עסן פאַרן קינד אויף אַ גאַנצן טאָג, וואָרעם ווער ווייסט ווען זי וועט היינט אַהיים קומען. אַ שטיקעלע הערינג, צוויי שטיקלעך ברויט אָנגעשמירט מיט פּוטער, אַ האַרט געקאָכט איי, צוויי רויטע טאָמאַטן און עטלעכע גרינע ציבלקעס. זי האָט דאָס צו־געדעקט מיט ליבשאַפט, איבערגעשפּרייט מיט אַ ווייסער סערוועטקע און אַריינגעשטעלט אין אייזקאַסטן. „צו געזונט דיר, מיין קינד, מיין איינציק קינד".

זי האָט צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג אויפגעוועקט טשיפּלען אַזוי פרי, איר עפּעס אָנגעזאָגט, געטרייסט, געבעטן און זי געפּרוּווט איינגעמען: „זע, טשיפּל, ס'איז ניט אַזוי שלעכט. אַזאַ יאָר אויף מיר ווי שיין דו וועסט אויסזען". זי האָט דערביי אויסגעשפּרייט אַ ריין אויסגעוואַשן און אויסגע־פּרעסט קליידל מיט צוויי שפּאָגל־נייע לאַטקעלעך אַריינגעזעצט ביי ביידע עלנבויגנס און איז אַוועק צו דער אַרבעט מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט גע־גאַנגען צו מזכיר־נשמות.

טשיפּל האָט געקוקט, געקוקט און גאָרניט געענטפערט. ערשט ווען די מאַמע האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך און טשיפּל האָט זי געהערט אַראָפּגיין די שטיינערנע טרעפּ, האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין. אָבער אַ געוויין...

איך קלאַפּ אָן אין וואַנט.
טשיפּל הערט ניט.
איך קלאַפּ אָן אין טיר.
זי ענטפערט ניט.

גיי איך אַריין —

זי זעט ניט.

נאָר ווי זי איז אַזוי געלעגן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין קישן און מיטן הינטן אַרויף, האָט זיך ממש געבעטן: „שמיר". האָב איך איר טאַקע דערלאַנגט אַ פּיין „פּלעצל". דאָ האָט טשיפּל אויף אַ מאָל דערהערט און דערזען און דערפילט. זי האָט זיך געגעבן אַ קוצקע איבער, אַ זעץ אויף און פון אונטער אַ געדיכטער כוואַליע בראָנז־קאָלירטע האָר האָבן זיך אַרויסגעפּאַטלט אַ פּאָר אויגן, וועלכע האָבן מיך פאַרווונדערט אָנגעקוקט: „מי אַת?" — ווער ביסטו? „איך, איך בין דיין שכנה". האָב איך זיך גאָר געמיטלעך באַזעצט ביי איר אויפן בעט. זי האָט זיך אויך אויפגעזעצט, גלייך און גענומען שאַרן מיטביידע הענט די האָר פון איר פּנים: „אֵין אַת מדברת עברית?" „לא". „דיין מאַמע רעדט מיט דיר אויך יידיש". מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט אַ לענגערע צייט און גאָר אויף אַ מאָל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דערנאָך האָבן מיר זיך ערשט אַרומגעזען אַז מיר ווייסן גאָרניט וואָס מיר לאַכן, האָבן מיר זיך ערשט רעכט צעלאַכט.

— איז וואָס־זשע האָסטו אַזוי שטאַרק געוויינט? — פרעג איך זי.

— ווייל... איך האָב ניט געוווסט אַז דו ביסט דאָרטן דאָ. — ווייזט זי מיטן פינגער אויף דער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ איר צימער פון מיינעם.

— יאָ, אָבער צוליב מיר האָסטו דאָך ניט געוויינט.

— איך האָב געוויינט, ווייל, ווייל... איך ווייס שוין פאַר וואָס.

— פאַר וואָס, טשיפּל, זאָג מיר אויך, האָב איך געפּרוווט צוזויפנעמען אירע סאַמעטענע האָר — דו וויינסט ווייל די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען?

— הס, די אמא גייט דאָך אַרבעטן. נאָר ווען איך בין אַלט געווען פיר יאָר בין איך געבליבן אַליין און האָב ניט געוויינט — האָט טשיפּל זיך גענומען באַרימען.

— מיין אמא זאָגט, אַז איך בין אַ ילדה טובה (אַ וווּיל מיידעלע) איך וויין קיין מאָל ניט. נאָר... אַ מאָל, ביינאַכט, פאַרגעס איך זיך און וויין יאָ, קומט די אמא גלייך צו מיר אין בעט אַריין. נאָר ווען איך כאַפּ זיך אויף, טרעף איך זי שוין אַוועקגעגאַנגען. דעמאָלט וואָלט איך אַזוי שטאַרק גע־וואָלט אַז דער אַבא זאָל צו מיר אַריינקומען, אַך לרגע אחד (כאָטש אויף

איין רגע) זאָל ער אַריינקומען. אָבער ער קומט ניט, דער אבא. די אמא זאָגט, אַז ער וועט שוין קיין מאָל ניט קומען. און איך וויין שוין קיין מאָל ניט — האָט דאָס קינד געכליפּעט.

— פֿאַר וואָס־זשע האָסטו פֿריִער געוויינט ?

— איצט וויין איך, ווייל, ווייל...

— פֿאַר וואָס, טשיפּל, דערציייל מיר, איך וויל מיט דיר זיין חברה.

— ווייל — מיט איין שאַר פֿון דער האַנט האָט זי ווידער אַרויסבאַ־קומען די צוויי גרויסע אויגן — ווייל די אמא איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און האָט גענייט אָט די אַלע משונהדיקע זאַכן — האָט זי געוויזן מיטן הענטל אויף אַ הויפֿן קאָלירן וואָס איז געלעגן אויפֿן דיל: גרויסע קופּקעס מיט אָן אַ שיעור פֿאַלבן; מיצן, מאַסקעס און היטלען ווי קוגלטעפּ, און וועסטן ווי טשערעפּאַכעס — און מיין קלידל, מיין איינציק קלײדל האָט זי ניט אויפֿגענייט, בהו, בהו, און איך וועל ניט גיין צום נשף, בהו, בהו...

— אָבער טשיפּל, דו ווייסט דאָך די אמא — — — —

— איך ווייס, איך ווייס — פֿאַלט טשיפּל אַריין אין די רייד. — די אמא דאַרף אַרבעטן אַ סך, ווייל זי פֿאַרדינט ווייניק. אָבער מיין קליידל, בהו, מיין איינציק קליידל. די מורה האָט אָנגעזאָגט, אַז אַלע „פּרינצעסינס" דאַרפֿן קומען אין ווייסע קליידלעך, און מיר דאַרפֿן טאַנצן אַרום אסתּר־המלכּה, בהו — האָט טשיפּל ביטער געוויינט און עס זיינען געפֿאַלן גרויסע קינדערשע טרערן.

* * *

אַז אַ קינד וויל עפּעס, וויל עס. מעג עס זיין די קלענסטע קלייניקייט. ביי קינדער איז ניטאָ קיין קלייניקייטן. ס'קאָן געמאָלט זיין, אַז טשיפּל האָט אפשר געוויינט איבער גאָר אַן אַנדער סיבה ווי די וואָס זי האָט געמיינט. אפשר האָט איר פֿאַרקלעמט דאָס הערצעלע די בענקשאַפֿט נאָכן אַבא. נאָר אויסגעלאָזט האָט זי איר גאַנצע אָנגעוויטאָגטקייט צום קליידל. צי ווען דער אַבאַ נעמט זי אָן ביים הענטל, ווי ער פֿלעגט עס טאָן אַ מאָל, און גייט מיט איר צום נשף, צי וואָלט זי אויך אַזוי שטאַרק געוויינט נאָכן קליידל ?...

* * *

— טשיפּל, ווייז מיר דאָס קליידל.

— וועלכעס? דאָס מיט די לאַטקעלעך? — האָט זי אויסגעשטרעקט דאָס הענטל און געוויזן אויף אַן אַלט קליידל מיט נייע לאַטקעלעך אויף די אַרבל. — צי דאָס נייע, דאָס ווייסע?

טשיפּל איז צוגעלאָפן צו דער ניימאַשין און האָט אַרויסגעשלעפּט אַ ווייס שטיקל לייוונט פון אונטערן צודעק, זי האָט עס צוגעמאָסטן צו זיך מיט גרויס באַדויער און האָט אַרויסגעזיפצט:

— ס'איז נאָך ניט פאַרטיק.

— טשיפּל, דאָס הייסט ביי דיר ניט פאַרטיק? ס'איז דאָך נאָך ניט אָנגעהויבן אַפילו.

טשיפּל פינטלט אויף מיר מיט די צוויי פייערדיקע אויגן, אַז מ'האָט געקאָנט אומקומען אונטער איר בליק.

— ווייל מען האָט עס ניט אָנגעהויבן איז עס ניט פאַרטיק געוואָרן...
הכלל מיר האָבן זיךביידע אַ נעם געטאָן צום קליידל.
טשיפּל האָט אויסגעשפּרייט אויפן טיש, איך האָב אָנגעצייכנט.
טשיפּל האָט פאַרסיליעט אַ נאָדל, — איך האָב געהאָפטן.
טשיפּל האָט איינגעפעדימט די מאַשין, איך האָב גענייט.
טשיפּל האָט געמאַכט אַ הייס אייזן, איך האָב געפּרעסט.
און מזל־טוב, דאָס קליידל איז פאַרטיק.
איז דאָך שוין גוט, אַ יאָ?
טויג עס ערשט ניט.

וואָרעם, וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ פּראָסט לייוונטן קליידל אָן עפּעס אָן אויפפּוץ, אַ שלייף, קנעפּלעך, אַ שפּיץ, עפּעס...

ביי טשיפּלס מאַמען געפינט זיך אַ גרויס בינטל מיט קליינע רעשטלעך סחורה; קאָן מען דערין געפינען אַלצדינג, אַחוץ דאָס וואָס מען דאַרף. און מיר זיצן אַזוי איינגעטונקען אין די שמאַטקעלעך און זוכן עפּעס אַ פּאַסיקע זאַך כדי אויפצופּוצן דאָס קליידל, איז מיין אויג געפאַלן אויפן פירהענגל פון פענצטער וואָס איז געווען פאַרבונדן אויף אַ זייט מיט אַ שיינער, בלויער שלייף. האָב איך דאָס גלייך אַראָפּגענומען, אויסגעפּרעסט און צוגעטראָגן אָנמעסטן צום קליידל. אָבער טשיפּל איז נאָך אַלץ ניט צופרידן.

— ניין, ניין, איך דאַרף האָבן אַ ציון (צייכן) פון מיין שול און אַ ציון פון אַ פּועלת. מיין אמא איז אַ פּועלת, זי אַרבעט אין דער „לאָדזשיאַ״ (אַ טריקאָטאַזש־פאַבריק מיט דעם נאָמען). מיין אבא איז אויך געווען אַ פּועל; ער האָט געאַרבעט אויפן כּביש (שאָסיי) האָבן אים די אַראָבער איבערגעפאַרן. אומישנע איבערגעפאָרן, בלייבט טשיפּל אַ פּאָרטראַכטע. — איך געדענק נאָך ווי מיין אבא האָט אויסגעזען — האָט זיך טשיפּל צע־שמייכלט — אַזאַ הויכער איז ער געווען, אַ טונקעלער מיט אַ גערגעלע אויפן האַלדז. ער איז געווען אַזאַ גוטינקער, מיין אבא. ער האָט געאַרבעט אויפן כּביש כּדי צו פאָרן קיין באר־שבע. ווען ער איז אַהיים געקומען פון דער אַרבעט, פלעגט ער אויסגיסן אויף זיך אַ גרויסן שעפּל מיט וואַסער. די אמא פלעגט אים צוטראָגן אַ האַנטוך און רעדן אַזוי פריילעך... ניט אַזוי ווי היינט.

דאָס ווייטערדיקע האָט זי געטראַכט, אָבער ניט דערציילט. דעם עפּיזאָד און נאָך אַזעלכע האָב איך זיך דערוווּסט פון איר מוטער.

ווען זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין דער דירה — דאָס איז געווען אַ ליכטיקע דריי צימערדיקע דירה אין אַ גרויסן קאָאָפּעראַטיוו, וואָס די הסתדרות האָט אויפגעבויט — זיינען זיי אַלע דריי געווען זייער גליקלעך. באַזונדערס האָט זיך טשיפּל געפרייט. וועלכעס קינד האָט זיך ניט ליב צו ציִען? ס׳איז דאָך עפּעס דאָ מיט וואָס זיך ראַשן. זיי האָבן זיך גענומען אויפראַמען דאָס הויז, די נייע היים. דער אבא האָט אָנגעהויבן פון באַלקאָן, קערן דאָס זאַמד, דעם קאַלך און פלאַסטער, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביים בויען און די אמא האָט אָנגעהויבן וואַשן פון דער קיך און ווען זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אין מיטן פראָנטצימער — ער מיטן בעזים און זי מיט אַ נאַסער שמאַטע, האָבן זיי זיך צוגעבויגן און ניט אָנרירנדיק איינער דעם צווייטן האָבן זיי זיך צעקושט.

טשיפּל ווייסט ניט, אַז זי האָט דערפילט אַ געוויסע אייפערזוכט ווען זי האָט דאָס געזען, נאָר זי האָט געלאָזט אַלע צאַצקעס ליגן אויפן דיל, איז צוגעלאָפן, זיך אַריינגעשטופּט צווישן טאַטע־מאַמע און געהויבן די הענטלעך מען זאָל זי אויפהייבן. האָט דער פאָטער אַ וואָרף געטאָן דעם בעזים, האָט זי גענומען אויף די הענט און אַרומגענומען דער מאַמען.

טשיפּלען איז דעמאָלט אַזוי גוט געווען, אַזוי גוט... דער אַבא האָט גע־מיינט אַז די תּינוקת (קליין מיידעלע) ווייסט גאָרניט און פאַרשטייט גאָר־ניט, האָט ער אַזוי אָפנהאַרציק גערעדט צו זיין ווייב:

— אַזוי גיך ווי מיר וועלן זיך האָבן איינגעאָרדנט און אַלץ וועט זיין בסדר וועלן מיר האָבן אַ תּינוק.

— לא תּינוק, לא תּינוק, איני רוצה — און האָט צוגעהאַלטן דעם פאָטער דאָס מויל. טשיפּל, וועמען מען האָט נאָך דעמאָלט גערופן ציפּורה, וויל ניט קיין תּינוק, זי וויל בלייבן איינע אַליין ביי טאַטע מאַמע. דער אַבא האָט איר געקושט די קליינע הענטעלעך, די דלאָניעס און די גרי־בעלעך ביי די עלנבויגנס. דאָס איז די איינציקע דערינערונג וואָס טשיפּל האָט פון איר פריִער קינדהייט. און כאָטש זי זעט דעם אינצידענט קלאָר פאַר די אויגן, האָט זי דאָס נאָך קיין מאָל ניט געבראַכט אויף די ליפּעלעך. דאָס איז געבליבן אַ סוד אין איר הערצל, אַ טייערע דערמאָנונג. אין דעם סוד האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ טיפע בענקשאַפט נאָכן אַבא און אַ גרויסע געטריישאַפט צו דער אמא. דאָס איז געווען אַזאַ מין חפץ, וואָס מען קאָן אים ניט אַרויסנעמען און ווייזן...

נאָך אַ פאַרטראַכטער פויזע האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון שלאָף:

— דאַרף איך אויך זיין אַזוי ווי מיין אמא; אַזוי ווי מיין אַבא איז געווען — אַ פּועלת.

מיר האָבן זיך ווידער אַריינגעלאָזט אין דעם הויפן שמאַטקעלעך, פון וואַנען מען האָט אונדז קוים אַרויסגעזען, און געזוכט. אָבער אַחוץ אַ פּאָר בלויע פעדעם פון וואָל האָבן מיר גאָרניט געפונען, וואָס זאָל פאַרענטפערן אונדזער גרויס באַדערפעניש. פּלוצלינג האָט זיך טשיפּל מיט עפּעס דער־פרייט. זי איז אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט אַ בלייער און טינקענדיק דערמיט אויף איר צינגל האָט זי גענומען שרייבן אויפן ווייסן קליידל.

— טשיפּל, וואָס טוסטו, וואָס איז דאָס?

— זה פּטיש (אַ האַמער), דו זעסט ניט? און זי גיט מיר אַ מאָל אָפּ:

— פּטישים הלמו בהרים, והלמו, פּטישים. — און זי קוקט אויף מיר מיט אַ זיגערישן שמייכל: — דו ווייסט ניט, אָבער מיר לערנען דאָס

אַנדערע, דאָס מיט אַ לאַנגן שטעקן, אין בית־הספר (שול). ווי אַזוי מאַכט מען וואָס די חלוצים טראָגן אויפן אַקסל?

— דו מוזסט אַוודאי מיינען אַ קאָסע, מיט אַ לאַנג איינגעבויגן מעסער?

— יאָ, וואָס איז עס און וואָס טוט מען מיט דעם?

— מען שניידט דערמיט די תבואה אין פעלד.

— תבואה שניידט מען דאָך מיט אַ טראַקטאָר.

— אָבער, טשיפּל, איך קאָן דיר דאָך ניט אויסנייען אַ גאַנצן טראַק־טאָר אויפן קליידל — וועט איך שוין בייז.

— צו וואָס־זשע דאַרף מען אַ קאָסע, אַז תבואה שניידט מען מיט אַ טראַקטאָר און די קינדער ביים נשף וועלן סיי ווי ניט וויסן וואָס דאָס איז אַזוינס אַ קאָסע. חרמש, מגל, דאָס וועלן זיי וויסן. — ניין! לאָמיר בעסער מאַכן אַ מגן־דוד.

— טשיפּל, ס'איז שפּעט. אַ קאָסע דאָס איז בלויז אַ צייכן, אַז דער פאַרמער אין פעלד און דער פּועל אין שטאָט דאַרפן זיך פאַראייניקן אין איין קלאַס — לערן איך מיט איר „תורה".

— וואָס הייסט פאַראייניקן, און וואָס דאַרפן זיי אַ גרויסע כּיתּה, אַ יאָ, דאָס האָסטו געמיינט, אַ כּיתּה?

— טשיפּל, דו וועסט היינט פאַרטיק ווערן צי ניט? — ווער איך שוין גוט אין כּעס. — אַ קלאַס פאַר גרויסע מיינט אַ כּיתּה פון פּועלים. אַזוי ווי דו, למשל, ווילסט דווקא זיין אַ פּועלת, אַזוי ווי דיין אמא איז און ווי דיין אַבאַ איז געווען, און אַלע צוזאַמען זייט איר פאַראייניקט אין דער הסתדרות מיט אַנדערע פּועלים.

— אַזוי. — האָט טשיפּל פלינק געגומען קעמען אירע שוואַרץ געדיכטע האָר, וואָס די זון האָט איצט באַגאָסן מיט גאָלד, זי האָט אַרויפגעשלעפּט דאָס קליידל, איר ברוין העלדזל האָט זיך שלאַנק אַרויסגעהויבן פונעם ווייסן, רונדן אויסשניט. די פוקסע הענטעלעך האָבן זיך פלינק באַוועגט אונטער די ווייסע פליגעלעך פון קליידל; ס'האָט אויסגעזען ווי אַ טייבעלע, וואָס אָט־אָט הייבט זיך עס אויף און פליט אַוועק.

שוין ביי דער טיר האָט זי זיך ראַפּטאַם אויסגעדרייט און אַריינגעקוקט אין שפּיגל. דער אויסגענייטער מגן־דוד אויף איר ברוסט און די קאָסע

אויף דער זייט, וואָס איז געבליבן בלויז אָנגעצייכנט, ניט אויסגעניצט, האָבן באמת באַצירט איר קליידל. זי איז זיך געפעלן. זי האָט אַרויפגעקוקט צו מיר, ניט מיט קיין דאַנקבאַרקייט פאַר מיין האַרעוואַניע, נאָר געזוכט ביי מיר הסכמה, צי פּאַסט עס איר טאַקע. און אַז איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, האָט זי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף מיין האַלדז און האָט אָפּגעפּייערט אַ הייסן קוש.

אַ שטראַלנדיקע איז זי אַוועק צו דער עדלאידע...

עלנטע

דער עלנט טרייבט פון שטוב. איך גיי, איך ווייס ניט וווהין. נאָר וואָס איז די נפקא־מינא? פּלוצלינג געפין איך זיך אויף אַ ברייטער גאַס. פון ביידע זייטן גרויסע הייזער און רייכע, קאָלירפולע געשעפטן. — גלאַנץ פון גרויסשטאָט. אַ שילד: בעווערלי דרייוו. לאָז איך זיך גיין מיט בעווערלי דרייוו און גיי אַזוי און גיי אָן אַ ציל און אָן אַ נאָך וואָס, ביז איך קום אָן אויף אָלימפּיק בולוואַר. פון ביידע זייטן ראָג שטייען צוויי רחבותדיקע בנינים — איינער קעגן איבער דעם אַנדערן, ביידע אין זעלבן סטיל. נאָר וואָס זאָג איך סטיל? אַז ס׳איז גאָר אין גאַנצן קיין סטיל ניט. צוויי אומ־געהייער גרויסע, ריזיקע קאַסטנס — פיר שטאָק די הויך. פון ביידע זייטן פון די גרויסע בנינים שלענגלען זיך אויסגעשטיינדלטע וועגן אין די גערטנער אַריין, וואָס הינטער די הייזער. איך שטעל זיך אָפּ ביי איינעם פון די בנינים און באַטראַכט אים, דעם בנין, אָן אַ פּיצל אינטערעס. און דאָך האָב איך באַמערקט די גרויסע ווערענדע פאַרן הויז, אין דער מיט — ברייטע, פלאַכע טרעפּ אַרויפצוגיין. פאַזע דער וואַנט זיינען געשטאַנען אַ דרייסיק־פערציק געפלאַכטענע בענקלעך, סימעטריש אויסגעשטעלט אין דריי שיטערע רייען. דאָ און דאָרט — רונדע טישן מיט קאָלירטע שירעמס איבער זיי כדי צו באַשיצן פון דער זון די מענטשן, וואָס וועלן עווענטועל זיצן ביי די טישן. ס׳איז געווען אַ צעשיינטער זונטיק אין דער פרי, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ הייסן טאָג.

אויף איינעם פון די אַלע בענקלעך איז געזעסן אָן איין איינציקע פרוי אין גאַנצן אין ווייסן. אירע ווייסע האָר שיין פריזירט — קיין הערעלע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אַ גלאַטיק פנים, ווייס, ווי מעל, מיט שמאָלע, רויט־געפאַרבטע ליפּעלעך. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ שיינעם, ווייסן קאָסטיום — נאָר וואָס פון דער נאָדל. שפּאָגל נייע, ווייסע שיך פון וועלכע ס׳האָט זיך אַרויסגעזען די „פּעדיקירטע" נעגל פון די

פיס; גוט־געפלעגטע, ווייסע הענט מיט רויט־געפאַרבטע נעגעלעך. איין בליק האָט אייך אָנגעזאָגט אַז דאָס איז אַ פרוי פון הויכן ווילשטאַנד. יאָ, ווילשטאַנד. נאָר ווי ווייל עס קאָן זיין אַ מענטשן צו זיצן איינע אַליין אין אַ גאָלדענעם פרימאָרגן? דאָס ווייס איך שוין ניט...

איך בין אַרויפגעגאַנגען די פלאַכע מאַרמאָר־טרעפּ. די פרוי האָט זיך ניט אומגעקוקט. איך האָב זיך צוגעזעצט אויף איינעם פון די שטולן ניט ווייט פון איר און געהאַפט, אַז זי וועט מיך עפּעס פרעגן: וווהין איך גיי, וועמען איך זוך? די פרוי האָט זיך ניט געאיילט צו פרעגן. אַ מענטש גייט, גייט ער. האָט ער זיך צוגעזעצט, זיצט ער. ניט אירע ביזנעס. אָבער איך האָב געלעכצט צו פאַרבייטן אַ וואָרט מיט עמעצן. איז ווי אַזוי הויבט מען אָן אַ שמועס מיט אַ ווילד־פרעמדער פערזאָן? אַ, יאָ. דאָס וועטער. דאָס וועטער אין דרויסן איז אַן עכט אַמעריקאַנער אָנהויב פון אַ שמועס:

— אַ וווּנדערבאַרער טאָג הייַנט...

זי איז ניט געווען איבעריק פאַראינטערעסירט אין מיין „אַריינפיר”. זי האָט אויפגעהויבן צוויי בלוי־גרויע (הייזל אייס) אויגן פונעם דיל און ניט קוקנדיק אויף מיין זייט — „יעס, איט איז אַ ברייט דעי” (יאָ, ס׳איז אַ שיינער טאָג) — און געווענדט איר בליק צום מערב, פון וואַנען זי האָט, ווייזט אויס, עמעצן דערוואַרט. איך האָב זיך פאַרזיכטיק צוגערוקט נעענטער. דווקא די רחבות דאָ האָט אַקצענטירט די איינזאַמקייט.

— דאָס איז אַ האָטעל, צי אַ פּענסיאָנאַט? — פרעג איך זי — וועלנדיק פאַרבינדן עפּעס אַ שטיקל שמועס.

— דאָס איז אַ פּענסיאָנאַט פאַר „ריטייערד פּראָפעסיאָנאַלס” (פאַר עטלערע מענטשן).

— מיין זון, ער דאַרף באַלד אָנקומען מיך נעמען אין „טשוירטש”.

— יאָ, איך האָב טאַקע געזען, דאָ ניט ווייט, זייער אַ שיינע קירכע. כ׳האָב באַוווּנדערט די אַרכיטעקטור. — די פרוי האָט באַוויזן אַ סימן פון עמאָציע.

— אין דער קירכע גיי איך ניט, דאָס איז אַ מאָרמאָן־טעמפּל, פּאָלי־גאַמיסטס! ניט פון מיין „פּערסואַייזשן” (אמונה). איך גיי אין פּרעס־בעטיריאַן טשוירטש אין בעל אייר (אַ רייכע געגנט מיט דעם נאָמען),

דאָרטן פיל איך זיך ווי אין דער היים. — האָט די פרוי אַ ביסל נאָכגעלאָזט איר פאַרפרוירענע צונג.

— מיין זון — און האָט עפּעס אָראָפּגעשלונגען. — מיין זון וויל דווקא איך זאָל וווינען דאָ אין דעם פּענסיאָנאַט, ווייל דאָ איז אים באַקוועם צוצוקומען. ער האָט זיין אָפיס אין סענטשורי סיטי (אַ נייע אויסגעבויטע געגנט מיט הימל־קראַצערס), ניט ווייט פון דאַנען. נאָך אַ ווײַלע פריִער האָט ער געוואָלט איך זאָל בלייבן וווינען אין אונדזער זומערהיים אין סאַנטאַ באַרבאַראַ. מיר האָבן דאָרטן אַ שטח פון פינף הונדערט אַקער. אָבער מיט וועמען זאָל איך דאָרט וווינען, מיט דער דינערשאַפט?

— סאַנטאַ באַרבאַראַ איז טאַקע אַ גרויסאַרטיקע שטאָט. — מונטער איך זי כדי זי זאָל ווייטער רעדן. ווען זי האָט גערעדט איז זי געווען אַ סך סימפּאַטישער, ווי ווען זי האָט געגליווערט.

— יאָ, אָבער ס׳איז איבער הונדערט מייל פון לאָס־אַנדזשעלעס און „איי דאָנט דרייוו ענימאָר" (זי טרייבט ניט קיין מאַשין). מיטן העליקאָפּטער נעמט עס אין גאַנצן צוואַנציק מינוט. מיין מאַן איז געווען אַ קאָרפּאָריישן לאָיער (שותּפות־אַדוואָקאַט) פלעגט ער „פאָרן" מיטן העליקאָפּטער צו דער „אַרבעט". ס׳לוינט זיך בעסער, ווי מיטן אויטאָמאָביל, מ׳שפּאָרט צייט. ווען מיין מאַן האָט געלעבט האָבן מיר געהאַט אַ סך פריינד. — און זי האָט אָפּגעהאַקט.

— זע נאָר — טראַכט איך, — ווי דער עלנד שאַנעוועט קיינעם ניט, ניט אָרעם און ניט רייך...

פון דער ווייטנס האָט זיך געגליטשט אַ גרויסער, זילבערנער „מערסעדעס" (אַ דייטשער לוקסוס־אויטאָמאָביל). ער איז געפאָרן מיט אַזאַ גדלות, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען זיין יחוס. דאָס פּנים פון דער פרוי האָט אויפגעלויכטן; דאַכט זיך געקראָגן אַ ביסעלע קאָליר אין די באַקן. זי האָט אַרויסגענומען פון דער ווייסער האַנטטאַש אַ דעליקאַט נאָזטיכל און געפּאָכעט דערמיט צום אָנפאָרנדיקן אויטאָמאָביל. זי האָט זיך אויפגעשטעלט — אַ פרוי אַ שיינהייט, אָן אַ טראָפּן וואַרעמקייט. אויסגעטאָקט, ווי פון אַ טאָלפּן זאַלץ. זי האָט פאַרלאָזט די וועראַנדע, ניט אַ קוק געבנדיק אויף מיין זייט. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן זיך דורכגערעדט

קעגן אַ צוואַנציק מינוט, און איז אַראָפּגעגאַנגען, העכסט גראַציעז, די פּלאַכע טרעפּ.

— פאַר וואָס אַזוי שפּעט? — האָט זי זיך געפּעשטשעט צום זון — ס'איז דאָך שוין באַלד צען אַ זייגער.

דער זון, דווקא אַ טונקעלער מיט גלאַנציק ברוינע האָר און געדיכטע, שוואַרצע ברעמען איבער די אויגן, האָט געגעבן אַ פלינקן שפּרונג אַרויס פונעם מערסעדעס און האָט אַרומגענומען די מאַמע. די פרוי האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי איר פריזור. זי האָט געמיינט, אַז ער האָט איר צעפּאַטלט די האָר. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, געקושט איר די האַנט און פאַרזיכטיק אַ קוש געטאָן אויף דער באַק. און אָט שטייען זיי, די צוויי, מאַמע און זון. ער מיט אַ קאָפּ העכער פון איר. די זון האָט צעכוואַליעט איר גאָלד איבער זיין געזונטן קאָפּ האָר. צוויי שיינע געשטאַלטן. ריין־בלוטיקע, יחוסדיקע אַנגלאָ־סאַקסן.

דער זון האָט העכסט גאַלאַנט געעפנט די טיר פונעם מערסעדעס און אַריינגעזעצט די מאַמע, דערנאָך איז ער צוריק אַריבערגעשפּרונגען אויף דער לינקער זייט און זיך אַריינגעזעצט אויפן פלאַץ פונעם אָנטרייבער, ער האָט אַ „קיצל" געטאָן מיט איין פינגער דעם מערסעדעס און אים געלאָזט אין גאַנג.

וואָס טוט מען איצט? ניין. איך קאָן ניט גיין אַהיים. איך האָב מורא פאַר די אָבלדיקע ווענט, זיי וויינען און איך האָב זיי ניט מיט וואָס צו טרייסטן. לאָז איך זיך ווייטער גיין אויף אומבאַקאַנטע וועגן. פּלוצלינג יאָגט מיך אָן אַ מענטש מיט אַ פאַרסאָפּעטן אָטעם און הויבט אָן גיין, געלאַסן, ביי מיין זייט. ער רעדט צו מיר, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן:

— דו ווינסט דאָ אַרום? — פרעגט ער מיך, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז איך געהער ניט אין דעם רייכן געגנט אויף סאָנסעט פּליסט. איך כאַפּ אַ קוק אויף אים פון דער זייט און דאָס האַרץ פאַלט מיר איין: אַ צעשויבערטער, אַ צעשפּיליעטער מיט לאַנגע אַרבל און לויזע פלודערן. אַלץ האָט געהאָנגען אויף אים, ווי אויף אַ סטראַשידלע.

— ווען איך האָב מיט וועמען צו גיין, וואָלט אפשר ניט אַזוי ווי

געטאָן אַט דאָ, — ווייזט ער מיר אָן אויף זיין צעכראַשטשעטער ברוסט. לויט, ווי ער זעט אויס, אַ משוגענער, טראַכט איך, רעדט ער נאָך גאַנץ צו דער זאַך. נאָר באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן:

— יעדן זונטיק לאָזן זיי מיך אַרויס אויף דער פריי. אַי, ווי גוט ס'איז צו זיין אויף דער פריי, ווען איך האָב נאָר מיט וועמען צו גיין — און קוקט אַראָפּ צו מיר מיט גרויס געבעט. — דו וועסט מיך דאָך ניט אָוועקטרייבן, אַ ניין? סיי ווי וועלן זיי באַלד נאָכשיקן דעם הונט ער זאָל מיך צוריק אַהינברענגען (אַהין ניט אַהיים). איך האָב געזען, אַז ער איז טאַקע יאָ אַ משוגענער, נאָר איך האָב געזען נאָך עפּעס: אַפילו אַ משוגענער וויל זיך אויך צו עמעצן צוטוליען...

— אַז דו וועסט מיך לאָזן גיין ביי דיין זייט, וועל איך דיר אויסזאָגן אַ סוד. זיי האָבן מיך ניט אַרויסגעלאָזט, זיי האָבן מיך בלויז דערקלערט „אומשעדלעך"; האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט, — — — ששש זאָלסט קיינעם ניט אויסזאָגן — און פאַרשטעלט זיך דאָס מויל מיטן פינגער — ששש — נאָך אַ פּויזע: — דו האָסט אויך פאַרבלאָנדזשעט?

— ניין. ניין. איך גיי דאָ צו צו אַ שכן.

— דאָ זיינען ניט פאַראַן קיין שכנים. — האָט ער מיך געכאַפּט ביי אַ ליגן. — דאָס זיינען בלויז „עסטייטס" און פּאַלאַצן. „עסטייטס" האָבן ניט קיין שכנים. מערסטן-טייל זיינען זיי, די איינוווינערס, גאָר ניטאָ אין דער היים. זיי פאָרן אַרום זוכן פאַרגעניגן, אַ סך פאַרגעניגן...

ביין. ער איז ניט אַזוי משוגע, ווי איך האָב געמיינט. ער איז גאַנץ אַ פאַרשטענדלעכער. פון דעסטוועגן, האָב איך געטראַכט, — מען מוז זיך פון אים אָפּטשעפּען. ווי אַזוי ווערט מען פון אים פּטור און דאָ זעט מען ניט קיין לעבעדיקן נפש אויף דער גאַס. נאָר וואָס זאָג איך מען זעט ניט קיין לעבעדיק נפש? אָט איז אָנגעלאָפן אַ הינטל. אַ ברוין, שיין הינטעלע, מיט לאַנגע אויערן און אַן אַראָפּגעלאָזטן עק צווישן די הינטערשטע פיס. דאָס הינטל האָט זיך גענומען פּלאָנטערן אונטער מיינע פיס, ס'איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג און זיך הינטיש געבעטן. וואָס האָט עס געוואָלט, דאָס הינטל? אַז איך זאָל זען ס'איז דאָ. און אַז, ס'איז דאָ, דאַרף מען אים געבן אַ גלעט. לאָז איך זיך אַראָפּ אויפן טראָטואַר און

נעם דאָס הינטל גלעטן איבערן סאַמעטענעם פעלעכל. דאָס הינטל האָט זיך ניט געפוילט און מיר גלייך אָפּגעלעקט דאָס גאַנצע פּנים.

דער מענטש איז געשטאַנען איבער אונדז, איבער מיר מיטן הינטל און האָט געשאָלטן:

— „העל!" כאַי וואָלסטו מיך אַזוי געגלעט. אַ הונט יאָ און אַ מענטש ניט?...

איך האָב זיך דערשראָקן און גענומען לויפן. דאָס הינטל — נאָך מיר, פאַר מיר, הינטער מיר. ס'איז געוואָרן זייער אויפגעלייגט, ס'האָט דאָך געמיינט, אַז דאָס שפּיל איך זיך אַזוי מיט אים. איך בין אַרויפגעלאָפן אויף אַ בערגל און האָב זיך אָפּגעשטעלט און אומגעקוקט: צי לויפט דער מענטש מיר ניט אַ מאָל נאָך און קאָן מיך נאָך כאַפּן? נאָר ניין. ער איז געשטאַנען, ווי צוגענאָגלט צו דער ערד.

— גוד ביי, — האָב איך צו אים געמאַכט מיט דער האַנט. גוד ביי!

ער האָט ניט געענטפערט. ערשט איצט האָב איך דערזען די גאַנצע נעבעכדיקייט: די אָקסלען אַראָפּגעלאָזט, דער רוקן געבויגן, די רויט־לעכע האָר צעפּאַטלט, ווער ווייסט ווי לאַנג ער האָט זיי ניט אויסגעקעמט. איך בין אַ ווײַלע געשטאַנען און האָב זיך אומגעקערט, דערלאַנגט אים מיין האַנט, ווי' אַן אַלטן גוטן ברודער. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט און זי אַרײַנגעשטופּט צו זיך אין בוזעם.

— דאָס איז דען אַ האַנט, דאָס איז דאָך אַ פייגעלע — האָט ער געטוליעט מיין האַנט צו זיין ברוסט.

— גוד ביי, — האָב איך זיך געבעטן. — איבעראַכטאָג זונטיק וועל איך ווידער קומען אַהער, וועלן מיר גיין שפּאַצירן.

— „לייק פאַן". (עס הייבט זיך ניט אָן).

איך האָב פּאַמעלעך אַרויסגעצויגן מיין האַנט און אים געגלעט איבער זיין צעצונדעטנעם פּנים. זיינע ווילד־אויפגעריסענע שאַרף־בלויע אויגן האָבן געוויינט אָן טרערן. דערנאָך האָט ער מיך געלאָזט אַוועקגיין בשלום. איך לויף שוין ניט, איך גיי, דאָס הינטל נאָך מיר. אָט האָסטו דיר אַ נייע צרה, דאָס גייט דאָך מיט מיר אַהיים.

וווהין אַהיים? ס'האָט ניט געהאָלפן קיין שום אָפּטרייבן, קיין וואָ־

רענען! קיין שלאָגן, דאָס הינטל גייט מיר נאָך פּוסטריט מיט הינטישער הכנעה. ביז מיר זיינען אָנגעקומען צום הויז פון מיין דירה. דאָ איז עס שטיין געבליבן, מורא געהאַט אַרויפצוגיין די טרעפּ, פּאַרט אַ פרעמד הויז. האָב איך עס אָוועקגעזעצט און געהייסן זיצן. זיצט עס. איך לויף אַרויף און ברענג אים אַראָפּ אַ ביסל מילך מיט אַ ביין פון אַן עוף. פון אייביקער געוווינטקייט האָט מיך עפּעס צוריקגעהאַלטן: מילך מיט אַ ביין? אַפילו אַ הונט עסט דאָס אויך ניט? — וואַרף איך שוין אַוועק דעם ביין און גיב אים די מילך. לעקט ער עס און היט מיך מיט איין אויג, צי גיי איך ניט אַ מאָל ווידער אַרויף די טרעפּ? גיב איך אים אַ גלעט איבערן פעלכל, ס׳זאָל זיין רויק. (אַז מען דאַרף אַ חיה גלעטן, דאָס האָט מיך נאָך מיין קאָץ אויסגעלערנט). לעקט עס די מילך און איך לויף אין איין אָטעם אַרויף די טרעפּ און כאַפּ דעם טעלעפאָן אין האַנט אַריין.

— האַלאָ, האַלאָ, פּאָליציי?

— יעס אָפיסער, דו קאָנסט מיר העלפן. אַ הינטעלע. ס׳האָט פאַרבלאָנדזשעט. אַ קליין, שיין הינטעלע.

— ניין. איך האָב עס ניט געקידנעפּט, ס׳איז מיר נאָכגעלאָפן.

— ס׳איז אַ רחמנות, מען וועט עס איבערפאָרן.

— וואָס דו קאָנסט טאָן? דו קאָנסט לאָזן וויסן, אויף דער ראַדיאָ, אַז דו האָסט געפונען אַזאַ און אַזאַ הינטל. ס׳האָט אַ קאָלנער. די אייגנטימער וועלן דיך געוויס באַלוינען פאַר דער טירחה.

— יאָ? ווען? אַ קיי! איך וועל עס האַלטן ביז דו וועסט קומען.

— מיין אַדרעס? אַזוי און אַזוי.

לויף איך שוין אין איין אָטעם דעם הינטל אָנזאָגן די בשורה. נאָר ווער, וואָס ווען? דאָס הינטל איז נעלם געוואָרן. פאַרגעסן אים אָנצוזאָגן ס׳זאָל וואַרטן. איך רוף עס „דאַגי“, „דאַגי!“ (הינטל, הינטל), נאָר גיי שריי חי וקיים, אַז דאָס ווייסט גאָר ניט צי ס׳איז אַ הונט...

אַ שעה שפּעטער איז אָנגעקומען אַ פּאָליציאַנט מיט אַן אויטאָ, אַ יונג מיידל איז געזעסן ביי זיין זייט. מיר זיינען אַרומגעפאָרן זאַלבע דריט. אויסגעפאָרן גאַס איין, גאַס אויס: — „פּאַטראַ, פּאַטראַ“ (פאַרקירצט פון קלעאָפּאַטראַ), רופט דאָס מיידל. פּלוצלינג גיט זי אַ שפּרונג אַראָפּ

פונעם אויטאָ אין מיטן גאַנג, און שלעפּט אַרויס דאָס הינטל פֿון אונטער אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט. זי איז צוגעפֿאַלן און האָט עס הייס געקושט. דאָס הינטל האָט געוויינט.

— וואָס איז פּאַטיאַ, די פּיסעלעך ? צעבראָכן ? האָט זי אים געקושט די פּיסלעך.

— איז ערגעץ דאָ פֿאַראַן אַ וועטערינאַר ? — האָט זי געפּרוווט אָפּשטעלן דעם ערשט בעסטן מענטש אויף דער גאַס.

— כ'האָב מורא אַז ניט. וועסט דאַרפֿן פֿאָרן „דאַון טאַון". ס'איז זונטיק — האָט איר אַ „דזשאָגלער", ניט איבעררייסנדיק זיין לויפֿן, צוגעוואָרפֿן.

— „לעטס גאָ !" (לאָמיר גיין) ! האָט זי באַפֿוילן דעם פּאָליציאַנט און ניט אויפֿגעהערט קושן דאָס הינטל. מיך האָט מען אַראָפּגעלאָזט ביים הויז.

איך בין געבליבן זיצן אויף די טרעפּ פֿון דריטן שטאָק און האָב מקנא געווען דאָס הינטל, ס'האָט מזל. מיך, ווי יענעם משוגענעם דאָרטן אין דער רייכער געגנט, וועט שוין קיין מאָל קיינער ניט האַלדזן און און ניט קושן...

די זון, אַ פֿאַרבענקטע נאָכן אָפּגעגאַנגענעם טאָג, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין.

„לאַ פּאַם בראַוו"

ווען וואָלטער ראָש איז צוריקגעקומען פון שפּאַניע אַ פּאַרווונדעטער, האָט מען קיין גרויסן עסק דערפון ניט געמאַכט. ס'איז נאָך געווען אַ היפּש ביסל פאַר דער צייט. קיין אָפיציעלע מלחמה איז נאָך דעמאָלט ניט גע־ווען, בלויז אָפּגעריסענע פיילן פון פינצטערע הענט האָבן צעשניטן די לויטערע לופט.

דאָס שפּאַנישע פאָלק, ווי אַ פריש אויפגעוואַכט קינד, איז געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט, אַז ס'האָט אָנגענומען פאַר ליב די איינצלנע קרבנות, וואָס זיינען געפאַלן ביי דער רעפּאַרמירנדיקער אַרבעט. ובפרט, אַז די קוילן זיינען געפלויגן פון סאַנטאַ פענצטער אַרויס און האָבן זיך אָפּגעריסן פון אונטער שוואַרצע כאַלאַטן מיט שיינענדיקע צלמים, און מיט דעם קאַטוילישן קלער האָט מען זיך ניט געוואָלט אָנהויבן, האָט מען געדולדיק „געשלונגען" די פיילן.

וואָלטער ראָש האָט באַוווּנדערט די קילע איינגעהאַלטנקייט פונעם הייסן שפּאַניער; גאָרנישט ווי אין די מעשיות מיט די קינזשאַל־העלדן, גאָרנישט ווי די אייפערזוכט־טענץ פון אַ כאָזע גרעגאָר. ער האָט געזען פאַר זיך אַ צעבונדן פאָלק, וואָס איז אויפגעשטאַנען ווי אַ ווונדער פון דער צייט צו אַ ניי לעבן.

וואָלטער, וועלוול ראָש, ווייסט ניט געוויס נאָך וואָס ער איז געקומען אַהער, וואָס אים האָט געבראַכט אין דעם פרעמדן לאַנד אַריין. ווי נאָר ס'האָט זיך צעטראָגן די בשורה פון דער אויסדערוויילטער דעמאָקראַטיע, האָט ער עס ניט אויסגעהאַלטן. ער איז געקומען צו לויפן דאָ אַהער, און האָט זיך, ווי מיט געוואַלד, אַריינגעשפּאַרט אין דעם עקזאָטישן לעבן. ער האָט זיך געפרייט מיט אַלץ און מיט אַלעמען; גלייך ער וואָלט דאָ געהאַט אַ חלק אין דעם.

„כאַוואַדזשי" האָט זיך מיט אַ מאָל אַרומגעזען, אַז דאָס „אָרעמע" לאַנד איז גאָרניט אַזוי אָרעם ווי מען האָט געמיינט; אַז די אָרעמע היים

פאַרמאָגט גאָלד און ברויט, ווײַן און האָניק און פּירות. מען דאַרף בלויז צענעמען די הענט און פאַרדינען, ניט חלילה רויבן.

פרעגט וואָס טוט דאָ וועלוול חיים יידלס? ווער האָט אים גערופן אַהער? קיינער ניט. ער האָט זיך אַליין גערופן. אַזוי זײַנען זיי שוין די יונגע־לײַטלעך מיט חלומות אין די אויגן און בטחון אין האַרצן, ווו נאָר ס׳גיט ערגעץ אַ שפּראָץ אויף פרײַהייט, זײַנען זיי דאָ...

וואָלטער־וועלוול איז געווען איין מענטש אויפן יאַריד. ער האָט גאָר־ניט געוווּסט ווו פריִער צו זײַן: זאָל ער פאָרן קיין מאַדריד אָדער קיין סעוויל? אָדער פריִער קיין מאַלאַגאַ? ער מוז באַזוכן דאָס גאַנצע אויפ־געלעבטע לאַנד. נאָר... צי זאָל ער זיך ניט געבן פריִער אַ כאַפּ אַריין קיין פּאָרטוגאַל צו די אנוסים?

ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען פלאַנעל־אַנצוג מיט שווערע שיך. די זון האָט געוואַרעמט מיט הייסן גלי. אונטערן העמד זײַנען ריטשקעלעך שווייס אַראָפּגערונען איבער זײַן רוקן. ער איז געווען אַ הויכער, אַ היפּשלעך אָנגעפּאַקטער מענטש מיט אַ „ווײַיצענעם" פּנים און אַ קרישטאָל־ריינעם בליק. זײַנע באַקן האָבן זיך געררויטלט אין דער זון. אוי, ווען ער ווערט נאָר באַפרײַט פון די שווערע מלבושים.

סוף־כל־סוף האָט זיך עמעצער דערבאַרעמט. ווען ער איז דורכגע־גאַנגען אַ שמאָל געסל, איז געשטאַנען בײַ איינעם פון די קרעמלעך אַ פאַרזאָרגט שנײַדערל און האָט אויסגעקוקט אַ קונה. ווער מאַכט עס זיך נײַע קליידער אין אַזאַ צײַט?! דערזען וואָלטערן מיט זײַן שווערן הולך, איז דאָס ברוין־הויטיקע שנײַדערל מיט די שיינע אַרויפגעדרייטע וואָנ־צעלעך פאַרציטערט געוואָרן. ער איז צוגעלאָפן און האָט אויף אים אַ גלאַנץ געטאָן מיט זײַנע מאַגנעטיש טונקעלע אויגן:

— סעניאָר, פּאַסעי! — ער האָט אים ממש אַרײַנגעשלעפּט בײַ די פּאָלעס; האָט אים אַװעקגעזעצט אויף אַ שטול, אים הכנעהדיק אַרומגע־ווישט דעם שווייס פונעם פּנים און האָט אים אָנגעמאָסטן אַ ווײַס־לײַוונ־טענעם אַנצוג:

— סע סאַ — האָט ער מיט אַנטציקונג אויסגערופן און אײַנגעפּאַקט די וואַרעמע בגדים אין אַ פּעקל.

וואָלטער האָט בלויז געוואָלט וויסן איין זאַך: וויפל? כמה? „קיי־דאַנטאָ״?

ער איז איצט געגאַנגען אָן אויסגעלייזטער פון זיינע שווערע בגדים מיט לייכטע, זינגעוודיקע טריט. זיינע רויטלעך־בלאָנדע האָר זיינען ביי די שלייפן געווען אויסגעוואָלגערט, נאָס. נאָר זיינע קרישטאָלענע בליקן, וועלכע זיינען תמיד צעשראָקענע געלאָפן פאָרויס, זיינען איצט געשפּרונ־גען, ווי די הירשן מיט הערנער פאַרריסענע צום הימל. אַלץ האָט ער באַוווּנדערט, אויף אַלץ איז אים געווען אַ חידוש און אין די אויערן האָבן אים גערוישט זיסע ניגונים ווי בשורות טובות.

— אפשר גאָר זיך דאָ באַזעצן? — האָט ער פלוצלינג אַ טראַכט געטאָן. ערגעץ־ווו דאַרף זיך דאָך אַ מענטש אַ מאָל צושפּאָרן. נאָר אין מוח פונעם זשאַדאָווער רבס אייניקל האָט אַ קלאַפּ געטאָן: „חרם על שפּאַניע!״ — ער האָלט ניט דערפון, האָט ער זיך גלייך אָפּגעענטפערט. און האָט ווייטער געשפּאַנט איבער די זון־פאַרפלייצטע גאַסן פון באַר־צעלאָנאַ.

— טראַוואַי, עי? — האָט ער זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט נעבן אַ בינטל גאַסן־קערערס, וועלכע האָבן געקערט מיט פלייס.

— סי, סעניאָר — האָט אים אַ שוואַרץ, גלאַנציק פּנים מיט לאַכנ־דיקע אויגן געענטפערט. די אַנדערע דריי האָבן אים אָנגעקוקט מיט חשד. זייערע האַרטע פּנימער זיינען געוואָרן אָנגעכמורעט: צי איז דאָס ניט אַ מאָל איינער פון יענע?... נאָר ניין: „כאַוואַדזשי״ — האָבן זיי אָנגע־שפּאַרט די רוט־בעזימער אין דרייעק און אים אַריינגעשטופּט דריי קוי־מיקע ידיים פאַר אַ שלום־־עליכם.

הענט האָבן זיך צעפלאָכטן אין אַ שמועס.

— סי, טראַוואַי, שוין צייט אויך אונדזערע געסלעך אויסצוקערן. פאַראַן אַ סך ביי אונדז וואָס צו קערן — האָט אים איינער געגעבן אָנ־צוהערן. נאָר וואָלטער האָט ניט פאַרשטאַנען, האָט ער בלויז געענטפערט אויפן ערשטן זאַץ.

— יאָ, שוין צייט, שוין לאַנג צייט געווען.

— אַ מוזיקער גאָר ביזטו? — האָט איינער אַ קנייטש געטאָן מיטן שטרויענעם קאַפּעליוש — און מיר האָבן געמיינט אַן אַמעריקאַנער...

— אַ מוזיקער, אַ פּשוטער מוזיקער — האָט וואַלטער גענומען האַס־טיק דערציילן: — בין געקומען אויפנעמען אייער ניי געזאַנג, אייער פריידיק געזאַנג. אַ מאָל האָט מיין פאָלק דאָ געלעבט במנוחה — האָט ער צוגעגעבן מעלאַנכאָליש — און אַ מאָל... — נאָר ניט איצט איז די צייט צו ריידן דערפון. — ער האָט געענדערט דעם שמועס. — האָט איר אויך געשטימט אין די וואַלן?

— אַוודאי געשטימט — האָט איינער אַרויפגערוקט דעם קויטיקן דאַשעק העט הויך איבער דעם פאַרשוויצטן שטערן. ער האָט אַרויסגע־נומען אַ שוואַרץ פּעקעלע מיט שערסקן טאַבאַק און אַלע האָבן פאַררויכערט.

— אַ רעוואַר — האָט וואַלטער געזאָגט אויף פראַנצויזיש און צו־געגעבן — שלום!

— אַסטאַ לאַ וויסטאַ — האָבן זיי אים נאָכגעשריגן אויף שפּאַניש.

וואַלטער איז געווען געוואַלדיק באַגייסטערט פון דער באַגעגעניש, גלייך עס וואָלט דאָ מי־יודע וואָס פאָרגעקומען. שפּאַניע פון 1936 האָט געצונדן די פאַנטאַזיע פון נאַיווע און גלויביקע און... קינסטלערס. זי האָט געשפּילט מיט לויטערע פאַרבן דער וועלט אין פּנים אַריין: נאַ זע, ס'איז מעגלעך, אויף אַ פרידלעכן אופן, אַן רעוואָלוציעס...

נאָר די וועלט, זי האָט עס ניט געקאָנט באַנעמען, ניט געוואָלט פאַרליידן...

וואַלטער איז איצט געפאָרן מיט אַ דרינגענדער מיסיע צוריק קיין פראַנקרייך:

— מיר זיינען שכנים — האָט מען אים אָנגעזאָגט — אונדזער פּורל איז געקניפּט און געבונדן מיט אייערן. וואָס מוסאָליני טוט היינט אונדז, וועט היטלער מאָרגן טאָן אייך. העלפט אונדז בייששטיין.

שוין העט־העט, ביי דער גרענעץ האָט אים אָנגעיאָגט אַ קויל, וואָס האָט אים געטראָפן אין דער רעכטער זייט פון בויך. אָפּגעראַטעוועט, פאַר־

באַנדאַזשירט, האָט מען אים ביינאַכט אַריבערגעפירט די פירענעען און אַרויפגעזעצט אויף דער באַן.

אַנדרעי איז צוגעפאַלן ווי אַ געטריי הינטל און האָט אים אָפּגעלעקט די ווונד. ווער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז פאַרווונדעט? קיינער ניט. זי האָט עס געפילט, זי האָט עס געוווּסט נאָך איידער ער איז אָנגעקומען.

אַנדרעי איז געוועזן וואַלטערס מיידל, מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט אין געהיים, כדי זיינע פריינד זאָלן ניט טייטלען אויף אים מיט די פינגער.

„זע נאָר, וועלוועלע גנב, דער זיידענער יונגערמאַנטשיק; אַנדערש פּאַסט אים ניט נאָר אַ פראַנצויזקע. אַ כבוד פאַר זיין טאַטן".

„אַרויסצוגיין" מיט אַ פראַנצויזקע איז צווישן די יונגע-לייט אויף דער עמיגראַציע געוועזן אָנגענומען. יאָ, ס'איז אַפילו געווען אַ שטיקעלע כבוד. אַ סימן אַז מען אַקלימאַטיזירט זיך אין פראַנקרייך. אָבער, ווען מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן תכלית, האָט זיך יעדער פון דעסטוועגן, אָפּגעזוכט זיינס גלייכן.

געוועזן יונגע-לייט, וועלכע זיינען יאָרנלאַנג אַרומגעגאַנגען מיט פראַנ־צויזישע מיידלעך און צום סוף חתונה געהאַט מיט אייגענע און אָנגעהויבן פירן אַ באַלעבאַטיש לעבן. און וואָס איז מיט וועלוועלע חיים יידלס דעם צדיקל?

אַנדרעי איז געוועזן אַ מאָדנע געשטעל: שמאָל און גלייך ווי אַן אָנ־געצויגענע סטרונע, מיט דער מינדסטער אָנדייטונג אויף ווייבלעכקייט אונטער דער בלוזקע. אַ קאָפּ כוואַליענדיקע ברוינע האָר, בלויע מאַנדל־אויגן און אַ רונד פּנימל מיט אַ שפּיציק גאָמבעלע. און ווען זי האָט עמעצן אָנגעקוקט, האָט זיך אויסגעוויזן ווי זי האַלט זיך קוים איין פון געלעכטער. וואַלטער האָט זי קיין מאָל ניט פאַרגעשטעלט ווי זיין פרוי, נאָר ווי „מיין מיידל". זי האָט אַפילו ווי קיין מיידל אויך ניט אויסגעזען, נאָר ווי אַ יינגל, אַ ניט-דערוואַקסן יינגל. און דאָס איז טאַקע געוועזן די סיבה, וואָס מענטשן האָבן זיך אַזוי שטאַרק געחידושט: „וואָס זעט ער אין איר?"

באַקענט האָבן זיי זיך אויף אַ העכסט אומראָמאַנטישן אופן.

װעלװל איז, מיטן װײסן פון זײן מאַמען, אַנטלאָפן פון דער הײם; געלאָפן איז ער אין דער גרױסער שטאָט אַרײַן זוכן אַ קאָנסערװאַטאָריע. ער האָט זיך אײַנגערעדט אַז ער קאָן זינגען, און ניט אַזױ זינגען, װי שפּילן.

אַז ער האָט טאַלאַנט, דאָס האָט ער זיך נאָך דערװוּסט אַלס ייִנגל פון נײַן יאָר, בעת די גאַנצע משפּחה איז אין דער ערשטער װעלט־מלחמה אַנטלאָפן פון די קאָזאַקן, און בזכות פונעם זײדן, דעם זשאַדעװער רבֿ, אָנגעקומען קײן װין.

װעלװל האָט מיט זײן קלײן, זילבערן קולכל געזונגען בײַ אַ חזן. דער חזן האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן: — ט־ט־, אַ קאַנאַריקל — האָט דער הױכער חזן געשפּאַנט איבערן פּאַרקעט פון זײן דירה און זיך געקװיקט בעת װעלװל האָט פאַרצױגן אַ ניגונדל. — בײַ „אַנשטענדיקע לױטע“ װאָלט אַזאַ ייִנגל געװאַקסן אַ לײַט. בשעתו האָט ער אים געשיקט אַ גאַנג און אים צוגעלערנט אױף דער פּיאַנאָ.

די חזנטע האָט געקוקט אױף דעם פלײסיקן ייִנגל מיט קנאה. אירע צװײ בנים, עלטערע פון אים, דאַרף מען צװינגען און דאָס זיצט אָפּ שעהען בײַ דער פּיאַנאָ און שפּילט גלאַט אַזױ, לשמה. פון דעסטװעגן האָט זי אים אונטערגערוקט אַ פליגל פון דער אױסגעברױנטער גאַנדז און אַרײַנגע־שמײכלט אין איר שײנעם גוידער, בעת דאָס הונגעריקע ייִנגל האָט אָפּ־געלעקט יעדעס בײנדעלע.

ער איז איר פאַרלאָפן דעם װעג, אונטערגעטראָגן דאָס קאָשיקל בעת זי איז געגאַנגען אײַנקױפן; אױפגעהױבן דאָס נאָזטיכל װען זי האָט עס אַראָפּגעלאָזט. איר איז געפעלן זײן הכנעהדיקײט און זי האָט ניט געקאַרגט קײן שטיקל ברױט פאַר זײנעטװעגן. אײן קלײניקײט, ברױט! אין מלחמה װין, ברױט...

שפּעטער, װען דער חזן האָט דערגרײכט זײן ציל, ער איז אַנגאַזשירט געװאָרן אין אַ טעמפּל (ביז איצט האָט ער געדאַװנט אין אַ שול) האָט ער מיט זיך מיטגענומען זײנע 3 בעסטע משוררים: זײנע אײגענע צװײ ייִנגלעך און װעלװלען. ער האָט זײ אָנגעטאָן װײסע קאַפּעלעך און שײנע טליתימלעך, און װעלװל, װעלכער איז געשטאַנען אין דער מיט פון די צװײ הױכע בנים, האָט אַרױסגעטרילערט טאַקע װי אַ קאַנאַריקל. דער חזן

האָט אים משנה געווען מיט אַ נייעם נאָמען: ער האָט שוין איצט ניט געהייסן וועלוול חיים יידלס, נאָר וואָלטער ראָש.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך די משפּחה אומגעקערט צוריק אַהיים און ס'איז געוואָרן אויס וואָלטער און צוריק וועלוול.

וועלוולען האָט אָבער געצויגן צוריק קיין ווין. נאָר ער איז שוין איצט געווען אַ בירגער פון גאָר אַן אַנדער לאַנד, מיט אַ פרעמדער שפּראַך — רומעניע.

אַ בחורל, וואָס דערנעענטערט זיך צו דער צייט ווען ער דאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו, קריגט ניט קיין פּאַספּאָרט אַרויסצופאָרן פון לאַנד, העכסטנס, פאַר מי יודע וויפל געלט. האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. געשוואַרצט די גרענעץ, זיך געוואָלגערט אַ לאַנגע צייט אין עמיגראַנטישע האָטעלן און אָנגעקומען איז ער ניט קיין ווין, נאָר קיין פּאַריז.

* * *

וועלוול האָט געמעגט וויסן, אַז אַ יונגער־מאַן, וואָס פּרעטענדירט אויף וועלכער עס איז קונסט, באַזעצט זיך ניט אויפן „בעלוויל" נאָר אויפן „מאָנמאַרטר". נאָר פון וואַנען האָט ער עס געזאָלט וויסן? ער קומט דאָך פאָרט פון קליינעם שטעטל, אויסגעבענקט און אָדורכגענומען מיט די שענסטע אידעאַלן פון זיין דור פאַר אַ באַנייט לעבן, פאַר פרייהייט, פאַר יושר. ווי אַ מאַגנעט האָט אים געצויגן צו זיינס גלייכן. ער האָט גלייך דערשמעקט ווו דער יידישער קוואַרטאַל געפינט זיך און האָט געדונגען אַ „דירה".

וועלוול האָט אַריינגעגעבן אַ קליינע נאָטיץ אין אַ לאָקאַל־צייטונגל, אַז ער גיט לעקציעס אויף פּיאַנאָ און פידל בחצי־חינם, און האָט אָנגעגעבן דעם אַדרעס פונעם נאָענטן מוזיק־געשעפט, ווו ער פלעגט אַ מאָל אַריינ־קומען עפּעס קויפן.

* * *

אַנדרעי האָט געאַרבעט אין דעם מוזיק־געשעפט אַלס פאַרקויפערין. וואָלטער האָט זי אַפילו קיין מאָל ניט באַמערקט. ווען זי האָט זיך דער־וווסט אַז דער צעשויבערטער יונג גיט לעקציעס, האָט זי אים איין מאָל

געפרעגט וויפל ער נעמט פאַר אַ לעקציע. אַנשטאָט איר צו ענטפערן אויף דער פראַגע, האָט ער איר דערלאַנגט אַ שיין אויסגעצייכנט קאַרטעלע מיט זיין אַדרעס. איז זי איין מאָל אַרויפגעגאַנגען אויפן פינפטן שטאָק פון האָטעל „פּראַדיע" זוכן זיין „סטודיאָ".

זי איז געווען שאָקירט פון דעם געשטאַנק וואָס האָט זיך געפילט פון די אַפּטריטן. דערקעגן איז זי ניט געווען אין מינדסטער מאָס איבערראַשט פון דער נאַקעטער אָרעמקייט, וואָס זי האָט געטראָפן אין זיין „סטודיאָ".

וואָס פאַר אַ נייעס איז אין פּאַריז אָרעמקייט צווישן יונגע קינסטלערס? דאָס איז דאָך „סטאַנדאַרד", לעבנס־שטייגער...

אַ קליין צימערל אונטער אַ געבויגענעם דאַך, ביי דער איינציק גלייז־כער, הויכער וואַנט איז געשטאַנען אַ גרויסע, שוואַרץ־גלאַנציקע פּיאַנאָ. ביי דער זעלבער וואַנט אַרויפצו אין ווינקל — אַ שמאָל אייזערן בעטל אויף וועלכן ס'איז געלעגן איינגענעסט די פידל, דער סמיטשיק — דערנעבן. אַנגעוואָרפן אויפן דיל זיינען געווען אַנדערע אינסטרומענטן. ביים אַפּהאַנג פונעם געבויגענעם סופיט איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אַ טישל אויף דריי פיסלעך, אויף וועלכן ס'האָט זיך געפונען אַ באַרג מיט פּאַפּירן און ביי די זייטן אַ דין, לאַנג ברויטל, און אַ טעלער מיט פּעטע, גלאַנציקע איילבירטן.

אין מיטן שטוב אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ ברענענדיקער פּרימוס אויף וועלכן ס'האָט זיך געקאָכט אַן... איי. בעת וועלוול האָט פאַרהאַנדלט מיט איר וועגן די לעקציעס, איז דאָס וואַסער פון טעפּל איבערגעלאָפן און ביידע האָבן זיך אינסטינקטיוו אַ לאָז געטאָן אַרונטערצודרייען דאָס פלעמל. דערווייל האָט דאָס איי געפּלאַצט און האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך צוויי קישקעלעך — איינס אַ געלס און איינס אַ ווייס. דאָס איבערגעלאָפענע וואַסער האָט אויסגעלאָשן דאָס פייער און דער פּרימוס האָט זיך געראַכערט.

וועלוול האָט זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן. נאָר אויף דעם דאַרף מען דאָך קענען פראַנצויזיש. האָט ער הילפלאָז צענומען די הענט און האָט איר אַנגעוויזן אויף דער פּיאַנאָ און אויף דער פידל און געפרעגט אויף שטום־לשון, וואָס זי וויל לערנען.

זי האָט געצויגן מיט די אַקסלען, געמיינט ביי אים פרעגן אַן עצה; זי האָט אָבער זיין לשון אויך ניט געקענט...

אנדרעי האָט שוין געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ איבער אַ האַלבע שעה און ער זיצט און קוקט און שווייגט. אים איז פּאַמעלעך קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט אַ סך אַ בעסערע טעכניק פון אים. וואָס־זשע טוט מען איצט? קאָמפּראָמיטירן קאָן מען זיך ניט. אויב אַזוי וועט ער זי מוזן לערנען פידל.

ווען ס'האָט זיך נאָך אַ מאָל געמאַכט אַז אַנדרעי איז געקומען און האָט געטראָפן עפּעס קאָכן אויפן פּרימוס, האָט זי בשום אופן ניט געקאָנט שפּילן, ווייל זי האָט מיט איין אויג געהיט אַז דאָס טעפּל זאָל ניט איבער־לויפן...

איין מאָל איז זי געקומען און געבראַכט אַ געטאַקט קעסטעלע, ער זאָל האָבן אין וואָס צו האַלטן זיין פידל. „מסיע לאַ־פּאַרטע", איר באַלעבאָס, האָט עס שוין געהאַלטן ביים אַרויסוואַרפן, האָט זי געזאָגט און געשמייכלט אין אַזאַ פאַרלעגנהייט, אַז ווען־לאָל האָט דאָס ערשטע מאָל באַמערקט, אַז זי זעט גאָרנישט אויס ווי אַ מיידל, נאָר ווי אַ יינגל. מאָדנע, ווי די פּראָנ־צויזן זיינען עפּעס...

זי פלעגט געוויינלעך קומען פרי נעמען איר לעקציע איידער זי איז אַריינגעגאַנגען אין געשעפט אַרבעטן. זי האָט געהאַלטן, ווי אַלע פּאַריזער האַלטן, אַז די פרימאָרגנס זיינען זייער גינציק פאַר קינסטלערישער אַרבעט.

איין מאָל האָט ער זי צוגערופן צום פענצטער, וואָס איז געווען אַריינ־געשניטן אין דער שיפּער וואַנט און האָט געזאָגט: — דו זעסט — ער האָט געוואָלט זאָגן — פאַר וואָס איך ווין דאָ אונטערן שפּיץ דאַך? — נאָר זי האָט אַ לייכטן דריק געטאָן זיין האַנט ער זאָל שווייגן. פאַרן אויג האָט אַ שפּיל געטאָן אַ ים מיט שימערירנדיקע דעכער, ווי אַן אַבסטראַקט בילד. — שפּיצן, קופּאָלן, קוואַדראַטן, מעטשעטן. דער אייפל־טורעם איז געווען איינגעדעקט ביז אין דער העלפט מיט ווייסער וואַטע. פון אונטערן מאַנמאַרטער האָט זיך פּאַמעלעכן אַפּירגערוקט די זון און האָט אויפגעהויבן דעם נעפּל, ווי אַ זילבערנעם פאָרהאַנג. זי, די פּאַריזערין, האָט געגאַפט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין גרויסע האַנט אויף איר הענטל. זי האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן און האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע בלויע מאַנדל־אויגן. וואַלטער איז געוואָרן אויסער זיך: אַזעלכע אויגן, און ער האָט גאָר קיין מאָל פריער ניט באַמערקט...

אַט־דער מאָמענט האָט פאַרזיגלט זייער באַקאַנטשאַפט אויף אייביק.

זינט דעמאָלט זיינען שוין אַריבער פינף יאָר. זיי זיינען ביידע גע־גאַנגען און צוזאַמען געענדיקט די פּאַריזער קאָנסערוואַטאָריע: ער אויף קאָמפּאָזיציע און זי אויף פּיאַנאָ.

אין פּאַריז פירט מען זיך, אַז ווען עמעצער ענדיקט די קאָנסערוואַ־טאָריע, אָרדנט מען איין פאַר אים אַ קאָנצערט און מען לאַדט איין די פּרעסע, דער עיקר מוזיק־קריטיקערס. ווער אָרדנט איין? די משפחה, אָדער גוטע פריינד. וואָלטער האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל פאַר אים איינאָרדנען אַזאַ קאָנצערט, דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות און זיינע חברים האָבן זיך געטראַכט, ער איז ניט קיין פּנים־חדשות, ער האָט שוין געהאַט אַ סך עפנטלעכע אַרויסטריטן. באשר בכן ער האָט געמוזט אָנהאַלטן די קאָנסערוואַטאָריע צוליב ווינרעכט? — געווען אַ סך אַזעלכע, וועלכע זיינען געגאַנגען יאָרן־לאַנג אין די אוניווערסיטעטן כדי אָנצוהאַלטן דאָס ווינרעכט.

זי, אַנדרעי, האָט זיך ניט געריסן דערנאָך. זי איז, ווי פריִער, געבליבן אַרבעטן אין געשעפט, נאָר מיט אַ העכערן לוין און קירצערע אַרבעט־שעהען. דאָס געשעפט האָט געהאַט אַ סיסטעם, אַז יעדער איינער, וואָס האָט געקויפט אַ פּיאַנאָ האָט געקראָגן אַ צאָל לעקציעס אומזיסט (פאַר־שטייט זיך, אַז אָנהויבערס האָבן דאָס ניט געקראָגן). איר פּרעסטיזש האָט זיך געהויבן, דאָס געשעפט האָט איר גראַדויִרונג ברייט אַנאָנסירט און, ווי מען זאָגט, געשלאָגן קאַפּיטאַל דערפון. וואָלטער איז דערווייל געבליבן אַ „פרילענסער", אָבער ער האָט אויך פאַרדינט, ווייניק, אָבער פאַרדינט. אַ מאָל אָנגעשריבן אַ שטיקעלע מוזיק פאַר אַ טעאַטער, זיך פאַרמאָסטן אויף קאָנטאַטעס. און אַ ניגונדלס אַ יידישס, אַ חזנישס. דאָס איז אים גראַד שטענדיק געראָטן און דאָס האָט ער לייכט „אָפּגעזעצט". אגב האָט ער טאַקע געזוכט אַ שטעלע אַלס אַ חזן און ווען ניט די פראַגע פון אַרבעט־פּאַפּירן, וואָלט ער זי אויך געקראָגן. (פאַר דער „פּרעפעקטור" איז אַ חזן אַן אָנגעשטעלטער, אַן אַרבעטער).

וואָלטער איז געווען זייער אַ פלייסיקער, ער פלעגט אָפּזיצן שעהען־לאַנג ביי דער פּיאַנאָ, און אַ מאָל גאַנצענע טעג. ווען ער האָט געאַרבעט,

איז געווען אַ געפּאַר זיך צוצורירן צו אים. זיינע ליפּן האָבן געברענט, זיין קאָפּ מיט די געדיכט־בלאָנדע האָר האָט אויסגעזען ווי אַ סטויג שטרוי, וואָס דער ווינט רייסט פון אים שטיקער. ווען זי איז אַהיימגעקומען און געטראָפן אים אין אַזאַ מצב, האָט זי זיך געהאַלטן אַ מייל די ווייט פון אים.

ווענלוול האָט איצט געפירט אַ טאָפּלט לעבן (און ער איז ניט געווען דער איינציקער). קאָנצערטן, טעאַטער, מוזעומס און בולוואַרן. און... אַ ליבּ באַשעפעניש ביי דער זייט. ווי גליקלעך ער איז טייל מאָל געווען. — טייל מאָל.

פונעם קליינשטעטלדיקן בחור איז געוואָרן דאָס אמתע קינד פון דער גרויסשטאָט: דער מאָנפּאַרנאַס האָט אים געררייצט. די קאַפעען האָבן אים צוגעצויגן און די מעטראָ איז געווען אַזאַ שפּילכל פאַר אים, ווו ער פלעגט זיך טייל מאָל אַריינזעצן און אויספאָרן גאַנץ פּאַריז. ער האָט דאָרט אויפ־געכאַפּט דעם ריטם פון די רעדער און אויסדרוקן פון פּנימער, אַזעלכע פאַרשיידענע, וואָס ווען ער איז אַ מאָלער, מאָלט ער זיי אַלע אָפּ. אָבער ער איז ניט קיין מאָלער, האָט ער שווער אָפּגעזיפצט.

נאָר דער בעלוויל, רי דע ראַזיע, דאָס „פּלעצל”, די יידישע אונטער־נעמונגען, די ספּאָרט־קלובן און די יידישע טעגלעכע צייטונג, וועלכע (דער קדוש) נח פּרילוצקי האָט רעדאַקטירט, דאָס איז געווען זיין „אינטימע” היים אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע. פון זיינע חברים האָט ער זיך אַ סך מאָל געפילט געקריוודעט, אָבער ער האָט זיי ליב געהאַט. ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין אַרבעטער־היים און איינשלינגען אַלע יידישע צייטונגען. (אין דער אַרבעטער־היים איז געווען וואָס צו שלינגען).

און זיינע קאָלעגן מוזיקערס, יידישע קינסטלערס, שרייבערס, דיריגענטן, דאָס אַלץ איז געווען דער זויערשטאָף מיט וועלכן ער האָט געאָטעמט.

ס'איז געווען אין די פריע זומערטעג פון 1936. פראַנקרייך האָט געזירן מיט נייע שטימונגען. דער שכן פון צפון־מזרח, דייטשלאַנד, האָט געדראָט מיט „אַנשלוס”. עסטרייך, סודעטן, די גאַנצע וועלט איז אים ווייניק געווען... און דער שכן פון דרום־מערב, שפּאַניע, האָט אַרויסגעקוקט מיט וווּנדער־לעכע אויגן פונעם שטימקאַסטן און געוויזן, אַז דאָס פאָלק נאָר וויל... די

אויסדערוויילטע רעפובליק אין שפאניע איז געווען א קאאליציע פון רע־פובליקאנער, סינדיקאליסטן (אנארכיסטן), סאציאליסטן און קאמוניסטן.

פראנקרייך איז אויך געשטאנען פאר וואלן. כדי צו געווינען די מער־הייט פון דער באפעלקערונג פאר די נייע שטרעמונגען, האבן ליבעראלן, סאציאליסטן און קאמוניסטן זיך פאראייניקט און זיינען ארויס מיטן לאזונג: פאלקספראנט. דאס האט אפגעקלונגען ווי א דונער, וואס זאגט אן אויף א גאס רעגן: „פראן פאפילער!" (אונטער דעם לאזונג האבן די שפאניער געוווּנען די וואלן.) עס זיינען פארגעקומען גרויסע דעמאנסטראציעס קעגן היטלערן. דאס זיינען געווען מיליאנען־קעפיקע דעמאנסטראציעס, אזוינע וואס די וועלט האט נאך ניט געזען. זיי האבן צוגעצויגן ניט נאר ארבעטער, נאר אויך אנדערע עלעמענטן: פון פייער־לעשערס ביז פאליציי, ביז שטאַ־טישע אנגעשטעלטע, דאקטוירים, אדוואקאטן, סאלדאטן, מאטראסן און אפילו גענעראלן. די לופט איז געווען אזוי אנגעגליט, אז ביי יעדער געלעגנהייט איז אויסגעבראכן א סטרייק. די רעאקציאנערע כוחות האבן דאס אויסגענוצט — „זאלן זיי סטרייקן, זאל די וועלט זען ווער ס׳איז פארן פאטערלאנד און ווער ס׳ברעכט די עקאנאמיע".

פון אויבן־אויף האט אויסגעזען, אז דער „פראן פאפילער" איז באמת א נאציאנאלע און אפילו אוניווערסאלע פאראייניקונג. אין דער שטיל האט זיך יעדער איינע פארטיי געראנגלט פאר איר מאכט, פאר איר אנזען, פאר איר פאזיציע אין פאלקספראנט. אויך די יידישע פארטייען און ארגאני־זאציעס האבן זיך געראנגלט. כאטש זיי זיינען געווען מיט לייב און לעבן פארן פאלקספראנט, האבן זיי ניט געוואלט פארשווענקט ווערן מיטן שטראם. יעדער פארטיי האט געזוכט פאר זיך א קיום.

אין די הויכע פענצטער זיינען אנגעגאנגען פארהאנדלונגען. פון ווין זיינען אנגעקומען סאציאליסטישע פירערס כדי זיך צו בעראטן און געבן עצות לעאן בלומען, דעם ניי אויסדערוויילטן פרעמיער־מיניסטער. די דילעמע איז געווען א קארדינאלע: צי זאל פראנקרייך זיך אנגאזשירן אין אן אפענער מלחמה מיט פראנקאן, צי זאל זי זיך דערווייל אפהאלטן. פראנקא האט געהאט זיינע מעכטיקע אונטערשטיצערס: היטלערן און מוסאליניו. און פראנקרייך? ווו זיינען אירע „אליירטע"? לעאן בלום האט

געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד און אַנגעוויזן, מיט פּיקחות און לאָגיק אַז „איצט איז דער שעת־הכושר זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם אָפענעם פאַשיסטישן אַנגריף, ווייל אויב ניט, וועלן מיר אַלע אוועק מיטן רויך. ניט נאָר שפּאַניע שטייט אין קאָן, נאָר גאַנץ אייראָפּע. — מיר אַלע שטייען אין קאָן."

אַ היפּש ביסל פּאַרשפּעקטיקט איז געקומען דער ענטפער פון דעם ענגלישן פּרעמיער־מיניסטער, נעוויל טשעמבערליין: „לעאָן בלום, ניטע וועסט אַריינקריכן אין אַ בלאָטע, וועלן מיר דיך ניט קומען אַרויסשלעפּן..." און אַליין האָט ער דערקלערט דעם טרויעריק באַרימטן „נאָן אינטערווענשאָן" — ניט אַריינמישן זיך. און שפּאַניע איז געבליבן אַליין אין איר פאַרביטערטן קאַמף. די אַלייִרטע האָבן בשתיקה מסכים געווען צוצוואַרפן פראַנקאָן די ביינער פון איבער אַ מיליאָן פרויען, קינדער און אַלטע לייט וואָס זיינען אין דער מלחמה געפאַלן.

בעת דער גרויסער, דעמאָקראַטישער פּרעזידענט פראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט האָט, אין הסכם מיט טשעמבערליינס „נאָן־אינטערווענשאָן" צוריקגערופן די אַמעריקאַנער שיפן, פון מיטן ים וועלכע ער אַליין, רוזוועלט, האָט געהאַט אַרויסגעשיקט מיט הילף פאַר שפּאַניע, איז קיין שפּאַניע אָנגעקומען די באַרימטע „לינקאָלן־בריגאַדע".

* * *

די נאָענטע חברים פון וואָלטער ראָש האָבן איצט געאַרבעט איבער אַלע כוחות כדי איבערצוגעבן דעם פּאָלקספּראַנט די שליחות, וואָס וואָלטער ראָש האָט געבראַכט מיט זיך פונעם צעוווּנדיקטן פאָלק און לאַנד. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן זיצונגען, באַראַטונגען, קאָנפערענצן. נאָר אַ קליינע פּאַרטיי, דערצו נאָך אַ יידישע, ווער האָט זיך גערעכנט מיט איר? אגב, האָבן די פירערס פון פּאָלקספּראַנט געוווּסט וועגן דעם געפערלעכן צושטאַנד אין דעם ווינקל פון דער וועלט. זיי האָבן געשמוגלט געווער, ווערבירט פרייוויליקע — צווישן זיי אַ סך יידן. אַ היפּשע צאָל פון וואָלטערס יונגע פריינד האָבן זיך אויך רעגיסטרירט; אַ סך יידישע יונגע־לייט פון אַלע לענדער אין אייראָפּע, (למען האמת, פּאַליאַקן אויך, און, ווי פריִער דער־

מאַנט, אויך אַמעריקאַנער) זייַנען גרייט געווען אָפּצוגעבן זייערע לעבנס — און אַ סך האָבן טאַקע אָפּגעגעבן — ניט נאָר פאַר שפּאַניע, נאָר פאַר גאַנץ אייראָפּע. זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז בלויז דער אָנהויב...

דאָס וואָס גרויסע פּאָליטישע פירערס האָבן ניט געוווּסט, ניט געוואָלט וויסן, האָבן זיי יאָ געוווּסט. זיי האָבן געפילט אין זייערע ביינער דאָס אומגליק ,וואָס רוקט זיך אָן אויף דער מענטשהייט — אויף פעלקער און לענדער.

* * *

דער פאַרוווּנדעטער וואָלטער איז איצט געלעגן אויפן בעט איינגע־וויקלט אין שווייס און האָט אויסגעפיבערט די פאַנטאַסטישסטע וויזיעס. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז יונג געוואָרן. יונג און גליקלעך. פולע גאַסן מיט קינדער שפּאַצירן אַרום פריי און זאָרגלאָז. דער הימל איז בלוי. פון „זשאַרדען לוקסענבורג" (אַ גאָרטן אין פּאַריז) טראָגן זיך וווּנדערבאַרע ריחות פון טיירויזן. אַך, ווי ער האָט עס ליב געהאַט די קאָליר און דעם אַראָמאַט פון די דאָזיקע רויזן. זייַנע ליפּן זייַנען געווען בלאָ און פאַרטריקנט. זייַנע הענט — קאַלט, זייַן שטערן — הייס און זייַן דימיון — צעצונדן. ווער האָט עס געקאָנט גרייכן צו די הויכן אין וועלכע וואָלטער האָט זיך איצט געפונען. און וואָס ער האָט דאָרטן געזען און געהערט האָט ער אָנגעקליידט אין קלאַנגען און אין סקאַלעס.

אַנדרעי איז געזעסן ביי דער פּיאַנאָ נעבן בעט און האָט מיטגעפּי־בערט. אירע פינגער האָבן געציטערט איבער די קלאַווישן און איר אומ־זיכערע האַנט האָט פאַרשריבן אַלץ, וואָס ער האָט דיקטירט. — ניין, ניט אַזוי, קרעשענדאָ! האָט ער אויסגעשריגן מיט די לעצטע כוחות. — פון דער טיפעניש פון איר נשמה האָט זיך געריסן איין גרויס געבעט: „לאָז אים מיר, גאָטעניו! שענק אים מיר פאַר אַ מתנה". זי האָט זיך פּלוצלינג אַ הויב געטאָן פון בענקל און אויסגערופן „אווע מאַריאַ! העלף, העלף!" ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. „ווענען רופסטו?" זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און געטראַכט: „ווי קאָן עס אַ מענטש אין אַזאַ קריזיס, זייַן אַזוי אין גאַנצן פאַרטאָן אין דער נגינה און ניט וויסן, פאַר־שטיין, וואָס עס טוט זיך מיט אים", ביז זי האָט זיך פּלוצלינג געכאַפּט,

אַז ער איז אויסגעגאַנגען אונטער אירע הענט. זי ווייסט אַפילו ניט ווען און ווי אַזוי דאָס איז געשען...

* * *

די מלחמה אין שפּאַניע האָט זיך צעפלאַקערט אויף אַ רעכטן אמת. דער פאַשיסטישער אַנגריף איז געקומען פּונקט אין יענע טעג, ווען ס'האָט זיך געזאָלט אָנהויבן די וועלט־אָלימפּיאַדע. דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן: דאָס מאָל אין שפּאַניע. טויזנטער יונגע מענטשן זיינען זיך צונויפגעקומען אין בעלגיע כדי פון דאָרטן אָפּצופאָרן קיין שפּאַניע צום פאַרמעסט. און דאָס נאַיווע, אויפגעלייגטע שפּאַנישע פאָלק האָט פאַר זיי געהאַלטן צוגעגרייט אָפענע אָרעמס און פולע הענט. פאָלק ווייסט ניט פון קיין הויך־פּאָליטיק. במילא האָט עס אויך ניט פאַרשטאַנען דעם פאַרמעסט צווישן ברוין און שוואַרץ און רויט...

ווּעמען אַרט עס, ווען קינדער שפּילן זיך אין דער זון? וועמען אַרט עס ווען אַלטע לייט זאָלן זיך אויסלעבן זייערע יאָרן במנוחה? וועמען אַרט עס, ווען מיידלעך פלירטעווען און בחורים גרויסן זיך מיט זייער גבורה? וועמען אַרט עס, וועמען אַרט עס?! נאָר עס איז שוין דאָ וועמען עס זאָל אַרן. אויף דעם זיינען פאַראַן שלאַנגען אין מענטשן־געשטאַלט, נאַציס, קראָקאָדילן און פאַשיסטן. גאַנצע געגנטן אין דעם מילדן לאַנד צווישן אַטלאַנטיק און דעם מיטללענדישן ים זיינען אויסגעמישט געוואָרן מיט מאָרד, שטויב און בלוט.

ווי הילפלאָז ס'איז דער מענטש. ווי אומברחמנותדיק טראַגיש און הילפלאָז; אַפילו אין אַזאַ צייט, אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן איז קיין אמתע אחדות צווישן די לאָיאַלע פּאַרטייען ניט געווען. און פראַנקאָ מיט זיין מורישער אַרמיי האָט געהאַט אַ לייכטן שליטוועג פון מאַראָקאָ קיין שפּאַניע. (פון מאַראָקאָ האָט ער געמאַכט זיין אָנגריף).

ערשט איצט האָבן זיך וואָלטערס פריינד געכאַפּט, אַז ער איז געוואָרן אַן ענין פון גרויס פּרעסטיזש. — דער ערשטער אויסלענדישער העלד, דער ערשטער קרבן. פריִער איז זיי דאָס גאַרניט איינגעפאַלן. פריִער זיינען זיי אַרומגעלאָפן זוכן הילף: דאָקטוירים, ספּעציאַליסטן. — פּעריטאָניט! גע־

וואַלד ווו נעמט מען אַ רפואה? נאָר איצט איז שוין געווען נאָך אַלעמען. די צייטונגען האָבן זיך צעשריבן: דער ערשטער פרעמדער קרבן פונעם שפּאַנישן בירגערקריג (לייען פאַשיסטישער אַנגריף). לויט די צייטונגען האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז אָט דער תמימותדיקער מענטש, וואָס האָט זיך די אַלע יאָרן אַרומגעדרייט אין זייער מיט איז גאָר געווען אַן אָנערקענטער מוזיקער. יאָ, אַזוי האָט בפירוש געשריבן די אָוונט־צייטונג „סע סואַר".

* * *

איזאַק לערוא, איינער פון די ייִדישע פּאָליטישע פּירערס, אַ בירגער פון לאַנד, וועלכער האָט מער ניט געוווינט אויפן בעלוויל, האָט געהאַט גאָר אַן אַנדערן חשבון. שוין לאַנג אַז ער האָט געהאַט אויף דער פראַנצויזקע אַן אויג. ער האָט איר אַפילו אַ מאָל, נאָך מיט אַ צייט צוריק, געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ער איז ניט „אין גאַנצן" גלייכגילטיק צו איר. נאָר זי האָט די אַלע יאָרן אַנגעטייעט אין דעם „שטרויענעם" קאָפּ וואַלטערס. לערוא האָט זיך געחידושט: „וואָס זעט זי אין אים? אַפילו אויפן בעלוויל זיינען דאָך פאַראַן שענערע בחורים פון אים, (שוין אָפּגערעדט פון אים, אַליין איזאַקן). אַ צעשויבערטער בטלן ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַן אָפּגע־לאָזענער, אַן אמתער נע־ונדניק. פאַרשפּילט זיך מיט מוזיק. אַ וועלט ברענט און ער פידלט".

— היינט איז אַ פּאָליטיש אָנגעשטרענגטע צייט, אַנדרעי, היינט פאַר־נעמט מען זיך ניט מיט קיין אילוזיעס. — זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט ער וואַלטערס אַספּיראַציעס. ער האָט פּלוצלינג געביטן דעם טאָן:

— איך האָב דיך זייער האָלד, אַנדרעי. — זיין פּנים האָט ממש אויפ־געלויכטן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט, ווי איר טבע איז געווען, אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל.

— נו, וואָס זאָגסטו? — זי האָט אַרויפגעלייגט אירע שמאָלע הענט אויף די ברייטע לאַצן פון זיין עלעגאַנטן אָנצוג און, שטעלנדיק זיך אויף די שפּיץ־פינגער, האָט זי אים אַ קוש געטאָן אויף זיין שיינעם, ווייסן שטערן. ער האָט זי אָנגעכאַפּט, געוואָלט אַרומנעמען, נאָר זי האָט זיך פלינק אַרויס־געגליטשט פון זיינע הענט.

— האָסט מורא צוצוגעבן, אַז דו האָסט מיך אויך ליב?

— יאָ, נאָר...

— נאָר וואָס? האָסט מורא אים איבערצולאָזן? כ׳וועל דיך אָפּהיטן ווי אַ פּרינצעסין.

— איך ווייס, וואָס דיך קוועטשט, די עפּנטלעכע מיינונג. אַנדרעי, מיר לעבן אין אַ מאָדערנער צייט. הייַנט געפעלט ער דיר, מאָרגן הערט ער דיר אויף צו געפעלן. ווענען גייט עס אָן? און פאַרגעס ניט נאָך אַ זאַך, איך בין אַ פראַנצויז, כ׳מיין אַ פראַנצויזישער בירגער.

— דו ביסט אַ ווילער מענטש, איזאַק, איך האָב דיך זייער גערן. נאָר...

— נאָר, נאָר. נאָר וואָס?

— אים האָב איך ליב. איך האָב אים אַזוי ליב... — זי האָט צוגע־מאַכט די אויגן, ווי אין אַ תפילה. — און, ער דאַרף מיך — האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון שלאָף. — ער קאָן אָן מיר ניט זיין.

איזאַק האָט זי גוט אָנגעקוקט, ווי זי איז אַזוי געשטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אין גאַנצן אַ פאַרשולדיקטע. „ווי אַזוי האָט עס די גרויס־שטאָט, פּאַריז גאָר געקאָנט אויסכאָוען אַזאַ נאַיוו באַשעפעניש?"

צונעמען אַ מיידל ביי אַ פריינד, אַפילו פון אַ חבר איז ביי די יונגע־לייט אויף דער עמיגראַציע ניט געווען קיין גרויסע עוולה. פאַרקערט, ס׳איז געווען אַ ספּאָרט אַזאַ מיט וואָס מען האָט זיך אַפילו אַ מאָל באַרימט; ובפרט אַ פראַנצויזקע.

אַ קורצע צייט שפּעטער זיינען זייביידע פאַרשוווּנדן פון דער אויבער־פלאַך. אים, וואָלטערן, האָט מען אויסגעוויזן פון לאַנד און זי האָט זיך מער ניט געלאָזט זען אויפן בעלוויל. איזאַק איז עטלעכע מאָל אַהינגע־גאַנגען עפּעס אויסצוגעפינען וועגן זיי און געטראָפן זייער קליינע דירה ליידיק, אָבער ניט אויפגעגעבן. ווען ער האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק, בשעתן אַוועקגיין, האָט ער געזען, אַז די בלומען ביי דער שמאָלער טיר זיינען באַוואָסערט, און ס׳הענגט איבער דעם קליינעם שטיבעלע עפּעס, ווי אַ רעגנבויגן אין פריִען פאַרנאַכט.

און איצט, אַזאַ געשעעניש. אויף דעם האָט איזאַק בפירוש ניט גע־

האָפּט. ניט געהאָפּט און ניט געווונטשן. ס׳האָט אים ווי געטאָן סיי פאַר איר און סיי פאַר אים. אַזאַ טראַגעדיע. ווער זאָל זיך עס האָבן געריכט אויף דעם ? אָבער, אַז ס׳האָט זיך פאָרט אַזוי געמאַכט...

* * *

די טעג האָבן זיך פאַר איר אָנגעהויבן דרייען פאַמעלעך און שווער, ווי רעדער פון אין אַ בלאָטע פאַרזונקענעם וואָגן. נאָר אין די טיפע בין־השמשותן און אין פאַרוואָלקנטע טעג — אַנדרעי האָט פיינט געקראָגן די זון — האָט זי זיך באַהאַפטן מיט דער פּיאַנאָ און געשפּילט. געשפּילט אָן אָן אָנהויב און אָן אַ סוף. און די מעלאָדיע האָט זיך עפּעס ווי געטוליעט צו איר, געלאַשטשעט ווי אַ קליין קינד, וואָס וויל עפּעס, בעט עפּעס. נאָר טייל מאָל האָבן זיך די קלאַנגען אַרויסגעריסן פון דער סקאַלע אין אַ וויל־דער ראַפּסאָדיע, אין אַ טאַנץ, אין פיבערנדיקן טאַנצמאָטיוו, ניט אָפּצושטעלן און ניט צו קאָנטראָלירן. די טענער האָבן זיך געריסן מיט אימפּעט פון אירע פינגער, זיך אַריבערגעגאָסן איבער די קלאַווישן, ווי אַ לאַווע; אַזש פאַרבייגייערס אויף דער גאַס האָבן זיך אָפּגעשטעלט: — „וואָס טוט זיך דאָ ?״

* * *

די פריינד פונעם פאַרשטאָרבענעם זיינען איצט געוואָרן גאָר נאָענט מיט דער פראַנצויזקע, גאָר ניט ווי ביים לעבן פונעם קינסטלער. איצט, ווען די צייטונגען האָבן געמאַכט אַזאַ וואָרע האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן ערגעץ ווו געגרייזט און דערביי עפּעס פאַרשפּעטיקט און האָבן געוואָלט אָניאָגן.

דער פרימאָרגן איז אויפגעשטאַנען אַ ליכטיקער, אַ צעשטראַלטער. נאָר פאַר אַנדרעיען האָט זיך די וועלט עפּעס אַזוי מאָדנע איבערגעשטעלט, אַז זי האָט דעם טאָג ניט דערקענט. די זון האָט אויסגעזען אַזוי טונקל און די ערד האָט געגומען ווייכן פון אונטער אירע פיס. זי איז ניט אויפגעשטאַנען, נאָך וואָס האָט זי דען געזאָלט אויפשטיין ?

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר. זי איז אַראָפּגעגאַנגען פון בעט, געפרעגט ווער ? און האָט אויפגעשלאָסן, ניט אויפגעמאַכט. אויף דער

שוועל האָט זיך באַוויזן שעפּטל זאַלצבערג, איינער פון וואַלטערס פריינד. ער האָט זיך, ניט געבעטענערהייט אַוועקגעזעצט ביים נאָענטסטן טישל, ז י י ן טישל, ביים ליידיקן בעט. שעפּטל איז געווען אַ פּילבאַרער מענטש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין גרויסע שמועסן קאָן מען מיט איר איצט ניט פאַרפירן. נאָך וואָס זשע איז ער געקומען? ער איז געקומען איר ווייזן אַ צייטונג. נאָך אַ לענגערן שטילשווייגן האָט ער זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען נעענטער צו איר און אויסגעשפּרייט אַ צייטונג.

— אַנדרעי, מיר זיינען שטאָלץ אויף אייך. מיר, וואַלטערס חברים, אייערע פריינד.

זי האָט געקוקט אויף דער צייטונג, נאָר געזען האָט זי גאָר עפּעס אַנדערש: אַן אויפגעריסן העמד אויף אַ פיבערנדיקן לייב, צוויי בלויע ברוסטוואָרצלען שטאַרצן אַרויס, ווי גרויסע שפּילקע־קעפּלעך.

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? — האָט שעפּטל געפרעגט, — איר זעט ניט, וואָס מען שרייבט וועגן אייך? — „לאַ פאַם בראַוו" (די בראַווע פרוי). „די יונגע אלמנה פונעם העלדישן מוזיקער איז געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט..."

— זעץ זיך נעבן מיר, — האָט אַ הייסע שטימע געפליסטערט. — איך האָב דיך אַזוי ליב, אַז איך גיי אויס פון ליבשאַפט צו דיר. — אַנדרעי האָט מיט צאַרטן ווייטיק אויפן פּנים אַ שמייכל געטאָן און שעפּטל זאַלצבערג האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער שטוב, ניט פאַרענדיקט דעם שמועס. שוין אויף דער שוועל, כמעט אויף יענער זייט טיר האָט ער זיך אויסגעדרייט און פאַטערלעך אָנגעזאָגט: — פאַרשליסט די טיר!

— נו, וואָס טוט מען איצט? — האָט ער געטראַכט אַהיימגייענדיק — דאָס איז אַ מאָדנע באַשעפעניש, מען קאָן גאָרניט צוקומען צו איר. מאָרגן וועל איך אַהערשיקן זאָשען, — אפשר וועט זי זיך קאָנען צונויפרײדן מיט איר?

שעפּטל איז געווען גערעכט. אַהיימקומענדיק האָט ער זיך געבעטן ביי זיין פרוי, זאָשען: „וואָס שיקן זיי (זיינע חברים) מיך אַהין? אַ מאַנסביל. גיי דו צו צו איר. זיי מיינען טאָקע, אַז איך בין אַ פרייער פויגל און קאָן

תמיד אַוועקגיין. אַז איך ווייס גאָרניט ווי אַזוי צו רײדן צו איר, איך רײד און זי גלאָצט מיט די אויגן. ווייס איך ניט צי פאַרשטייט זי ניט, צי הערט זי ניט. אפשר איז זי טאַקע טויבלעך?"

דעם אַנדערן טאָג האָט זיך זאַשע אויסגעפּוצט אין אַ שיין זומערדיק קליידל מיט אַ שלייף אונטערן האַרץ אויך נאָכהענגענדיקע סטענגעס (אַזוי איז די מאָדע פאַר שוואַנגערע פרויען), גענומען אַ קוישל און אַריינגעלייגט בייגל, האַרט־געקאָכטע אייער (לויטן יידישן מנהג), אַ ביסל דעליקאַטעסן, פרוכט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו יענעם שטיבעלע, וואָס איז געווען אַנגעשפּאַרט אָן דער געמויערטער וואַנט פון „פער לאַ שעז". זי האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין טיר. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַזוי איז בעסער ווי אָנקלינגען מיטן גלאָק. אַנדרעי האָט געעפנט אַ שפּאַרע די טיר. זי איז זייער ניט געווען אויפגעלייגט צו קיין געסט. נאָר זאַשע האָט אויף איר אָנגעשטעלט איר קיילעכדיק ברוין פּנים, ווי אַ ברויטל, מיט אַ פּאָר וואָרעמע, ברוינע אויגן און זיך צעשמייכלט: — באָן זשור, מאַדאַם. — בעת מעשה האָט זי געפּרוווט אַריינשטופּן דאָס קאָשיקל אין דער קוים וואָס געעפנטער טיר. דאָס וואָרט „מאַדאַם" האָט אָנגערירט אַ סטרונע אין אַנדרעיס געמיט. אַלע אַנדערע האָבן זי גערופן „מאַדמואַזעל" (פריילין), ניט אָנערקענענדיק, אַז זי איז וואַלטערס ווייב.

— ביטע — און זי איז אָפּגעטראָטן פון דער טיר. זאַשע איז אַריין אַ פאַרשוויצטע און אָן אָנגעשטרענגטע. אַנדרעי האָט איר אָנגעוויזן אויף דער סאָפע. ביידע פרויען האָבן זיך אַוועקגעזעצט. אין שטוב איז געווען אַ חמימה. די פענצטער — פאַרמאַכט. זאַשע האָט שווער אָפּגעאָטעמט און אָנשטאָט עפּעס צו פרעגן האָט זי גענומען ריידן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, עלעהיי אַ שכנה קומט צופעליק אַריין. צווישן אַנדערן האָט זי אַריינגעוואָרפן, אַז מעסיע זאַלצבערג האָט איר מיטגעגעבן אָן אַרטיקל פון אַ צייטונג, וואָס ער האָט נעכטן ניט באַוויזן איר צו לייענען. אַנדרעי איז געוואָרן אָנגעכמורעט: „וואָס ווילן זיי?" („זיי?") זאַשע האָט זיך געכאַפּט און פאַרקערעוועט דעם שמועס. זי האָט פאַרטרוילעך דערציילט אַנדרעיען, אַז זי איז שוין אין אַכטן חודש און דאָס קינד לאָזט זי ביי נאַכט ניט שלאָפן. וואָס הייסט? „ער שטויסט, ווייזט אויס, מיט די פיסלעך". אַנדרעי

האָט צום ערשטן מאָל, אין משך פון דעם שמועס, אַ שמייכל געטאָן. זי האָט געפּרוווט אָנרירן זאָשען און זיך צוריקגעכאַפּט.

— נאַ, זע, האָב ניט קיין מורא — האָט זאָשע גענומען אַנדרעיס האַנט און אַרויפגעלייגט אויף איר קיילעכדיק בייכל. — דו פילסט? — אַנדרעי האָט מיט אַן אמתן פאַרגעניגן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

זאָשע האָט זיך באַלד היימיש געמאַכט, צעעפנט די פענצטער. זי האָט אַ ווונק געטאָן אויפן וואַשצימער פרעגנדיק צי זי מעג, כלומרשט פאַר איר „באָדערפעניש". אַרויסגעקומען איז זי מיט אַ נאַסן, קאַלטן האַנטוך און האָט אָנגעהויבן אַרומוואַשן דאָס בלייכע פּנים פון אַנדרעיען. געווישט דעם שטערן, געווישט די אויסגעווייקטע לאָקן אירע.

„זע נאַר, וואָס פון איר איז געוואָרן" האָט זי געמורמלט צו זיך אויף יידיש. דערנאָך האָט זי געפּרוווט צורוקן אַ טישל צו דער סאָפע, ווו זיי זיינען געזעסן, נאָר אַנדרעי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן „ניין! דאָס טישל דאַרף שטיין דאָרטן ביים בעט". האָט זיך זאָשע גאָרניט געמאַכט דערפון.

— טאָ לאָמיר צוגיין צום גרויסן טיש. איך האָב נאָך היינט אין מויל ניט געהאַט — האָט זאָשע זיך באַקלאָגט — ס'איבעלט מיך נאָך אַלץ אין די פרימאָרגנס. אַנדרעי האָט אַליין ניט געוווּסט, ווי שטאַרק אויסגעהונגערט זי איז געווען. זאָשע האָט איר פאַררעדט די ציין און איר אַלץ אונטער־גערוקט אַ האַלבן בייגל מיט פּוטער.

ביים געזעגענען זיך האָט זאָשע באַמערקט אַ טראָפּעלע קאָליר, בלויז אַן אָפּשיין, אויף אַנדרעיס פּנים. ביידע פרויען האָבן זיך אָנגעקוקט און אַנדרעי, וואָס איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען טויב און שטום, איז פּלוצלינג געפאַלן זאָשען אויפן האַלדז און זיך ביטער צעוויינט. דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי האָט פאַרלוירן אַ טרער...

* * *

שעפּטל זאַלצבערג איז געווען אַ יונגער־מאַן פון פּוילן. די מערסטע יונגע־לייט און מיידלעך זיינען געווען פון פּוילן. איינצלנע — פון ליטע, רומעניע און אַלט־איינגעזעסענע פון רוסלאַנד. ער איז געווען אַ קליין יידעלע מיט אַ בלייך פּנימל, שיטערע, בלאָנדע האָר און וואַסערדיקע אויגן.

צו זיינע קוים דרייסיק יאָר האָט ער שוין געהאַט עפּעס, ווי אַ הערביקל אויף זיינע פּלייצעס. ער האָט געטראָגן אַ גרויסע זינד אויף דעם קוים מערקלעכן הערביקל. ער איז געווען זייער אַן אַרבעטזאַמער, האָט געקאָנט אויסגעצייכנט זיין פאַך — אַ מענער־שניידער — און דורך לאַנגע טעג און האַלבע נעכט האָט ער זיך טאַקע אַרויפגעאַרבעט. ער האָט געהאַט אַ קליינעם אַטעליע מיט אַן אָפענער טיר צו דער גאַס, ווי די ראָזיע, געהאַלטן דריי אַרבעטער, צוויי געזעלן און איין האַנט־ניירין. אויב ער האָט געמוזט — און ער האָט געמוזט — אָנשטעלן איינעם „אַן פּאַפּירן", האָט ער אים אַרויפגעזעצט אויבן, אין זיין שיינער דירה, אויפן ערשטן שטאָק איבער זיין אַטעליע ער זאָל דאָרטן אַרבעטן און זאָשע זאָל אויף אים אַכטונג געבן.

אין די אויגן פונעם „פּראָלעטאַריאַט", ספּעציעל אין דער „אוניאָן" (דער לינקער צענטער), איז ער שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ פאַלנעם באַלעבאָס. אַפילו אין דער אַרבעטער־היים האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן אונטערגעפאַנפעט: „באַלעבעסל". וואָרעם לויט דער הלכה פון קאַרל מאַרקס איז בלויז דער אַן אַרבעטער, וועלכער פאַרדינט זיין ברויט מיט זיינע אייגענע צען פינגער. איי דאָס, וואָס דער פרעמדער פּראָלעטאַריער האָט גאָרניט געהאַט קיין רעכט צו אַרבעטן אין דעם פרייען פראַנקרייך, דאָס איז אין די אויגן פון שטרענגע פּאַרטיי־מענטשן ניט געווען קיין תּירוץ. דערקעגן אונטערנעמערס, אַ שטייגער אַזאַ אונטערנעמער ווי שעפּטל זאַלצבערג, — און אַזעלכע זיינען געווען אַ סך — האָט די פּרעפעקטור ניט געטשעפעט.

מ׳דאַרף זאָגן אַז שעפּטל זאַלצבערג האָט דעם חטא גוט אָפּגעפּילט. זיין טרייסט איז בלויז געווען דאָס, וואָס ער איז ניט געווען דער איינציקער. אָבער ניט יעדער איינער האָט זיך אָנגעשלאָגן צו וועלן זיין אַ כּשרער פּראָלעטאַריער. ער שעפּטל, האָט דווקא יאָ געוואָלט געהערן צום פּראָלעטאַריאַט. די אַרבעטער־היים איז געווען ביי אים דאָס לעבן. דערפאַר האָט ער געגעבן גרעסערעביישטייערונגען, ווי אַנדערע. געטאָן טובות זיינע לאַנדסלייט און זאָשע האָט אַריינגעלייגט אַ גוואַלד מיט אַרבעט אין דער זייער נויטיקער אַרבעטער־היים. דאָס הייסט פריער. היינט קאָן זי ניט,

זי איז שוין אין די הויכע מאַנאַטן. שמייכלט ער, אונדזער „באַלעבעסל״. עס טוט אים געוואַלדיק הנאה. ער זעט שוין פאַר זיך דעם בנאַק, וואָס זיין געראַטענע זאַשע וועט פאַר אים געווינען. זיי זיינען געווען אַ גע־בענטשט פּאָרפאָלק, פון גאָט אַליין געפּאָרט. ניט מער, קעגן איר, איז ער געווען אַ ביסעלע בלאַסלעך. זי האָט אין זיך פאַרמאָגט אַן אָדערל פון מירעלע אפרת...

* * *

איזאַק לערוא איז געשטאַנען הינטער דער טיר אַ היפּשע ווײַלע, נאָך דעם, ווי ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלונגען און קיין ענטפער איז ניט געקומען. ערשט ווען אַ פינאַל־אַקאָרד האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן קלאַנג און איז געבליבן וויברירן אין דער לופט, האָט ער אַליין, מיט עפּעס אַ צווענגל געעפנט די טיר. אַן אויפגעהייטערטע האָט זי זיך אַ הויב געטאָן פון בענקל און איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען:

— באָן זשור, איזאַק. ביסט געקומען אין אַ גינציקן מאָמענט.

ער האָט זיך געחידושט: „וואָס איז דאָ די גדולה?״ אירע זשעסטן זיינען געווען עפּעס מאָדנע פרעמד און האָבן געקילט די לופט אין דעם אַזוי אויך קילן פאַרנאַכט. אַ פלעשל בראָנפן איז געשטאַנען אויפן טיש. זי האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל און אים דערלאַנגט. „מערסי״, האָט ער פאַר־זיכטיק גענומען דאָס גלעזל, באַרירנדיק איר האַנט, וואָס האָט אים אַ ברי געטאָן. ער האָט געטרונקען טראָפּנוויז און געפּאַרשט אירע באַוועגונגען, וועלכע זיינען געווען עפּעס זייער אויפגעלייגט. „אפשר?... ווער ווייסט זיי, די פראַנצויזקעס״.

— איך בין זייער גליקלעך, אַנדרעי, דיך צו טרעפן אַזאַ מונטערע. זאָל זיין אפילו אויף אַזאַ אופן — אַנווייזנדיק אויפן פלעשל. — מאַכט ניט אויס, אַבי דו קומסט צו זיך. פראַנצויזן זיינען אַ וווּנדערלעך פאָלק; בטבע אַ לעבנסלוסטיק פאָלק. און מיר דאַרפן לעבן, אַנדרעי. נייע צייטן קומען אָן, גליקלעכע צייטן. דער זיג איז אויף אונדזער זייט...

איזאַק, דער נאַיִווער, פראַנציזירטער, ייִדישער פּאָליטיקער, האָט באמונה

שלמה געגלויבט, אַז עס קומען אָן גליקלעכע צייטן... ער איז זיך שיר ניט פאַרגאַנגען אין עקסטאַז.

— דער „פראַן פּאַפּילער״ וואַקסט. מיר קריגן צו נייע, אַנגעזעענע פירערס פון פראַנקרייך, פון בעלגיע, פון עסטרייך אויך. זיי וועלן זיך ניט לאָזן איינשליגנען. פונעם קאַרל מאַרקס־הויז אין ווין איז נעכטן אָנגעקומען אַ דעלעגאַציע. דער קאַמף גייט דאָרט אָן אין פולן ברען. — ער האָט גע־האַלטן אַ פייערלעכע רעדע פאַר איר, ממש, ווי אויף אַ דעמאָנסטראַציע. נאָר ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז זי הויבט ניט אָן צו הערן וואָס ער רעדט צו איר, האָט ער מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט.

— דו ווייסט, איזאַק, — האָט זי קוים הערבאַר אַרויסגעשעפּטשעט, — כ׳האָב היינט נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט.

איזאַק האָט דערפילט אַ שטאָך אין האַרץ. — „נאָך אַ מאָל ?״ וואָס דאַרף דאָס מיינען ? — נאָך אַ געפּלעפּטן שטילשווייגן :

— וואָס רעדסטו, אַנדרעי ? ביסט געוואָרן אַזאַ מאָדנע, אַז אָפּט מאָל דערקען איך דיך גאָרניט. וואָס איז אַזוינס מיט דיר געשען, צי ביסטו אַלע מאָל אַזוי געווען ? איך קען דיך דאָך פאַר אַ גוטמוטיקער, אַ פריי־לעכער, אַ טאַנצנדיקער ; ווי אַזוי האָט זיך דאָס אַלץ פון דיר אָפּגעטאָן ?

זי האָט געשמייכלט אַ טיף פאַרטראַכטן שמייכל. אירע בלויע מאַנדל־אויגן האָבן געפינקלט מיט זילבערנעם טוי. זי האָט אַ קוש געטאָן די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ, ניט מיט די ליפּן נאָר מיט די שפּיץ־פינגער: „כ׳האָב היינט חתונה געמאַכט מיין נשמה, גיב מיר אָפּ מזל־טוב, איזאַק, גראַטוליר מיך !״

אַ צעטומלטער, אין גאַנצן אַ פאַרווירטער, איז ער אַרויס פון שטוב און געגאַנגען, געגאַנגען, געגאַנגען.

געשטאַלטן

דב נוי אין לאָס־אַנדזשעלעס

אין לאָס אַנדזשעלעס ייִדישן קולטור־קלוב האָט זיך יעדער זיין „שטאָט". עלעהיי אין בית־הכנסת. דאָס ווערט פון קיינעם ניט באַשטימט, אַחוץ פון דער געוווינהייט. למשל, זיצן הענעך און חווה בערמאַן ביים סוף פון צוויי, אין דער לענג, אויסגעשטעלטע טישן. אני הקטן (הקטנה) — נעבן זיי. מיר האָבן זיך דאָרטן אַפילו געמאַכט אַזאַ מין אונטערשטן „אויבן־אָן". עס שטערט אונדז דען עמעצער? פונקט אַנטקעגן איז דאָס מאָל געזעסן אַ פרעמדער יונגער־מאַן, וועמען מיר האָבן דאָ פריִער קיין מאָל ניט געזען. נעט, אָבער באַשיידן געקליידט, זיין פיין־אויסגעפרעסטער קאָלנער פאַר־לייגט אויף אַ ווייסן סוועטער — פשטות.

מען דאַרף וויסן, אַז אונדזערע עלטערע מענטשן, דאַ־הי, פוצן זיך זייער שטאַרק — סיי פרויען, סיי מענער. און זיי זעען טאַקע אויס גאַנץ שיין, נעמענדיק אין אַכט די יאָרן. מיר באַמערקן דאָס בפירוש לשבח, ס'איז אַ מדרגה, אַ ווירדע.

די יונגע דאַקעגן, בפרט די יוגנטלעכע, גייען אַרום מיט לאַנגע האָר, צעפלאָשענע בערד באַוואַקסן פון קאָפּ איבערן פנים (אויב מען זעט נאָך אַרויס אַ פנים), ביז העט אַראָפּ צום גאַרטל פונעם אויפגעשפּילעטן העמד. אויפן האַלדז — אַ גאָלדן קייטעלע מיט עפּעס אַ חפצל, וואָס גיט אָנ־צוהערן אויף זיין קהילה. אַזוי איז די מאָדע. איי, ווי קומען זיי אין קלוב אַריין צווישן עלטערע מענטשן, ווו מען רעדט בדרך כלל ייִדיש? זיי קומען אַ מאָל. מיר וועלן שפּעטער ריידן דערפון.

אונדזער גאַסט געהערט ניט צו די ערשטע און ניט צו די צווייטע. ציכטיק ראַזירט מיט אַ ליכטיק, אָפן פנים צו דער וועלט.

ריידנדיק אַזוי, דאָס הייסט גערעדט האָט ער צו די בערמאַנס, ניט צו מיר, נאָר איך דערלויב זיך און וואַרף אַריין אַ וואָרט:

— פון וואַנען קומט אַ ייִד?

— פון ישראל. — ענטפערט ער קורץ און שאַרף.

— פון ישראל? — ווער איך שוין פאראינטערעסירט. — מה שמך?

— דב נוי. — און ער שרייבט מיר אויף מיט גרויסע אותיות: דב נוי.

— דב נוי, דב נוי, — חזר איך זיך שטילערהייט. דער נאָמען איז מיר באַקאַנט. ערגעץ־ווו האָב איך דעם נאָמען אָנגעטראָפן. זאָל עס זיין אויף די שפּאַלטן פון „פאָרווערטס"? אין די ידיעות פון ייוואָ? כ'בין ניט זיכער, שווייג איך. שווייגט ער אויך. קוקט און שווייגט. פּלוצלינג דערמאָן איך זיך אָן עפּעס און שמייכל שוין מיט אַ ביסעלע טריאומף. אין „די גאָלדענע קייט" מיט אָן אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק און אין די ידיעות פון ייוואָ דאָ ניט לאַנג, הכלל מיר האָבן זיך באַקענט.

פאַר וואָס באַשרייבן מיר דאָס אַזוי פּרטימדיק? ווייל זייער אַ ליבע באַקאַנטשאַפט איז דערפון אַרויסגעקומען. אַ באַקאַנטשאַפט, וואָס האָט מיך דערמאָנט אָן טאָראָנטאָ, ווען ס'פלעגט אַראָפּקומען אַ גאַסט פון יידישן צענטער אין ניו־יאָרק און מיר פלעגן אים אויפנעמען. אַז דער גאַסט האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַזאַ גרויסן סטאַזש, דאָס האָבן מיר זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט, כאָטש דער פאָרזיצער פון קלוב ר' אברהם גאָלאָמב און ד"ר זיגעלבוים האָבן אים געקענט פערזענלעך און אַנדערע האָבן געלייענט און געוווּסט וועגן אים. (אַ מענטש וואָס „לייענט ניט" ווערט דאָך בכלל אויס מענטש).

דער פאָרזיצער, אַ לעבן אויף זיין קאָפּ, ער העלפט עס אַרויס פון אַלע שווערע פאַרלעגנהייטן. ער עפנט דעם אָוונט און דערציילט זיך אַזוי בתמימות: „מיר זיינען היי־יאָר זייער מזלדיק. עס זיינען אַהער אָנגעקומען זייער אָנגעזעענע געסט דורכן ווינטער — פּראָפעסאָרן, שריי־בערס, דיכטערס, געלערנטע. טייל פון זיי פאָרט אַדורך און אַנדערע קומען דירעקט קיין לאָס־אַנדזשעלעס און מיר נוצן אויס די געלעגנהייט און לאַדן זיי איין צו האַלטן ביי אונדז לעקציעס אין קלוב. אָט איז געקומען אַהער אַ יונגער מענטש, אַ געלערנטער, אַראָפּגעבראַכט האָט אים דער קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט (יו סי על עי) אַלס גאַסט־פּראָפעסאָר. ער ספּעציאַליזירט זיך אויף פאָלקלאָר, אויך ישראלדיקן פאָלקלאָר, ד"ר דב נוי".

ווייסן מיר שוין, אַז ער האָט אַ דאָקטאָראַט. נו יאָ, ווי אַנדערש וואָלט

ער געלערנט אויפן אוניווערסיטעט? אַ פּראָפעסאָר, מלמד הייסט עס, אין דער אמתן הייסט עס „מורה בבית ספר עליון". נאָר וואָס טוט אַזאַ מענטש וואָס האָט אַ גוואַלדיקע שוואַכקייט צו מלמדות? אַ מלמד איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי אַ פּראָפעסאָר...

ווען ער האָט אָנגעהויבן ריידן האָט ער גלייך געגומען אויפוויקלען פאַר אונדז ניט אַזוי אַ לאַנגע מגילה, ווי אַ ברייטע און גאָר אַ פּאַרטיפּטע. אַ מגילה מיט וואַרצלען, וואָס ציִען זייער זאַפט פון דעם ערדישן פאָלקס־מענטש. גו, יאָ, פונעם סאַמע המון. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער לערנט און גיט זיך אָפּ ניט נאָר מיט אונדזער ייִדיש מזרח־אייראָפּעיִשן פאָלק־לאָר, נאָר מיט דער עטנאָלאָגיע פון אונדזערע, היינט אפשר „זיבעציק" שבטים, וועלכע האָבן זיך צונויפגעטראָפן אויף דער עליה אין מדינת ישראל און האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט זייערע מנהגים, לעבנס־אַרטן פון פאַר־שיידענע לענדער, וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעאייגנט און זיי פאַרייִדישט. שטייגער־לעבנס וואָס זיינען ביי אונדז, אייראָפּעיִשע ייִדן, ניט געהערט און ניט געזען. און ער, דב נוי און געציילטע אַזעלכע ווי ער, האָבן איצט אַ שטיקל אַרבעט אויפצופלאָנטערן דעם קנופּ, אויסצוסאָרטירן, פאַרגלייכן און פאַרצייכענען מיט קאָמענטאַרן. מאַכן צוגענגלעך און פאַרשטענדלעך צו אַלע די, וואָס האָבן אַ באַציונג צו דעם ענין. טייל זאַכן דרוקן און אַנדערע קאַטאַלאָגירן און אַריינלייגן אין אַרכיון ס'זאָל בלייבן פאַר אונ־דזערע דורות, זיי זאָלן האָבן פון וואַנען צו שעפּן.

דב נוי האָט געהאַלטן אַ קאָנדענסירטע לעקציע, שוין אַ ביסעלע צו קאָנדענסירט, אָבער פאָלקיש פאַרטיפּט מיט ציטאַטן און טראַדיציאָנעלע אילוסטראַציעס — נוסחאות פון אונדזערע עטניש פאַרשיידנאַרטיקע תפוצות העולם. מיר זיינען געוווינט צו טראַכטן אין די ראַמען פון אונדזער מזרח־אין מערב־אייראָפּעיִשן ייִדישן שטייגער־לעבן. ד"ר נויס שטודיעס עפענען אויף פאַר אונדז אַ סך ברייטערע האָריזאָנטן פון אונדזער וועלט־ייִדנטום.

זיין קורס אין קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט האָט ער אָנגעפירט אויף אַ גאָר באַזונדערן אופן. ער האָט זיך ניט צוגעבאַגלט אויף זיין קאַטעדרע, נאָר צעעפנט די טירן און אַרויסגעשיקט זיינע סטודענטן אין גאַס צווישן ייִדישע מענטשן צו זוכן ביי זיי און פאָרשן דורך זיי דאָס ספּעציפיש

ייִדישע אינעם שטייגער־לעבן, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פֿון דער היים. (צום נייעם, ייִדישן שטייגער־לעבן, וואָס פֿאָרמירט זיך היינט דאָ אין אַמע־ריקע האָט זיך דערוויַיל נאָך קיינער ניט צוגערירט; דאָס וואָרט אויף אַזעלכע פֿאָרשערס, וואָס דב נויס תּלמידים וועלן אַ מאָל זיין). אַזוי איז פֿאַר־וואָרפֿן געוואָרן אַ בריק צווישן דעם קאַליפֿאָרניער אוניווערסיטעט און דעם ייִדישן ישוב. אין אוניווערסיטעט איז היינט אויך פֿאַראַן אַ שטענדיקע קאַטעדרע פֿאַר ייִדיש לשון און ליטעראַטור. מיט דעם פּירט אָן די יונגע אינסטרוקטאָרין דזשאַנעט האַדאַר. טאָקע מיט איר קומען אַ מאָל די סטו־דענטן, וועלכע מיר האָבן פֿריִער דערמאָנט.

די סטודענטן האָבן אין ד"ר נויס וועג פֿון לערנען געפֿונען אַ נייע, טשיקאַווע מעטאָדיק. אַ נייעם דרך פֿון אַקטיוון לערנען. אַז וויבאַלד זיי דאַרפֿן זיך אַליין צונויפֿשטעלן דעם מאַטעריאַל, אַליין זיך שאַפֿן די טעקסטן איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש. פֿון דעם איינעם קעגנשטאַנד — פֿאָלקלאָר — האָבן זיך די סטודענטן אָפּגעקליבן ספּעציפֿישע זאַכן, ווי וועמען עס האָט וואָס פֿאַראינטערעסירט. למשל, איין סטודענטקע האָט געזאַמלט וויגלידער. זי האָט געפֿאָרשט ביי די באָבעס און זיידעס די באַציונג צום נפֿשל אין די וויקעלעך, זי האָט געוואָלט וויסן וועגן דעם לעבן פֿון אַ קימפּעטאָרין. עפּעס האָט זי געהערט וועגן גלויבן און אַבערגלויבן. וועגן דעם, אַז מען טאָר אַ קימפּעטאָרין ניט איבערלאָזן אַליין, וועגן די שיר המעלות־בריווע־לעך, וואָס מען פֿלעגט צעהענגען אויף די ווענט און... וואָס איז געווען די באַציונג פֿון מאַן צום וויַיב בעת דער קימפּעט. זי איז געווען איבער־צייַגט, אַז די מאַמעס האָבן געזויגן זייערע קינדער פֿון דער ברוסט און ניט פֿון אַ „פֿלעשל", ווי מען טוט דאָס היינט. אָבער וועגן דער „אינסטי־טוציע" אַם — אַ זויגערין, וועגן דעם האָט זי פֿריִער קיין מאָל ניט געהערט און דאָס האָט אויף איר געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. עס האָט זי דער־מאָנט אָן דער „נעני", וואָס איז געווען אַזוי פֿאַרשפּרייט אין דער „סאַוט" — דרום־שטאַטן.

איינער אַ סטודענט, אַ „ייִנגל" פֿון זעקס פֿוס צוויי אינטשעס די הייך, האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, וואָס זיינען געווען די פֿאַרהעלטענישן צווישן אַ בחור און אַ מיידל פֿאַר דער חתונה? אַז ס'איז פֿאַראַן אַזאַ מנהג ווי קנס־

מאָל, תּקיעת־כּף, פון דעם האָט ער קיין מאָל ניט געהערט. גיי דערצייל אים, אַז די צייט פון חתן־כּלה זיין איז ביי מענטשן געווען די ציטער־דיקסטע, די גליקלעכסטע אין לעבן. און אַז אַ כּלה־מיידל האָבן דאָך טאַטע־מאַמע געהיט, ווי גאָלד אין פּאַפּיר. און אים, דעם ייִדישן סטודענט אין אַמעריקע, האָט זיך עפּעס פאַרבענקט נאָך אַזאַ מין צושטאַנד, ווען מען מעג אויף דער כּלה בלויז קוקן און אַ מאָל דאָס אויך ניט. ער, אַז ער נעמט אַרויס אַ מיידל איז עס אַן צערעמאָניעס. און ווען ער גייט מיט איר צו אַ טאַנץ — געוויינלעך איז דאָס „ראָק'ן ראָל״. גיט ער זי ביים טאַנצן אַ וואָרף און אַ שמיץ, אַז ס'איז בלויז אַ חידוש וואָס זי קלייבט זיך ניט די ציין...

איי מען קאָן דאָך וועגן דעם אַלעמען לייענען אין די ביכער? ס'איז אָבער ניט דאָס. ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש ווען אַ מענטש טרויט זיך אָן פאַר אייך, דערציילט אייך מיט דער גאַנצער נאָסטאַלגיע זיינע אָדער אירע איבערלעבענישן. דאָס דאַרף זיך איבערגיסן פון איין געמיט אין צווייטן. דאָס איז דער אופן אויף וועלכן דב נוי לערנט מיט זיינע סטודענטן. און אַזוי זיינען זיי געוואָרן אַריינגייערס צו אַ צאָל תּושבים אין שטאָט און ער אַליין, דער מורה בבית העליון, בתוכם. זיי, די סטודענטן, האָבן, פאַר־שטייט זיך, אויך געלערנט וועגן די ישובים, אַלס גאַנצע קהילות. ס'איז אונדזערע סטודענטן נאָך געבליבן אַ סך צו לערנען. אייגנטלעך האָט פּראָ־פעסאָר נוי אין די דריי חדשים וואָס ער האָט געלערנט אויף דעם באַ־שטימטן פאַקולטעט, בלויז איינגעפעדעמט, בלויז אָנגעוויזן אַ וועג ווי אַזוי צו פאָרשן, וווהין צו גיין און ביי וועמען צו זוכן. — גיין צום פאָלק גופא, ווי ער אַליין טוט עס. דאָס איז אַזאַ תּורה שבעל־פּה, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. ער ווייזט אַרויס אַ גוואַלדיקע ליבשאַפט צום ייִדישן לאָר (דעת) און במילא צום ייִדישן פאָלק.

צום סוף פון סעמעסטער האָט ער צונויפגערופן זיינע תּלמידים, זייערע עלטערן און די אַלע, וועמען די סטודענטן האָבן באַזוכט אין זייערע שאלות נאָך אינפאָרמאַציע צו אַזאַ מין „סיום הזמן״. דאָרט זיינען אויך בייגעווען עטלעכע קאָלעגן, פּראָפעסאָרן ווי ד״ר דאָנאַלד וואָרד, פּראָפ' פון פאָלק־לאָר און גערמאַניסטיק און פּראָפ' שוואַדראָן, פּראָפ' פון מוזיק, און אַנדערע.

דאָס זיינען געווען דערהויבענע עטלעכע שעהען. אַלע האָבן זיך באַטייליקט. פונעם דעקאַן פון דעם באַשטימטן פאַקולטעט ביזן ייִנגסטן סטודענט, אַריינ־גערעכנט אַלע געסט. אַזאַ טבע האָט ער שוין, אונדזער בערעלע נוי, ער האַלט אַלעמען אויפן אויג.

כאַראַקטעריסטיש מצד די סטודענטן איז געווען דאָס, וואָס צו זיי האָבן זיך צום מערסטן צוגעקלעפּט די מעשהלעך וואָס זיי האָבן געהערט פון די מענטשן, וועמען זיי האָבן „אינטערוויוירט", ניט אַזוי די מנהגים, די חריפות פון ייִדישע גלייכווערטלעך (דעם אידיאָם האָבן זיי ניט פאַר־שטאַנען), נאָר די מעשהלעך — פאַרט נאָך קינדער.

עס זיינען אַריבער יומטובדיקע דריי חדשים מיט דב נוי און זיין כאַפּטע סטודענטן. ווער־זשע פאַרט איז ד״ר דב נוי מיט איבער אַ האַלבן טוץ פאַרדינטע טיטולן? — פּראָפ׳ פון ייִדישן פאָלקלאָר און העברעישער ליטעראַטור אויפן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים; גרינדער און דירעקטאָר פונעם עטנאָלאָגישן מוזיי און פאָלקלאָר־אַרכיוון, חיפה. געוועזענער וויצע־פּרעזידענט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט פאַר דער פאָרשונג פון פאָלקס־מעשהלעך. קאָ־דירעקטאָר (מיט ד״ר י. בן־עמי) פון דער פאָרשונג פאַר פאָלקס־מעשהלעך אויפן העברעישן אוניווערסי־טעט. מיטגליד פון אַקאַדעמישן קאָמיטעט (ועד) פונעם בן־צבי־אינסטיטוט פאַר דער פאָרשונג פון ייִדיש־אָריענטאַלישע קהילות. אין אַ בראָשור, וואָס דער „נאָרדוועסטערן" אוניווערסיטעט האָט אַרויסגעגעבן, ווערט ער באַ־טראַכט פאַר דער גרעסטער אויטאָריטעט פון ייִדישן פאָלקלאָר ביים היינ־טיקן טאָג. ער איז דער רעדאַקטאָר פון אַ גאַנצער ריי ביכער וועגן ייִדישן פאָלקלאָר אין אַלע זיינע אָפּצווייגן און לשונות, און נאָך און נאָך, ווער קאָן דען אויסרעכענען אַלע זיינע פאַרדינסטן. אָבער ער איז געגליכן צו אַ „קאַיט", אַזאַ מין זאַק, וואָס פליט אין די רוימען, אָבער ער איז מיט אַ שטאַרקן פאָדעם צוגעבונדן צו די ייִדישע ישובים, ווו ער זאָל זיך ניט געפינען. ווער־זשע פאַרט איז דאָס וווּנדערקינד בערלע נוי? אַ יונגער־מאַן פון גאַליציע; איר הערט, אַ היימיש ייִנגל פון קאָלאָמיי. אַ, גאַליציע, אונדזער אַמאָליק ייִדיש גאַליציע. אַ קרוין האָט זי אונדז אָנגעטאָן אויפן קאָפּ: מלך ראַוויטש, הערץ בערגנער, עמנואל רינגעלבלום, ד״ר רפאל

מאַהלער, רחל קאָרן, רחל אויערבאַך, די משפּחה בירנבוים, די משפּחה טאָביאַש, מנשה אונגער, מיכאל ווייכערט, משה נאַדיר און פיל אַנדערע און איצט, אים צו לאַנגע יאָר, אונדזער נאַכוואָקס, אונדזער האַרציקער, אַרבעטזאַמער און שעפערישער דב נוי. וויפל פאַרמאָגן מיר דען היינט אַזעלכע?

*   *   *

דורך די דריי חדשים וואָס דב נוי האָט געוויילט אין לאָס־אַנדזשעלעס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך בין צוריק אין טאָראָנטאָ, און מיר פּראַוועון ווידער יום־טובים מיט יידישע שרייבערס, פּאָליטישע פירערס און אַנ־געזעענע טוערס. וויסנשאַפטלייט זיינען אין יענער צייט ביי אונדז געווען אַ זעלטענע דערשיינונג. אגב, האָבן מיר יעדן שעפערישן מענטשן געהאַלטן פאַר אַ שרייבער. יום־טוב נחום סאָקאָלאָוו, יום־טוב אברהם רעוווצקי, יום־טוב יידיש קונסט־טעאַטער, יום־טוב זלמן זילבערצווייג און לייב מלאך, יום־טוב יעקב פּאַט. דער גרעסטער יום־טוב פון אַלע יום־טובים איז ביי אונדז געווען ווען מיר האָבן אויפגענומען ה. לייוויקן. ער האָט פאַר אונדז געלייענט „דער גולם", „די גאולה", לידער פון סיביר, לידער פון סאַנאַטאָריום און נאָך און נאָך. ניין, ער האָט ניט גלאַט געלייענט, ער האָט געקנעלט מיט אונדז. דאָס לייענען און אויסטייטשן „הירש לעקערט" האָט געדויערט גאַנצע צוויי שעה. ער האָט אָנגעוויזן, אַז הירש לעקערט האָט זיך דעמאָלט, שוין דעמאָלט, אָנגענומען פאַרן כבוד פונעם מענטש. „שמייסן?", האָט ער אויסגעשריען.

מיר, יונגע און יוגנטלעכע, זיינען געווען גרויסע אויסנוצערס, ממש עקספּלואַטאַטאָרן, ניט געגעבן דעם גאַסט אַפילו אַ טאָג אויף אָפּרוען זיך. נאָר דער גרעסטער צווישן אונדזערע גרויסע, מיטן שטרענגן פּנים און טיף־באַהאַלטענעם שמייכל, ער האָט זיך עפּעס ווי געקעכלט אין אונדז; אים האָט געוואַרעמט אונדזער הייסער אָטעם. נאָר מיר זיינען געשטאַנען מיט גרויס אָפּשיי פאַר אים, ניט געוואַגט אַריבערצוטרעטן זיינע דלד אמות. מיט די אַנדערע געסט האָבן מיר פאַרבראַכט, געגעסן סעודות פון הערינג מיט קאַרטאָפל, דערנאָך זיך אויסגעזעצט אויף טישן און בענק, אַפילו אויפן

דיל (פונקט אַזוי ביים סיום־הזמן מיט ד״ר נוי). איין פּאַטערשטול האָבן מיר יאָ פאַרמאָגט אין דער אַרבעטער־היים אין טאָראָנטאָ און דער איז געווען רעזערווירט פאַרן מלך פון די געסט.

בצלאל שערמאַן ז״ל, דער קאָפּ פון האַרטער לאָגיק, ער איז גראָד געווען דער צוגענגלעכסטער צום פאַרברענגען. דאַקעגן אברהם רעוווצקי (נעבעך יונג געשטאָרבן), ער האָט געטראָגן אַ פאַרכמורעטע מאַסקע אויף זיין פּנים. גיי דערציילט עמעצן, אַז אונטער דער מאָך־באַוואַקסענער מאַסקע האָט געשפּילט אַ קינדעריש זיסער שמייכל. ער איז בטבע געווען אַזאַ גוטהאַרציקער, אַזאַ וואַרעמער מענטש און... אַזאַ הילפלאָזער. — אַ טאָ־טאַלער קאָנטראַסט צו זיין אויסזען.

די טעג זיינען געווען לאַנגע, מען האָט געאַרבעט אַכט שעה אַ טאָג און די אָוונטן קורצע, ווייל מען האָט געמוזט צו מאָרגן פרי אויפשטיין. און פאַרפעלן אַ לעקציע וואָלט געמיינט חלילה ניט דאַוונען קיין מעריב. וואָרעם דאָס זיינען ניט געווען קיין מסיבות גלאַט אַזוי פאַר „גוד טיימס״. דאָס זיינען געווען פאַרוויקלטע פּאָליטישע אויפקלערונגען, אידעאָלאָגישע שטרייטן און ליטעראַרישע אַקאַדעמיעס פון ערשטן ראַנג. און... שאַפן געלט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל, פאַר די יידישע שולן אין פּוילן, פאַר אַ יידיש בוך אַרויסגעבן וכדומה. איין גאַסט, אַ פאָרשטייער פון אַ וויכטיקער אָרגאַניזאַציע, מיט אַן אימפּאָזאַנטער באָרד האָט זיך בשעתו באַרימט, אַז ער האָט געמאַכט אַזאַ גוטן „אַפּעל״, אַז ביי דער חברה איז ניט פאַרבליבן אַפילו קיין קליינגעלט אין קעשענע...

ווען קלמן מרמר איז געקומען קיין טאָראָנטאָ איז דער שרייבער פון די שורות שוין געווען אין ניו־יאָרק אין סעמינאַר. נאָר מחמת דעם, וואָס ער האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן מיר, האָב איך צומאָרגנס געקראָגן אַ פּאַק מיט בריוו פון מיינע חברטעס, אַז אַזוי און אַזוי האָט ער געזאָגט און זיך געפרעגט אויף דיר. (איך האָב אים דעמאָלט נאָך ניט געקענט). אַ גוט וואָרט לאָזט זיך הערן איבער דער גאַנצער וועלט. — דאָס הייסט, איבער גאַנץ „ספּעדיינע עווניו״... (די יידישע גאַס אין טאָראָנטאָ).

היינט, — אַנדערע צייטן, אַנדערע יאָרן, אַנדערע געסט. היינט, אַז

אַן אָנגעזועענער מענטש קומט צופֿאָרן מוז ער זיך האַלטן לויט דער „קאָניונקטור”. יאָ, ער מוז. ניטאָ די גרויסע מאַסן אָן וועמען זיך אָנצושפּאַרן. ניטאָ די ייִדישע יוגנט, וואָס זאָל לעכצן נאָך אַ ייִדיש וואָרט, אַ וואָרט פֿון תּורה. און דאָ קומט צופֿאָרן אַ יונגערמאַן פֿון ירושלים, מיט אַ סטאַזש וואָס האָט ניט זיינס גלייכן, און מאַכט ביי אונדז, פֿאַר אַ קורצער צייט, יום־טוב אין דער וואָכן.

אברהם ליס׳ס באַזוך אין לאָס־אַנדזשעלעס

פאַר וואָס אַ געשעעניש ? צי איז מען ביי אונדז אין שטאָט ניט געוווינט אויפצונעמען געסט, ייִדישע שרייבערס ? — געוווינט. די סיבה דערפון איז גאָר אַן אַנדערע.

ווען דער זמן האָט זיך געשטעלט אָנהויב תשמ״ב, האָט זיך דער ייִדישער קולטור־קלוב געפילט אַ ביסעלע פאַרלוירן. ס׳האָט געפעלט דער לאַנג־יאָריקער פאַרזיצער, עליקס ראַבין. פעברואַר 1981 איז ער אַרויס־געריסן געוואָרן פון אונדזער מיט. דער קלוב האָט אָנגעהויבן זיינע טעטי־קייטן אין אַ געדריקטער שטימונג. נאָר באַלד די ערשטע מסיבה האָט דערמוטיקט: ס׳האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אַריין אַלע מיטגלידער אין זייער פולער צאָל. די ערשטע אָוונטן זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן מיט לאָקאַלע, אָדער בעסער געזאָגט, אייגענע כּוחות. קיין נייעם פאַרזיצער האָט מען דערווייל ניט באַשטימט. פון דעסטוועגן איז אַוועק אַ סדרה פיינע קולטור־אָוונטן. דערנאָך איז די עקזעקוטיוו געפאַלן אויף אַ המצאה און האָט באַשטימט אַנשטאָט איין פאַרזיצער, גאַנצע דריי. און דאָס איז גראָד דעם עולם געפעלן. יעדן מוצאי־שבת טראָגט אונדז אונטער די גע־העריקע „גוטע־וואָך״ איינער פון די דריי און יעדער איינער פון זיי פלייסט זיך עפּעס מחדש צו זיין און ס׳געלינגט זיי אויך.

אין שטאָט, ווי אין גאַנצן לאַנד, איז די שטימונג אויך ניט קיין גע־הויבענע: פוילן, רמת־הגולן, רעגאַניזם, „סקאַקי״, אַרבעטלאָזיקייט, „מאָ־ראַלישע מערהייט״, (אַ רעוואָלוציאָנערע קליקע), אַנטיסעמיטיזם און נאָך אַזעלכע „קלייניקייטן״. אין מיטן דערינען פאָרט אָן אַ ייִדישער שרייבער פון ישראל. ער האָט באַלד דערפילט אין דער לופט די שטימונג אין גאַס און די שטימונג אין קלוב. אַריינגעקומען אָן רעש — געבראַכט האָט אים זלמן שלאָסער, דער רעדאַקטאָר פון „חשבון״ — קוים, וואָס מען האָט אים באַמערקט. ער מיט זיין פרוי האָבן זיך געפּרוּווט עפּעס, ווי אַדורכ־שאַרן. נאָר, ווען ער האָט דערזען איבער דער גאַנצער מזרח־וואַנט אַן

אויפשריפט „ברוך הבא, אברהם ליס״, וואָס איינער, אַ חבר פון קלוב, בן קליינבאָרד האָט קונציק אויסגעצייכנט, האָט דער גאַסט זיך „משער״ געווען, אַז דאָס מיינט מען אים. מען שטעלט זיך גאָרניט פאָר, ווי אַזאַ קלייניקייט קאָן אַנווארעמען דעם פּרעמדן. באַלד דערויף האָט מען אים אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן אָפּשטעקן שלום-עליכמס און דאַכט זיך ס׳איז געוואָרן אַזוי ווארעם אין זאַל.

אויף אונדזער מזל איז אויסגעפאַלן אַז משה כוהן זאָל זיין פאָרזיצער. ער איז געווען אויסגעבונדן מיט אברהם ליס׳ס דערגרייכונגען — אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ער האָט דערמאָנט זיינע דריי ביכער, ספּעציעל דאָס נייע בוך, וואָס איז ניט לאַנג צוריק דערשינען „אין דער מחיצה פון שאַפער״, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גוטן אָפּקלאַנג מצד דער יידישער קריטיק. „זיין פּאָזיציע אַלס דירעקטאָר פון בית שלום-עליכם איז זייער אַן אָנגעזעענע און אחרון, אחרון חביב, די נייע ווערק פון ש. ע. וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער זיין, ליס׳ס השגחה, אונטער זיין רעדאַקציע און מיט זיינע הקדמות. דאָס איז דאָך עפּעס אַ קאָלאָסאַלער אויפטו״.

ווען ליס אַליין איז צוגעטראָטן ריידן, האָט ער באַדאַנקט דעם פאָרזיצער, זיך באַגריסט מיטן עולם און דערמאָנט נעמען פון מענטשן, וועלכע ער האָט געקענט, וועגן וועלכע ער ווייסט; פריינדלעך, טאַקטיש, אָבער ניט איבערגעכאַפּט די מאָס — אַ געשולטער רעדנער — און איז צוגעגאַנגען צום עיקר.

און דער עיקר איז געווען „שלום-עליכם און זיינע נייע ווערק״. ער האָט אויפגעוויקלט אַ ברייטע קאַנווע וועגן דעם אָרט, וואָס שלום-עליכם פאַרנעמט ניט נאָר ביים וועלטיידנטום, נאָר אין דער וועלט בכלל. ער האָט זיך דווקא ניט אָפּגעשטעלט אויף די ניי אַרויסגעגעבענע ווערק, נאָר אָנגעוויזן, אַז זעכציק יאָר נאָך זיין פּטירה האַלט שלום-עליכם נאָך אין איין וואַקסן. ער האָט אָפּגעפרעגט די מיינונג אַז „פידלער אויפן דאַך״ איז ניט שלום-עליכם, ווי טייל ווילן באַהויפּטן. פאַראַן מיינונגען אַז גרויסע רעזשיסאָרן, קינסטלערס, מוזיקערס האָבן מיט זייער קונסט און חריפות צונויפגעשטעלט די פּראָדוקציע. אָבער ווו האָבן זיי גענומען דעם מאַטעריאַל

אויף צונופישטעלן ? און טביה דער הויפּט־כאַראַקטער שפּילט אין דער צונויפשטעלונג ניט קיין ראָלע ? „עס איז אמת", — האָט ער געזאָגט, — „אַז צוליב דער דאָזיקער פאַרשטעלונג איז שלום־עליכם באַקאַנט און באַוווּסט געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט און האָט אַרויסגערופן גרויס ליבשאַפט צו זיך". מילא, דאָס האָבן מיר בדרך־כלל געוווּסט. אָבער למשל אַזאַ מין זאַך, אַז אין כינע זיינען דערשינען פערציק מיליאָן שלום־עליכמס ביכער און זיינען צעכאַפּט געוואָרן, דאָס האָבן מיר ניט געוווּסט. צו אַזאַ פּאָפּולאַריטעט האָט דאָך נאָך קיין שום שרייבער אויף דער וועלט ניט זוכה געווען, ניט קיין ייִדישער און ניט קיין גויִישער. צווישן אַנדערן האָט ליס דערציילט, אַז אַ יאַפּאַנער האָט אים אַ מאָל געזאָגט : „וואָס מיינט איר, ביי אונדז אין יאַפּאַן זיינען ניט פאַראַן קיין מנחם מענדלס ? די טביהעס זיינען באַקאַנטע טיפּן אין יאַפּאַן, נאָר קיינער שרייבט ניט ביי אונדז וועגן זיי". בדרך־כלל האָט זיך ליס ניט פאַרנומען מיט דערציילן מעהשלעך אָדער וואַרפן אַנעקראָטן, וואָס דאָס איז געוויינטלעך אַ זייער דאַנקבאַרע זאַך. דאָס וואָס ער האָט דערציילט איז געווען כאַראַקטעריסטיש און אינטערעסאַנט. איינער אַ ייִד (ליס האָט אָנגערופן זיין נאָמען) האָט אַ מאָל געפרעגט שלום־עליכמען וואָס ער האַלט וועגן ציוניזם, וועגן איינזאַמלען די ייִדישע שבטים פון דער וועלט קיין ישראל. האָט שלום־עליכם געענטפערט : „איך ווייס גאַרניט צי די ייִדן וועלן דאָס וועלן..." דאָס גיט אונדז עפּעס צו טראַכטן. ווי זאָלן מיר דאָס אָננעמען ? ווי אַ נביאות ? (מען דאַרף זיך אָנפרעגן ביי די רוסישע ייִדן אין ווין און איטאַליע. און... טאַקע ביי אונדז אַליין אויך. מיר זיצן זיך אין אַמעריקע און בעטן יאָר איין יאָר אויס „לשנה הבאה בירושלים" !...)

דאָס איז ניט געווען קיין לעקציע צו אַנאַליזירן שלום־עליכם דעם שרייבער, דעם געניאַלן הומאָריסט. נאָר אַרויסצוברענגען זיין פאַרנעם, זיין אָרט אין דער וועלט. דער סך־הכל איז, אַז מען האָט נאָך ווייט ניט אַלץ איינגעזאַמלט און אויסגעסדרט. נאָך פאַראַן אַ שלל מיט פאָרשונג־אַרבעט צו טאָן. למשל ש. ע. איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַזוי פיל שפּראַכן, אין די אַלע שפּראַכן האָט מען זיך דאָך אָפּגערופן מיט קריטיק, מיט מיינונגען, מיט אָפּשאַצונגען. דאַרף מען דאָך דאָס אַלץ איינזאַמלען און סדרן.

אברהם ליס איז אַן ערשטקלאַסיקער לעקטאָר. מיר שטרייכן אונטער „אַ לעקטאָר״, ניט סתּם אַ רעדנער, כאָטש ער פאַרמאָגט אַ גוטע שפּראַך און דיקציע. דער סטיל איז געשולט, פּראָפעסאָריש. ער באַהאַנדלט אַ טעמע מיטן טיפסטן ערנסט. ער האָט זיך ניט פאַרמאָסטן צו ברענגען אונדז אַ נייעם שלום־עליכם. מיר זאָגן אַפילו ניט אַ דערגאַנצטן, ווייל, ווי ליס האָט אָנגעוויזן, איז נאָך דאָ אַ סך צו טאָן כּדי צו ברענגען דעם גאַנצן בנין צו שלמות. ווילנדיק ניט ווילנדיק, איז געקומען עפּעס אַ מאָדנע פראַגע אויפן געדאַנק: ווי אַזוי וועלן זיך די רינגען אָנשליסן איינס אָן ס׳אַנדערע? שלום־עליכם דער שאַפער; י. ד. בערקאָוויטש, זיין איידעם, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ לעבן און זיין אייגענעם טאַלאַנט כּדי צו איבערזעצן ש. ע. און אברהם ליס, וועלכער האָט זיך פאַרנומען דאָס גאַנצע פאַרמעגן איינ־צוזאַמלען און אויסצוסדרן — דערגאַנצן און אַלץ אַריינפירן אין די שייערן פאַר די קומענדיקע דורות.

* * *

די צווייטע לעקציע איז געווען „דער גאַנג און גורל פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור״. ס׳איז ממש צו באַוווּנדערן די יראה מיט וועלכער אברהם ליס טרעט צו צו אַ טעמע בכלל און צו דער טעמע בפרט. פריִער פאַר אַלץ האָט ער גערעדט וועגן די שרייבערס אַלס מענטשן; ווו זיי האָבן זיך געפונען, וואָסערע פּאָזיציעס זיי האָבן פאַרנומען; ווהין דער גורל האָט זיי, יעדער איינעם, געטראָפן און ווי אַזוי זיי האָבן אויפגענומען די גזירות, פריִער און שפּעטער. ער האָט זיך געפּרוּווט דערגרונטעווען, וואָס עס האָט געקאָנט באַוועגן די סאָוועטישע מאַכט צו דערגיין צו אַזאַ גרויליקער שאַנדטאַט. וואָס האָט זי געוואָלט דערמיט דערגרייכן? פאַר וואָס אַזאַ רציחה? פאַרשטייט זיך, אַז קיין ענטפער איז אויף דעם ניטאָ. „ס׳איז אמת״, האָט ער געזאָגט, „אַז אַנדערע מינדערהייטן זיינען אויך גערודפט געוואָרן״. אָבער דאָ האָט מען זיך דאָך פאַרמאָסטן אָפּצווישן די גאַנצע גרויסע סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור און קולטור. דאָס איז געווען אַזאַ אויסגעפּלאַנטע זאַך ממש, ווי ביי היטלערן. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט קיין מאָל ניט אָפּגעגעבן קיין שום דערקלערונג פאַר וואָס און פאַר ווען דער גרויסער, יידישער קולטור־מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרן, פאַר

וועלכע זינד אָדער ווו עס געפינען זיך די קרבנות, ווי גרויס זייער צאָל איז געווען. די, וואָס מען האָט אויסגעמאָרדעט אין דער לוביאַנקער תּפיסה זיינען דאָך ווייט ניט אַלע, וועלכע זיינען אומגעקומען. ליס האָט אָנגעוויזן, אַז די אויסראָטונג פון די ייִדישע שרייבערס האָט זיך ניט אָנגעהויבן מיט סטאַלינען און ניט פאַרענדיקט מיט אים. דאָס איז געווען אַ לאַנגער פּראָצעס, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן לאַנג פאַר דער מלחמה. און וויפל זיינען אומגעקומען שוין נאָך סטאַלינען אין די סאָוועטישע לאַגערן, וויפל זיינען אהיימגעקומען פאַרקריפּלטע?

פאַרבייגייענדיק, האָט ליס אויך דערמאָנט, אַז צווישן די קרבנות זיינען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן ניט אויסגעהאַלטן קיין ייִדישקייט, אָבער ער האָט זיך אויף דעם ניט אָפּגעשטעלט. ווייסן מיר דאָך פון די היטלער־צייטן, אַז דער שונא האָט תּמיד געזוכט צו מאַכן פון זיין קרבן אויס מענטש. דער לעקטאָר האָט זיך געמיט צו באַווייזן דעם אמת. אַז די ייִדישע שרייבערס זיינען געווען לאָיאַלע בירגערס פון לאַנד, אין דער מלחמה האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן, פאַרטיידיקנדיק דאָס רוסישע „מוטערלאַנד". זיי האָבן דערגרייכט הויכע ראַנגען, געקראָגן די העכסטע אויסצייכענונגען. עטלעכע און דרייסיק ייִדישע שרייבערס זיינען געפאַלן אויף די פראָנטן און צום סוף, אַזאַ ווילדע נקמה.

ליס האָט גערעדט וועגן זיי אַלס דיכטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער בעסטער אופן צו רעדן וועגן אַ דיכטער איז נאָר דורך זייער אייגענער פּאָעזיע. ער האָט געלייענט פון אַ סך סאָוועטישע דיכטערס און אָנגעוויזן אויף דריי עיקרדיקע זאַכן: אויף זייער טאַלאַנט, אויף זייער געטריישאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און אויף זייער ייִדישקייט. ער האָט רעציטירט צענדליקער לידער און די ייִדישקייט האָט אַרויסגעקוואָלן פון דער „פאָרם און פונעם אינהאַלט". איז טאַקע ווייזט אויס דאָס געווען זייער איינציקע זינד: זיי זיינען געווען ייִדן און דערפאַר — קדושים.

* * *

צווישן איין לעקציע און דער צווייטער — אַ וואָך צייט — איז געווען מעגלעך זיך אַ ביסעלע צו באַקענען מיט אונדזערע ליבע געסט. אַ זייער

גוטן איינדרוק האָט געמאַכט מרס. ליס אַ ציכטיקע, נעט און באַשיידן געקליידטע פרוי — און וואָס מיר איז באַזונדערס געפעלן, — אַ באַרייִ־דעוודיקע. (ער אַליין, ליס, איז צו ערנסט, אַ רענדל אַ וואָרט). איך פרעג זי: „איר באַשעפטיקט זיך מיט עפּעס?" זאָגט זי: „יאָ, איך גיב אַכטונג אויף מיין מאַן" און זי קוקט אויף אים, ווי אַ מאַמע קוקט אויף אַ געראָ־טענעם בן־יחיד.

איין איינציקן נאָכמיטאָג האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען ביי בצלאל מלחי אין הויז. דער קינסטלער, בצלאל מלחי איז נפטר געוואָרן מיט צוויי וואָכן פריִער, אָבער זיין גייסט האָט מען געקאָנט אָנטאַפּן מיט דער האַנט. ס'איז ניט קיין חידוש. דאָס גאַנצע הויז איז אָנגעפילט מיט זיינע קונסט־ווערק. פון תנ"ך־מאָטיוון, ביז חסידות, ביז אַרבעטלאָזיקייט, ביז... „היפּיס" אָן עשירות אין כלערליי פאָרמען און מאַטעריאַלן.

גרוני מלחי האָט זיך געשטאַרקט; געטראָגן איר אלמנהשאַפט מיט ווערדע. ניט געוויינט, ניט געקרעכצט. צוגעטראָגן כּיבוד און אונדזערע געסט האָבן געשלונגען מיט די אויגן די פיל־פאַרמדיקע און פיל־זאָגנדיקע קונסטווערק. (בצלאל מלחי איז געווען אַ גראַדואַנט פון דער בצלאל קונסטשול אין ירושלים).

איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג זיך נעענטער צו באַקענען מיט אברהם ליסן, נאָר ס'איז ניט באַשערט געווען. גערעדט האָבן מיר אַ סך מאָל דורכן טעלעפאָן. אָבער דאָס איז ניט גענוג, ס'ווילט זיך זען אַ מינע, אַ מראה ביים ריידן. אָבער איך האָב אים ניט געקאָנט באַגעגענען און ס'איז מיר אַ גרויסער שאָד.

עלעגיעס

דער קינסטלער שטאַרבט צוויי מאָל און אפשר מער? איין מאָל גייס־טיק און איין מאָל פיזיש. ס'איז נאָך קיין מאָל קיינער ניט צוריקגעקומען און דערציילט וועגן חבלי מוות — די יסורים פונעם פיזישן טויט. אָבער וועגן גייסטיקן אונטערגאַנג ווייסן מיר: מיר האָבן דאָס צוגעזען, מיט־געמאַכט, אַדורכגעלעבט.

* * *

אין די פערציקער יאָרן איז דוארטי־סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע געווען אַ יידישע זייער פּאָפּולערע אינסטיטוציע באַוווסט איבערן גאַנצן לאַנד און אין שכנישע לענדער, ווי קאַנאַדע, מעקסיקע און אַנדערע לענ־דער. עס האָבן זיך געצויגן אַהער די „רעשטלעך״ פונעם סוועט־שאַפּ, וועלכע האָבן געפּרווט, אין קאַליפאָרניע, אָפּראַטעווען די שארית פון זייערע אויסגעהאָרעוועטע יאָרן און האָבן אויך דאָ אויסגעשפּיגן דאָס לעצטע ביסל בלוט. פון דעסטוועגן זיינען געווען אויך אַזעלכע, וועמען ס'איז געלונגען, מיט דער הילף פון גוטע דאָקטוירים, מילדער לופט און גוטער אויפּזיכט, זיך טאַקע אַרויסצוראַטעווען פון דער חלאת טובערקולאָז (טי־בי אויף ענגלישער פאַרקירצונג), געזונט צו ווערן און פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע, ווער מיט איין לונג, ווער מיט ביידע לונגען. מיט איין לונג קאָן אַ מענטש אויך לעבן — עלעהיי מיט איין אויג — און פונקציאָנירן. ס'איז געווענדט וואָס פאַר אַ פונקציע ער דאַרף אויספירן .די איינצעלנע, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די סאַנאַטאָריע, האָבן איבערגעלאָזט אַ סך האָ־פענונג פאַר די שווער־קראַנקע, וועלכע זיינען פאַרבליבן: „אָט זעט איר דאָך, מענטשן קומען פאָרט אַרויס אויסגעהיילטע״. קאָן דאָך דער וווּנדער מיט זיי אויך געשען...

* * *

דאָס יידישע לעבן פון דער אַלטער היים, וואָס האָט זיך געטראָגן קיין אַמעריקע אויף די גרויסע עמיגראַציע־כוואַליעס, האָט זיך דאָ צעפּירט די

הענט: געלערנט פאַרשיידענע מלאכות, געשאַפן, בפירוש געשאַפן פּרנסות, דער עיקר אַ פאַרצווייגט נאָדלפאַך און צוזאַמען מיטן סוועט־שאַפּ אויס־געבויט גרויסע פאַבריקן און אינדוסטריעס. ס'האָט פאַר זיך געפונען אַן אָרט און געשאַפן אויך אַ שטייגער־לעבן. אמת, דאָס אָרט איז געווען זייער באַשרענקט פאַרן ייִדישן לעבן אין גאָלדענעם גרויסן לאַנד. די איסט־סייד מיט אירע גאַסן און „באַרימטע" הינטערגעסלעך איז געווען שטאַרק ענג פאַר די אָנקומענדיקע גרויסע מאַסן: יונג און געזונט (ווייל קיין קראַנקע האָט מען ניט אַריינגעלאָזט), פעיִקע און שלימזלדיקע, לייטישע און אומ־לייטישע. און אין דעם גרויסן געמויזעכץ איז פאָרט געשאַפן געוואָרן אַ ביי ייִדיש שטייגער־לעבן, וואָס האָט צעשפּאַרט די ווענט פון איסט־בראָדוויי און זיך צעשפּרייט ביז יוניאָן־סקווער, ברוקלין, בראָנקס, ביז, ביז... פון דעם אַלעמען איז דער ייִדישער שרייבער, אַקטיאָר, קינסטלער ניט געווען אָפּגעטיילט נאָר אַ יוצא מן הכלל. ער איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם אַלעמען, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט איסט־סייד, שוין פּשוט דערפאַר, ווייל ער ווי אַלע האָבן געאַרבעט אויפן שטיקל ברויט, אויף דער דירה ערגעץ־ווו אויף אַ „פלעט" אין אַ טענעמענט־הויז, אַזוי איז אויך געווען דאָ, אין דוֹרטי סאַנאַטאָריע — היינט „סיטי אָוו האָופּ".

אייגנטלעך איז די איסט־סייד אויך געווען אַ שטאָט פון האָפענונג, האָפענונג פאַר מיליאָנען. אַזוי איז אין איין צימער געלעגן יוסף ראָזנשטיין, אַ שטוב־מאָלער, וועלכער איז געקומען אַזש פון „פּאַלעסטינע" זיך דאָ אָנצונעמען מיט לוקימיאַ (היינט ווייסט מען, אַז אין קאַלך מישט מען צו אַזבעסט); אַ יונג מיידל פון מאָנטרעאָל, וועמען די אַמאַלגאַמייטעד־יוניאָן האָט דורך איר פּראָטעקציע אַריינגעגעבן אין סאַנאַטאָריע. אין אַ צווייטן, דריטן אָדער פערטן צימער איז געלעגן אַ פּרעסער ביי „קלאָוקס", וועל־כער האָט אין זיך איינגעזאַפּט די שעדלעכע פאַרע פונעם „סטים־אייזן"; אַ פאַריער מיטן נאָמען אייזיק ראַבאָי, אַ שוישפּילער — אַ זינג־פייגעלע, לאַזאַר פריד, און פיל אַנדערע פּאַציענטן.

אייזיק ראַבאָין האָב איך געקענט דורך זיין ראָמאַן „ניין ברידער" און טאַקע דערפאַר, ווייל איינער פון זיי איז געווען ער אַליין. ער האָט געוווינט אין די שלום־עליכם־הייזער ווו איך פלעג אים זען גיין אין די

פּרימאָרגנס צו דער אַרבעט. איך האָב אים געזען, אין זוניקע טעג, שפּאַ־צירן אין וואַן קאָרטלאַנד־פּאַרק (וועסט בראָנקס). איך פלעג זען זיין ליכטל אין פענצטער פון דריטן שטאָק שפּעט ביינאַכט ווען ער פלעגט זיצן און שרייבן. ער איז ניט געווען קיין באַרעדעוודיקער און איך אַליין בין דאָס אויך ניט. אַזוי, אַז מיר האָבן זעלטן פאַרביטן אַ פּאָר ווערטער. מיינער אַ באַקאַנטער האָט אים אַ מאָל אָפּגעשטעלט און געפרעגט, ווי לאַנג עס נעמט צוצוגיין פון די שלום־עליכם־הייזער צו מאָשעלו פּאַרקוויי עלעווייטאָר. האָט ער געענטפערט: „ס׳געווענדט אין דעם, וועמען מען באַגעגנט אויפן וועג״. ער האָט געשמייכלט און מיר האָבן געלאַכט און בעת־מעשה האָב איך באַמערקט, אַז ניט געקוקט אויף זיין קליינער גע־שטאַלט זיינען זיינע באַקן געפורעמט פון שטאַרקע באַקנביינער, ממש ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. ביז דעמאָלט איז אונדזער באַקאַנטשאַפט געווען: „גוט מאָרגן — גוט יאָר״. נאָר נאָך דער באַגעגעניש האָט ער מיך תמיד פאַרטשעפּעט מיט אַ וואָרט.

געהערט אַז אייזיק ראַבאָי געפינט זיך אין דואַרטי בין איך אים גע־גאַנגען מבקר חולה זיין. ער האָט נאָך דעמאָלט אויסגעקוקט גאַנץ גוט. ווען מען ווייסט ניט אַז ער געפינט זיך אין סאַנאַטאָריע, וואָלט מען זיך קוים געקענט פאָרשטעלן אַז ער איז קראַנק אויף דער געפערלעכער קרענק.

לאַזאַר פרידן — דאָס פידעלע, האָב איך געקענט בלויז פון דער בינע. די געשטאַלטן חנן און ש. אַנ־סקיס דיבוק און נתן, דער ערלעכער גלוי־ביקער נתן, אין שבתי צבי, האָב איך קיין מאָל ניט געקענט פאַרגעסן. (כאָטש איך האָב אים געזען אין אַ סך אַנדערע פּיעסן). ער האָט די ראָלע, נתן, ממש אויסגעציטערט אויף דער לירע פון זיין שטים. אַלע קריטיקערס גיבן אָן זיין שטים אַלס אַ באַריטאָן און איך וואָלט געשוווירן אַז ער האָט געהאַט אַ טענאָר. איך האָב אים געזען כמעט אין אַלע זיינע וויכטיקע ראָלעס, מחמת אין זומער, ווען אין ניו־יאָרק האָבן זיך פאַרמאַכט אַלע טעאַטערס פלעגן זיך די טרופּעס אַראָפּלאָזן אויף דער פּראָווינץ. בפרט דאָס קונסט־טעאַטער האָט געהאַט אַ חזקה צו גאַסטראָלירן אין טאָראָנטאָ. איך פלעג גיין מיט לייב מלאך ע״ה צו מנחה און צו מעריב. דאָס הייסט, צו די נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונגען און צו די אָוונטדיקע. בכלל האָב איך

לאַזאַר פרידן געקאַנט מערסנטס דורכן קונסט־טעאַטער. ווי אַזוי און ווען ער האָט „געלאַנדעט" אין סאַנאַטאָריע איז מיר דעמאָלט ניט געווען באַ־וווסט. ער, ראַבאַי האָט מיר דאָס איבערגעגעבן.

געהערט, ער איז דאָ (אָנשטאָט אויף דער בינע), בין איך געלאָפן אים זען. איך האָב אים קיין מאָל גאָרניט געפרעגט, אַחוץ דעם שאַבלאָנעם „וואָס מאַכט איר?" ער האָט געוווּסט ווער איך בין, כאָטש איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, ניט געזאָגט מיין נאָמען. נאָר ווייל איך האָב באַמערקט אַז זיין פּנים לייכט אַ ביסעלע אויף בעת מיין אַריינקומען, האָב איך עס געמאַכט פאַר מיין עובֿדה אים צו באַזוכן אַזוי אָפט ווי כ'האָב נאָר געקענט. כאָטש אייזיק ראַבאַין האָב איך בעסער געקענט ווי לאַזאַר פרידן, איז פריד מיר געווען נעענטער. ס'האָט זיך איינגעשטעלט עפּעס אַ געמיט־קרובֿה־שאַפט צווישן אונדז.

דואַרטי איז דעמאָלט געווען „ווייט" פון לאָס־אַנדזשעלעס. ניט געווען קיין דירעקטע טראַנספּאָרטאַציע. ס'פלעגט זיך שלענגלען עפּעס אַ רויט־געפאַרבטער טראַמוויי אין אַ „קעניאָן" אונטער בריקן אַ האַלבן וועג. דערנאָך האָבן זיך די שיינעס אָפּגעהאַקט און דו האָסט געמוזט וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס. און אין אַ דריי שעה אַרום ביסטו ענדלעך אָנגעקומען קיין דואַרטי, און פון דאָרטן, אַז מען איז נאָך געגאַנגען צופוס אַ שטיק וועג, פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע קלענערע הייזער, ווו קראַנקע האָבן זיך אויפגעהאַלטן, האָט מען ענדלעך דערגרייכט דעם גרויסן מויער.

אינעווייניק — אַ גאָרטן מיט בלומען כּלערליי. בענק אויף צו זיצן און הייזער מיט הייזקעלעך צו עטלעכע צימערן אין אַ הויז פאַר די קראַנקע. ערגעץ־ווו איז געווען דער מעדיצינישער צענטער, דאָס האָט מען ניט גע־זען גלייך ביים אַריינקומען. דערקעגן די שול איז געשטאַנען אין פולער פּראַכט קעגן דער זון. און ווייל ס'איז געווען אַזוי ווייט, פלעג איך זעלטן קומען אַהין. און ווייל כ'בין זעלטן געקומען, האָב איך געקענט באַמערקן די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין די קראַנקע: ווער עס פילט זיך בעסער און ווער חלילה פאַרקערט. לאַזאַר פריד האָט זיך געפילט ערגער. פון צייט צו צייט האָט זיך ביי אים פאַרהאַקט דאָס קול און ס'איז אים נאָר געגאַנגען אין דעם, אַז דאָס קאָן אים נאָך אַ מאָל שאַטן צום זינגען.

וואָרעם אויב ניט זינגען, אויב ניט שפּילן, זעט ער ניט צוליב וואָס ער דאַרף אין גאַנצן געזונט ווערן...

ענדלעך צו אייזיק ראַבאַי איז לאַזאַר פריד אויך ניט געווען קיין איבעריק באַריידעוודיקער, נאָר אין זיין שווייגן איז געלעגן אַ וועלט מיט צער. איין מאָל, אַזוי אין אַ שטומען שמועס וואָס מיר האָבן געהאַט, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט: „צוליב א י ם האָב איך געקראָגן די „טשוכאָטקע". כאָטש איך האָב אים ניט איבערגעפרעגט ווער דער „אים" איז, האָב איך זיך משער געווען, אַז דאָס מיינט ער אַ געוויסן רעזשיסאָר. ער האָט גע־האַט תּרעומות, גרויסע תּרעומות. צי גערעכטע אויך?...

די אויגן האָבן ביי אים געברענט מיט אַן אומהיימלעך פייער; נאָר די האָפענונג האָט געגומען זינקען, זינקען. ער האָט קיין מאָל ניט דערמאָנט אַ וואָרט וועגן זיינע פיזישע ליידן. ס'האָט זיך בלויז אַ מאָל געהערט דאָס וויל־באַקאַנטע כריפּעלע, ווי אַ ניט געזעענע האַנט וואָלט פאַמעלעכן, פאַמעלעכן פאַרמאַכט די טיר.

ער האָט, ווייזט אויס, דאָ ניט געהאַט קיין שום באַקאַנטע; איך האָב קיין מאָל ניט געטראָפן קיין באַזוכער ביי אים. פון ניו־יאָרק פלעגט זיך יאָ אַ מאָל אַראָפּכאַפּן אַ פריינד, אַ קאָלעגע, אָדער סתם מענטשן פון דער טעאַטער־וועלט. דאָס פלעגט אים זייער אויפמונטערן און ער פלעגט פון אַזאַ באַזוך ציִען חיות פאַר עטלעכע וואָכן.

איין מאָל, כ'קום אַריין, ווייזט ער מיר די טעאַטער־זייט פון „פאָר־ווערטס". מען גייט אויף סניי אויפפירן פּרץ הירשביינס „דאָס פאַרוואָר־פענע ווינקל". זיין ראָלע שפּילט שוין עמעצער אַנדערש. די לאַנגע נאָז זיינע איז נאָך לענגער געוואָרן. דאָס פּנים — דינע שטריכן אויף ווייס פּאַפּיר. און ווען ער האָט געפּרוווט אַ שמייכל טאָן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס פּאַפּיר קנייטשט זיך.

מיט דריי חדשים פריִער האָב איך אים נאָך איבערגעלאָזט אַ שטיקל מענטש. אַ מענטש מיט פּראָטעסט קעגן זיין פיזישן צושטאַנד, אַ מענטש מיט קריוודעס! היינט, גאָלע רעזיגנאַציע. דאָס מאָל האָב איך זיך שוין צוגעאיילט מיט מיינע באַזוכן. איין מאָל, איך כאַפּ זיך אַריין אויף די שפּיץ פינגער צו אים אין צימער אַריין. די קראַנקן־שוועסטער האָט מיך

געזען און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס חדר — איינגעהילט אין שאָטן. זיין זון, זיין איינציקער זון, איז געזעסן אין אַ ווינקל, כ׳האָב אים ניט געזען. זיי האָבן ניט גערעדט צווישן זיך און איך האָב געמיינט אַז ער איז אַליין. לאַזאַר האָט אַ מאַך געטאָן מיט זיין בלייכער האַנט, ווי מיט אַ ווייסן פליגל פון אַ טויב: „מיין זון״. יענער האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַרנייגט. איך האָב גלייך דערפילט ווי איבעריק איך בין דאָ אין דעם מאָמענט און האָב זיך גענומען רוקן אויף צוריק. „זיצט״, האָט לאַזאַר געשעפּטשעט. „מיין זון קען אייך. איך האָב אים אַלע מאָל דערציילט ווי איר ברענגט מיר בייגל מיט לאַקס און אַנדערע זאַכן פאַר מיין אַפּעטיט״, האָט ער קרום אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער רעדט: „ס׳פעלט מיר טאַקע אויס״. דער זון האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איך האָב ניט געוווּסט וואָס דער שאָקל באַטייט און האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן שפּיץ פון אַ בענקל. זיצן, זיצן מיר דריי מענטשן און רעדן מער ניט אויס קיין וואָרט. ניט געוועזן וואָס צו זאָגן. ניט לאַזאַר, נאָר זיין זון האָט אויף מיר אַנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן: „דו זעסט?״ איך האָב געזען. געזען וואָס כ׳האָב געזען! מיט דריי טעג שפּעטער האָב איך אַנגעקלונגען אין סאַנאַטאָריע און גע־קראָגן דעם ריכטיקן ענטפער.

פונקט ווי לאַזאַר, איז אייזיק ראַבאַי אַנגעקומען אין סאַנאַטאָריע נאָך פיל־וויניק אַ יונגער מענטש. זיי זיינען גערוקט געווען אין עלטער מיט פינף יאָר — לאַזאַר פריד איז געבוירן אין יאָר 1888 און ראַבאַי אין 1883 — ער, ראַבאַי האָט פון דאַנען נאָך געשיקט קאַפּיטלעך צו דער „מאָרגן־פרייהייט״ און די „מ. פ.״ האָט אים געצאָלט זיינע שכירות.

ווען איך פלעג אים קומען זען, האָט ער נאָך גערעדט מיט זיין שטילן, ערנסטן הומאָר: „ווער וועט דאָרטן אַכטונג געבן אויף די שלום־עליכם־הייזער, ווען איך בין ׳דאָ׳ און איר זייט אויכעט דאָ?״ ער פלעגט זיך אַ מאָל באַקלאָגן, אַז דאָס שרייבן קומט אים אָן זייער שווער. אָבער ער האָט געשריבן; נאָר וואָס אַ מאָל ווייניקער און ווייניקער, ביז ער האָט מער ניט געקאָנט צושטעלן די קאַפּיטלעך. הגם קיינער האָט אים ניט געטוויט, קיינער האָט ניט געפאָדערט פון אים. אָבער דאָס איז טאַקע געווען די צרה וואָס קיינער האָט ניט געמאָנט. צו שרייבן ביזן לעצטן מאָמענט

פונעם לעבן, אָדער צו שטאַרבן אויף דער בינע, דאָס איז אַ חסד־עליון, וואָס ניט יעדער איז דערצו זוכה. יענע זיינען די גליקלעכע: זיי שטאַרבן בלויז איין טויט.

ראַבאַי איז געקומען אין סאַנאַטאָריע מיט איין יאָר צו שפּעט. אַזוי האָבן די דאָקטוירים געזאָגט. פאַרשפּעטיקן די באַן אויף אַ יאָר איז ניט קיין קלייניקייט... פון דעסטוועגן האָט ער זיך פון צייט צו צייט אָנגעהויבן פילן בעסער און ער האָט אַריינגעלייגט גרויסע האָפענונגען אין דער שיינ־באַרער „בעסערקייט". — אַזוי ווי ער וועט נאָר קומען אַ ביסעלע צו זיך, נעמט ער זיך גלייך שרייבן זיין געפּלאַנטן ראָמאַן. פלוצלינג איז אָנגע־קומען די „מאָרגן־פרייהייט" אין וועלכער ס'איז געווען געמאָלדן מיט פעטער שריפט אַז שלום אַש איז איבערגעגאַנגען פון „פאָרווערטס" צו דער „מאָרגן־פרייהייט", באַצירט, פאַרשטייט זיך, מיט געהויבענע עפּיטעטן — איין קלייניקייט: שלום אַש! און פרייטיק דעם 8טן אָקטאָבער וועט זיין געדרוקט זיין ערשטער אַרטיקל: „לאָמיר זיך איבערבעטן". האָט ער גע־קראָגן דעם ערשטן גייסטיקן קלאַפּ. ווען ער, ראַבאַי, איז געזונט און אַרבעט ווייטער מיט אין דער צייטונג, וואָלט ער מסתמא דאָס געשעעניש באַגריסט ביז אין הימל אַריין. אָבער ווען זיינע קאַפּיטלעך זיינען אַלץ זעלטן און זעלטענער געדרוקט געוואָרן, האָט ער דערפון געצויגן די ריכטיקע מסקנה און ער האָט אָנגעהויבן גייסטיק צו צאַנקען. שווער, געוואַלדיק ווייטאָגדיק איז פיזישע עקזיסטענץ אין גייסטיקער גסיסה.

פון דעם געזאָגטן קאָן זיך אַ מאָל שאַפן דער איינדרוק, אַז עמעצער איז גורם געווען זיין טויט. חלילה! דאָס איז דער דרך־הטבע. אָבער, ווי־גרויזאַם עס איז דער דרך־הטבע.

ער האָט אַרויסגערופן שרהן, זיין ווייב. זיין געטרייע ווייב, ווי אַ מאַמע. זי האָט דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון לאָס־אַנדזשעלעס קיין דוארטי און געפאָרן יעדן צווייטן טאָג, געקאָכט יאַכלעך פאַר אים כדי אים צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. אַ האַרץ קאָן מען נאָך אַ מאָל דערכאַפּן, אָבער ניט קיין נשמה...

זי האָט אים טאַקע דערכאַפּט דאָס האַרץ אויף אַ קנאַפּ יאָר צייט.

* * *

מיין „פּאַלאַץ" אין באַיל הייטס

דירות זיינען אין יענער צייט, די פריע פערציקער יאָרן, געווען זייער שווער צו קריגן. ס'איז פאָרגעקומען אַן אינלענדישע עמיגראַציע צום מערב, דאָס איז געווען צוליב דעם שיפבוי, עראָפּלאַנען־פאַבריקן, און דאָס וואָס מען רופט אָן ציניש אויף ענגליש „האַרדוועאַר" — אַלערליי מלחמה־מכשי־רים — טאַנקען, קאַנאָנען, אַמוניציע. די מלחמה איז געווען אין פולן ברען און מענטשן זיינען געווען אויסגעהונגערט נאָך אַרבעט. מחוץ לזה האָט מען אָנגעהויבן תּופס זיין דעם געוואַלדיקן באַטייט פון דער מלחמה. זיינען געקומען מאַסן מענטשן און פאַר אַ סך האָט זיך איינגעשטעלט דאָס טרוי־עריק באַוווּסטע לעבן פון קוואַרטיראַנטן — דאָס הייסט, אַ צימער ביי יענעם אין הויז. ווער עס ווייסט ניט דעם טעם דערפון זאָל טאַקע קיין מאָל ניט וויסן.

נאָך גרויסן אָנשטרענג און פּראָטעקציע האָב איך זיך דערשלאָגן צו אַ דירה — אַ הייזקע הינטער אַ גרויס באַלעבאַטיש הויז, וואָס איז גע־שטאַנען אויף באָלדער סטריט. די הייזקע האָט געהאַט צוויי אַפּאַרטאַמענט־לעך, איינס פון זיי האָב איך געדונגען. אַ דירה אַ „פּאַלאַץ": אַ ברייטע טיר מיט עטלעכע שייבלעך פון אויבן האָט געדינט פאַר אַן אַריינגאַנג און פאַר אַ פענצטער. אינעווייניק טונקל. אַ גרויס טאָפּלט בעט האָט פאַרנומען אַ האַלבע שטוב. על פּי אָרדענונג האָט מען באַדאַרפט דאָס בעט אויפהייבן און עס אַריינרוקן אין דער וואַנט. נאָר ווער האָט געהאַט כּוח אויפצוהייבן אַזאַ „מאָנסטראָסיטי" אויף פאַרזשאַווערטע ספּרוזשינעס? האָט דאָס בעט דאָמינירט דאָס פּראָנטצימער. די קיך איז שוין געווען לייטישער. איבערן „סינק" — אַ ברייט פענצטער און קעגנאיבער — אַריינגעזעצט אין אַ ווינקל — איז געשטאַנען אַ טיש מיט צוויי בענק צונויפגעקלאַפּט, וואָס איז אַ מאָל געווען גרין געפאַרבט. דאָס האָט מען אָנגערופן אויף אַ חנעוו־דיקן ענגליש: „ברעקפעסט נוק". אין מיטן — די קיך איז געווען ברייטער ווי לענגער — אַ גרויסער פאַרזשאַווערטער אויוון. אין דרויסן, פאַרן פענצ־טער, איז געשטאַנען אַן אַלטער בוים, וואָס האָט אַריינגעפּאַכעט שאָטן.

זעט איר, דאָס שלאָפצימער איז טאַקע געווען גאָר לייטיש: ליכטיק,

צוויי פרייע פּענצטער. צי׳ ווייסט עמעצער וואָס ס׳הייסט פרייע פּענצטער פּאַר אַ מענטשן וואָס בענקט אייביק נאָך אַ ביסל זון? דאָ האָבן געוווינט צוויי פרויען און אַ קאַץ, וואָס פלעגט זיך שטענדיק קריגן: „מיאַו״, וואָס ביסטו אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גאַנצן טאָג? „מיאַו״, איך בין הונגעריק. און אַז איך האָב איר שוין געגעבן עסן, האָט זי מיך אַנגעקוקט מיט צוויי געלע, פייערדיקע אויגן און זיך ניט צוגערירט. איך האָב זי ערשט געמוזט איינגעמען: „עס, קעצעלע, עס״. דעמאָלט האָט זי באַוויליקט און עפּעס טועם געווען. דאָס „קעצעלע״ איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס, אַז ס׳האָט געקאָנט עסן פונעם טיש.

די דירה האָט אייגנטלעך געדאַרפט זיין מיינע אַליין. איך האָב זי געדונגען, איך האָב באַצאָלט דירה־געלט, גאַז און עלעקטריע. ס׳איז געווען מיין „אייגנטום״. נאָר ס׳איז ניט באַשערט געווען. מיין „פּאַלאַץ״ איז גע־וואָרן אַן אַכסניה. עס זיינען געקומען באַקאַנטע פון ניו־יאָרק: אַ חברה פון די לינקע פּועלי־ציון; א. לוצקיס פרוי איז געקומען אַהער פּאַרקויפן זיינע ביכער און ניט געהאַט ווו אַוועקצולייגן ניט דעם קאָפּ און ניט די ביכער. און נאָך אַזעלכע. צום סוף איז געקומען שרה ראַבאַי. ס׳זענען געקומען אין לאָס־אַנדזשעלעס בין איך געווען איר נאָענטסטע קרובה — און אַלץ צוליב די שלום־עליכם־הייזער. איז וווּ־זשע וועט זי גיין? וועט זי זיך דערווייל אָפּשטעלן ביי מיר און ווי נאָר ראַבאַיען וועט בעסער ווערן נעמט זי אים אַרויס פון סאַנאַטאָריע און זיי וועלן זיך דינגען אַ לייטישע דירה. זיי וועלן נישט ווינען אין אַזאַ כאַלופּע. און צוריק קיין ניו־יאָרק וועלן זיי אויך אַזוי גיך ניט פאָרן, כאָטש זיי האָבן איבערגעלאָזט, ניט אויפגעגעבן, אַ פּראַכטיקן אַפּאַרטמענט. ראַבאַי דאַרף האָבן די קאַליפאָרניער זון און די דאָקטוירים וואָס באַהאַנדלען אים אַזוי גוט.

שווער צו גלייבן! נאָר, ווי נעבעכדיק מיין „פּאַלאַץ״ האָט אויסגעזען, איז דאָרטן נאָך געווען פרייד אויך. איך האָב זיך דאָ דערוואָרבן אַ סך גוטע פריינד. צווייטנס, און דאָס איז אפשר געווען די הויפּט סיבה, מיר זיינען נאָך געווען יונג — איך אין די דרייסיקער און שרה אין די פּריָע מיטל־יאָרן. מיר פלעגן אַפילו אַ מאָל דאָ טאַנצן אויכעט.

איין מאָל האָב איך געמאַכט שרהן אַ סורפּריז־פּאַרטי. ראַבאַי האָט מיר

דערפאַר צוגעשיקט אַ ספּעציעלן דאַנקבריוו (ער האָט געוווּסט אַז איך פּלאַן אַזאַ מין שמחהלע, אָבער זי — ניט). נאָר אין גיכן אָן שום פאַרוואָס, האָט ער אָנגעהויבן איינצוגיין, צאַנקען, צאַנקען. און דאָ גלאַנצט שלום אַש מיט זיינע אַרטיקלען יעדע סוף וואָך. זיין, ראַבאַיס, טשעק פלעגט אָנקומען פון דער „פרייהייט" רעגולער יעדע וואָך. שרה האָט געהאַט פון וואָס צו לעבן און געהאַט געגוג געלט צו קויפן ראַבאַיען פון שענסטן און בעסטן, וואָס נאָר זיין האַרץ וואָלט געגלוסט .די צרה אָבער איז געווען, וואָס זיין האַרץ האָט אויפגעהערט גלוסטן...

נאָך באַשערט געווען מיר, מיין שוואָר־געליטן אויסגעווייטיקט האַרץ, אַז פון מיין „פּאַלאַץ" זאָל מען באַגלייטן שרה ראַבאַי אַהיים שוין אַן אַלמנה, זייער איינציקן זון, ווען מען האָט טעלעגראַפיש אַרויסגערופן, און דעם אָרון מיטן בינטל טרוקענע ביינער פון א. ראַבאַי, וואָס איז צו־געשיקט געוואָרן דירעקט פון סאַנאַטאָריע צום „יוניאָן סטיישאָן" — די באַן־סטאַנציע פון יענער צייט. ס'איז געווען אַזאַ מין „אימפּראָוויזירטע" לוויה. די גאַנצע שרייבער־משפּחה פון לאָס־אַנדזשעלעס: ה. רויזנבלאַט, כאַווער־פּאַווער, ברווינשטיין, מאַטעס דייטש. עס זיינען דעמאָלט געווען אַ סך יידישע שרייבערס אין שטאָט. די „לינקע" זיינען געקומען מיט גרויס רעש געזעגענען זייער באַליבטן שרייבער. וואָרעם כאָטש ער איז געווען אַזאַ לאַנגע צייט קראַנק, איז זיין טויט געווען פאַר אַלעמען אַ פלוצלינג־דיקער, אַן אומגעריכטער, גלייך ער וואָלט אַוועקגעפאַלן אין מיטן גאַס.

* * *

וועגן זיך אַליין? מיינע אייגענע איבערגעלעבטע טויטן, יאָ, טויט ברבים. ווער קאָן דאָס דערציילן בפרהסיה? און זעט נאָר — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין: עס גלוסט זיך נאָך שרייבן. רבונו של עולם! לעב איך צי בין איך געשטאָרבן?

מיינע באַגעגענישן מיטן קינסטלער נחום אַראָנסאָן

עס פֿאָדערט זיך גלייך פֿון אָנהייב צו אונטערשטרייכן, אַז איך בין דאָ ניט אויסן צו מאַכן אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן די שאַפֿונגען פֿון נחום אַראָנסאָן, וואָס האָבן פֿאַרכאַפּט מיין אויג בעת איך האָב זיי צום ערשטן מאָל געזען אין זיין סטודיאָ און זיי שפּעטער אָנגעטראָפֿן ווי „גוטע באַקאַנטע" אין אַ צאָל מוזייען און אויף עטלעכע אויסשטעלונגען. איך האָב געהאַט די גליקלעכע געלעגנהייט צו קענען דעם קינסטלער אינעם יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון פּאַריז און וועגן דעם ווילט זיך דאָ דערציילן.

ס'איז געווען אין יאָר 1936 אין פּאַריז. געקומען בין איך צו אַראָנסאָנען אין סטודיאָ אין שליחות פֿון אַ געוויסן קולטור־ענין. נאָר ווען איך האָב פֿאַר זיך דערזען דאָס ליכטיקע פּנים מיט די אויסערגעוויינטלעך שיינע־דיקע אויגן פֿונעם קינסטלער, האָב איך אין גאַנצן פֿאַרגעסן נאָך וואָס איך בין געקומען. ער האָט געהאַלטן אין מיטן דער אַרבעט. מען האָט עס געקאָנט זען לויט דער אָנגעשטרענגטקייט וואָס האָט אַרויסגעשיינט פֿון זיין פּנים. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן כאַלאַט, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען העכער ווי ער איז; זיין ווייסע באָרד איז געווען צעשויבערט (ער איז גראָד געווען אַ גרויסער פּעדאַנט) און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פּונקט אַזוי איז געווען דאָס געשטאַלט פֿון משה רבנו.

„אַנטרעי — קומט אַריין", האָט דער יונגער גרייז מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט. בין איך אַריין און האָב גלייך געוואָלט אויסשיסן מיט דער בקשה, וועגן וועלכער איך בין געקומען, בכדי זיך וואָס גיכער אָפּצוטראָגן פֿון דאַנען און אים ניט שטערן ביי דער אַרבעט. איז מיר אָבער ממש געפֿאַלן אין אויג אַריין אַ ווייסע פֿרויען־פֿיגור אין אַ דורכזיכטיקן „גע־וואַנט" און אַ קערפּער, וואָס האָט גערעדט מיט יעדן אבר. ס'האָט זיך

אויסגעדאַכט, אַז מען קאָן פּילן דעם דופק פון דעם דאָזיקן מירמלשטיינ־הארץ. איך האָב פון דעם ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די, אָט־אָ־דאָ, קער מיר עפּעס אָן: אַ קרובה, אַ שוועס־טער, צי אַ טאָכטער. אינסטינקטיוו האָב איך אַ פּיר געטאָן מיינע פינגער איבער דעם צאַרט געפורעמטן פּנים פון בלייכן מאַרמאָר, און איך האָב אַליין געמאַכט דעם פאַרוואָרף: ס׳טייטש? איך קען אָט דעם גרויסן קינסט־לער שוין אַ צייט לאַנג און האָב אים ערשט איצט צום ערשטן מאָל דערזען...

מסתמא האָט ער פאַרשטאַנען מיין התפעלות. אַנדערש וואָלט ער מיך ניט אַרומגעפירט איבער דער גרויסער לענג און ברייט פון דער סטודיאָ, מיר געוויזן די ווּנדערזאַכן, וואָס קאָנען אַרויסקומען פון קינסט־לערישער אַרבעט.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען דער בעסטיאַלער, טייוולאַנישער ראַס־פּוטין און געשמייכלט אַ גזלניש שמייכל. פון אָט דעם בילד האָט מיך אָפּגעשוידערט און איך האָב פון אים אָפּגעקערט מיין בליק. מיין האַרץ האָט זיך אָבער דערפרייט מיט די „לעבעדיקע" קינדערישע קעפּעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין אַזוי אויטענטיש, אַז דוכט זיך, אָט, אָט, און זיי שפּרינגען אַראָפּ פון די ווענט, נעמען זיך אָן ביי די הענטלעך און טאַנצן...

פאַנטאַסטישע סטאַטועס און פּשוטע מענטשלעכע געשטאַלטן. אָנגע־שטרענגטע, די בראָנזענע מוסקולן אָנגעצויגן און דורכגעפלאָכטן, ווי מיט שטריק. פּנימער מיט קאַרבן ווי טיפע פאַלדן און זאָרג, וואָס באַהאַלט זיך אויס אין זיי.

אין דער קינסטלערישער איבערשאַפונג פונעם מענטשלעכן מין דער־זעען מיר זיך אַ סך בעסער. מיר דערוויסן זיך וועגן דער גראַציע און ריטם, וואָס ס׳פאַרמאָגט דער מענטשלעכער קערפּער. און אפשר פאַרשטייען מיר זיך בעסער אויך?

נאָר זאָל מיך דער לייענער ניט חושד זיין אין אָפּשאַצונג; דאָס זיינען געווען בלויז פערזענלעכע איבערלעבענישן ביים באַטראַכטן די ווערק פון נחום אַראָנסאָן.

ניט נאָר איז די סטודיאָ פון נחום אַראָנסאָן געווען אַ היכל פון זיין אייגענער געטאָקטער, געשניצטער און געפורעמטער קונסט, נאָר זי איז אויך געווען אַ מוזיי פון אָנגעזאַמלטע קונסטבילדער און אַנטיקזאַכן, וואָס ער האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן פלייסיק צונויפגעקליבן, אויססאָרטירט — ניט לויט גרויסקייט, נאָר לויט זשאַנער, לויט טענדענץ און שול. ער האָט יעדן פּיצעלע אָפּגעגעבן דאָס געהעריקע אָרט אין זיין אייגענער גאַלעריע.

געזעלשאַפטלעך יידישלעך, איז די סטודיאָ געווען אַ צענטראַלער פונקט פון וויכטיקע אַקציעס. ניט איין זיצונג פון קולטורעלן באַטייט און ניט איין באַשלוס פון געמיינזאַמער אָנשטרענגונג האָט זיך פון דעם „וואַרשטאַט" אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס און האָט אָנגענומען לייב און לעבן.

קהל האָט פאַרלאַנגט אַ סך פון אים; מער ווי ער איז פיזיש אימ־שטאַנד געווען צו געבן. וואָרעם דער מעת־לעת האָט דאָך פאָרט ניט מער ווי פיר און צוואַנציק שעה, און דערצו איז דאָך נחום אַראָנסאָן פריער פאַר אַלץ געווען אַ קינסטלער — אַ קינסטלער פון כסדר שטייגנ־דיקער שעפערישקייט, פון וועלכער ס'האָט ניט געסטייעט די צייט זיך אויסצולאָדן. פלעגט ער טאַקע אויפשטיין פיר־פינף פאַרטאָג און זיך נעמען צו זיינע שטיינער, אַלבאַסטער און מעטאַלן, און זיי אַזוי לאַנג צערטלען ביז ער האָט אין זיי אַריינגעבלאָזן קינסטלערישע חיות.

אַרום איינס אַ זייגער האָט ער שוין געהאַט אָפּגעטאָן אַ טאָג אַרבעט. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך פאַרגונען אַ שעה־צוויי צו פאַרברענגען מיט קאָלעגן־ברידער פון „פּאַך".

אינטערעסאַנט איז געווען זיין באַציונג צום יונגן קינסטלער. פון קונסטקריטיק האָט ער בכלל ניט געהאַלטן. „וואָס פאַר אַ רעכט", פלעגט ער פרעגן, „האָט עס עמעצער אַראָפּצורייסן אָדער אַפילו אַרויפצושרויפן דעם ווערט פון יענעמס אַרבעט? יעדער איינער שאַפט לויט זיינע מעג־לעכקייטן. די קריטיק כאָוועט ניט דעם קינסטלער, זי קומט תמיד צום גרייטן. ובפרט היינט צו טאָג, ווען זי איז אַזוי שטאַרק קאָמערציאַליזירט געוואָרן".

פון דעסטוועגן איז באַוווּסט, אַז די קריטיק האָט אַ היפּשן חלק אין דעם, וואָס נחום אַראָנסאָן איז אַזוי שטאַרק באַרימט געוואָרן איבער דער וועלט און גאָר באַזונדערס אין אייראָפּע. די יונגע קינסטלערס פלעגן ממש קלעפּן אָן אים. אפשר טאָקע צוליב זיין קוקווינקל בנוגע דער קונסט־קריטיק ? זיכער אויך דערפאַר וואָס ער האָט אַ סך פון זיי געהאָלפן. געהאָלפן אויף פאַרשיידענע אופנים : אַ שטיקעלע קאָנטאַקט דאָ און דאָרט ; אַן אויסשטעלונג ; אַ מאָל אַ פּאָר פראַנק, און טייל מאָל... אַ פּשוטן מאָלצייט. דער עיקר, אָבער, צוליב זיין וואַרעמקייט, צוליב זיין שטענדיקן, ווי פאַרנומען ער זאָלט ניט זיין, „אַנטרעי״. אויף פּשוטן ייִדיש וואָלט מען געזאָגט : „קומט אַריין, קומט אַריין, שעמט זיך ניט״. דאָס איז געווען זיין באַציונג צום יונגן קינסטלער. זיין סטודיאָ איז אויסגעוואַקסן צו אַן אומאָפיציעלער שול. פאַר וואָס אומאָפיציעל ? דאָס איז געווען אַראָנסאָנס דרך.

יעדער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט איז געלאָפן צו אַראָנסאָנען אים בעטן ער זאָל דערלויבן אַרויפצושטעלן זיין נאָמען אַלס פּאַטראָן (ספּאָנסאָר). יעדער אונטערנעמונג האָט זיך געריסן אים צו האָבן אין פרעזידיום. און ער האָט ניט געקאַרגט — ניט זיך און ניט זיין באַרימטן נאָמען. אַבי ס'איז נאָר פאַר אַ גוטן צוועק, איז אדרבא. אָפט מאָל האָט פּאַסירט, אַז ער מיט זיין נאָמען האָבן זיך געמוזט צעטיילן : ער איז געגאַנגען אויף איין פּלאַץ און זיין נאָמען האָט פיגורירט אויף אַן אַנדערן. נחום אַראָנסאָן איז געוואָרן אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט פאַרדינט און טאָקע געניאָסן גרויס צוטרוי. וואָרעם, ווי ברייטהאַרציק ער איז געווען, אַזוי פאַרזיכטיק האָט ער אויך געמוזט זיין, אַז זיין „פירמע״ זאָל ניט מיסברויכט ווערן.

צווישן די פאַרשיידענע פּאַרטייען אין פּאַריז איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקער שטרייט פאַר דער „העגעמאָניע״ איבער נחום אַראָנסאָנען. כאָטש ער אַליין (אויף וויפל מיר איז באַקאַנט) האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן „טאַלאַנט״ פאַר פּאַרטייִשקייט. אים איז תּמיד געגאַנגען אין גרויסן גאַנצן, וואָס האָט אַ פּאָזיטיוון ווערט : אַ קולטור־פאַרבאַנד (ערשטער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס אין 1937, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער „איקוף״). פּאָליטיקער יישובן זיך, אָבער ניט אַראָנסאָן : ער איז תּמיד דערפאַר !...

אַ ייִדישע קינדערשול? אַודאי דערפֿאַר! אַ קינדער־קאָלאָניע („קאָלאָני סקאָלער") ? — געוויס דערפֿאַר! די קינדער־קאָלאָניע שיקט דאָך אַרויס עטלעכע הונדערט קינדער קיין בערק־פּלאַזש, ביים ים, אויף וואַקאַציע, איז אַראָנסאָן מער ווי דערפֿאַר, גאַנץ ממשותדיק דערפֿאַר.

עס דערמאָנט זיך די ערשטע אויסשטעלונג פֿון ציש"אָ (צענטראַלע יִדישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן) וואָס איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז. ס'איז געווען אין די אָנהייב 30קער יאָרן. אַ רייכע קאָלעקציע פֿון אָפּגעקליבענע קינדער־אַרבעטן פֿון די ייִדישע וועלטלעכע שולן איז אָנגעקומען פֿון פּוילן. מיר, אַ גרופּע לערערס, מיטן דעלעגאַט ש. מענדעלסאָן ע"ה בראש, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן אויסשטעלן און אויסהענגען די עקספּאָנאַטן. מיר האָבן געאַרבעט איבער אַ וואָך צייט. דער מאַטעריאַל איז געווען זייער אַ פֿאַר־שיידנאַרטיקער און גאָר אָן אַן ערך אַ רייכער — פֿון לאַנד־קענטעניש, ביז ביאָלאָגיע, ביז שפּראַך, ליטעראַטור, ביז, ביז... ווען מיר זיינען פֿאַר־טיק געוואָרן און געמיינט אַז מיר האָבן אויפגעטאָן דאָס בעסטע וואָס מען האָט נאָר געקענט באַוויזן, האָבן מיר איינגעלאַדן נחום אַראָנסאָנען, ער זאָל עס גוטהייסן. האָט ער זיך אַרומגעקוקט, „גוטהייסנדיק" געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך גענומען צייט צו ענטפֿערן. ער וועט דאָך ניט פֿאַר־שעמען עמעצן, ווייַ טאָן... דערנאָך האָט ער, אַזוי ווי בלויז פֿאַרבייגייענ־דיק, געבעטן אַראָפּצונעמען איין קעגנשטאַנד פֿון דאָרטן און אים אויפֿ־הענגען דאָ...

און ביסלעכווייז — האָט מען אַלצדינג אַראָפּגענומען און אונטער זיין רעזשי איבערגעשטעלט... מיר האָבן געאַרבעט עטלעכע טעג בלויז ביים איבערשטעלן און ער — מיט אונדז. ווען מיר זיינען פֿאַרטיק גע־וואָרן, האָבן מיר געגאַפּט אויף דעם גרויסן אונטערשייד פֿון דער אויס־שטעלונג. עפּעס האָט יעדעס שטיקעלע און איטלעכס פּיצעלע געפֿונען זיין ריכטיק אָרט און האָט זיך אַרויסגעזען.

גאַנץ אומדערוואַרט האָט איין מאָל פּאַסירט, אַז נחום אַראָנסאָן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיין קלאַס פֿון דער ייִדישער קינדערשול בעת מיר האָבן, מיט גרויס התמדה, געזונגען:

פּאַטש, פּאַטש, פּאַטש און קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ.
היינט האָט חתונה אונדזער קאַץ —
אונדזער שיין קעצעלע, מירקע,
מיטן גרויען קאָטער, סירקע.
און צוליב חתן־כּלה
זיינען געקומען אַלע...

דערזעענדיק אים, האָב איך זיך דערפילט ווי געכאַפּט ביי דער האַנט. צי אויף דעם שיקט מען קינדער אין שול אַריין ?...

— דאָס זיינען נאָך זייער יונגע קינדער — האָב איך זיך גענומען פאַר־ענטפערן. נאָר ס'איז געווען אין גאַנצן איבעריק. דער גרויער, יונגער זקן האָט געשטראַלט. ער האָט אַזוי געלאַכט, אַז טרערן האָבן זיך אים גע־שטעלט אין די אויגן. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס כ'האָב אים געזען לאַכן (ער איז געווען געכאַפּט אַ ביסעלע אויף מעלאַנכאָליע). שמייכלען — יאָ, אָבער דאָס אַלץ.

נחום אַראָנסאָן איז באַרימט געוואָרן באַלד נאָך זיינע ערשטע אויס־שטעלונגען אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט. אין משך פון פופציק יאָר האָט ער געהאַלטן אין איין שטייגן און וואַקסן. זיינע סענסיטיווע ליניעס, זיינע פּרעסקאָס אויף שטיין (אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן), געמיט פון אַ געשטאַלטיקטער איבערלעבעניש גיבן זיך איבער דעם צו־שויער מיט אַ געוואַלדיקן טיפן און שאַרפן איינדרוק. ער האָט אַ סך געשאַפן, גאָר אַ סך. צו דערמאָנען בלויז עטלעכע סקולפּטורן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון: אַ יונגער יידישער בחור (איך געדענק ניט דעם נאָמען דערפון); דאָס צעוויייטיקטע פּנים פון בעטהאָווען; די פיגורן: „טרויער" (אוי, ווי טרויעריק!) און איבער אַלץ — די פרייד אויף קינ־דערישע פּנימלעך. ער איז געווען זייער פּרוכפּערדיק און פאַרשיידנאַרטיק. קונסטקענערס רעכענען אים צו צו דער אימפּרעסיאָניסטישער שיטה.

באַרימט געוואָרן איז ער קודם־כּל אין דער קינסטלערישער וועלט פון אייראָפּע און דווקא אויף דער גוייִשער גאַס. ער האָט דערגרייכט די אָנגעזעענסטע פּאַריזער סאַלאָנען און די באַרימטע גאַלעריעס אויף ביידע

זייטן פון ים (אין אַמעריקע ווייניקער ווי אין אייראָפּע). אָבער, דאָס יידישע לעבן אין פראַנקרייך האָט געשלאָגן קאַפּיטאַל פון זיין באַרימט־קייט. ער איז געוואָרן אַ קולט אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. פּאַריז איז געווען פאַרליבט אין איר גרויסן קינסטלער. מען האָט אים פאַרהערלעכט און... עקספּלואַטירט.

טייל מאָל איז עס געווען ממש אומפאַרשטענדלעך: אַ מענטש, וואָס נעמט קיין מאָל ניט עפנטלעך קיין וואָרט; אַגיטירט ניט פאַר קיין שום זאַך — און דאָך איז ער משפיע... אַ באַוועג מיט דער האַנט, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אָדער גאָר אַזאַ מין „שווייגעלע", און ס'האָט געהאַט די ביי־טיקע פּעולה. ער איז קיין מאָל ניט אַרויסגעטראָטן קעגן ווען ס'איז לגנאי. זיין גאַנג, זיין אַרבעט, זיין גאַנצער מהות איז געווען אָנגע־שטרענגט צום פּאָזיטיוון.

ס'וואָלט געווען, דאַכט זיך, שווער אַפילו פאַרן געניטן קריטיקער, אָפּצושאַצן, וואָס ס'איז געווען גרעסער אין נחום אַראָנסאָנען: די שטילע פּערזענלעכקייט, צי דער אינערלעך ברויזנדיקער קינסטלער. קלאָר איז אָבער, אַז ביידע זיינען געווען גרויס.

אפשר וועט זיך געפינען עמעצער, וואָס וועט אים פאַרסקולפּטירן מיט אַ דלאָטע אָדער מיט אַ פּען. דערוויל — אָט די עטלעכע באַשיידענע שורות צו זיין צענטן יאָרצייט. ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. אָן איינ־זאַמער, דערווייטערט פון זיין סביבה אין פּאַריז, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

דער דיכטער מאמין יעקב שמואל טויבעס

אַ קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט געווען י. ש. טויבעס; אַזוי קאָמפּליצירט, אַז ער האָט קיין מאָל ניט געקאָנט מאַכן קיין שלום מיט זיך, אַ פּשיטא שוין מיט אַנדערע. ער האָט אָבער פאַרמאָגט די גרויסע מעלה קיין מאָל קיין שלעכט וואָרט ניט צו זאָגן אויף אַ קאָלעגע שרייבער און אוודאי ניט אויף קיין אַנדערע מענטשן.

„אַ גאָט, לאָז אויף מיין צונג קיין בייז ניט קומען
און מיינע לעפצן היט פון פאַלשע רייד;
און שעלט מען מיך, זאָל מיין נשמה שטומען,
ווי שטויב בלייבט שטום, וואָס יעדער איינער טרעט".

(פון זיין בוך „סאָנעטן פון אַ מאמין", זייט 65).

צו יעדער איינעם פון זיינע ידידים האָט ער געהאַט אַ פּערזענלעך אינדיווידועלע באַציִונג: מיט בינעם העלער האָט ער זיך געקוויקט, מיט מלך ראַוויטש זיך (אין ליבשאַפט) געקריגט; קאַדיאַ מאָלאָדאָווסקי האָט אים, מיט איר וואָרט, באַגליקט און דעם שרייבער פון די שורות האָט ער, ווי אַן עלטערער ברודער, באַשיצט. אגב איז זיין גאַנץ טראַכטן געווען אין די ראַמען פון יצירה. פון דאַנען ווערט שוין אַ ביסעלע פאַרשטענדלעך זיין יראת־שמים — וואָרעם, בראשית ברא אלהים...

מאַראַליש איז ער געווען אַ ליידנדיקער מענטש, שטאַרק ליידנדיק. אַ פרומער ייִד, נאָר אויסגעלעבט האָט ער זיך אין אַ וועלטלעכער סביבה. זיך ניט געפילט אין דער היים, ניט דאָ, ניט דאָרט. ער האָט ליב געהאַט ייִדיש און געשריבן אויך אַ סך אויף דייטש. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן דורכאויס ייִדישן פּאָעט, פון דעסטוועגן האָט עס אים שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס די צייטונגען אין מינכען (דייטשלאַנד) האָבן אים אָנגערופן

„דער ייִדיש־דייטשער דיכטער און עסעיִסט". ער איז טאַקע געווען אַ שטאַר־קער אָנהענגער פון די ייִדיש־דייטשישע שרייבערס, דער עיקר פון היינריך היינע, וועגן וועמען ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך אויף דייטש.

שטאַמען שטאַמט די משפּחה טויבעס — דער ריכטיקער נאָמען איז טויבש — פון גאַליציע, קאָלאָמיי, געלעבט אויך אין טשערנאָוויץ און ווין. זיין פאָטער, לייבל טויבש, איז געווען אַ ציוניסט, אַן אָנגעזעענער מענטש אין די אַלע דריי שטעט און איבערן לאַנד. מלך ראַוויטש שרייבט וועגן אים: „לייבל טויבעס איז געווען אַן עסקן, אַ פאָלקסטימלעכער רעדנער בחסד עליון".

ער האָט נאָך אין 1907 געגרינדעט אין טשערנאָוויץ אַ ייִדישע צייטונג, „ייִדישעס פאָלקסבלאַט", וואָס איז, מיט קליינע איבעררייסן, אַרויסגעגאַנגען ביז קנאַפּ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן און מיטבאַטייליקטע פון דער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין 1908 אין טשערנאָוויץ.

אין אַ דייטש ביכעלע פון פּראָפ' ד"ר הערמאַן שטערנבערג, תּל־אביב, „צור געשיכטע דער יודען אין טשערנאָוויץ", דערציילט אונדז דער מחבר, אַז נתן בירנבוים, דער באַרימטער פּובליציסט און שרייבער, באַקאַנט אונ־טערן נאָמען מתתיהו אחר, איז געווען דער טעאָרעטיקער און לייבל טויבעס דער נביא פון דער ייִדישער שפּראַך־באַוועגונג אין טשערנאָוויץ.

אויף י. ש. טויבעס האָט דער קאָלאָמייער חסידיזם און די טשערנאָ־וויצער ייִדישע קולטור־וועלטלעכקייט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן חותם. ער האָט אין איין צייט אָפּגעדרוקט אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" אַ סעריע (50) פּרעכטיקע חסידישע מעשהלעך און האָט אויך אָנגעשריבן אַן עסיי „ייִדיש נישט העברייאיש". די אַרגומענטן זיינען שוין אַ היפּש ביסל פאַרעלטערט — ס'איז אַ פּאָלעמישע עסיי.

קנאַפּע צוויי יאָר פאַר זיין פּטירה האָט ער אויף זיך גענומען אַ מאָדנע עובֿדה — אַ שווערע און אַ געוואַגטע. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „סאָנעטן פון אַ מאמין", אין וועלכן ער פּרוווט באַרעכטיקן דעם פּסק פון בית־דין של מעלה אומצוברענגען אַ דריטל פון אונדזער פאָלק דורך דער שוואַרצער האַנט פון היטלערן ימח שמו, ווייל... עס האָט געזינדיקט:

„דאָס ווויל ניט גאָט אומשולדיקע קרבנות,
דיין ווילן האָט עס אַזוי געוועגדט;
געדעכט אויף אייביק בלייבן גאָטס תקנות
פון דיר אַליין, מענטש, ווערט די וועלט פאַרלענדט".

און ווייטער אין דעם זעלביקן סאָנעט:

„און טרעפן איצט אייך אימהדיקע גזירות,
און איז דער ים פון טרערן אָן אַ ברעג,
און צרות צרורות נעמען נישט קיין עק,

זייט וויסן: איר אַליין טראָגט קינס פלעק.
ס'איז אייערע טרערן, אייער שאַנד און שרעק
דער פסק פון אייערע אייגענע עבירות!"...

(עלפטער סאָנעט, זייט 25)

ער שטעלט זיך אין דער ראָלע פון אַ נביא און האָט טענות ניט צום רבונו של עולם, נאָר צו יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס אויסגעהרגעטע יידישע פאָלק". אַז דעריבער און דערפאַר איז די גזירה אַזוי גרויס, אָן אַ טראָפּן רחמנות און... ברוך דיין אמת! נישקשה פון אַן עובדה...

ס'איז נאָר צום באַוווּנדערן, וואָס ער, טויבעס, איז פון אַזאַ געפּערלעכן פאַרמעסט אַרויס מיט גאַנצע דיכטערישע ביינער. די יידישער קריטיק, שטאַרק געפּלעפּט פון דעם פילאָסאָפיש-טעאָלאָגישן צוגאַנג צו דער גרויסער שואה, האָט אים פון דעסטוועגן באַהאַנדלט מיט חסד און אָפּגעשאַצט זיין גרויסן טאַלאַנט.

שרייבט אברהם באַראַבאַן:

„מיט זייער אַ שווער געמיט לייענט מען די סאָנעטן פון יעקב שמואל טויבעס. און נאָך מיט אַ שווערער געמיט בלייבט מען נאָכן פאַרמאַכן דאָס בוך. עס עקבערן ס'האַרץ און דעם מוח די אַרויסגעבערענגטע דורך טויבעסן,

געדאַנקען. כאָטש זיי ווערן עטוואָס מילדער דורך דער הויך־פּאָעטישער פאָרם — דעם סאָנעט אין זיין פולקאָמסטער פּרעכטיקייט".

מען דאַרף זוכה זיין צו אַזאַ אָפּשאַצונג פון אַן אָנגעזעענעם קריטיקער און טויבעס האָט עס זוכה געווען. ער האָט, ווייזט אויס, געוווּסט וואָס ער נעמט אויף זיך און ער פאַררופט זיך אויף משה אבן עזרא:

„והנני על־אוני
מקריב חלבי ודמי,
ומתפלל ומתודה
חטאתי וחטאת עמי".

דער ציטאָט, גלייך ביים אָנהויב פונעם בוך, איז ווי אַ מזוזה ביי דער טיר. די טיר אַליין — דאָס שער־בלאַט, געצייכנט טאַקע פון זיין פריינד אוריאל בירנבוים, איז אַ צאַרט און הייליק שטיקל קונסטווערק: די פאָרם פון די לוחות אין טונקלבלוי, אויף דעם אין דינסטע שטריכן — אַ האַרפע. — גאָלע האַרמאָניע.

קאַדיאַ מאָלאָדאָווסקי, עליה השלום, נאָך דעם ווי זי רעכנט זיך אָפּ מיט טויבעסן פאַר זיין „אויסטייטשונג" פונעם גרויסן גזר פון דער שואה, געפינט זי ביי אים צוויי עיקרדיקע אייגנשאַפטן: אהבת־ישראל און טאַ־לאַנט. זי שרייבט: „ווי מיר זעען איז אין די פיר שורות (פון משה אבן עזרא אויף וועלכע טויבעס איז זיך סומך) פאַראַן אַ סך אהבת־ישראל. אַז דער פּאָעט פאַסט און ברענגט אַ קרבן זיין פעטס בלוט, בעט ער עס זאָל אָנגענומען ווערן פאַר זיינע זינד און פאַר די זינד פון זיין פאָלק". זי ציטירט און אַנאַליזירט די פּאָעטישע פאָרם פון טויבעסעס סאָנעט און לויבט אים שטאַרק פאַר דער עכטקייט, דער פּערפעקציע פון זיינע סאָ־נעטישע סטראָפעס, אָבער נאָך דעם קומט זי פּאָרט צום אויספיר, אַז „די טאָגע פון אַ קאָנצעסיאָנירטן מאמין גיט נאָך ניט טויבעסן — דעם באמת זייער טאַלאַנטפולן פּאָעט — דאָס רעכט פון אונטערשאַצן די קרבנות אָדער אפילו צו זוכן פאַר זיי אַ פאַרענטפער אין געטלעכן אימפּעראַטיוו". דער

אמת איז, אַז טויבעס אונטערשאַצט ניט די גרויסע טראַגעדיע. ער זוכט יאָ אַ פאַרענטפער און... געפינט:

„איך וויל פאַרענטפערן, זאָגט גאָט, דיין חקירה,
און דו גיב אַכטונג זאָלסט עס גוט משיג זיין,
אַז אין מיין משפט איז נישטאָ קיין סתירה
און אַז דער יושר איז אויף אייביק מיין!"

ס'איז וויכטיק דאָ צוצוגעבן, אַז קאַדיע האָט די רעצענזיע ניט געחתמעט. זי איז געווען געדרוקט אין „סביבה" אָן אַ נאָמען. נאָר לויטן סטיל קאָן מען דערקענען קאַדיעס פען. אויך מלך ראַוויטש האָט עטלעכע מאָל געשריבן וועגן טויבעסן; געשריבן וועגן די סאָנעטן און מיט אַ באַזונדערן לויב. אגב, מיט דעם דיכטער מלך ראַוויטש האָט טויבעס געהאַט עפּנטלעכע וויכּוחים. דאָס זיינען ניט געווען קיין וויכּוחים וועגן אַ קוצו־של־יוד, נאָר וועגן אַזאָ וויכטיקן ענין, ווי — תּורת־משה און תּורת־יידיש. — גוואַלדיק אינטערעסאַנט. מיר קאָנען זיך אין דעם דאָ ניט אַריינלאָזן. וויכטיק איז, אַז מלך ראַוויטש האָט פון אים געהאַלטן.

טויבעסעס בוך וועגן היינריך היינע, אין דייטש, איז אַ פילאָסאָפישלירישע עקספּאָזע וועגן דעם גרויסן דיכטער. טויבעס האָט זיך בפירוש אַריינגעגאָסן אין היינעס סטיל, חכמה און סאַטירע — אַ שפּראַך נאָר צום זינגען; צום זינגען אין דער מעלאָדיע פונעם אייגענעם וואָרט און ריטם.

טויבעס האָט געהאַט פאַרטראַכט אַ גרויסן געדאַנק: צוריק אויפצווועקן די געשטאַלט היינע און זי אויפסניי פּאָפּולער צו מאַכן אין דער וועלט און ספּעציעל ביים יידישן שבט, וועלכער „שפּרעכט" דייטש. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט מיט זיין שליחות „איינע באַטשאַפט (אַנזאָג) אים גייסטע היינריך היינעס" (אַזוי הייסט זיין בוך). דאָס זעלבע האָט ער געהאַט אין זינען בנוגע זיין געליבטן פריינד, דעם דיכטער און מאָלער אוריאל בירנבוים, נאָר אויף אַן אַנדערן אופן. ער האָט געזאָלט אַרויסטרעטן אין עטלעכע שטעט אין דייטשלאַנד, אין האָלאַנד און אַנדערע

לענדער מיט לעקציעס וועגן די בירנבוימס — פּאָעטער און זון — און מיט רעציטאַציעס פון אוריאלס ראָמאַנטישער פּאָעזיע. מיט אים צוזאַמען האָט געזאָלט אויפטרעטן מרים, אוריאלס טאָכטער. די לעקציעס זיינען שוין געווען אָראַנזשירט אין עטלעכע שטעט אין דייטשלאַנד און אין האָלאַנד. ער האָט אויך געהאַט בדעה אָריינצופאָרן אין דער שווייץ, נאָר דער טויט האָט ניט געוואָלט וואַרטן. שרייבט די „נייע יידישע צייטונג" אין מינכען וועגן איינער אַ לעקציע, וואָס טויבעס האָט נאָך באַוויזן צו האַלטן: „אַ גרויסן טייל פון די צוהערערס איז דער נאָמען אוריאל בירנבוים ניט געווען באַקאַנט. עס איז דעריבער געווען פאַר אַלעמען אַן איבעראַשונג, אַז מען האָט אים בשעתו פאַרגליכן מיט די גרעסטע דיכטער און מאָלער אין דער וועלט".

און אַ פּאַראַגראַף ווייטער:

„טויבעס האָט קודם־כּל געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון בירנבוימס דיכטונג און מאָלעריי, בפרט פון זיין מלחמה־ווערק „אין גאָטס קריג", פאַר וועלכן ער האָט געהאַט באַקומען דעם בייערן־פעלד־פּרייז פון דער שטאָט ווין — די העכסטע ליטעראַרישע אויסצייכענונג אין פאַרמלחמהדיקן עסטרייך. דערנאָך האָט ער רעציטירט פון זיינע שאַפונגען. טויבעס האָט זיך אַנט־פּלעקט פאַרן בעסטן קענער און אויסטייטשער פון אוריאלס ווערק — סיי מיטן תּוכן, סיי מיט דער שיינקייט פון דער פּאָעטישער פאָרם".

י. ש. טויבעס האָט אויף זיין נאָמען אַכט ביכער און ביכעלעך. דריי פּראָזע, דריי פּאָעזיע — אַריינגערעכנט די סאָנעטן און אַ קליין ביכעלע לימעריקס „צוויי מאָל חי". זיין בוך „חיוב פון אבילות", אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן נאָך אין 1944, איז פון אַ היפּוכדיקן כאַראַקטער צו די סאָנעטן. קודם־כּל איז עס פּראָזע. ער שטראָפט דאָרטן אויך, אָבער ניט די גע־ליטענע שטראָפט ער, נאָר די וואָרטזאָגערס פון „עפּנטלעכן לעבן" — דעם יידישן „עסטאַבלישמענט". דאָס איז אַ קליין ביכעלע מיט קורצע, פּובלי־ציסטישע אַרטיקעלעך, געשריבן ניט מיט קיין פעדער נאָר מיט קריצנדיקע ציין. כּדאַי צו געבן איינעם אָדער צוויי ציטאַטן, כּדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן וואָס ער „רייסט" זיך דאָרטן.

„ניין, זאָגט ער, יענער קונציקער בנין, יענער אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט, וואָס רופט זיך „עסטאַבלישמענט", האָט ניט געטראָפן צום הארץ פון אונדזער פאָלק".

ער שרייבט: „ווי אַזוי איז געווען מעגלעך, אַז מיר, ייִדן, מחוץ פון יענער פאַרשאָלטענער מדינה, ווו די גזירה איז געפאַלן אויף אונדזער פאָלק, אַז מיר האָבן געשוויגן, בשעת דער מיתה פון אונדזער אומה, בשעת דעם יציאת־הנפש פון אונדזערע געמאַטערטע קדושים?"

„ווען גאָט דערפרייט, איז קיין מאָל ניט צו שפּעט", זאָגט זיך אַ ייִדיש גלייכווערטל. האָט עס בנוגע טויבעסן ניט אויסגעהאַלטן די ווירקלעכקייט. ער האָט זיך אין די שפּעטע מיטליאָרן פאַרליבט אין אַ פרוי — אַ שיינע פרוי. האָט ער זי געליבט מיט אַ יוגנטלעכער ליבשאַפט פון אַ צוואַנציק יאָריקן ייִנגל. זיי האָבן בײדע געהאַט איין געמיינזאַמען כאַראַקטער־שטריך: אַ פריינד, אַ חבר? איז מיטן גאַנצן הארצן. אַ טאַטע, אַ מאַמע? איז בלב־ונפש. ער האָט אַ מאָל דערציילט וועגן איר, זיין געליבטע גיטעלע, ווי אַזוי זי האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר אירע קינדער, נאָך ווען די ס.־ס.־לייט האָבן זיך געיאָגט אין געטאָ. זי האָט זיך געוואָרפן יעדן טאָג אויפן שייטער־הויפן; זי האָט געברענט פיר יאָר נאָכאַנאַנד אויפן מזבח פאַר אירע קינדער, „אַז ס׳איז דאָך גאָרניט נאָכצודערציילן". האָט ער אויסגערופן: „דער רבונו־של־עולם אַליין האָט זיך אָנגענומען מיט יראת־הכבוד פאַר דער דאָזיקער ייִדישער מאַמען".

טויבעסן איז באַשערט געווען מער ניט ווי אַכט יאָר מיט זיין געליבטער גיטעלע. וועגן זיין אייגענער מאַמען שרייבט ער מיט אַ בענקשאַפט, וואָס פאַרגייט זיך ממש אין שקיעה:

„הגם אויף אייביק שוין אָוועקגענומען,
לעבט אומעט־זיס נאָך פאַרט אין מיין געדאַנק
דער אָפּשיין פון דיין פּנימס גלאַנץ, דעם פרומען,
דיין צניעותדיקער, קוים געהערטער גאַנג..."

און צום סוף וועגן זיך און זיינע פריינד:

„טו זשע, גאָט צוליב דיין רעכט, דיין הייליקן נאָמען,
צוליב דיין תּורה דיין קדושה טו,
פאַר די ידידים דיינע מער דיין מי.

הער זיך צו צום טראַכטן פון מיין הארצן צו,
זאָל מיר שוין שלום זיין באַשערט און רו
און שלום אויך פאַר כּל ישראל, אמן!"

דער קדוש יצחק יוריסטאַ

שטיל, ווי אַ ווערבע ביים טייך, האָט געלעבט אַ מענטש מיטן נאָמען יצחק יוריסטאַ. גרויסע שטורעמס האָבן זיך געטראָגן איבער זיין יונגן קאָפּ: מלחמות, פּאָגראָמען, רדיפות און פאַרפאָלגונגען. אָבער ער האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן ביז — ביז די שווערד, וואָס האָט אַזוי גרויזאַם געשניטן אונדזער פאָלק, האָט אים דערגרייכט.

געבוירן איז ער אין 1903, אין אַ יידיש־באַלעבאַטישער שטוב, אין טשענסטאָכאָוו. איינער פון דער ענטוזיאַסטישער יידישער יוגנט, וואָס טשענסטאָכאָוו האָט אַרויסגעגעבן אין די יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיינע עלטערן, — דער טאַטע משה, און די מאַמע חוה, — האָבן געצויגן פּרנסה פון אַ פאַבריק־קרעמל, ווו זיי האָבן אַליין אויס־געאַרבעט און פאַרקויפט צוקערלעך. יצחק איז געווען דאָס צווייטע קינד פון „אַ געזינד זאָלבע ניין", פינף ברידער און צוויי שוועסטער. די משפחה יוריסטאַ, פּשוטע, האַרציקע פאָלקסמענטשן, איז געווען זייער באַליבט אין שטאָט מיט איר וואַרעמער שטוב און אָפענער טיר.

געוואַקסן איז דער שטילער יוריסטאַ אין אַ לעבעדיקער, אַקטיווער, יידיש־ראַדיקאַלער סביבה — פועלי־ציון. זיינע נאָענטסטע פּאַרטיי־חברים פון יענער צייט זיינען געווען: גרשון פרענדקע, יוסף טשענסטאָכאָווסקי, לעאָן זיידמאַן. ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ סך פריינד צווישן די טוערס פון אַנדערע פּאַרטייען, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמענגעאַרבעט אויפן געביט פון יידיש־וועלטלעכער דערציִונג און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. צווישן זיי: מיכאל אַלטער, רפאל פעדערמאַן, שמואל פראַנק, מאַקס עריק, לעאָ אַש (דעם רבס זון) און אַנדערע.

דאָס יונגע ווערבע־ביימל. יוריסטאַ, האָט זיך פון זיין פרישטער יוגנט אָן איבערגעלאָדן מיט אידעען, אַזש די צווייגן האָבן זיך געבויגן ביז העט אַראָפּ צו דער ערד. ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, די קאַפּיטאַליסטישע

אָרדענונג וועט זיך דורך איר אַנטוויקלונג אַזוי פֿאַרשפּיצן, ביז אירע פֿונ־
דאַמענטן וועלן אונטערגעשווענקט ווערן. ניט מער דאָס ייִדישע פֿאָלק קען
ניט וואַרטן. עס מוז פֿירן אַ טאָפּלטן קאַמף, סיי פֿאַר זיין נאַציאָנאַלער
אויסלייזונג, סיי פֿאַר זיין סאָציאַלער באַפֿרייונג. אויב אַזוי איז דאָך דר.
לודוויג זאַמענהאָף טויזנט מאָל גערעכט, דאַרף מען דאָך טאַקע האָבן אַן
אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, עספּעראַנטאָ, דורך וועלכער מען זאָל זיך קענען
צונויפֿרעדן מיט אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט, און זיי געבן דאָס צו פֿאַר־
שטיין. אַזוי האָט זיך דאָס אויסגעלייגט אין זיין יונגן מוח. און זיין האַרץ
האָט זיך געהויבן פֿון באַגייסטערונג, און פֿעסט איז געווען זיין גלויבן.
„ייִדן, אַן אומה צווישן אומות, און פֿרייהייט, וואָס זאָל קלעקן פֿאַר אַלע
קינדער אויף גאָטס ערד...״

און ווען ער, יוריסטאָ, איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, אין זיין
שיינער שטאָט, טשענסטאָכאָוו, האָט ער געקוקט אויף זיין פּוילישן שכן
ממש ווי אויף אַ לייבלעכן ברודער. נאָר אַז „דער ברודער״ מיט זיינע
חברים האָבן אים אין מיטן העלן טאָג נאָכגעוואָרפֿן שטיינער; און ווען
זיין באַלעבאָס פֿון דער אייזן־פֿאַבריק, אַ ייִד, האָט אים געגעבן אָנצוהערן,
אַז לויט די נייע געזעצן מוז ער „באַשרענקען״ די צאָל ייִדישע אָנגע־
שטעלטע און, אַז גראָד ער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט ביכלעך אין
קעשענע און מיט קאַפּריזנע געדאַנקען אין קאָפּ, איז ניט פֿון די גאָר
געוווּנטשענע, האָט יוריסטאָ שווער אָפּגעזיפֿצט, און צוזאַמען מיטן אַראָ־
מאַט פֿון בליִענדיקן בעז, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך דעם שווערן יאָך
פֿון אייביקן ייִד.

די פּוילישע פּאָליציי האָט זיך אָנגעהויבן צו „פֿאַראינטערעסירן״ מיט
אים. זיינע אַרטיקלען, וואָס ער האָט אין יענע יאָרן — 1923־26 — פֿאַר־
עפֿנטלעכט: „דער הונגער־סטרייק״ — „פֿרייע יוגנט״; „צוואַנציק יאָר
ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג״ — „אַרבעטער־קולטור״; „דאָס יאָר 1918״,
„בער באָראָכאָוו״, און אַ ריי אַנדערע אַרטיקלען אין דער „אַרבעטער־
צייטונג״; אַ סעריע עסייען: „די נייע רומענישע ליטעראַטור״, „די גע־
בורט פֿון עספּעראַנטאָ״ אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, רופֿן אַרויס זייער
אויפֿמערקזאַמקייט. דערצו איבערזעצט ער אין עספּעראַנטאָ „די יוגנט

שבועה״, פון לייב מלאך, און אַנדערע ייִדישע אַרבעטער־לידער, וואָס זײַנען אַרײַן אין אַ זאַמלונג „פּראָלעטאַריאַ קאַנטאַראַ״, אַרויסגעגעבן דורכן עספּעראַנטאָ וועלט־פֿאַרבאַנד אין 1924. צו דעם אַלעמען קומט נאָך צו זײַן פֿאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ מיט שרײַבערס פֿון אויסלאַנד, ווי, פֿאַריז, יאַפּאַן, האָלאַנד, אינדיע. די פּוילישע פּאָליציי האָט אים אָנגעהויבן נאָכ־צושפּיאָנירן און פֿאַרפֿאָלגן: אים, דעם יונגן טרוימער, דעם פֿון דור־דורות פּוילישן ייִד.

די שטאָט טשענסטאָכאָוו האָט זיך געבאָדן אין פּרילינגדיקער זון, ווי נאָך קיין מאָל פֿריִער — אַזוי האָט זיך יוריסטאַן אויסגעוויזן. ער האָט געקוקט צו די טויערן פֿון די עטלעכע פֿאַבריקן אין שטאָט מיט הייסער בענקשאַפֿט. ווען מען וואָלט עס געאַרט ווען מען לאָזט אים (און נאָך אַזעלכע ווי ער) דאָ אַרײַן ער זאָל קענען אָפּאַרבעטן אַ טאָג און אַהיים־ברענגען ס׳ביסל פֿאַרדינסט אויף ברויט און אַ דאַך פֿאַר זיך און זײַן שײנער חברטע ברכה, מיט וועמען ער האָט זיך געקליבן חתונה האָבן. מער ווי צו אַ באַשיידן לעבן האָט ער קיין מאָל ניט געשטרעבט; זײַנע גרויסע אַספּיראַציעס זײַנען געלעגן ערגעץ אַנדערשוו.

נאָר די פֿאַבריקן האָבן צוגענומען בלויז אײנצלנע פֿון דער אַרבעט־וויליקער יוגנט. אָבער ער איז ניט געווען צווישן זיי. האָט ער אײַנגעפּאַקט זײַן טלומיקל, אָנגעזאָגט טאַטע־מאַמע די אומפֿאַרמײַדלעכע בשורה, און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס זיך געזעגענען מיט חברים. צום גליק איז ער ניט געווען דער איינציקער. אַ סך פֿון דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט האָבן געקוקט מיט פֿאַרליבטע אויגן אויף זייער שײנער שטאָט, טשענס־טאָכאָוו, אויף דעם קלאָרן טײַך וואַרטאַ, און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. וווהין? וווּ עס וועט זיך לאָזן. און וועמען עס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן ערגעץ־ווו אָנצוקומען, איז געבליבן שטעקן אונטערוועגנס, אין די האָפּנס, ביי די גרענעצן, אין פֿרעמדע, אָפּגעלאָזטע האָטעלן. יוריסטאַן מיט זײַן יונגער פֿרוי איז געלונגען אָנצוקומען אין פֿאַריז.

דאָ האָט ער געפֿונען עטוואָס בעסערס ווי ער האָט דערוואַרט. קודם־כּל, האָט ער דאָ געטראָפֿן אַ סך פֿון זײַנע פּוילישע לאַנדסלײַט און טשענ־סטאָכאָווער חברים. נאָך מער, די לאַנדסלײַט האָבן דאָ געקלעפּט אײנער

צום אַנדערן, ווי אײן משפחה. אײן גורל האָט זײ דאָ אַהער צוזאַמענגע־פירט, אין די ענגע געסלעך פונעם „פּלעצל" און בעלוויל (ספּעציפֿישע, ייִדישע געגנטן אין פּאַריז). די מערסטע האָבן געוווינט אין די שמאָלע צימערלעך פון די אימיגראַנטישע האָטעלן. אַנדערע האָבן געוווינט אין בוידעם־שטיבלעך מיט אויסגעקרימטע סטעליעס אונטער שפּיציקע דעכער. אַלע האָבן געזוכט אַרבעט; אַלע זײַנען געלאָפֿן אין דער „פּרעפֿעקטור" נאָך פּאַפּירן; אײנצלנע האָבן געקראָגן; די מערסטע האָט מען אָפּגעזאָגט. דאָס האָט געמײנט זיך אויסבאַהאַלטן, זיך היטן פֿאַר דער פּאָליציי און גרייט זײַן אין מיטן נאַכט אַרויסצושפּרינגען דורכן פֿענצטער אין פֿאַל פֿון אַ „זוכונג".

פֿון דעסטוועגן איז דער גייסט געווען אַ האָפֿערדיקער; פֿאַרט יוגנט, אַן אידעאַליסטישע, גרייטווויליקע, קערנדיקע, אַרבעט־זוכנדיקע יוגנט.

יצחק יוריסטאָ האָט מיט דער צייט, נאָכדעם, ווי ער מיט זײַן יונגער פֿרוי זײַנען אַדורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום, געקראָגן פּאַפּירן, דאָס הייסט, ווויִנרעכט. קיין אַרבעט־פּאַפּירן האָט ער קיין מאָל ניט געהאַט. האָט ער געעפֿנט אויפֿן „פּלעצל" אַ קלײנעם וואַרשטאַט. זײַנע אָנגע־שטעלטע, זײַנע אַרבעטער, זײַנען געווען: ער מיט זײַן פֿרוי, ברכה (לויט די געזעצן האָט אַן אימיגראַנט ניט געהאַט קיין אַרבעטרעכט, אָבער אונ־טערנעמונגס־רעכט האָט ער יאָ געהאַט), און יוריסטאָ איז געוואָרן אַ „אונטערנעמער". און דאָ הויבט זיך אָן דער פּעריאָד פֿון די בעסטע פֿופֿצן יאָר פֿון זײַן שאַפֿן.

אויף אַ ייִדיש־אימיגראַנטישער גאַס צעוויקלט זיך אַ ברייט געזעל־שאַפֿטלעך לעבן. אינסטיטוציעס קומען אויף, ווי די פּרוכטן אויף שפּעדיקע, טוייִקע פֿעלדער: קולטור־צענטערס, ייִדישע צײַטונגען, טעאַטער, פֿעדע־ראַציע, ספּאָרט־קלובן, אַרבעטער־היימס, צוגאָבשולן און פֿאָלקסקיכן. דאָס איז געווען אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן אין צעכוואַליעטן פּאַריז, דאָס פּאַריז פֿון מיליאָנען קעפּיקע דעמאָנסטראַציעס, דאָס פּאַריז פֿון לעאָן בלום און „פֿראָן פּאָפּילער" האָט נאָך מער צעצונדן די פֿאַנטאַזיע פֿון אונדזער טרוימערישער יוגנט. דער דורות־לאַנגער חלום פֿון פֿעלקערלעכער פֿאַר־

ברידערונג איז ממש שיער מקוים געוואָרן אונטער די אויגן. נו, יאָ, ווי קען דען אַנדערש זיין ?...

דריי פאַרשיידענע שטראָמען דראָען צו פאַרטרינקען אונדזער שטילן יוריסטאָ: די ברויזנדיקע אַרבעטער־באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז אַלע יאָרן געווען פאַרבונדן; די פראַנצויזישע קולטור און די נאַציאָנאַלע עס־פעראַנטאָ־געזעלשאַפט. נאָר מערקווערדיק, וואָס פאַר אַ גרויסן כּוח יוריסטאָ ווייזט אַרויס. ער זאַפּט אין זיך איין די אַלע איינפלוסן; שיילט פון זיי אַרויס דאָס בעסטע און בלייבט אין זיין מהות יידיש.

ס׳איז ש. אַנ־סקי, וואָס רייצט זיין פאַנטאַזיע; ס׳איז אַלטערלס יוגנט־יאָרן (לייב מלאך) וואָס בלייבט אים אייגן; ס׳איז מאַני לייבס קינדער־לידער, מיט וועלכע ער פאַרשפּילט זיין אייביקע קינדערישקייט.

ער זעצט איבער, טראָגט אַריין אין דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך די יידישע עטיק, די תּנ״כישע נביאות, די חסידישע התפּעלות. — די אידעען פון בער באָראָכאָוו און די פאַלקסטימלעכקייט פון אברהם רייזען, — דאָס אַרבעטער־ליד פון דוד עדעלשטאַט און די פיינע פּובליציסטיק פון דר. האָפּמאַן (צביון), און משה אַלגין. ער זעצט איבער אַ סך פון דער קלאַ־סישער און נאָך מער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און שרייבט אויך אייגענע, אָריגינעלע אַרטיקלען.

אין שטילע פאַרנאַכטן (דאָס הייסט, פאַר יוריסטאָן זיינען זיי געווען שטיל), ווען ער איז אַהיימגעגאַנגען פון דעם הויז פון וועלכן ער האָט אַרויסגענומען אַרבעט, פלעגט ער שפּאַנען איבער די פרידיקע גאַסן פון פּאַריז. „זיין״ פּאַריז, וואָס ער האָט באמת ליב געקראָגן. דאָס פּאַריז, וואָס האָט אים געגעבן ברויט צו דער זעט, אַ פּאָר פראַנק אויף אַהיימצושיקן און אַ דאַך אויפן דריטן שטאָק, אויף רי „וויעי די טאַמפּל״ 34. דאָס פּאַריז האָט אים אויך געגעבן שוווּנג צו שאַפן און איבערזעצן.

נאָך אין פּוילן האָט דער קוים צוואַנציק יאָריקער יוריסטאָ איבער־געזעצט ש. אַנ־סקיס „דאָס לעבן פון אַ מענטשן״, וואָס איז גלייך פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין „ליטעראַטורא מאָנדע״. אין 1924 איז דערשינען אויף עספּעראַנטאָ „דער יידישער וויץ״ — 15 אַנעקדאָטן פון א. ראַווניצקי. אין 1926 איז געווען געדרוקט אין „העראָלדאָ״ די איבערזעצונג פון שלום

אַשס נאָוועלע „מענטשן און געטער". דאָ אין פּאַריז האָט ער איבערגעזעצט און געדרוקט אַ גאַנצע ריי אויסצוגן פון די ווערק פון שלום־עליכם, מענדעלע מוכר ספרים, דוד פינסקי, יוסף אָפּאַטאָשו און עלף דערציילונגען פון יצחק לייבוש פּרץ.

פון די דיכטערס האָט ער איבערגעזעצט אין עספּעראַנטאָ: משה לייב האַלפּערין, ה. לייוויק, באָוושאָווער, איציק מאַנגער, יוסף פּאַפּיערניקאָוו און די משלים פון אליעזר שטיינבאַרג. ער האָט איבערגעזעצט און פאַר־שפּרייט שריפטן פון בער באָראָכאָוו, אחד העם, י. ח. ברענער, נחמן סירקין און אַנדערע. אין 1939 זעצט ער איבער לייב מלאכס פּיעסע „מיסיסיפּי", וואָס די פּאַריזער עספּעראַנטאָ־גרופּע גיט אַרויס אין בוכפאָרם.

מיט אַ זעלטענער פּיעטעט צו יעדן שרייבער, גיט דער פרומער יוריסטאָ זיינע אַריינפירן און נאָכבאַמערקונגען. מיט אַ וואונדערלעכן יראת־הכבוד צום פאָלק גיט ער זיינע באַלויכטונגען צום שטייגער־לעבן און זיינע אויס־טייטשונגען פון דער ייִדישער פאָלקספּסיכיק.

נאָך צען־צוועלף שעה אַרבעט אַ טאָג, נאָכן אָפּשטיין שעהען ביי דער אַרבעט, פלעגט ער זיך ערשט אָוועקזעצן על התורה על העבודה.

דר. לודוויג זאַמענהאָף האָט איבערגעלאָזט אַ סקעלעט פון אַ שפּראַך. די באַפליגלטע נאָכפאָלגערס זיינע (צווישן זיי אויך דער באַוווסטער עס־פּעראַנטיסט, חיים קערבער) האָבן איר געגעבן בלוט און פלייש און אינ־האַלט. יצחק יוריסטאָ האָט זי גאָר באַזונדערס באַרייכערט; ער האָט אין איר אַריינגעהויכט זיינע טיף־איבערגעלעבטע ייִדישע אידעאַלן.

ער האָט זיך נאָך געגרייט אַ סך, אַ סך צו שרייבן און איבערזעצן, ווען דער נאַצי האָט אויסגעשטרעקט זיין בלוטיקע לאַפּע נאָך אים. ווען די געסטאַפּאָ איז אַריין קיין פּאַריז, האָט זי אים „אויסדערוויילט" ווי איינעם פון די ערשטע צו אַרעסטירן. וואָס די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אפשר ניט געוווסט, האָט די גוייִשע וועלט דווקא זייער גוט אָפּגע־שאַצט, אַז יוריסטאָ איז אַ מענטש פון גאָר אַ באַזונדערער קוואַליטעט. פּילסודסקיס געהיים־פּאָליציי, און שפּעטער די רוצחים פון דריטן רייך, האָבן געוווסט דעם באַטייט פון יוריסטאָס שטילער פּען, וואָס דערגרייכט די וויטסטע ווינקעלעך פון דער וועלט מיט זיין „פּאַרהאַסטער" ייִדן־עטיק.

אין דער ייִדישער סביבה אין פּאַריז האָט מען זיך קיין סך ניט אָפּ־געשטעלט אויף אים. ווער האָט עס צייט אין אַזאַ איילנדיקן, טומלדיקן פּאַריז, זיך איינצוקוקן אין אַזאַ תּמימותדיקן יונגן־מאַן ווי יוריסטאַ? אַז קיין בענקלעך האָט ער ניט פֿאַרנומען, קיין עלנבויגנס ניט פֿאַרמאָגט, אַפילו ניט קיין הויך קול, — נו, יאָ, אַ ווערבע אין מיטן פּאַריז...

אין פֿראַנקרייך איז אַרויסגעגאַנגען אַ יזכּור־בוך נאָך פּערצן אומ־געקומענע ייִדישע שרייבערס. דער נאָמען יצחק יוריסטאַ ווערט דאָרט ניט דערמאָנט. פֿאַר וואָס?... אונדזערע קדושים זיינען געפֿאַלן קרבנות פֿון איין שונא; אונדזערע לעבן־געבליבענע צעטיילט מען, צום באַדויערן, לויט די פּאַרטייען, צו וועלכע זיי האָבן געהערט.

די גאַנצע משפּחה יוריסטאַ איז אומגעקומען אין טשענסטאָכאָוו. געראַטעוועט האָבן זיך בלויז צוויי ברידער, יעקב און לייבוש, און איין שוועסטער, חיהלע. זיי אַלע געפֿינען זיך היינט אין מדינת ישראל. די פֿרוי, ברכה יוריסטאַ, איז, על פּי נס, געבליבן לעבן.

יצחק יוריסטאַ איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 14טן מאַי, 1941. ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּיטיוויע, וווּ ער איז פֿאַר־בליבן דרייצן חדשים. דעם 26סטן יוני, 1942, איז ער דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אָשוויענטשים, וווּ ער איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט טויזנ־טער פֿון זיינע ברידער און לאַנדסלייט.

יצחק יוריסטאַ וועט ניט פֿאַרגעסן ווערן. ער וועט בלייבן אין זכּרון פֿון פֿאָלק צווישן אַלע ליכטיקע געשטאַלטן פֿון זיין דור — אַ קדוש צווישן קדושים.

דניאל טשאַרני ביים שרייבטיש

מען זאָגט אַז אַ מענטש דערקענט מען ביי דער אַרבעט. און איך מיין, אַז אַ דיכטער — ביים שרייבטיש.

איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זיין אַן אָפטע אַריינגייערין צו דניאל טשאַרני אין הויז. און איך האָב ניט איין מאָל געהאַט די זכיה צו טרעפן אים ביים שרייבטיש, ביי דער אַרבעט. און איך מוז זאָגן, איך האָב געהאַט אַ גרויס נחת־רוח צו פאַרברענגען אַ גייסטרייכע שעה מיט אים אין דער אַטמאָספערע פון שאַפונג און גייסט.

דניאל טשאַרני איז ניט קיין אָנגעכמורעטער פּאָעט, וועמעס „מוזע" ווערט געשטערט פון אַ פרעמד אויג. אדרבא ואדרבא, ער איז גאָר אַן אויפגערוימטער ווען מען טרעפט אים אין יענע מינוטן פון שעפערישער אַרבעט.

ער וועט אייך מיט באַגייסטערונג איבערלייענען דעם נאָר וואָס אָנגעשריבענעם אַרטיקל. ער וועט אייך מיט קינדערשער פרייד אין די אויגן דערציילן וועגן אַלע נייע אויסגאַבעס וועלכע זיינען אָקאָרשט אָנגעקומען מיט דער פּאָסט. און באמת, צורירנדיק זיך נענטער צו זיין שרייבטיש, האָב איך געהאַט דאָס געפיל ווי איך שפּאַן איבער לענדער און קאָנטינענטן.

— אַן אַלמאַנאַך פון אויסטראַליע. „ניי וועלט" פון פּאַלעסטינע. מעקסיקאַנער שריפטן. אַ יובל־נומער פון אַרגענטינע. אויסגאַבן פון אַפריקע, פון בראַזיל, מאָסקווע, ביראָ־בידזשאַן, און נאָך און נאָך.

ניו־יאָרק, וואַרשע, פּאַריז ווינען ממש ביי דניאל טשאַרני אויפן שרייבטיש. נאָר דעם חשובסטן אָרט פאַרנעמט ווילנע.

טשאַרני אָטעמט אין פּאַריז מיט ווילנער לופט, מיט ווילנער רעאַל־גימנאַזיע, מיט ווילנער יונגער יידישער דיכטונג, מיטן יידישן וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט, מיט ווילנער קונסט און מאַלעריי און האַלט אויף אַלץ אַ וואַכעדיק אויג. בכלל איז ביי אים אַלץ וויכטיק, וואָס אין יידיש־לעבן

קומט פאָר, וואָס אין דער ייִדיש־קולטורעלער וועלט ווערט געטאָן און אויפגעטאָן.

ווי אַן אמתער קינסטלער ווערט ער באַגייסטערט פון יעדער דער־גרייכונג און איז שטענדיק האָפערדיק.

אין פוילן רודפט די מאַכט דאָס ייִדישע שולוועזן. אָבער אין שטע־טעלע הודוטשיק בויט מען אַ שול־בנין. (עס איז נישטאָ צו באַצאָלן קיין דירה־געלט, בויט מען אַ הויז. אַ ברירה האָט מען?) און דניאל טשאַרני זעט אין דעם אַ נס. אַ נס ניט מן־השמים, נאָר מן־הארץ...

אַ באַזונדער וואַרעם אָרט פאַרנעמט ביי טשאַרנין דאָס שטעטעלע וויטעבסק, פון וואַנען עס שטאַמט מאַרק שאַגאַל. און ניט נאָר אויפן שרייבטיש, נאָר טאַקע אין האַרצן.

איבער דעם דאָזיקן שטעטל דאַכט זיך, האַלט טשאַרני זיינע הענט אין אייביקן בענטשן.

זיין גאַנץ צימער איז אָנגעפּילט מיט אַרבעט און ברכה.

ברכה פון אַרבעט און שאַפונג, סיי זיין אייגענע, סיי פון זיינע קאָלעגן שרייבערס, קינסטלערס, אַ פּנים זיי פילן דאָס די אַלע ייִדישע שרייבערס פון דער וועלט, אַז אין פּאַריז אויף רי לאַקרעטעל נומער 6 איז פאַראַן אַ באַשיידענע דירה און אין צימער שטייט אַ שרייבטיש וועל־כער איז פאַרלייגט ביזן סופיט מיט — „שטערן אויפן דאַך", „אַלטערלס קינדער יאָרן", „פריידקע", „קענטאָקי", „רויטע פעלדער", און נאָך און נאָך.

די קלאַסיקערס שטייען קעגנאיבער אין אַ שענקל און שמייכלען... די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין ייִדיש האָט איר בכבודיק ווינקל, וואָס וואַרט אויף די ווייטערדיקע בענד.

נעבן שרייבטיש זיצט אַ יונגער־מאַן (עס האָט עס עמעצער אויס־געטראַכט אַז דניאל טשאַרני איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר) מיט טונקל־גרויע האָר, די רעכטע האַנט אייביק אין קעשענע. די לינקע אויפן טיש, בלעטערט און שרייבט. און אַ פּנים אַזאַ וואָס האָט ליב. דניאל טשאַרני האָט ליב דעם שרייבער מיטן בוך און פאַרקערט, דאָס בוך מיטן שרייבער.

מיט יעדער נייער אויסגאַבע, וואָס עס דערשיינט ערגעץ־ווו אין דער וועלט, ווערט טשאַרניס שרייבטיש באַרייכערט. און ער אַליין ווערט שטאָל־

צער און מוטיקער. אַז דאָס זיינען דאָך גרוסן פון זיין „יידיש־לאַנד", פון וואַנען ער, דניאל טשאַרני איז אַ חשובער בירגער.

אָבער ניט נאָר פרייד איז טשאַרנין באַשערט און ניט נאָר נחת האָט ער פון דעם אין אַלע עקן פון דער וועלט צעשפּרייטן יידישלאַנד.

עס טרעפט, ניט זעלטן, אַז דאָס גוטע פּנים פאַרקרימט זיך אין יסורים.

אַ שלעכטע בשורה. עס פעלט ניט. קומען אָן בשורות אַזעלכע אַ סך און אויך זיי טרעפן דעם וועג צו דניאל טשאַרניס שרייבטיש, און פון שרייבטיש צו זיין נשמה, צו זיין (וווּנדער איבער וווּנדער) לויטערן געמיט.

דאָרט האָט מען פאַרזיגלט אַ יידישע ביבליאָטעק. דאָ אַ שולע עקס־מיטירט. אָדער סתּם רדיפות.

און טשאַרני ליידט, ליידט שטאַרק און די גוטע אויגן שמייכלען אין יסורים.

טשאַרני ליידט אויך פון אַ ניט־געלונגענעם בוך. פון אַ ניט־געראָ־טענעם פערז, פון אַ מיטלמעסיקער דערציילונג. ער איז ניט נאָר איינער פון אונדזערע אָנגעזעענע שרייבערס און קריטיקערס. ער איז אויך איינער פון די זעלטנסטע אויפמערקזאַמע לייענערס. ער פאָלגט נאָך די אַנטוויק־לונג פון יעדן שרייבער. ער היט דעם וווּקס פון די יונגע (נאַטירלעך אין ערשטער ריי פון די ווילנער) און וועגט און מעסט דאָס נייע, קינסטלערישע וואָרט.

מען קאָן זאָגן אויף אים, אַז ער כאָוועט די יידישע ליטעראַטור.

דניאל טשאַרני אַליין איז אַ ליריקער. סיי אין דער ריכטונג, סיי אין דער פּראָזע.

אָנפאַנגענדיק אַפילו פון זיינע ערשטע („פּראַנטישע", ווי ער אַליין דריקט זיך אויס איבער זיינע מלחמה־לידער) פּרוּוון, ביז זיינע רייף־געוואָרענע שאַפונגען, און ענדיקנדיק מיט זיין לעצט פאַרעפנטלעכטן, פאַרכטפולן ליד וועגן זיינע „פּופּציק נסים". כאָטש גרויס געוואָרן איז ער אין דער פּראָזע, האָט ער פון דעסטוועגן קיין מאָל ניט פאַרוואָרפן זיין דיכטערישן געצייג פון פערז און פון ליד, ווי עס טוען דאָס די מערסטע פּראָזאיקערס.

דאָס קומט, מיין איך, דערפון וואָס ער איז ניט קיין פּראָזאַיקער, נאָר אַ דיכטער אין פּראָזע.

לייענסט דאָס בוך „באַרג אַרויף", און דו וווּנדערסט זיך, ווי לייכט עס קומט דיר אָן צו שפּאַנען דעם גראַניט לייכטן וועג פון באַרג אַרויף. אָבער דו שפּאַנסט אים גערן.

דער מחבר נעמט דיך אָן פאַר דער האַנט און ער פירט דיך איבער בלעטער פון נאָענטן עבר. ער ווייזט דיר דאָס וויגעלע פון דער הייני־טיקער רעוואָלוציע, און ניט נאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר אויך, און טאָקע דער עיקר, דעם איבערברוך אין דעם יידישן לעבן.

צי קאָן מען דען זאָגן אַז איבער געשיכטלעכע געשעענישן איז זיך גוט צו גליטשן?

פון דעסטוועגן, לייענענדיק „באַרג אַרויף" האָט מען דאָס געפיל ווי מען שיפלט זיך איבער אַ קלאָר, שטיל וואַסער וואָס גראָבט טיף.

עס איז צום באַוווּנדערן די גוטמוטיקע איראָניע מיט וועלכער טשאַרני שרייבט וועגן זיך אַליין. (וועגן דער פליאַנע דאָניע), אַזוי צו שרייבן דאַרף מען טאָקע האָבן מוט און כוח אין זיך און טשאַרני האָט זיי.

נאָר זאָל מיך דער לייענער ניט חושד זיין, אַז איך מיין דאָ מיט די געציילטע שורות געבן אָן אָפּשאַצונג וועגן דניאל טשאַרניס שריפטן, דאָס פאַרלאַנגט אַ גרויסע עסיי. איך וויל דאָ בלויז אָנווייזן עטלעכע שטריכן פון טשאַרניס דיכטערישער פּערזענלעכקייט. אַזאַ צעשטראַלטע האַרציקייט, אַזאַ ליבשאַפט, ווי ער פאַרמאָגט עס צו אַלץ און אַלעמען.

אַ הויכער, גרויער מאַן, עטוואָס געבויגן, — אַ קראַנקער מענטש, און שטראַלט, ממש ער שטראַלט, מיט הומאָר און מיט לעבנספרייד.

דער זיידענער יונגער־מאַן ברוך שעפנער

געזען האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל אין ליטעראַטן־פאַראיין, אין וואַרשע. ער איז אַריינגעקומען מיט דער פאָדערשטער טיר און זיך געלאָזט גיין איבער דער ברייט צו דער אַנדערער זייט פון זאַל.

אויף אים האָט אָבער שוין אַ לענגערע צייט געוואַרט אַ מענטש אין אַ פּאָר שוואַרצעברילן, אַ ברייטן „וועלור"־מאַנטל און אַ הוט פּאַצעטיש אַריבערגעבויגן איבערן פּנים. ער האָט זיך ממש ווי אַ וואָרף געטאָן אויף שעפנערן, וויזט אויס מיט אַ זייער דרינגענדיקן ענין. ביידע זיינען ווי צוזאַמענגעוואַקסן אין אַן ערנסטן, זייער ערנסטן שמועס. געגנוג דאָ אָנ־צודייטן, אַז יענער איז געקומען פון דייטשלאַנד ,און לויט שעפנערס מראה האָט ער ניט געבראַכט קיין גוטע בשורה.

איינציקווייז האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען מענטשן: זשורנאַליסטן, שרייבערס, כּלל־טוערס און ווער ווייסט, ווער נאָך? זייער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן. שעפנער האָט געפּרווט פאַרשטעלן און איז גלייך איבערגעגאַנגען צו אַן אַלגעמיינעם געשפּרעך מיט די אַריינגעקומענע. אין זאַל איז געוואָרן וואַרעם, היימלעך, ריידעוודיק. נאָר איין איציק מאַנגער איז געשטאַנען אין אַ זייט אַן אָנגעברוגזטער. אים איז נעבעך תּמיד און שטענדיק עפּעס ניט דערגאַנגען. דערקעגן קלאַראַ סעגאַלאָ־וויטש, אַ זייער אויפגעלייגטע, אַ שיינענדיקע, איז צוגעקומען און האָט זיי אַלע קאָקעטיש אַריינגערויכערט אין פּנים אַריין פון איר פיין־געש־שניצטן ציגאַרעטן־שפּיצל. „זי איז עפּעס היינט געקומען זייער פרי", האָט איינער געשעפּטשעט, „ס'מוז עפּעס זיין דערביי". באַלד האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען שלמה מענדעלסאָן.

אייגנטלעך איז שעפנער געקומען אַרבעטן אין זיין קליינער קאַנצע־לאַריע, וואָס ער האָט דאָ געהאַט ערגעץ־וווּ אין אַ ווינקל. ער איז געווען פּאָרזיצער פונעם ליטעראַטן־פאַראיין און האָט געהאַט וואָס צו טאָן.

נאָר אין ליטעראַטן־פּאַראיין איז מען ניט גלאַט אַזוי אַריבערגע־גאַנגען דעם זאַל פון איין זייט צו דער צווייטער. ס'האָט זיך געווענדט אָן דעם, וועמען מען האָט באַגעגנט אין די צוויי־דריי צענדליק שפּאַן. אין דעם פאַל, און ניט דאָס איינציקע מאָל, איז ער געבליבן שטיין אַ „געפאַנגענער" פון זיינע קאָלעגן און האָט יעדן איינעם געמוזט אויסהערן און עפּעס ענטפערן. ער האָט זיך געפירט ווי אַן אמתער ראש־הקהל און האָט געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, אַז מען זאָל זיך צו אים ווענדן. וואָרעם צו וועמען דען זאָל מען האָבן טענות אויב ניט צום פאָרזיצער? און וואָס־וואָס, טענות זיינען אין ליטעראַטן־פּאַראיין געווען איבער געגוג. ער האָט זיך דאָס מאָל ניט געוויצלט, ווי זיין טבע איז געווען. ער איז געשטאַנען אַן ערנסטער, מען האָט געקענט זען, אַז עפּעס אַ פּראָבלעם ליגט אים אויפן זינען. ער איז געווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ מאַט פּנים און אַ בויגעוודיקער פיגור — עלעגאַנט.

* * *

אין ליטעראַטן־פּאַראיין זיינען געווען פאַרטראַטן אַ האַלבער טוץ פּאַרטייען. און ער, שעפנער, דער בונדיסט, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די „זיבעטע" פּאַרטיי. דאָס שיינע פון דער זאַך איז געווען דאָס, וואָס אַלע האָבן זיך געקענט געפינען. אַלע האָבן געקאָנט אויסדריקן זייערע ליטעראַרישע און פּאָליטישע מיינונגען. אַלע זיינען געקומען (מיר וועלן ניט זאָגן גלייך) צום וואָרט. און אויב איינער האָט ניט געקראָגן דאָס וואָרט, האָט ער זיך עס אַליין גענומען...

ניין, ס'האָט דאָרט ניט געהערשט קיין האַרמאָניע, נאָר צעשאָטענע פאַרבן און קלינגענדיקע קלאַנגען האָבן אָנגעפילט די לופט. „שטילקייט", האָט געזאָגט אונדזער גרויסער שלום אַש, „הערשט אויפן בית־עולם". און דאָ האָט דאָס לעבן געברויזט. היינט, היינט איז דאָרט שטיל...

* * *

מיט וואָסערע זעקס חדשים שפּעטער האָב איך געטראָפן ברוך שעפ־נערן אין פּאַריז. ער איז געקומען אויף אַ לעקציעטור. איך האָב אים

געקענט. ער מיך — ניט. אַזוי האָב איך געמיינט. מיינע חברים פּועלי־ציון האָב מיך מיטגענומען צו דער לעקציע. און ווי מיר זיצן אַזוי גיט מיך עמעצער אַ צי ביים אַרבל: „הער!" „דאָ אין זאַל, ווי מען גיט אונדז איבער, געפינט זיך לאָטי מלאך, בעטן מיר זי זאָל צוקומען אַהער צו דער בינע נאָך דער לעקציע". ווען ער האָט מיך דערזען האָט ער זיך ממש איינגעבראָכן אין דרייען. ס'איז געווען קורץ נאָך מלאכס אומגעריכטן טויט. — זיי זיינען געווען זייער גוטע פריינד. „אומגליקלעכע וואָס איר זייט, זעט נאָר וואָס פון אייך איז געוואָרן..."

ניט נאָר האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס מיטגעפיל, נאָר זיין אייגענער צער אויפן פאַרלוסט פון יונגן לייב מלאך איז געווען גאָר אָין לשער.

ער איז געבליבן בלויז עטלעכע טעג אין פּאַריז.

* * *

מיט אַ דריי יאָר שפּעטער האָב איך ווידער געטראָפן ברוך שעפנערן, דאָס מאָל שוין אין ניו־יאָרק. דאָס הייסט ניט אין ניו־יאָרק גופא, נאָר אין פאַר־ראָקאָוויי, דער זומער־רעזאָרט פון יידישע שרייבערס. ער האָט שוין געהאַט אויסגעוואַנדערט אַ האַלבע וועלט. אַריבער די גרענעץ קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד און איבערן ווייטן מזרח זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע. ער איז שוין געווען איינגעאָרדנט, געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און איינגעהיימישט אויף איסט־בראָדוויי. און, ווי זיין געבענטשטע נאַטור האָט אויסגעטראָגן, האָט ער שוין אויך דאָ געהאַט אַ סך פריינד — דאָס מאָל מערסטנס דיכטערס: מאַני לייב, אברהם רייזן, א. לוצקי, מינקאָוו, ראַשעל וועפּרינסקי און אַ סך אַנדערע.

ווידער האָב איך באַמערקט עפּעס ענלעכס צו דעם וואָס איך האָב פריִער געזען אין וואַרשע. דאָ איז עס געווען נעבן אַ גרינלעך־בלויען אויסגוס פון ים, אויף אַ ווייסן זאַמדברעג. ווי ער איז אַזוי געשטאַנען און גערעדט מיט קאָלעגן, האָט זיך צו אים צוגעכאַפּט דער יונגער און זייער טעמפּעראַמענטפולער דיכטער אבא שטאָלצענבערג און האָט זיך וועגן עפּעס שטאַרק געקאַכט. נאָר ברוך שעפנער האָט שוין געהאַט זיין אופן ווי אַזוי איינעם צו באַרויִקן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט

אויף יענעמס אַקסל און אים אַריינגעשמייכלט אין פּנים אַריין: „נאַרעלע, איז וואָס? דאַרף מען זיך אַזוי אויפרעגן?" און אַט שטייען זיי ביידע: ברוך שעפּנער אַ הויכער, אויף אַ פּאָר לאַנגע פיס, אין באַדקאָסטיום האָט מען ערשט געזען ווי לאַנג זיינע פיס זיינען. און אבא שטאָלצענבערג, אַ קורץ־געוויקסיקער, אַ קיילעכדיקער, אַ קונדס, אַ שטיפער, אַז ניט געווען אויסצוהאַלטן פון אים. שעפּנער, דאָס פּנים שוין פאַרשאָטנט — ער האָט נאָך ניט געהאַט זיין פרוי און טעכטער מיט זיך — האָט געדולדיק אויס־געהערט, בעת אבא, שוין אַ פריילעכער, האָט דערציילט, וואָס די פרויען, וועלכע זיינען געזעסן אַ ביסל אָפּגערוקט, ריידן צווישן זיך. דערציילט איינע: „ווען איך בין געווען יונג, בין איך געווען שיין..." און ער גיט צו זיין אייגנס, „און קלוג..." אַלע האָבן געלאַכט, נאָר אבא האָט זיך ממש אָוועקגעקייקלט פאַר געלעכטער. שעפּנער האָט ניט געזען קיין שום נאַרישקייט אין דעם; אַ שפּאַס איז אַ שפּאַס.

* * *

צלויב וואָס האָט דער „פאָרווערטס" אָפּגעדרוקט די פאָטאָגראַפיע פון ברוך שעפּנערן בעת ער איז שוין געווען אויף דער עלטער? אַ שאָד. אַזוי וואָלט ער דאָך פאַרבליבן ביי די מערסטע פון זיינע לייענערס אין זכרון אַזאַ יונגער, אַזאַ עלעגאַנטער, אַן אמת זיידענער יונגער־מאַן.

אָ, יאָ, ער איז געווען אַ מענטש מיט פּרינציפּן. אָבער קודם־כּל איז ער געווען אַ מענטש — און נאָך וואָס פאַר אַ מענטש! נישטאָ קיין סך אַזעלכע.

ער האָט פאַרטיידיקט זיינע איבערצייגונגען (געקעמפט איז פאַר אים ניט דאָס ריכטיקע וואָרט) מיט זיין אויסגערייפט, פּובליציסטיש וואָרט. ער האָט אין די זעכציקער יאָרן, בעת די פּרעזידענט־וואַלן דאָ אין אַמע־ריקע, געוואָגט אַרויסצוקומען פאַר מעקגאָווערן און קעגן ניקסאָנען. „איך שעם זיך ניט", האָט ער געשריבן, „אַז איך וועל שטימען פאַר מעקגאָ־ווערן, כאָטש דאָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דעם „עסטאַבלישמענט". און ווו האָט ער דאָס געשריבן? אין „פאָרווערטס", וואָס האָט זיך זיין אייגענעם „עסטאַבלישמענטס". וואָסערע גליקן מעקגאָווערן וואָלט אונדז

געבראַכט, ווען ער וואָלט דערוויילט געוואָרן ווייסן מיר ניט. ער האָט זיך ניט „איבערגעריסן" מיט אהבת־ישראל (אָבער אויך ניט מיט קיין שׂנאת־ישראל). מיר ווייסן אָבער יאָ וואָס ניקסאָן האָט געבראַכט דעם אַמעריקאַנער פאָלק. דאָס ווייסן מיר שוין היינט אויף געוויס און שעפּנער האָט געשטימט קעגן אים.

* * *

ברוך שעפּנערס סטיל פון שרייבן, און ער האָט געשריבן זייער אַ סך, איז געווען אַ האַרמאָנישער סינטעז מיט זיין מילדער פּערזענלעכקייט. אַזאַ האַרמאָניע טרעפט מען זעלטן ביי אַ שרייבער, אָדער וועלכן עס איז אַנדערן קינסטלער. זיינע אַרטיקלען, פּאָליטישע ווי ליטעראַרישע, זיינען געפלאָסן אָן רעש, ווי עס פליסט אַ מאָל אַ שטיל קלאָר וואַסערל, פון וועלכן ס'איז גוט אָנצושעפּן און צו טרינקען.

ער האָט געשריבן פעליעטאָנען; אָבער ניט אַזעלכע מען זאָל פּלאַצן פאַר געלעכטער, ווי משה נאַדיר האָט געשריבן, משה גראָס־צימערמאַן אָדער אפילו קאַוונער (פון שלום־ עליכמען איז שוין אָפּגערעדט). זיינע פעליעטאָנען האָבן אַרויסגערופן אַ גוטמוטיקן שמייכל — ווידער, די כאַראַקטעריסטיק פון שעפּנערן דעם מענטש. די גרעסטע מערהייט פון זיינע טיפן האָבן בלויע אויגן. (דער „בונד" האָט געכאַוועט בלוי אויגיקע פּירערס). עפּעס, אפשר אין אונטערבאַוווסטזיין, האָט אים געצויגן צו דער מילדקייט פון בלוי: בלוי ווי דער ים; בלוי ווי דער הימל, בלוי ווי דער פרימאָרגן.

ניט געקוקט אויף דעם, האָט ער פאַרמאָגט אַ קלאָר, דורכדרינגענדיק אויג; ניט פאַרטרערט און ניט פאַרשאָטנט. עס דערמאָנט זיך זיינער אַ פעליעטאָן אין וועלכן ער האָט באַשריבן די בהלה איבער דער שטאָט וואַרשע. די מענטשן זיינען געלאָפן וווהין די אויגן האָבן געטראָגן: אין די קעלערס אַריין, אונטער באַלקאָנען, צווישן טויערן און ווענט. אין אַזאַ מאָמענט האָט זיין געניט אויג אויפגעכאַפּט ווי איינער שטופּט זיך מיט אַ באַזונדערן כּוח אין דער ענגעניש פון דער צעטומלטער מענטשן־מאַסע, ווי ער וואָלט אויסגעשריען: „לאָזט מיך, לאָזט מיך, איך מוז זיך דאָך

ראַטעווען — איר זעט דאָך אַז איך דאַרף זיך ראַטעווען". אָט דאָס טראַגי־קאָמישע בילד, וואָס זאָל כאַראַקטעריזירן דעם מין מענטש, האָט בלויז געקאָנט אויפכאַפּן ברוך שפּענער. אויפגעכאַפּט און דערציילט, באַשריבן אָן כּעס, אָן פאַרוואורף. ער האָט ניט געבליצט מיט קיין צאָרן, אויך ניט מיט קיין חכמה, נאָר געוואָרפן אַ שיין „זעט, אָט דאָס זיינען מיר..."

מען קאָן ביי אים טרעפן אַזעלכע „ראַזשינקעס":

„דער שטאָלענער קערפּער פון אַ דרוק־מאַשין".

„אַ גלויביקער באַהעם".

„פאַדראַבנע פאַרענטפערט".

וועגן וויקטאָר שולמאַן — „ער קאָן פּשוט ניט באַנעמען קיין רשעות".

עס פאָדערט זיך אַ ספּעציעלער טאַלאַנט צו קאָנען שרייבן וועגן ערנסטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע ענינים איז אַ פעליעטאָניסטישן סטיל און די ערנסטקייט זאָל דערפון גאָר ניט פאַרלירן. ס'זאָל גאָר ניט געמינערט ווערן פון דער וויכטיקייט פון דער זאַך. און דאָס איז געווען ברוך שפּענערס כאַראַקטעריסטיק אַלס אַ זשורנאַליסט.

עס דאַרף נאָך דאָ צוגעגעבן ווערן, אַז ברוך שפּענער האָט זיך פול־שטענדיק אויסגעלעבט זיינע שעפערישע יאָרן — טאָקע אין כּבוד און אין אושר (פרייד — ניט עושר) — אין „בונד" און מיטן „בונד". באַליבט אָבער איז ער געווען ביי אַלע די, וואָס האָבן אים געקענט.

דער איינציקאַרטיקער יידישער אַקטיאָר, נח נאַכבוש

נאַכבוש האָט אין לאָס־אַנדזשעלעס אַרויסגעגעבן צוויי סעריעס צו דריי רעקאָרדס (פּלאַטן), יעדער רעקאָרד פון צוויי זייטן. זיינען דאָס צוועלף אויפגעזאַמלטע, אויסגעשליפענע דימענטן פון יידישער קליינקונסט און פון חריפותדיקן יידישן פאָלקלאָר.

דורך די אַלע צוועלף נומערן גייט דורך אַ טיף עלעגישער טאָן. דער טרויער, דער אָן אַ ברעג יידישער טרויער (ווי קאָן דען אַנדערש זיין) דרינגט דורך יעדער שאַפונג. ווען מען גיט זיך אַזוי איבער דעם ניגון פונעם גערעדטן אָדער אויסגעזונגענעם וואָרט, דאַכט זיך אַז ס'איז אַ לויטערער האַרבסטאָג אין שפּעטן זונפאַרגאַנג.

נח נאַכבוש האָט אונדז געגעבן עפּעס אַזוינס וואָס זעלטן אַ יידישער שוישפּילער זאָל אונדז האָבן געגעבן: שפּראַך, דיקציע, אַ קלאָר, באַהאַרצט מאַמע־לשון, וואָס קלעפּט זיך צו די ליפּן, ווי אויסגעשטאַנענער, גוטער וויין, און דערגרייכט האָט ער מיט זיינע רעקאָרדס דאָס, וואָס זיי מאָנען און פרעגן. זיי וועקן אין אונדז אויף עפּעס אַזוינס וואָס מיר זיינען שוין טיילווייז גרייט צו פאַרדרימלען.

דער מאַטעריאַל אַליין גיט אייך עפּעס וועגן וואָס זיך צו פאַרטראַכטן. און גיט שוין, פאַר איינוועגס, עפּעס אַנצוגעהערן וועגן דעם, וועלכער האָט דאָס אויסגעקליבן — דאָס הייסט, וועגן נח נאַכבושן אַליין. מען קאָן אַפילו האָבן טענות צו אים פאַר דער אויסוואַל פון זיין מאַטעריאַל, פאַר דער שווערער אַנגעלאָדנקייט, אָבער גלייכגילטיק קאָנט איר צו דעם ניט בלייבן, בשום אופן ניט. דאָס געשאַפענע ווייעט אָן אַ געמיטצושטאַנד פון וועלכן ס'איז שווער זיך צו באַפרייען.

לאָמיר גיין כסדר:

1) דער משולח פון אַנ־סקי, דאָס איז אַזוי אייגן נאַכבושן ווי די הויט (ניט דאָס העמד) אויף זיין לייב. עפּעס האָט ער געהאַט צו זאָגן, זיין אייגנס, דורך דעם דאָזיקן משולח, און ס׳איז לגמרי ניט קיין וואונדער. האָט דאָך דער משולח אַרומגעוואַנדערט יאָרהונדערטער אינעם יידישן לעבן, איז געוואָרן כּולו לעגענדע און ערשט נח נאַכבוש האָט אים אַנ־געטאָן פלייש און אַריינגעגאָסן בלוט און אים אָוועקגעשטעלט ווי אַ לעבעדיקן מאָנער פאַר גערעכטיקייט, אַ חשבון פאַר חננס ניט־דערלעבטן לעבן — ווי אין פּסוק שטייט: „פון חנן, זיינע קינדער און קינדס קינדער עד סוף הדורות". און ס׳לאָזט זיך שטאַרק פילן אַז דער משולח וועט ניט נאַכלאָזן. ער וועט מאָנען און מאָנען.

2) „יידעלע פידעלע" פון ה. לייוויק איז גאָלע צער, גאָלע טרויער. ניין, וואָס זאָג איך? ס׳איז אומקום, ס׳איז גסיסה. און נח נאַכבוש גיט עס אונדז איבער מיטן דינסטן, קינדערישן נשמה־ציטער, וואָס צאַפּלט זיך אויף דער שאַרף פון חלף. אַ שוידער גייט איבערן לייב. און דאָך מוזן מיר זאָגן: זייער גוט האָט נאַכבוש געטאָן, וואָס ער האָט דאָס אונדז געבראַכט, פאַרפיקסירט אויף אַ רעקאָרד. מיר דאַרפן זיך מיט דעם איבער־נעמען, אַנזאַפּן, עס זאָל פאַרבלייבן אין אונדזער בלוט, אין אונדזער אָטעם.

3) „דער גילגול פון אַ ניגון" פון יצחק לייבוש פּרץ. מען זאָגט אַז אין יעדן מתנגד באַהאַלט זיך אויס אַ שטיקל חסיד. אָבער אונדזער נח נאַכבוש, דער ווילנער, דער ליטוואַק, איז דורך און דורך חסיד: נאָר אַ חסיד קאָן זיך פאַרגיין אין אַזאַ התפעלות — אין אַזאַ עכט דורכגע־לעבטער התפעלות: „אַ ניגון איז אַ לעבעדיקע זאַך, אַ ניגון האָט חיות, לעבן האָט קלאַנג, פאַרב, ריטם. עס דאַרף זיך בלויז מזווג זיין מיט נשמה און אַ ניגון ווערט געבוירן". און נאַכבוש פאַרגייט זיך אין עקסטאַז „אַ ניגון לעבט, אַ ניגון שטאַרבט, אַ ניגון ווערט אויפסניי געבוירן"...

נאַכבוש איז ניט קיין זינגער אין אַנגענומענעם זין פון וואָרט, און דאָך, ווען מען הערט אים אויסזינגען דעם ניגון פונעם חסידישן טאַנץ אינעם „דיבוק" וואָס ער פירט דאָ אַריין, ווערט מען פולשטענדיק מיט־געריסן.

4, 5, 6) „אקדמות", „חצות", און „דער קעלמער מגיד", דאָס זיינען פערל פונעם ייִדישן פאָלקלאָר אויפגעסילעט און דורכגעלויכטן מיט עכט נאַכבושישן נוסח. נאַכבוש איז ניט נאָר אַן אויסטייטשער נאָר בפירוש אַ שאַפער. דאָס האָט ער אייגנאַרטיק, באַקליידט מיט הערעוודיקע תנועות און העוויות, אָריגינעל אינטערפּרעטירט דורך ניואַנסן שאַפונגען פון ייִדישן פאָלקלאָר. ער האָט דאָ געגומען בלויז דעם שורש, דאָס איבע־ריקע איז זיינס, זיין פאַרטראַכטונג, זיין אַדורכגעלעבטקייט — זיין נוסח. ווען עס קומט צו פאָלקסשאַפונג, פאַרטיפט ער זיך אינעם לויטערן קוואַל און שעפּט דאָרטן אַרויס גאָר הויכע ווערטן. דו הערסט און גאַפסט. דאַכט זיך זאַכן וואָס מען האָט שוין געהערט מי יודע וויפל מאָל. נאָר נאַכבוש טראָגט זיי אונדז אונטער ניי, צאַפּלדיק און דו פאָלגסט נאָך מיט ליב־שאַפט דעם מיין, דעם טיפן זין פון דער פאָלקס־חכמה.

7) „די גאָלדענע פאַווע" פון איציק מאַנגער. ווי אַ האַרציק פּאָעטישן שפּאַס זינגט נאַכבוש אויס דאָס דאָזיקע ליד מיט אַן אָנגעסטראָיעטן ערנסט אין וועלכן מען גלויבט ניט. ס'אימפּאָנירט אים, נאַכבושן, צו ברענגען דעם צוהערער אַ ביסעלע שפּאַס, אַרויסצורופן אַ שמייכל אויף זיין, דעם צוהערערס פּנים, און ס'געלינגט אים אויך. ער באַהויכט איציק מאַנגערס שפּילעוודיקייט מיט אייגענעם נאַכבושישן חן.

8) „דער פעטער עליע" פון לייב מאַרגענטוי איז ווי אָנגעמאָסטן אויף נאַכבושן. ווי דאָס ליד וואָלט פאַר אים אַליין, און נאָר פאַר אים, געשאַפן געוואָרן. כדאַי צו ציטירן:

„דער פעטער עליע האָט אַ בוים, ביי זיין קרומען פענצטער,
זאָגט דער פעטער, אַז זיין בוים
איז אויף דער וועלט דער שענסטער.
שטערן בליִען אויפן בוים, פינקלענדיקע שטערן —
זאַמלט פולע קוישן אַן, שפּאַנט דאָס פערד צופרידן,
און ער פירט די שטערן אום
אויף מערק און אויף יאַרידן.
און עס טוט אים אַזוי ווי (נאַכבושן) — איר זאָלט עס וויסן

ס'איז באַשערט אים — ער אַליין
זאָל דאָס ליכט געניסן".

ווער נאָך ווייסט עס אַזוי גוט, ווי די, וועלכע קענען נאַכבושן אַ ביי־סעלע נענטער, אַז ער, נאַכבוש — דער פעטער עליע — גייט אַרום דאָס גאַנצע לעבן זיינס און פאַרקויפט אונדז שטערן. ווי גוט דער דיכטער האָט אים צוגעטראָפן.

9) „דער קוימענקערער" פון משה קולבאַק — דאָס איז אַן אויסברוך פון רעוואָלט און פאַרצווייפלונג. אַן אַלעגאָרישע געשטאַלט: אַ קוימענ־קערער, אין קליינעם שטעטל פאַרקעט זיך אין סאַזשע ביז „ער קאָן ניט מער"...

די ענגשאַפט אין קוימען דערשטיקט אים פשוט. נאַכבוש נעמט אויף די געשטאַלט אין איר גאַנצער טראַגיק, הילט זי איין אין אַ טיפער מיסטיק און וואַרפט אויף איר איר אייגענעם שיין כּדי זי צו באַלויכטן. ער כאַפּט אויף דעם פאַרצווייפלטן אויסגעשריי פונעם קוימענקערער — משה קול־באַק, — און צעטראָגט עס איבער דער וועלט דורך זיינע רעקאָרדס. איבעריק צו זאָגן, אַז נאַכבוש האָט אַ שטאַרקע נייגונג צו מיסטיק (גאַר־ווי אַ ליטוואַק). דאָס איז אָבער אַזאַ מיסטיק פון וועלכער עס דרינגען אַרויס קלאָרע מענטשלעכע ראַנגלענישן און רעאַלע באַשטרעבונגען. נאַכבוש איז אַ דראַמאַטישער שוישפּילער און מען פילט דאָס אין יעדער וואָרט וואָס ער נעמט אין מויל אַריין.

10) „דער פראָש" פון יהואש איז זייער אַ פּאָעטיש און זייער אַ טרויריק קינדערליד. און נאַכבוש גיט עס אונדז איבער, ווי אַ שיין, ליריש מעשהלע. מיט אַ לייכטן הויך ווייעט ער אָן אויף די קינדער (און אויף דערוואַקסענע) אַ ליריש געמיט, אָבער ניט קיין טראַגעדיע. כאָטש אין דער אמתן איז עס יאָ אַ טראַגעדיע. „לעבט זיך אַ פראָש אין גרין סאַמעט קלייד" קוואַ קוואַ. אין נחת און אין פרייד. טשעפּעט קיינעם ניט [כאָטש דאָס איז נאָך אַ פראַגע] קוויקט זיך מיט עזיר און באַהאַלט זיך אין וואַסער. „פון ברעג אינעם טייך און פון טייך אויפן ברעג, קומט אַ בושל און האַקט אים אונטער די טעג". דאָס וואָס ס'איז דאָס געזעץ פון דער נאַטור אַזוי, מאַכט עס ניט ווייניקער טראַגיש. אָבער נאַכבוש ווייסט פאַר וועמען ער

זינגט אין דעם פאַל. ער היט אָפּ מיט גרויס פאַרשטענדעניש דאָס קינד פון צו אַ שווערן איינדרוק. אָט דער אין פלוג געגומען לייכטער צווינג אויף דער צווייטער זייט פון זעלבן רעקאָרד, אין וועלכן דער פּראָש אַליין, כלומרשט אויף פראַשישן לשון, דערציילט וועגן זיין גורל, איז יאָ טראַגיש. ס׳איז די טראַגיק פון דער שטומער חיה, אָבער אויף די קינדער ווירקט עס ווי אַ שפּאַס, אַ שפּיל אַזאַ און זיי נעמען דאָס אויף מיט געוואַלדיקער הנאה. קינדער זיצן אָפּ שעהענלאַנג און הערן זיך צו צו דעם רעקאָרד. זיי פאַרשטייען ניט דעם גאַנצן אינהאַלט. שוין אָפּגערעדט פון יענע וואָס פאַרשטייען ניט קיין ייִדיש, און דאָך הערן זיי זיך איין, און הערן זיך איין מיט אינטערעס. — ס׳איז אַ שפּאַס — טענהן זיי. און גייט פאַרשטייט קינדער.

11) „ווער וועט זינגען״ פון אברהם טווערסקי איז דאָס איינציקע ליד אין דער סעריע וואָס זאָגט אָן מיט באַשטימטע טענער אויף אַ מאָרגן, אויף אַ ניגון פאַר

[רבונו של עולם, ווי דערלעבט מען שוין דאָס
„קינדער וואָס ליגן אין רויִקע וויגן״
„ווער וועט אונדז זינגען דעם ניגון פון פרייד ?
דער פּאַסטוך, וואָס פייפערט און ווייסט ניט פון זאָרגן
וועט זינגען און פּייפלען דאָס ליד אויף אַ פלייט —
דאָס ליד פון אַ בעסערן, ליכטיקן מאָרגן.
ער וועט זינגען דאָס ליד פון קאַיאָר
און זינגען דערנאָך וועט אַ דור״.

אַזוי גייט דער אָריגינאַל. דינגען מיר זיך מיט דעם דיכטער, אברהם טווערסקי.

„אַ דור ? נו, און דערנאָך, ווידער מלחמות !״
און נח נאָכבוש, דער מיטשאַפער גיט צו :
„זינגען דערנאָך וועט אַ דור — נאָך אַ דור, עד סוף הדורות״.
אַנדערש איז ניט כדאַי דאָס זינגען...
(דאָס איז ניט דאָס גאַנצע ליד, בלויז שורות).

אָן ספק אַז נח נאַכבוש האָט אונדז אונטערגעטראָגן אַ ווערטפולע שאַפונג מיט זיינע רעקאָרדס. אמת, דאָס איז אין אַן איבערוועגנדיקער מאָס אַן אויסדרוק פון אונדזער גרויסן ווי און ווינד. זיינען אָבער די ווייטער־דיקע רעקאָרדס, וועלכע ער האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק, אַן אויסדרוק פון אונדזערע אַספּיראַציעס, פון אונדזערע האָפענונגען. וועגן אַלע קאָן אָבער געזאָגט ווערן איין וואָרט — קינסטלעריש. דאָס זיינען קינסטלערישע שאַפונגען. נאָך דעם ווי ס׳האָט שוין אויפגעהערט שפּילן, די רעקאָרדס דרייען זיך מער ניט, בלייבט מען זיצן און מען הערט ווייטער. ס׳איז שוין שטיל, נאָר מען הערט נאָך מיטן אייגענעם דמיון.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז די פּיאַנאָ־באַגלייטונג און צושפּיל איז פון פּאָלאַ קאַדיסאָן. פּיאַנאָ — פּאַרטע ע. ברומאַן.

די רעקאָרדס, וואָס ווערן דאָ דערמאָנט זיינען ניט אַלע. ער האָט נאָך שפּעטער אַרויסגעגעבן אַ פּלאַטע מיט אַזעלכע עכט־ייִדישע לידער, ווי אברהם רייזענס „מאי קא משמע לן״, פּרץ הירשביינס „אַ תפילה פון אַ בוים״, זיין אייגנס אַ ליד און נאָך. מיר האָבן זיך לײדער ניט געקאָנט אָפּשטעלן אויף יעדן רעקאָרד אויס מאַנגל אין פּלאַץ.

אָן ספק, אַז די רעקאָרדס זיינען אַן אוצר. דער ייִדישער קולטור־פאָרשער וועט אין זיי געפינען אַ סך מיט וואָס זיך צו קוויקן און וואָס אַריינצונעמען אין גרויסן אוצר פון אונדזער קולטור.

* * *

נח נאַכבוש האָט געלעבט ביי אונדז אין לאָס־אַנדזשעלעס קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר. דורך דער צייט איז ער אַוועקגעפאָרן און צוריק־געקומען עטלעכע מאָל. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט אַ שטיקל היים דאָ. דעסגלייכן סאָניע, זיין ווייב מיטן שיינעם מאַדאָנאַ־פּנים און דעם אַקטנטאַש, מעשה פּראָפעסיאָנאַל, אין דער האַנט. אויך זי איז כסדר געפאָרן און געקומען. ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ווען ער איז געווען דאָ, איז זי געווען דאָרט און פאַרקערט. דער „דאָרט״ איז מערסטנס געווען ניו־יאָרק. אָבער ס׳איז זיך אַ סך מאָל פאַרלאָפן, אַז מען האָט נאַכבושן אַרויסגערופן אין אַנדערע שטעט אויפצוטרעטן ביי אונטערנע־

מונגען. פאַר וואָס סאָניע איז געפאָרן אַהין און אַהער איז דעם שרייבער פון די שורות ניט באַקאַנט. אָבער מסתמא האָט דאָך געדאַרפט אַזוי צו זיין. סאָניעס בעסטע חברטאָרין איז געווען אסתּר שומיאַטשער. זיי זיינען אָפט געגאַנגען צוזאַמען. אסתּר האָט געהאַט אַ סך פאַרבינדונגען איבערן לאַנד און אין קאַנאַדע.

אויף וויפל נאַכבוש מיט סאָניען האָבן געהאַט אַ שטיקל נעסט דאָ הי, איז דאָס געווען אַ זייער קאַרג אויסגעפּעדערטע נעסט. פאַר וואָס? לאָס־אַנדזשעלעס איז דאָך אַ ווילע און אַפילו רייכע, יידישע שטאָט? נו, פרעגט אַ קשיא פאַר וואָס. חוץ אַנדערע סיבות איז אַפילו דער רייכ־סטער שוישפּילער אַן אַ שטיקל בינע אָרעם, ווי די נאַכט. נאַכבוש איז געווען דורך און דורך אַקטיאָר. אַנדערע שוישפּילערס, וועלכע זיינען אַרויס־געפאַלן פונעם טעאַטער, האָבן יאָ באַוויזן מאַטעריעל זיך צו עפּעס דער־שלאָגן און האָבן „צוגעקנעלט" אַקטיאָריש אין דער זייט. ניט נאַכבוש, ער האָט געקאָנט איין זאַך: שפּילן אויף דער בינע. עפּעס אַנדערש האָט ער ניט געקאָנט און אַפילו ניט געפּרוווט. ער האָט געגאַרט נאָך אַ פּוב־ליקום. און ווען ס'האָט זיך געמאַכט, אַז מען האָט אים איינגעלאַדן אַרויס־צוטרעטן ביי אַן אונטערנעמונג, איז ער געווען אין זיבעטן הימל. ער האָט זיך פאַרפולקומט אין קליינקונסט, ווי אַ סך שוישפּילערס האָבן דאָס געטאָן און טוען דאָס. ער איז געווען זייער גוט אין סצענקעס, מגידישע מעשיות, דרשות און מאָנאָלאָגן. אָבער, ווי קומט דאָס צו די קאַראַקטער־ראָלעס, וואָס ער פלעגט אויסשפּילן אויף דער בינע מיט אַזוי פיל ברען, מיט קאָליר און נוסח? ער האָט בייגעטראָגן אַ סך פייער־פונקען צו די יידישע אונטערנעמונגען דאָ אין שטאָט. ווי דען אַנדערש? ער איז אַליין געווען אַ פונק, אָבער ער האָט זיך געוואָרפן צו פיל אין די אויגן. מען האָט אים צו פיל באַגעגנט אין גאַס, ווי יעדן פּראָסטן בשר־ודם, און זיין פּראָ־פעסיע דולדעט דאָס ניט. אויב ער איז אַוועקגעפאָרן, איז ער צו שנעל צוריקגעקומען און איז געוואָרן אַ וואָכעדיקער מענטש אין שטאָט.

דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך געבּרעקלט און צעבּרעקלט און זיינע אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיינען געוואָרן פון „בלאָנזשענדיקע שטערן" נע־ונדניקעס. — אַ טראַגישע דערשיינונג.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס נאַכבוש האָט געהאַט אַ סך פֿריינד דאָ אין שטאָט, איז ער געווען עלנד, ווי אַ שטיין. בלויז צו צוויי פֿון זיינע פֿריינד האָט ער זיך צוגעטוליעט: צו חיים שאַפּיראָ, דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פֿון דער הסתּדרות, אַן אָנגעזעענע פֿיגור אין לאָס־אַנדזשעלעס און לאַמעד שאַפּיראָ, דער טאַלאַנטפֿולער און זייער אומגליקלעכער לאַמעד שאַפּיראָ. נאַכבוש איז זייער אָפֿט געגאַנגען צו לאַמעד שאַפּיראָן. (קיין אָנשטענדיקע דירה האָט ער אַליין ניט געהאַט). נאַכבוש, דער קבצן, איז געלאָפֿן אַלע טאָג העלפֿן שאַפּיראָן. ניין, ער האָט אים ניט געהאָלפֿן מיט קיין קרעכץ, נאָר מיט אַ טרייסטוואָרט, מיט עפּעס אַ גוט שטיקל נייעס, אויב עס האָט זיך געמאַכט, און מיט אַ טשיקאַווער מעשהלע. דערקעגן סאָניע, זיין ווייב האָט אים, שאַפּיראָן, פּשוט אָפּגעקאָכט אַ מאָלצייט און אַ מאָל אָנגעניייט אַ קנעפּל צום העמד.

צוליב אַ געוויסער סיבה (מיר וועלן דאָ ניט אריינגיין אין דעם) איז לאַמעד שאַפּיראָ געווען אָפּגעשטויסן פֿון דער געזעלשאַפֿט. אויף צו פֿאַר־שטויסן וועמען זיינען אָנשטענדיקע מענטשן אַ מאָל גרויסע בריהס. אַפֿילו ביי זיין לוויה האָט איינער, אויך אַ גרויסער שרייבער, אים מספּיד געווען בזה הלשון: „עס פֿירט זיך ביי אַ לוויה, אַז מען בעט מחילה ביי דעם בר־מינן. מיר וועלן דאָ דאַרפֿן איבערדרייען די יוצרות און זאָגן: לאַמעד שאַפּיראָ, מיר זיינען דיר מוחל אַלע דיינע עוולות...״ אמת, דער עולם — און עס איז געווען אַ גרויסער עולם — האָט געקריצט מיט די ציין. ס׳טייטש ?... דער זעלבער שרייבער האָט מיט אַ צייט שפּעטער רעדאַק־טירט לאַמעד שאַפּיראָס עזבון, וואָס די שטאָט האָט פֿון דעסטוועגן אַרויס־געגעבן אין בוכפֿאָרם; די קריטיק האָט אַרונטערגעריסן. איין קריטיקער* האָט געשריבן אַז דאָס בוך איז דערשינען, ווייל לאָס־אַנדזשעלעס האָט אַ סך געלט. און אַ צווייטער האָט געשריבן, אַז דער רעדאַקטאָר האָט געמעגט זיין מער איבערקלייבעריש.

נאַכבוש איז אויך געווען אַ בן בית ביי חיים שאַפּיראָ (זיי האָבן

---

* אויס דרך־ארץ צו די שרייבערס, קריטיקערס וועלן מיר קיין נעמען ניט דערמאָנען.

אויסגעזען זייער ענלעך), ווו ער איז אָפּט איינגעלאַדן געוואָרן. ער פלעגט זיך דאָרט פשוט אונטערלענען דאָס האַרץ — סיי פיזיש סיי גייסטיק. שאַפּיראָ איז געווען אַ באַהאַרצטער ייִד מיט אַ ברייטער האַנט און אַ גרויסן טיש אָנגעלאָדן מיט כּל טוב; ער האָט ליב געהאַט אַ סך צו ריידן און דערציילן. ער האָט פאַרלאַנגט פון זיינע געסט בלויז איין זאַך: זיי זאָלן אים אויסהערן. ער האָט געהאַט אַזוי פיל צו דערציילן (ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט און פאַרמאָגט אַ שלל מיט פּראָפעסיאָנעלע געשעענישן, וואָס ער האָט ליב געהאַט איבערצוגעבן).

דער שרייבער און פּסיכאָלאָג איז (אויף וויפל ס'איז באַקאַנט) ניט דערגאַנגען אַנצוטאַפּן בחוש די טיפע לײדן פונעם קינסטלער־אַקטיאָר אָן אַ פובליקום, אָן אַ בינע. און אויף וויפל ער איז יאָ דערגאַנגען, יאָ דערפילט, האָט ער זייער קאַרג וועגן דעם געשריבן. אַ רעצענזיע איז ניט קיין אָפּהאַנדלונג... דעם שרייבער איז בעסער, ווי דעם שוישפּילער. דעם שרייבערס יצירה קומט פאָר ביחידות: אַ טישל, אַ פען מיט פּאַפּיר, דאָס איז זיין גאַנצער וואַרשטאַט. דער שוישפּילער אָן אַ פובליקום, — אָן אַ בינע קאָן ער זיך נאָך אַ מאָל באַגיין — אָבער אָן אַ פובליקום איז ער פאַרלוירן. און נאַכבוש האָט די אַקטיאָרישע פאַרלוירנקייט זייער שטאַרק אָפּגעפילט.

די דיכטערין שפרה ווייס

שוין פופצן יאָר ווי דאָס הויז אויף מאַרקעט סטריט אין ווענעציע ביים ים, איז פאַרשטומט געוואָרן. אַן אַלט הויז איז דאָס געווען. עטלעכע סקריפּנדיקע טרעפּ האָבן אַרויפגעפירט צו אַ גרויסן פראָנטצימער מיט דער סטעליע האַרט איבערן קאָפּ. די קיך האָט אויסגעזען נאָך עלטער: אָפּגע־ליזעוועטע ווענט, צעשרויפטע בענקלעך, וואָס זיינען אַ מאָל געווען גרינ געפאַרבט, אַ פאַרזשאַווערטער אויוון. נאָר שפרה ווייס, די דיכטערין, האָט אַרומגעפּאַדעט אַרום אַ פּירקאַנטיקן טיש און צוגעגרייט שולחן־אורח (ניט ערוך). דער אַלטער טיש איז תמיד געווען געדעקט מיט אַ געבלימלטן טישטעך, פרישע פרוכט, מאַנקיכלעך און אַ היימיש געבאַקטע חלה. איבער־געקערטע טעפּעלעך זיינען געשטאַנען צוגעגרייט פאַר קאַווע. אַזוי האָט עס געמוזט זיין, וואָרעם ווער האָט געקאָנט וויסן ווען עס וועט עמעצער אַריינקומען און וועט וועלן נעמען עפּעס אין מויל אַריין?

„מיין טיש, ווי מיין האַרץ מיט דערוואַרטונג גרייט,
אַ מאָל מיט לעקעך און וויין, — אַ מאָל מיט ברויט".

צי קאָן מען דען אויסרעכענען וויפל מסיבות — ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע — עס זיינען אין דעם הויז אָדער אין דעם גאָרטן ביים הויז פאָרגעקומען? אין די צענדליקער. די דיכטערין האָט זיך נאָך פאַר־ענטפערט:

„דעם פאַרקאָן אַרום גאָרטן
האָבן מיר געטראָפן
מיט דעם הויז אינאיינעם
מיר וואָלטן ניט פאַרצאַמט
דעם הויף פאַר גוטע שכנים".

* * *

שפרה ווייס און לאה האָפמאַן האָב איך געקענט נאָך פון דער היים, פון דער יידישער שול. „דעם ויידנס טאַבאַק־פּושקע" פון לאה האָפמאַן האָט דאָך געשמט אויף אַ וועלט. פון שפרה ווייס האָב איך געלייענט אַ סך אַרבעטער־לידער, נאָר דאָס ערשטע ליד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט ביי מיר אין זכרון איז: —

„לעבן מיינס,
אין דיין ווייטער שיין
גיי איך, ווי מיין פאָטער
אין פאַרטאָגיקע תפילות,
ביז שפּעט אין טאָג אַריין".

מען דאַרף וויסן, אַז שפרה ווייס איז אין אייראָפּע (פאַר דער וועלט־מלחמה) געווען אַ סך מער באַקאַנט און אויך אָנגענומען ווי דאָ, אין לאָס־אַנדזשעלעס. דאָ־הי איז עס געווען די קאַליפאָרנער פּערזענלעכקייט, די שטוב אירע, די אָרעמע שטוב, וואָס האָט געפּראַלט מיט רחבות, איז עס געוואָרן דער שם־דבר אין לאָס־אַנדזשעלעס.

* * *

זי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1889 אין אַ שטעטל קעלם, קאָוונער גובערניע; איר פאָטער האָט געהייסן נחמן רויף. ער איז דערהרגעט געוואָרן אין פריִען עלטער, שלאָגנדיק זיך אַ וועג קיין אַמעריקע. שפרה איז געבליבן אַ יתומה צו צוועלף יאָר. זי האָט כמעט ניט געהאַט קיין שום בילדונג, אַ חוץ אַ ביסל יידיש וואָס דער פאָטער האָט זי קליינערהייט אויסגעלערנט און אַ ביסל רוסיש, וואָס זי האָט זיך שפּעטער אַליין אויסגעלערנט. דאָס איבעריקע, — ווי ביי אַלע אָרעמע קינדער — איז געקומען פון לייענען. צו פופצן יאָר איז זי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער „בונדישער" באַוועגונג און האָט ערשט דערפילט, אַז זי לעבט... זי איז אָבער פון קינדוויין אָן געווען אַ רעשיקע און האָט זיך געוואָרפן דער „אָכראַנע" אין די אויגן. אַ גאַנץ יאָר האָט זי זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי ביז זי איז אין 1906 אַנטלאָפן קיין אַמעריקע.

זי האָט געוווינט אַ צייט אין פּיטסבורג. דערנאָך געאַרבעט אין די שיקאַגער „שעפּער" און אין 1917 אָנגעקומען אין דער גאָלדענער קאַליפאָרניע. „ענגליס" האָט זי געקאָנט אַזוי פּיל וויפל „רושיס", דערפאַר האָט זי אָבער אויף אייביק איינגעהאַלטן אין זיך דעם ליטווישן אַקצענט און מען מוז צוגעבן, אַז די „שינען" און „סמכן" פאַרמאָגן אַ געוויסן חן אין מויל פון די ליטווישע ייִדן (קלמן מרמר האָט אויך אַזוי גערעדט).

זי האָט דעביוטירט אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן טאַקע מיט שיקאַגער לידער:

„פאַבריק צונגען וועלן היינט דאָס בלוט ניט לעקן
אין ווינקל פון מיין קאַסטן-לעבן האַלטן זיך וואַכיקע שרעקן".

אָדער, אַז —

„דאָס וואַכעדיקע הויבט אָן אין בלוט צו בייסן,
לאָזט מען זיך פון קאַסטן-היים אין קאַסטנדיקן דרויסן".

שפרה ווייס האָט געלעבט און געשאַפן טיילווייז אין אַ גינציקער צייט (צווישןביידע וועלט-מלחמות) און פאַרענדיקט מיט איר ביכעלע „צום מאָרגנדיקן מאָרגן" אין אַ זייער טראַגישער צייט, ווען דער גאַנצער גרויזאַמער גורל פון אונדזער וויי און ווינד פאַרשניטן ייִדיש פאָלק איז שוין געווען באַוווּסט אין דער גאַנצער. גרויזאַמער וועלט.

די יאָרן צווישן ביידע וועלט-מלחמות זיינען געווען יאָרן פון גרויסן קולטורעלן אויפשטייג. מען וואָלט די צייט געקאָנט אָנרופן „די גאָלדענע עפּאָכע פון ייִדישן שאַפן". אין סאָוועטן-פאַרבאַנד איז אויפגעגאַנגען די שפע פון דער נייער (סאָוועטישער) ייִדישער ליטעראַטור; די קינדער-שולן אין מאַמע-לשון; דאָס ייִדישע טעאַטער, יוגנט-קלובן (פּיאָנערן), דאָס מלוכיש-ייִדישע פאַרלאַג-וועזן און זריעה „אויף רויטע פעלדער" (לויט פּרץ הירשביין). אַך, וויפל האָפענונג מען האָט געלייגט אויף דעם אַלעמען...

דרום-אַמעריקע, דער עיקר אַרגענטינע, האָט אָנגעהויבן אַרויסצושיקן אירע גאָלדענע קאָלאָניע-זאַנגען און ליטעראַרישע שפּראָצונגען. און אין

ארץ־ישראל האָט גאָט געשענקט אַ צווילינג: ייִדיש און עברית. פון די אַלטע ייִדישע קולטור־צענטערס איז דאָך אָפּגערעדט; זיי האָבן גענומען אַרומוואַשן דאָס בלוט און אָפּווישן די טרערן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָבן אָנגעהויבן אויפסניי צו שאַפן און ממשיך זיין.

יעדער ייִדיש וואָרט, וואָס האָט נאָר פאַרמאָגט אַ ניצוץ פון טאַלאַנט איז אין יענער צייט אויפגעכאַפּט געוואָרן. אין דער אויפסניי אויפגייענדיקער ליטעראַטור אין דער ייִדישער וועלט, אין דעם רייכפאַרביקן רעגנבויגן האָט שפרה ווייס צוגעטראָגן איר ניואַנס:

„אין דרויסן בלענדט די זון
און איך זע נאָר דעם שוואַרצן מאַנטל
אין מיינע נייענדיקע הענט.
דער טאָג איז, ווי די זון צעברענט
און איך מיט מיינע שכנים געצאַמט —
אין ענגע, קאַלטע ווענט.

דאָ רופט זיך די דיכטערין איבער מיט דוד עדעלשטאַט „ניט זוך מיך דאָרט ווו די מירטן גרינען". און כאָטש ניט איבעריק אָריגינעל, איז עס פאָרט איר אייגענער קלאַנג, איר קול אין גרויסן כאָר פון שאַפלידער פון יענער צייט.

גינציק איז אין יענער צייט אויך געווען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן און אַמעריקע. די אימיגראַציע איז געווען יונג און די אימיגראַנטן נאָך ייִנגער. זיי זיינען געקומען אָנגעלאָדענע מיט קולטור און ייִדישן, רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין. שפרה האָט ליב געהאַט עס זאָל זיך טאָן, עס זאָל זיך רודערן. ווען זי איז געוואָרן אַ „לינקע", דאָס האָט זי אַליין ניט געוווסט. אַ סך „בונדיסטן" זיינען דעמאָלט איבערגעגאַנגען „פון רעכטס אויף לינקס". נאָר זי איז אַלע מאָל געווען פון דעם מין „לינקע" מיט וועלכע מען האָט זיך זייער געמיטלעך געקאָנט צונויפלעבן. די באַוועגונג האָט געבליט, גאָרניט קיין פאַרגלייך צום הייַנטיקן טאָג. און וואָס אייגנטלעך דאַרף דען אַ שרייבער מער, ווי קמח ותורה — לייען:

ברויט און מענטשן? אַן עולם! דאָס איז די גרעסטע אינספּיראַציע, וואָס דער שאַפנדיקער מענטש בכלל און שפּרה ווייס בפרט האָט געדאַרפט און דאַרף הײַנט אויך האָבן. און די געזעלשאַפט האָט דאָס צוגעשטעלט לרוב.

ס'איז דעריבער טאַקע אַ חידוש, וואָס שפּרה ווייס איז מיט איר ליד ניט דערגאַנגען אַ סך ווייטער, ווי זי איז געגאַנגען. זאָלן דאָס האָבן געווען שווערע פאַמיליע־סיבות, איר עקאָנאָמישע לאַגע, אָדער איז דאָס געלעגן אין איר בלוט? זי האָט צו שטאַרק אַ ברען געטאָן און זיך גלייך איבערגעברענט... דער הייסער ווינט פון איר טעמפּעראַמענט האָט פאַרכאַפּט איר אָטעם. שווער צו זאָגן פאַר וואָס. נאָר אירע קאָלירפולע זעגלען האָבן צו קיין טיפע ימים ניט דערפירט. אָפט מאָל זיינען אירע סטראָפעס געבליבן ביי גוטע כוונות.

„מיינע כוונות —
פלאַטערנדיקע אַלבאַטראָסן.
אין די שטורעמס
פון פיין און פאַרדראָסן,
צווישן הימל און ערד
פון פאַרוואָסן״.

(זייט 19 אין איר בוך).

דערפאַר, אָבער, אין יעדער אָטעמצוג פון איר פען געווען אַ פונק, אַ פלאַם, אַ בליץ; אַזוי ווי זי אַליין.

ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות, ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז בלויז פון איינצעלנע גוטע שורות באַשטייט איר שאַפן. מען קאָן אויך אויס־פעלכטן אַ קראַנץ פון פולע, אָנגעזאַפּטע, פאַרביקע לידער. לידער היימישע, מאַמעדיקע און לידער פאַרשייטע. לידער, וואָס רייסן קריעה און שרייען צו גאָט:

„אויב מענטש איז פון חיהשער זריעה,
זאָל ווידער זיין תוהו ובוהו.

אויב וועלט מוז שחיטה־הויז זיין.
גאָט, וואָס שטעלסטו זיך ניט איין?
דיר איז אויך ניט גענוג אונדזער פּיין???"

דאָס איז ניט קיין ליריק, אָבער ביאַליקס „שחיטה־שטאָט" איז אויך ניט קיין ליריק...

שפרה ווייס איז געווען אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלע דיכטערין. איר אָנגעהעריקייט צו דער לינקער באַוועגונג האָט זי לגמרי ניט געשטערט אין דעם. זי איז געווען עכט אין איר ייִדישקייט. זי רופט זיך איבער מיט די עטישסטע געשטאַלטן פון דער ייִדישער געשיכטע: דבורה הנביאה, מרים, מיט איר מאַמע און איר באָבע, מיט עדנאַ ווינסענט מילעי פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, מיט עמאַ לאַזאַרוס און מיט אירע „טונקל־הויטיקע שוועסטער".

זי האָט שווער איבערגעלעבט דעם גורל פון אונדזער ווײ און ווינד פאַרשניטן פאָלק אין דער היטלער־עפּאָכע. זי טוט תּפילה, זי רייסט קריעה, זי שפּאַלט הימלען:

„איך ברום צו די שטערן
און מיינע ציינער קריצן;
אַלע זיבן הימלען
זאָלן מיט מיר שבעה זיצן.

דור נאָך דור
זאָל אונדזער גזר געדענקען.
פלייש פון אונדזער פלייש,
ביין פון אונדזערע ביינער,
אויפן מיליאָניקן קבר
זיינען מיר די מצבה־שטיינער".

(זייט 70 אין איר בוך).

* * *

שפרה איז בלב ונפש געווען פאַרליבט אין דער נאַטור. אָבער טאַקע פאַרליבט! ווי אַ פרומער ייִד צו שחרית איז זי געלאָפן זיך טובלען אין די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. פאַרנאַכט איז זי געלאָפן אַריינכאַפן אַ שקיעהלע. כאַראַקטעריסטיש פאַר איר איז טאַקע געווען דאָס, וואָס איר אייגענע שקיעה איז פאַרגעקומען אין די בערג פון אַריזאָנאַ, אין 1956.

דאָס זיינען צוויי סטראָפעס פון איר סאַמע לעצטן ליד:

„משיח, ווו ביסטו אַהינגעקומען?
וואַרטנדיק אויף דיר,
זיינען דורות אומגעקומען

און אפשר איז שוין לאַנג די שעה,
דער טאָג געווען:
דו ביסט געקומען
נאָר מען האָט דיך ניט דערזען?

דער דיכטער יחזקאל בראָנשטיין

„איך אַרבעט זייער שווער", האָט מיר אַ מאָל יחזקאל בראָנשטיין אַ זאָג געטאָן: „דאָס שרייבן קומט מיר ניט אָן לייכט".

זאָל דאָס זיין אָן ענטפער צו אַלע די, וואָס האָבן צו אים תּרעומת געהאַט, הלמאַי ער טוט ניט קיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

לויט זייער מיינונג קומט אויס, אַז צו שרייבן וועגן אַזעלכע מענטשן, ווי חיים שאַפּיראָ, אַ"ר בלעס, נח פינקעלשטיין, ד"ר ג. ס. זאַלצמאַן און נאָך אַ סך אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען ממש אינסטיטוציעס ביי אונדז אין שטאָט, הייסט ניט קיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

אָדער, למשל, צו רעדאַקטירן אַ זשורנאַל און זיך ברעכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי אים אַרויסצוגעבן, איז אויך ניט קיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט...

ס'איז באַוווּסט, אַז יחזקאל בראָנשטיין האָט אין פאַרשידענע צייטן אַרויסגעגעבן צייטשריפטן, וועלכע האָבן געהאַט גוטן אָנזען איבערן לאַנד: „יידישער בולעטין"; „דער בעכער" (צוזאַמען מיט מאַטעס דייטש); „קאַליפאָרניער יידיש לעבן" (אויך מיט דער קאָאָפּעראַציע פון מאַטעס דייטש), אָדער די פערטליאַר־שריפט מיטן נאָמען „ליד" (דאָס הייסט, פאַרן ליד און וועגן ליד). אָט דער זשורנאַל האָט באַזונדערס אויסגענומען. וועגן אָט דער אויסגאַבע האָבן געשריבן אַזעלכע אָנגעזעענע שרייבערס ווי: דוד פּינסקי, א. אַלמי, יונה ספּיוואַק, א. א. ראָבאַק, י. י. סעגאַל (מאָנטרעאַל) און אַנדערע. האָט דאָך דאָס געמוזט זיין באַדייטנדיק ווי אַ זשורנאַל, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט.

בראָנשטיין האָט געהאַט אַזאַ טבע: ער האָט זיך כּל ימיו געיאָגט נאָכן פּאָעטישן פונק. ווו נאָר ס'האָט אַ בליץ געטאָן אַ ביסעלע טאַלאַנט, האָט ער עס גלייך אויפגעכאַפּט. כּדאַי צו לייענען זיין מיניאַטור־עסיי וועגן דעם טאַלענטירטן יונגן דיכטער ראובן לודוויק. וויפל ליבשאַפט, וויפל דערקענטעניש און וויפל צער איבער דעם וואָס לודוויק איז זייער

יונג געשטאָרבן. ווייל ראובן לודוויק, האָט בראָנשטיין געשריבן, איז „אַ זעלטענע פּערזענלעכקייט, צווישן אונדזערע דעמאָלט נאָך יונגע שריפטשטעלער, האָט אייגנאַרטיק און מאָדנע רעאַגירט אויף זיין אייגן לעבן און די ליידן זיינע".

— „קראַנק זיין" — פלעגט ער באַטאָנען מיט טעמפּעראַמענט — „איז ניט נאָר אַ ווייטיק, נאָר אויך אַ בושה..."

„ביזן סאַמע לעצטן טאָג פון זיין יונג לעבן האָט ער נאָכגעפאָלגט די ייִדישע און אַמעריקאַנישע ליטעראַטור. אים איז באַקאַנט געווען יעדער ניואַנס פון אונדזער ליד אויף ייִדיש-לשון".

בראָנשטיין איז אין משך פון זיין שעפערישקייט „פאַרפלויגן" אַזש קיין יאַפּאַן און האָט איבערגעזעצט דריי יאַפּאַנישע פּרויען-דיכטער אויף ייִדיש. (ער האָט קיין יאַפּאַניש ניט געקענט, האָט ער עס איבערגעזעצט פון אַן ענגלישער איבערזעצונג). וואָרעם ער אַליין איז דער עיקר (אָדער, ווי ער דריקט זיך אויס: „דער עיקרשט") געווען אַ פּאָעט.

„טעג, ווי פייגל, קומען אָפט צו מיר צו פליִען
און מאָנען דעם באַשייד פון מיין געזאַנג.
מיין האַרץ שלאָגט אויף און די אויגן מיינע גליִען
כאָטש מיין לעבן שטייט געבויגן, ווי פאַרגעסן שוין פון לאַנג".

און ווען מיר וואָלטן היינט געפייערט זיין זיבעציק-יעריקן געבוירנטאָג (אַנשטאָט צו שרייבן אַ הזכּרה), וואָלטן מיר מן-הסתּם מיט פרייד געזונגען פון זיינע יוגנטלעכע, אָבער שוין רייפע לידער:

האָסטו דיין שטעקן פאַרביטן אויף אַ בליִענדיק מיידל
דיין גורל אַן אירן פאַרקניפּט;
דו האָסט זיך פאַרברידערט צום ענדלאָזן דרויסן
ווי פאַלם אין מדבר צעבליט.

דעריבער:
פאַר ווען די טעג זיינען שוואַרץ, ווי די נאַכט,
פאַר ווען עס חרובט דאָס לעבן אין גאַנג;

פאַר מיר גייט די זון אויף, מיט פרייד און זי לאַכט
און איך, אויף די וועגן, גיי אויף מיט געזאַנג.

יחזקאל בראַנשטיין האָט אונדז איבערגעלאָזט פינף זאַמלונגען (קלע־נערע און גרעסערע) לידער. ער האָט ביים לעבן ליב געהאַט צו נוצן דעם אויסדרוק: כּן ירבו. צו שפּעט — מיר קענען זיין אויסדרוק אויף אים אַליין מער ניט אָנווענדן.

* * *

יחזקאל בראַנשטיין האָט די עסיי און דעם קריטישן אַנאַליז ניט גע־האַלטן פאַר מינדערווערטיק. ער איז געווען אַ פּראָדוקטיווער און פּילפּאַ־ביקער שריפטשטעלער און האָט געוווּסט ווי טייער צו האַלטן יעדער פאָרם פון שאַפן. אַפילו די מיניאַטור איז ביי אים געווען אָנגעלייגט. און מיר טרעפן טאַקע אין זיינע ווערק מיניאַטורן — פּערל.

„אין דעם היכל פון שירה גייט אַרום די יצירה אין אָדם הראשונס קליידער. זי רופט ביי דיר אַלע מאָל אַרויס די אילוזיע פון פאַרגעסונג אין דיין אייגענער עקזיסטענץ".

(זייט 139, „פרייד פון יצירה").

מיר פילן דאָ בחוש די פּאָעטישע ליבשאַפט און די פרייד אַריינגעקנאָטן אין דעם עסיי. זיין דיכטערישער טאַלאַנט האָט אים דאָ געטריי געדינט. ווי ער אַליין פאָדערט פון זיך: „אין הסכם מיט דעם קאַרדינאַלן פּרינציפּ, צו דערגרייכן אַ מאַקסימום איכות דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ מינימום כּמות". ספּעציעל איז דאָס אַ קאַרדינאַלע פראַגע ביי אַ פּראָדוקטיוון שריי־בער, ווי ער איז געווען.

זיינע מיניאַטורן, „מענטשן, וואָס איך האָב געקענט", רעצענזיעס — דאָס זיינען ביי אים בלומען ביים טייך. אין טייך גופא האָט ער זיך אַריינ־געלאָזט, געשווומען אין דער טיף און אין דער ברייט מיט זיין „ליטעראַטור־קריטיק" עסייען, און אין טייל פון זיינע אָריגינעלע לידער. דאָ געפינען מיר טיפזיניקע, פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען, אָדער ווי ער רופט עס אָן „מעדיטאַציעס". ער גייט אַרויס פון אַ באַזונדערן שטאַנדפּונקט:

„פריַער פאַר אַלץ מוז אַ ליטעראַטור־קריטיקער פאַרמאָגן אַ געזונטע וועלט־אַנשויונג, אַ קלאָרע פאַרשטענדעניש פון עסטעטישע ווערטן. דער ליטעראַטור־קריטיקער דאַרף זיין באַהערשט פון אַ כּוח אַנצוווענדן זיינע ידיעות און אימפּרעסיעס אין דעם אַנאַליז פון אַ ליטעראַריש ווערק".

ער האָט געשריבן כּמעט וועגן אַלע די וואָס האָבן עפּעס מחדש געווען אין דער יידישער ליטעראַטור. געשריבן וועגן די קלענערע און וועגן די גרעסערע שרייבערס, וועגן די באַרימטע און וועגן די כּמעט ניט באַוווּסטע. טייל שרייבערס איז ער נאָכגעגאַנגען פּוסטריט און אויפגעכאַפּט ביי זיי יעדער ניי וואָרט. אין יעדער קריטישער אָפּהאַנדלונג זיינער פילן מיר אַן אַנדערן נוסח, אַ נייעם טראַפּ, אַ באַזונדערן געמיט־צושטאַנד, ווי ער אַליין וואָלט זיך מיט יעדער ליטעראַרישער דערשיינונג באַגייט.

ער איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין זיין בן־עיר, דעם דיכטער ה. רויזנבלאַט, און ער רופט אויס באַגייסטערט: „אַ חלום איז מקוים געוואָרן". וועגן די גרויסע שריפטשטעלערס האָט ער געשריבן עטלעכע מאָל און צו יעדערן פון זיי פילט מען אַ באַזונדערן יראת־הכּבוד.

פון דעסטוועגן, ניט מיט אַלץ, וואָס בראַנשטיין האָט געשריבן דאַרף מען, אָדער קאָן מען מסכּים זיין. ער האָט, למשל, אָנגעשריבן אַ פיינעם פּאָרטרעט אין פּערזון פון אברהם ליעסין; אויך געווידמעט אים אַ ליד. אָבער וואָס ער האָט געשריבן וועגן ליעסינס הויז, האָט ער געמעגט אַ טייל דערפון אויסלאָזן. ניט אַלץ, וואָס מען זעט ביי יענעם אין שטוב דאַרף מען אַרויסדערציילן. און אַוודאי דאַרף מען ניט צעלייגן אויף טעלערלעך יענעמס ווינד און וויי...

אָבער דאָס איז דער אויפריכטיקער שרייבער. ער האָט ניט קיין „באַן טאָן", ער שרייבט, וואָס עס שרייבט זיך אים. און ביי אים גייט תּמיד דער שרייבער מיט דעם לייענער צוזאַמען; דער מענטש מיט דער נאַטור צוזאַמען; די פרייד מיט דעם טרויער געאַרעמט — ספּעציעל איז דאָס געוועדט געוואָרן וועגן זיינע לידער, וועגן וועלכע מען דאַרף גאָר באַזונדער שרייבן.

אַלע מאָדערנע דיכטערס באַמיִען זיך צו באַרייכערן, באַפאַרבן די שפּראַך מיט נייע ווערטער און אויסדרוקן. לשון אָבער איז אַ קאַפּריזנער

„נפש" און וויל צו מאָל ניט צולאָזן צו זיך קיין פרעמדן עלעמענט און דאָס וואָרט קלעפּט זיך ניט צו, שטייט אָפּ. יחזקאל בראָנשטיין איז פון דעם ניט געווען אויסגעהיט. איר טרעפט ביי אים אַזעלכע ווערטער ווי: אָנגעלאָגלט, פאַרשותפט, אויפגעמאָרגנט, אַריינגעוויטאָגט, אַרויספערלען, אויפניגונען, און נאָך אַ סך אַזעלכע אויסדרוקן. קלינגען די ווערטער דערווייל עטוואָס פרעמד. נאָענט און היימיש דערקענגן איז די ראָם אין וועלכער ער האָט די נייע ווערטער אַריינגעפּאַסט. ס'איז דעריבער צו דער־וואַרטן, אַז אַ סך פון זיי וועלן אפשר זיך צופּאַסן און ווערן אייגן. אויף אַזוי פיל וועט ער האָבן דאָס לשון באַרייכערט.

עס איז ניט געמאָלט צו באַהאַנדלען אַ האַלבן יאָרהונדערט פון אַ שרייבער אין אַ באַגרענעצטן אַרטיקל. אונדזער כוונה דאָ איז בלויז צו געבן שטריכן (ניט מער) פון זיינע ראַנגלענישן מיט זיך אַליין — דעם מענטש. אַ קוק אַריין געבן אין „די אויגן פון אַ נשמה", און וואַנדערן מיט אים אַ קורץ שטיקל וועג.

יעדער ליטעראַטור האָט זיך אירע שופטים, אויב ניט איז זי הפקר. און ווייל מיר האָבן ווייניק פון דעם מין שרייבער, וואָס זאָל גלייכצייטיק אויך זיין אַ שומר, אויף אַזוי פיל דאַרפן מיר זיי געבן אונדזער פולן אויפמערק. מיר דאַרפן דערמוטיקן אַ קריטיקער ער זאָל ניט מורא האָבן צו זאָגן דאָס האַרבע וואָרט, אויב נייטיק. ווייל, ניט־זאָגן איז באַקוועמער. פאַרשווייגן איז ערגער, ווי קריטיקירן, ס'פאָדערט זיך דאָ ניט קיין שום אחריות. יחזקאל בראָנשטיין האָט ניט מורא געהאַט פאַר דעם אמת, ער האָט צו מאָל פאַרויסגעשיקט אַ לויבגעזאַנג אויפן חשבון פון אַ בוך, צי אַ באַשטימטן שרייבער. אָבער ער האָט זיך ניט געפוילט אומצוקערן, פאַנאַדערצוגלידערן, אַנאַליזירן און ערשט דערנאָך אָפּצושאַצן. דער „אָן אַדערויף" איז געווען זיין אופן פון שרייבן.

מיר האָבן, דאַ־הי, ניט באַוויזן אָפּצוגעבן יחזקאל בראָנשטיין דעם געהעריקן יישר־כוח, וואָס ער האָט זיך פאַרדינט. האָט ער דאָך פאַר אונדז צונויפגענומען מיט זיינע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען און „מענטשן, וואָס איך האָב געקענט" אַ הונדערט יידישע שרייבערס, דיכטערס, קולטור־טרעגערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס „אונטער איין דאַך".

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז מיר, די לייענערס, האָבן ניט באַוויזן אים אָפּצוגעבן זיין פאַרדינטן שכר. דערקעגן די שרייבערס — אַ דאַנק און לויב צו זיי, — יאָ. עס האָבן געשריבן וועגן אים פון די גרעסטע ביז די צום וויניקסטן אָנגעזעענע שרייבערס פון צוויי דורות: דיכטערס, קריטיקערס, עסעיסטן און זשורנאַליסטן.

עס האָבן געשריבן אַזעלכע דיכטערס, ווי: ג. ב. מינקאָוו, ה. לייוויק, יוסף ראָלניק, ב. לאַפּין, אברהם רייזען, י. י. סיגאַל. עס האָבן געשריבן ישראל ראַבינאָוויטש (רעדאַקטאָר פון „קאַנאַדער אָדלער״), דער לעבע־דיקער, נחמן מייזיל, א. א. ראָבאַק, ש. ניגער, דניאל טשאַרני און נאָך און נאָך (זע דעם לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און די ביבליאָגראַפיע פון יעפים ישורין). מען דאַרף היינט צונויפנעמען און אויסזדרן דעם דאָזיקן ווייטגייענדיקן מאַטעריאַל און ס'וועט זיך באַקומען אַ וויכטיק און ווערטפול בוך וועגן יחזקאל בראָנשטיין. דעם סך־הכּל דאַרף שוין מאַכן יהודית, זיין אַלמנה, צוזאַמען מיט אַ זייער גראַטעגעם זון, אהרן.

* * *

מיט יחזקאל בראָנשטיין און יהודיתן האָב איך זיך באַקענט אָנהייב זמן 43־42, ווען איך בין געשיקט געוואָרן קיין לאָס־אַנדזשעלעס, כּדי דאָ צו לערנען אין אַ שול — אַ יידישע שול, פאַרשטייט זיך. זיי האָבן דעמאָלט געוווינט אין אַ קליין שטיבעלע הינטער אַ גרויס, באַלעבאַטיש הויז, אין „באָיל הייטס״ (אַ באַשטימטע יידישע געגנט אין לאָס־אַנדזשעלעס).

איך געדענק, נאָך ווי היינט, דאָס הילצערנע שטיבעלע: צוויי, דריי טרעפּלעך, אַ גאַניקל, פון ביידע זייטן כּמעט ביי די טריט, האָבן זיך געחנדלט געלע בלימעלעך, וואָס מען רופט „קאַליפאָרניער פּאָפּיס״. אינעווייניק — ריין, ציכטיק. דער דלות פאַרפּוצט; ווייסע פירהענגלעך, אָן אויסגענייט טישטעכל אויפן טיש. אַ וואַזאָנע אין ווינקל, אַ מעקסי־קאַנער טעפּיכל האָט אַרויסגעבלענדט מיט קאָלירן פון שלאָפּצימער, וואָס איז געשטאַנען אָפן. היימיש וואַרעם — גאָלע אידיליע. יהודית האָט גע־שוואַנגערט און פון זיך אַליין געלאַכט: „אַלץ גלוסט זיך מיר...״

שפּעטער איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע; זייער אַ גערעטנס, נאָר אָן אומרו, אַזוי ווי דער טאַטע. ס׳האָט געהאַלטן אין איין בריקען מיט די פּיסלעך. דערנאָך האָט דאָס ייִנגעלע אָנגעהויבן צו רעדן אַ בעסאַראַבער ייִדיש: „מיין טאַטע גייט מיט מיר כאַפּן פיש אויף שאַבעס״.

ניט באַשערט געווען יחזקאלן אויסצולעבן זיין גאַנצע „פרייד פון יצירה״. ער איז נפטר געוואָרן אין אַ הויכפּונקט פון זיין לעבן, ווען פון אַלע עקן וועלט האָבן זיך שרייבערס אָפּגערופן מיט לויב וועגן זיין לעצטן בוך. און קורץ פאַרן טויט האָט אים זיין זון, אהרעלע, אונטער־געטראָגן אַן אייניקל — אויך אַ ייִנגעלע. דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת.

אין זיין לעצט־דערשינענעם בוך, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל אָנזען, געזעגנט ער זיך מיט זיין ברודער, ד״ר מנחם מענדל בראַנשטיין ע״ה, און ער זינגט אַרויס:

„זאָג איך קדיש, איצט, מיין ליבער,
מיט די שוועסטער און די ברידער —
זאָל דיין נאָמען לייכטן תמיד
אין די לידער — אַ נר־תמיד.

אָמן!

ד״ר נחום ניר־ראַפּאַלקעס

אויף דער אחד־העם גאַס נומער 34 איז געשטאַנען אַן אַלט הויז, אפשר פון די ערשטע הייזער אין תל־אביב, מיט ברייטע טיר און פענצטער און אַן אָפּגעקאַלכטער וועראַנדע מיט האַלבע ווענטלעך. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַ יוסטע באַלעבאָסטע מיט אַ ברייט, ווייס פאַרטעך.

אין דעם הויז האָט געוווינט אַ וותיק (אַן אַלטער תושב). און פּונקט ווי דאָס הויז איז געווען אַריינגעוואַקסן אין דער זאַמדיקער ערד מיט אַ טיפן פונדאַמענט, אַזוי איז ער געווען איינגעוואָרצלט אין דער שכונה, אין דער סביבה, אין לאַנד, אַז ניט אָפּצורייסן. דער עולה האָט געהייסן נחום ראַפּאַלקעס, האָט זיך אין ארץ־ישראל אַ נאָמען געגעבן ניר, וואָס אויב מ׳וויל קאָן עס הייסן ניר — ליכט, אַ לאָמפּ, אָדער ניר, דורכבערעכן די ערד, פאַרזייען; דאָס קאָן זיך שוין יעדער איינער אויסטייטשן ווי אים געפעלט. דער עולה איז געקומען אַן אויסשטודירטער אַדוואָקאַט מיטן טיטל ד״ר. ער האָט היינט דעריבער געהייסן ד״ר נחום ניר־ראַפּאַלקעס, שפּעטערדיקער וויצע־פּאַרזיצער פון דער כּנסת פון מדינת־ישראל.

אין דעם באַשיידענעם, קילן הויז האָט ער מיט זיין שיינער פרוי, סאַבינאַ, געכאָוועט צוויי טעכטערלעך. איינס אַ רויטס, אַזוי ווי דער טאַטע, מיט אַ בלייך פּנים און בלאַסע שפּרענקעלעך, נאָר שיינע ווייס־געטאָקטע הענט און פיס, וואָס דער טאַטע אירער האָט ניט פאַרמאָגט. דאָס צווייטע — אַ פאַרברוינט סאַברעלע מיט טונקל בלישטשענדיקע אויגן.

די צוויי קינדער, געררוקט איינס פון צווייטן מיט אַ זעקס־אַכט יאָר, האָבן אויסגעזען און זיינען טאַקע געווען פון צוויי באַזונדערע קאָנטינענטן. דאָס עלטערע איז געבוירן געוואָרן דאָרטן, ווו טאַטע־מאַמע זיינען געבוירן געוואָרן — אין פּוילן. און דאָס סאַברעלע — דאָ נישט ווייט אין אַ צריף, טאַקע צווישן קאַקטוסן.

ד״ר ניר־ראַפּאַלקעס האָט גערעדט מיט זיין „קעניגלעכער״ פרוי פּויליש

(זי האָט געשטאַמט פון אַ רייכער, אַסימילירטער משפחה און האָט בפירוש אויסגעזוען ווי אַ קעניגין), מיט זיינע טעכטערלעך עברית און אַליין האָט ער געשריבן, גערעדט און געקעמפט בלב ונפש, פאַר דער חשיבות, פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידיש.

אַלע טעגלעכע אַרבעטן, ווי גיין יעדן טאָג אין געריכט, אָפּהאַלטן באַראַטונגען און אויסהערן קליענטן, גיין צו פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן וכדומה, האָט ער געטאָן אויס פליכט — אחריות פאַרן ישוב, געשעענישן אין און אַרום ארץ־ישראל. יידישע קולטור־אַרבעט איז ביי אים געווען אַן ענין פון אהבה. דאָ האָט ער זיך אָפּגערוט. ער האָט אַרויסגעגעבן צייטשריפטן אין יידיש און העברעיש, געווען רעדאַקטאָר פון דער באַרימט געוואָרענער וועכנטלעכער צייטונג „ניי־וועלט" און באַזונדערס הנאה געהאַט צו טוליען אַרום זיך יונגע, יידישע שרייבערס: ווי אַ יוסף פּאַפּיערניקאָוו, אברהם ליס, יעקב צבי שאַרגעל, דעם קרעפּטיק אויסגעוואַקסענעם דערציילער ל. חיין־שמעוני, וועלכער האָט דעמאָלט געשריבן אונטערן נאָמען אבא גוטעס, און נאָך. ווער קאָן אויסרעכענען אַלע, וואָס זיינען אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן אויפגעגאַנגען מיט טאַלאַנט און אין די דרייסיקער — זיך געריספּט מיט זייער שאַפן. דאָס איז שוין גראָד געווען אַ זייער ווויל פאַרזייט פעלד אין לאַנד...

ד"ר נחום ניר־ראַפאַלקעס האָט, אַ חוץ זיינע געשעפטלעכע קליענטן, געהאַט נאָך קליענטן, אַזעלכע, וואָס מען טאָר אַפילו איבער די ליפּן ניט ברענגען. דאָס זיינען געווען די סערטיפיקאַטנלאָזע עולים און די, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט זיי, דאָס הייסט, זיי אַריבערברענגען און זיי אַזוי „באַשטאַטן" און איינוויקלען אין ישוב, אַז „דזשאָן בול", דער ענגלישער מאַנדאַטן־מונדיר, זאָל זיי אַרומזוכן עלעהיי אַ קערנדל אין זאַמד.

דערווייל זיינען נירס טעכטערלעך געוואַקסן. די עלטערע האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט די זעלבע פּראָבלעמען וואָס דער פאָטער, נאָר גאָר אויף אַן אַנדערן אופן. זי האָט זיך געמיט איבערצוגעווינען די אַראַבער אַראָפּצוּוואַרפן דעם ענגלישן מאַנדאַט און צוזאַמען אויפשטעלן אַ יידיש־אַראַבישע מדינה. איר גאַנג איז געווען בערך דער זעלבער, ווי דער פון די „נאַראָדאָוואָלצעס". און זי איז ניט געווען די איינציקע, וואָס האָט זיך

פאַרנומען אויף דעם וועג. זי איז בכלל געוואָרן צו פרי זעלבשטענדיק, סיי אין איר טראַכטן, סיי אין אירע האַנדלונגען. זי האָט שוין דעמאָלט, אין די פריע דרייסיקער יאָרן, אָנגעהויבן דעם פּראָצעס פון מחיצת הדורות („דזשענעריישאָן געפּ״) און ווי געטריי טאַטע־מאַמע זאָלן ניט זיין קאָנען זיי זייערע קינדער ניט אונטערטראָגן דעם שכל הישר, אַפילו ניט אויף אַ גאָלדן טעלערל. איבעריק צו זאָגן, אַז זי האָט דערלעבט צו זען „די פּרוכט פון איר אַרבעט״. פּונקט ווי דער פריַערדיקער דור, די „נאַראָדאָ־וואָלצעס״ האָבן עס דערלעבט (ווער עס האָט דערלעבט). למען האמת — זיי זיינען געווען ערלעך צו דער זאַך. זיי האָבן געגלייבט באמונה שלמה, אַז דאָס איז דער וועג צו אויסלייזונג. זיי זיינען ניט געווען קיין מאיר ווילנערס, ניין!

דאָס סאַברעלע, דערקעגן, האָט פון קינדוויַיז אָן געשפּאַנט טריט נאָך טריט אין טאַטנס דרכים. ניט ווייל ס׳האָט געפאָלגט, — נירס קינדער פאָלגן ניט. נאָר ווייל אַזוי האָט זיך איר געלייגט אויפן שכל. קליינערהייט איז דאָס געווען אַזוי צעפּיעשטשעט אַז ווען זי פלעגט זיך אויפכאַפּן אין דער פרי, פלעגט זי רופן דעם אבא, דעם שוין דעמאָלט באַרימטן אַדוואָקאַט און פּאָליטישן פירער, ער זאָל איר דערלאַנגען... די פּאַנטאָפּעלעך. אַליין איז עס געלעגן מיטן פּנים איינגעגראָבן און אַ גלאַנציקער שויבער פון אירע טונקעלע האָר האָט זיך געשפּרייט איבערן שניי־וויַיסן קישן. עס האָט זיך מחיהדיק געפּוילט אויפשטיין גיין אין שול אַריין.

זי איז פון דעסטוועגן אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ פיינע „עורכטע״ — אויסשטודירט אַדוואָקאַטור און האָט אַפילו איבערגעשטיגן דעם פּאָטער דערמיט, וואָס זי איז היינט אָן אָנגעזעענע ריכטערין אין מדינת־ישראל.

* * *

ס׳איז געווען אין יאָר 1935. צום שרייבער און זשורנאַליסטן־פּאַרבאַנד איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז יוסף אָפּאַטאָשו קלייבט זיך קומען קיין ארץ־ישראל אויף אַ וויזיט. איין קלייניקייט, יוסף אָפּאַטאָשו. נחום ניר, אַ גרויסער חסיד פון דעם באַרימטן שרייבער, האָט זיך איינגעעקשנט, אַז דער ערש־טער קבלת־פּנים זאָל פאָרקומען ביי אים אין הויז. מען האָט געעפנט אַלע

טירן און פענצטער אַרום און אַרום, דאָך איז ניט געווען מעגלעך אַלעמען צו פאַרבעטן, פאַרט אַ פּריוואַטע שטוב. נאָר ווער האָט דען געוואַרט אויף אַן איינלאַדונג? דער עולם האָט געשטראָמט. די גאַס איז געוואָרן פול. האָט מען די פאַרבעטענע געסט אַריינגענומען אין שטוב אַריין און די ניט פאַרבעטענע זיינען געבליבן אין דרויסן, געשטאַנען ביי די ווענט, געהאַנגען אויף די פענצטער און געקראָכן אויף די ביימער.

אני הקטנה האָב דווקא יאָ געהאַט די זכיה צו זיין צווישן די פאַר־בעטענע געסט, בין איך אָבער דעמאָלט נאָך יונג געווען (שוין אַזוי פיל יאָרן אין דעם) און האָב אָפּגעטאָן „אַ שטיקל אַרבעט”, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין שום רעכט צו טאָן. דהיינו: כ'האָב בשתיקה מיטגעבראַכט עטלעכע חברטאָרינס און בין צוליב זיי אויך געבליבן הענגען אין דרויסן אויף דער וויטרינע. נאָר ס'האָט גריילעך ניט אויסגעמאַכט. מיר איז, ווייזט אויס, באַשערט געווען אַ באַזונדערע פּאַרציע פאַרגעניגן. דאָ, אויף רחוב אחד־העם, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גרויסער עולם; ס'רוב יוגנטלעכע פון פאַרשיידענעם עלטער און אַפילו קינדער. ס'איז געווען אַ געמיש פון קאָלירן און ווּקס. די מערסטע יוגנטלעכע אין קורצע הויזן און ווייסע העמדלעך אָדער בלוזקעס. זעלטן ווער ס'האָט געטראָגן אַ קליידל און נאָך זעלטענער אַ פּאָר לאַנגע הויזן. שטייט אַ בחורל אויסגעדרייט מיט אַ שמאָל פּלייצעלע, און אַ פּאָר אויסגעקוואָרטע, ביינערדיקע פיס און פרעגט זיך נאָך:

„מה זאת האסיפה?”

„זה קבלת פנים לסופר גדול ביידיש”.

„הוא מהגולה?” — האָט זיך דאָס בחורל אויסגעדרייט מיטן פּנים. דער שרייבער פון די שורות איז נשתומם געוואָרן; דער „יונגערמאַנטשיק” אין קורצע הייזלעך האָט באַוויזן אַ הדרת־פּנים מיט אַ באָרד ביזן גאַרטל און אַ פּאָר פלאַם־פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעפינקלט פון דער ווייסער באָרד און פּאות. דער עולם אַרום האָט זיך לגמרי ניט געחידושט. אַ תימנער ייִד, וואָס איז זיך דאָ צו חידושן?

דער המון האָט אַרומגעקרייזט, די יוגנט האָט געשטיפט און זיך גע־וויצלט ביז מען האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט אַרום אַ גרוזינער מיידל, אַ שיינהייט. זי איז געווען אויסגעפּוצט אין גרוזינישער טראַכט און האָט

זיך דאָ פאַרהאַלטן פּשוט אויס נייגעריקייט. געהערט ריידן, האָט זיך נאָכגעפרעגט:

„מה זה יידיש".

„יידיש! זה זשאַרגאָן", האָט איינער אַ חכם געענטפערט.

„לכו, לכם, נלחם!"

„איני רוצה", האָט זיך נירס מוזינקעלע געפּיעשטשעט. „אני מדברת יידיש והאמא מבינה כל דיבור".

„גם אבא שלי הוא סופר". האָט זלמן זילבערצווייגס ייִנגל געזאָגט אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן.

„באמת, אביך סופר?" האָבן זיך עטלעכע קינדער אַרומגעשטעלט.

„כן, באמת", האָט שוין אַבשלום קורץ און שאַרף געענטפערט.

מיר ווייסן גאָר קיין מאָל ניט ווי אַזוי און מיט וואָס עלטערן זייַנען משפּיע אויף זייערע קינדער. מיט אַ מאָל איז ביי דער חברה יוגנט דאָ אַ סופר געוואָרן אַן „ענין חשוב". אבשלום זילבערצווייג איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פּאַווע, קיינער איז גאָר ניט געווען גלייך צו אים. זיין פאָטער איז ניט נאָר אַ סופר, אַ זשורנאַליסט, נאָר ער איז אויך אַן עורך (רעדאַקטאָר). זלמן זילבערצווייג האָט דעמאָלט געהאַט אַרויסגעגעבן דעם דריטן באַנד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".

פלוצלינג איז געוואָרן אַ געמורמל: הם הולכים; הם באים!

* * *

און אָט גייען זיי די צוויי: דער הויכער, שטאַלטענער סעמיט מיטן ווינט-צעקאַרבטן פּנים, גלייך ער וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעשפּאַנט פון דעם מדבר, און זיין ברודער, ווי פון אַן אַנדערן שבט, דער רויטהאָריקער יונגערמאַנטשיק (אַזוי האָט ער דעמאָלט אויסגעזען) מיטן טיטל דאָקטאָר און שוואַרצן שניפּסל. דאָס האָט ער זיך אַזוי אויסגעפּוצט אין אַ שטייף העמד צוליבן רבי יוסף מאיר ממלאָווע (אָפּאַטאָשוס געבורטשטאָט).

סאַבינאַ, די שיינע סאַבינאַ, האָט ניט געוווּסט וואָס זי דאַרף איצטער טאָן, בעטן זיצן? ס'איז ניט געווען ווו צו שטיין...

„רבותי, חשובע פאַרזאַמלטע, מיר זיינען זיך דאָ צונויפגעקומען

מקבל־פּנים זיין באהבה ובכבוד דעם גרויסן יידישן שרייבער, הסופר יוסף אָפּאַטאָשו״.

מער האָט מען ניט געדאַרפט. די שטוב, ווי די גאַס האָט זיך אויפ־געשטעלט אין איין גרויסער אָוואַציע. יוסף אָפּאַטאָשו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז דער עולם אויף רחוב אחד־העם האָט זיך איינגעשטילט און מען האָט געקאָנט אָנגיין מיטן פייערלעכן סדר־היום.

אברהם רייזען וווינט אין די שלום־עליכם־הייזער

(אַ מעשה פון אַ מאָל)

אויף ניילס פּלייס, אין מערב־בראָנקס, אויף אַ באַרג מיט הויכע טרעפּ אַרויפצוגיין, שטייט אַ מעכטיק פּאַרצווייגטע געביידע מיט אַ רויטן פּאַרריסענעם קאָפּ — דאָס שלום־עליכם־הויז, אָדער בעסער געזאָגט די שלום־עליכם־הייזער.

די דאָזיקע הייזער זיינען אין 1926 געבויט געוואָרן לויט אַ זייער האַפּערדיקן פּלאַן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. פאַרשטייט זיך מיט דער הילף פון אַ באַנק. דאָס הייסט מען פאַרמשכּנט דאָס נאָך ניט אויפגעבויטע הויז צו איינעם וואָס לייגט אויס די געלטער. נאָכן גרויסן קראַך אין 1929 האָבן די קאָאָפּעראַטאָרן ניט געקאָנט נאָכקומען די צאָלונגען, האָבן זיי איינציקווייז פאַרלוירן די איינגעצאָלטע געלטער. זיינען די הייזער פּריער אַריבערגעגאַנגען צו דער באַנק, דערנאָך, אַז די באַנק האָט אויך אָנגעווירן, זיינען די הייזער אַריבערגעגאַנגען צו דער שטאָטישער אַדמיניסטראַציע. האָט זיי די אַדמיניסטראַציע איבערגעגעבן צו אַ פּקיד („רעסיווער" אויף ענגליש). האָט זיי דער פּקיד פאַרקויפט אויף ליציטאַציע ביז זיי זיינען אָנגעקומען צו איינעם אַ בעל־הבית.

פון דעסטוועגן קאָאָפּעראַטיוו איז געבליבן קאָאָפּעראַטיוו. דאָס הייסט די הייזער געהערן טאַקע צו אַ בעל־הבית, נאָר די דעה איבער זיי האָבן די איינוווינערס. דאָס קומט נאַטירלעך דערפון וואָס דער עולם איז אָרגאַניזירט און מען קאָן דיקטירן באַדינגונגען. די איינוווינערס פילן זיך דאָ ווי ביי זיך אין דער היים. און טאָמער זאָל דער בעל־הבית פּרוּוון מאַכן שטיק, איז גלייך אַ ווינסטרייק. דאָס הייסט מען בלייבט טאַקע וווינען, נאָר מען איילט זיך ניט מיטן דירה־געלט. איז גיי־זשע, הויב זיך אָן מיט אַ באַפּעלקערונג פון איבער דריי הונדערט פאַמיליעס, אָן ערך טויזנט

נפשות. מער וואָלט אים ניט געפעלט, דעם בעל־הבית. פאַראַן אַ הויז־קאָמיטעט, וואָס גיט אַכטונג אַז ס'זאָל קיינעם קיין עוולה ניט געשען.

די שלום־עליכם־הייזער זיינען אַ שטעטל אין מיטן גרויסן ניו־יאָרק. און ווי אין אַ שטעטל, איז דאָ היימלעך, טומלדיק, ייִדישלעך אויפן אַמע־קאַנער שטייגער. אָרגאַניזאַציעס פון אַלע שאַטירונגען: לינקע, רעכטע, ציוניסטישע, ייִדישע אַסימילאַטאָרן. די רעכטע האָבן די מערהייט, נאָר די לינקע קומען זיי ביי און ס'איז „פריילעך". שולן פונעם אַרבעטער־רינג, אַ שול פונעם ייִדישן פּראָטערנאַלן פאַלקסאָרדן, אַ קינדער־גאָרטן, פרויען־קלובן, פּאַרטייען, אונטערנעמונגען; קאָרטן, פּליאַטקעס און קול־טורעלע אָוונטן. ס'איז זייער לעבעדיק אין די שלום־עליכם־הייזער, נאָר איין חסרון האָבן זיי: די וואָך האָט דאָ ניט מער ווי זיבן טעג און זיבן נעכט. און איר זאָלט אַפילו געבן אַ מיליאָן, קאָנט איר ניט צוקריגן קיין אַכטן טאָג. קלעקט טאָקע ניט די וואָך אויף אַריינצושטופּן די אַלע אונטערנעמונגען. און כאָטש די רעכטע קערן זיך גאָרניט אָן מיט די לינקע און יעדע פון זיי דאַכט זיך אַז זיי האָבן דעם אמת ביי זיך אין די וועסטל־קעשענע, און יעדע פון זיי האָבן זיך זייערע באַזונדערע אונטערנעמונגען און איינע שמעקן ניט אַריין צו די צווייטע, קומט מען סיי ווי ניט אויס מיט די קאַרגע זיבן אָנגעצלעך אַ וואָך. וואָרעם יעדער ריכטונג האָט צוועלף באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס און אַלע זיינען דאָ פּאַרטראָטן און אַלע ווילן לעבן אין די שלום־עליכם־הייזער.

אין די שלום־עליכם־הייזער וווינט אַ צאָל אָנגעזעענע ייִדישע שריי־בערס, לערערס, געזעלשאַפטלעכע טוערס און סתם אינטעליגענטן. אַחוץ דעם געוועט צווישן די פּאַרטייען גייט אָן אין דער שטיל נאָך אַ געוועט: אַ געוועט אין סנאָביזם. יעדער מעסט זיך די אייגענע גרויסקייט מיטן יאַרד. יעדער איינער איז ביי זיך אין די אויגן גרעסער פונעם צווייטן. וואַרט מען אַז יענער זאָל פריִער אָפּגעבן דעם גוט־מאָרגן. און טאָמער האָט מען זיך דערוואָרבן אַ שטיקעלע נאָמען, קוקט מען שוין אויף יענעם פון דער זייט. נאָר דער יענער שלאָפט אויך ניט, האָט זיך אויך דער־וואָרבן אַ שטיקל נאָמען און מאַכט זיך ניט זעענדיק. די בוכהאַלטעריע פירן די ווייבער און איר מעגט זיך אויף זיי פאַרלאָזן. זיי פאַררעכענען

זיך קיין מאָל ניט אין חשבון, וואָרעם יעדע פון זיי איז זיכער אַז איר מאַן איז דער גרעסטער. דאָס גדלות קריכט איבערן קאָפּ און דער שמייכל איז קאַרג. זיי האָבן אָפּנים פאַרגעסן, די שלום-עליכמניקעס, אין ווענמענס הויז זיי וווינען. ווען שלום-עליכם וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און וואָלט דאָס געזען, וואָלט ער נאָך אַ מאָל אָנגעשריבן אַ קאַסרילעווקע...

גייען מענטשן מיט וואָגיקע טריט און געקנייטשטע שטערנס פון טיפע רעיונות און איינער זעט ניט דעם צווייטן (ווי קאָן ער דען זען אַז מען איז פאַרנומען מיט אַזעלכע טיפע געדאַנקען?) און אין מיטן דעם אויסגעקערטן, אויסגעגלאַנצטן הויף מיט די וויכטיקע מענטשן לויפט גאָר אַן אברהם רייזען. ערגעץ האָט ער אויך אַ דירה אין די דאָזיקע הייזער. ער לויפט אַן מיט צעפּלאָטערטע פּאָלעס, מיט יוגנטלעכן ברען, מיט צע־שפּילטע אויגן. וואָס לויפט ער, אברהם רייזען? גלאַט אַזוי. ער לויפט, ווייל ס'איז אים גוט צו לויפן. (אַזאַ איינדרוק האָסטו). זיין היימישער שמייכל לויפט אים פאָרויס און וואָרעמט אָן די קילע לופט פאַר אים און ס'דאַכט זיך דעמאָלט, אַז דאָס הויכע פּנים פון דעם באַקאַנטן... איז אין אָנבליק פון אברהם רייזען עפּעס נידעריקער געוואָרן. און דער באַרימטער... האָט אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט זיינע אָנגעשטייפטע אַקסלען.

אַז דו ביסט אַן אַריינגייער אין קאָפע ראָיאַל אָדער כאָטש אין מילערס רעסטאָראַן, ווייסטו אַז דער און דער איז ניט קיין פאַרגינער, אַז יענער מיינט ניט וואָס ער רעדט און דער אַנדערער איז ניט קיין אויפריכטיקער. נאָר ווייל איז דעם וואָס איז ניט קיין קאָפעמענטש. זעט מען אברהם רייזען אַזוי ווי איך זע אים און אַזוי ווי איך זע אים איז אים זייער גוט צו זען. זע איך אברהם רייזען אַ הויכן, אַ דינעם, מיט ווינטיקע פּאָלעס און ווייסע צעשויבערטע האָר. מיט אַ בלייכן פּנים און טונקעלע צעלויכ־טענע אויגן, מיט אַ וואָרעמען שמייכל, וואָס לויפט אים פאָרויס. ער וואָרט ניט, לויטן שטייגער פון די שלום-עליכם-הייזער, אַז דו זאָלסט אים אַנטקעגן טראָגן דעם גוט-מאָרגן, נאָר ער האָט אים, דעם גוט-מאָרגן, אָנגעגרייט פאַר דיר אויף די ליפּן און, אַרויסריידנדיק, פילסטו אַז ער האָט אַ שפע פון גוט-מאָרגנס. ער גייט דיך קיין מאָל ניט פאַרביי ניט באַמערקנדיק דיך. און כאָטש ער איילט זיך שטענדיק שטעלט ער זיך

פון דעסטוועגן אַפּ, ער האָט תּמיד פאַר דיר אַ פּאָר מינוט. אַ „פאַר וואָס קומט איר ניט אַרויף?" אַ „וואָס מאַכט איר?" אַ „פאַר וואָס זעט מען אייך ניט?". און טאָמער איילט ער זיך גאָר שטאַרק, וואָרעם דער אויטאָ־בוס וואָס פירט צו דער סאָבוויי האָט דאָך אַ טבע צו אַנטלויפן, וואַרפט ער דיר אַריין אַ פריינדלעך וואָרט אין אויער אַריין. ער לאָזט דיר תּמיד וויסן אַז ער זעט דיך, אַז ער גייט דיך ניט פאַרביי. ער לאָזט עפּעס איבער נאָך זיך אַפילו דעמאָלט ווען ער באַרירט דיך בלויז מיט זיין בליק. ווען דער אויטאָבוס איז שוין טאַקע אַוועקגעפאָרן און אברהם רייזען זיצט שוין אין דער סאָבוויי אָדער ער איז שוין גאָר אויף איסט בראָדוויי, זעסטו אים נאָך און דו פילסט נאָך די וואַרעמע אויסשטראַלונג פון זיינע טונקעלע פייכטע אויגן. דעמאָלט אַז דו נעמסט נאָך אַ מאָל לייענען „געזינט זאָלבע אַכט", האָסטו עפּעס אַ באַזונדער גרויסע הנאה און דו זאָגסט צו זיך אַליין: „יאָ, ס'איז אברהם רייזען."

* * *

טייל מאָל ווען מען קוקט זיך צו צו דער שׂנאה וואָס איז דאָ אין די שלום־עליכם־הייזער פאַרזייט געוואָרן צוזאַמען מיטן גרינס אויף די בייטן, די שׂנאה צווישן רעכטס און לינקס וואָס בליט ווי ווילדע דערנער אין מדבר, פרעגסטו זיך ניט ווילנדיק: וואָס האָבן זיי ,אָט די מענטשן, איינער צו די אַנדערע, אַז ביידע צדדים זיינען בערך פונעם זעלבן קלאַס מענטשן, מיט די זעלבע אינטערעסן, מיט דער זעלבער ייִדישער קולטור, מיטן זעלבן, אין תּוך גענומען, אידעאַל, מיטן זעלבן ייִדיש־אַמעריקאַנער שטייגער לעבן? נאָר דאָס איז אַ פראַגע וואָס די צייט וועט אפשר אַ מאָל אויף איר ענטפערן.

פאַרנאַכט, ווען ס'קומט זיך צונויף דאָס האַרעפּאַשנע פאָלק פון די שעפּער, לאָזט נאָך אַ ביסעלע די אַנגעשטייפּטע אַטמאָספער. אמת, מען שטייט פאַרן הויז קופּקעלעכווייז, — באַזונדער לינקע און רעכטע. אין זעלטענע פאַלן, בלויז ביי אַ שׂמחה אָדער ביי אַ לוויה, ווערט די אַנגע־צויגענע ליניע פאַרווישט אויף אַ ווייל און דעמאָלט ווערט באמת זייער פריילעך (אָדער זייער טרויעריק) אויף ביילס פּלייט; וואָרעם סוף־כּל־סוף ווילט זיך דאָך גלאַט אַזוי זען אַ מענטשן און אויסרעדן מיט אים אַ וואָרט.

מאמרים

אַ פּאַטעטישער טאַנץ

דורות אין ייִדישן אַמעריקע

שׂמחת־תּורה. אַ לויטערער טאָג וויקלט זיך אין האַרבסטיקן בלוי. דער הימל — אומענדלעך, דער גאַנצער מזרח איז באַזוימט מיט שטראַלן. נאָר די ביימער שטייען פּאַרבענקטע: די קרוינען עטוואָס געבויגן, די בלעטער מיניעווען זיך אין בלענד פון קאָלירן. גאָלד טריפט פון די צווייגן און עס בעט זיך אויס אַ פלאַמיק געלעגער צופוסנס פון שטאַם.

ס'איז שׂמחת־תּורה, נאָר ס'דערמאָנט זיך אין קהלת.

ע, ניט שיין אַזוי. ערשט אַרויסגעקומען פון אַן עדה קינדער. איך האָב זיי געלערנט, אַז אַ ייִד דאַרף היינט זיין פריילעך; אַ ייִד האָט זיך מיט וואָס צו פרייען אין דעם טאָג, וואָרעם ווען ניט די תּורה, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געוואָרן פון די בני־ישׂראל.

און די קינדער האָבן געפאָלגט און האָבן זיך געפרייט, אַרומגעגאַנגען מיט דעם מיניאַטור־תּורהלע און זיך געפרייט. געזונגען די תּפילות און תּהילות און זיך געפרייט, ווי נאָר קינדער קאָנען זיך פרייען. נאָר די שול, די שול. —

אַן אַלטער, מאַסיווער בנין האַרט ביי דער הויפּטגאַס. פלאַכע, ווייסע טרעפּ פירן אַרויף צו אַ רחבותדיקן אַריינגאַנג. ביי דער טיר שטייט דער שמש און צאַפּלט זיך איבער יעדער איינעם, וואָס טרעט אַריבער די שוועל. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ קורצער קאַפּאָטע, אַ שוואַרץ קאַפּעלע אויפן קאָפּ און ער שמייכלט מיט אַלע קנייטשן פון זיין פּנים. ער איז אייך גרייט צו דינען מיט אַלץ וואָס איר ווילט: אַ טלית, אַ יאַרמלקע, אַ סידור, אַ מחזור, אַ חומש — וואָס אייער האַרץ גלוסט.

אין שול איז קיל, בין השמשותדיק. צוויי גרויסע זילבער־מנורות ברענען בייביידע זייטן פון בעלעמער. אַ פיר הונדערט אויסגעבעטע שטולן שטייען אין גלייכע סימעטרישע רייען און קוקן אייך אָן. אַ פינף

און צוואַנציק־דרייסיק מענטשן זיצן פאַרלוירענע אין גרויסן רוים, כאָטש דאָ איז אַן אָרטאָדאָקסישע שול, זיצן פּרויען און מענער צוזאַמען. די הנהלה איז, ווייזט אויס, געמאַכט געוואָרן פּשוט אויס נויטוועגדיקייט, וואָרעם ווען מען וואָלט זיך אַזוי גוט צוגעקוקט צום עולם, וואָלט זיך געקאָנט שטעלן די פראַגע, צי זיינען דאָ פאַראַן גענוג מענטשן פון דעם מין, וואָס מען מעג, לויט דער טראַדיציע, מצרף זיין צום מנין...

אויפן בעלעמער טוען זיך דער רבי מיטן חזן דאָס זייעריקע: מען דאַוונט שחרית, מוסף, מען זאָגט קדיש. נאָר דער קדיש קלינגט עפּעס, ווי נאָך זיך אַליין; ניט נאָר נאָך יענע וועלכע האָבן זיך אָפּגעשיידט און זיינען אַוועק אויפן עולם־האמת, נאָר נאָך די, וואָס קלייבן זיך ערשט אין וועג אַריין.

מען עפנט, מיט גרויס כוונה, דעם ארון־קודש און מען נעמט אַרויס דריי ספרי־תורה.

דער חזן מיטן רבי האָבן געפּילט, אַז ס'איז ניטאָ וואוהין און מיט וועמען צו גיין הקפות. ווער וועט נאָכלויפן? ווו זיינען די, וואָס דאַרפן זיך שטופן אונטערן טלית פאַר „כל־הנערים"? האָבן דריי יידן מיטן גבאי בראש גענומען די דריי ספרי־תורה אין די הענט און זיינען, פון איין זייט בעלעמער, אַראָפּגעגאַנגען מיט די פיין־אויסגעבעטע טרעפּ, זיך אויסגעדרייט און גלייך מיט דער צווייטער זייט צוריק אַרויפגעגאַנגען. זיי זיינען געווען פילבאַר גענוג ניט מבייש צו זיין די הייליקייטן און זיי ניט אַרומטראָגן אין דער כמעט ליידיקער שול. בשעת־מעשה האָבן זיך עטלעכע בלייבע הענט געשטרעקט צו די ספרי־תורה, אָנגערירט זיי און צוגעפירט די ביינערדיקע פינגער צו די ליפּן — אַ קוש געטאָן.

איין יידעלע, אַ קליינינקער, אַ דאַרער, איינגעהילט אין אַ גרויסן טלית, ווי אַ קינד, איז געווען דער חתן־בראשית. אויסגעציקלט די ברכות און אָפּגעלייענט די פּרשה מיטן געהעריקן נוסח, האָט ער זיך דערפילט זייער דערהויבן. ער האָט אַרומגעכאַפּט דעם גבאי, בשעת יענער האָט אויפגעהויבן די תורה אין דער הויך, ווי דער מנהג איז, און זיך געלאָזט מיט אים אין אַ טאַנץ.

— צי זעען מיר דאָ אַ סצענע פון דיבוק! — האָב איך געטראַכט —

גיין, דאָס איז ניט קיין פאַרשטעלונג, דאָס איז עכטע, פּאַטעטישע וואָר.

דער גבאי האָט זיך באַמיט אַרויסצודרייען פון יענעמס הענט און געוואָלט אַריינשטעלן די ספר־תורה צוריק אין ארון־קודש אַריין, נאָר דאָס ייִדעלע האָט ניט געלאָזט, ער איז צוגעפאַלן קושן די תורה און זיך צעזונגען מיט אַ וויינענדיק קול:

„אנא יי הושיעה נא

אנא יי הצליחה נא".

די מיט רויטן פּלוש באַקליידטע און מיט גלאַנציקע קנעפּלעך באַשלאָגענע שטולן זיינע געשטאַנען, ווי אַ פּאָלק סאָלדאַטן אויף אינספּעקציע, און האָבן געקוקט מיט רוגזה אויף די קנאָפּע דריי צענדליק מענטשן, וואָס האָבן מיט זייער אָנוועזנהייט צעשטערט די גלייכמעסיקייט פון עטלעכע רייען אין שול.

פון דעם דאָזיקן בילד וואָלט זיך געקאָנט שאַפן דער איינדרוק, אַז די דאָזיקע שול באַשטייט בלויז פון עלטערע מענטשן און פאַרמאָגט אין גאַנצן ניט קיין יוגנט און קיין קינדער. איז דאָס, צום גליק, ניט אַזוי. די שול פאַרמאָגט אַ צוויי הונדערט מיטגלידער: מיט אַ „סיסטערהוד", אַ „יאַנג מענס קלוב", אַ „באָרד אָף דירעקטאָרס", און אַ... תלמוד־תורה פון איבער הונדערט קינדער. וועט איר דאָך פרעגן, ווו־זשע זיינען זיי? אָ, טאַקע דאָ ליגט די טראַגעדיע. דער ענטפער איז „דזשוניאָר קאָנגרעגיישאָן" (עדת הנערים). אַזוי ווי די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע זאָגט אָן, מיטן הארבן וואָרט, אַז מען דאַרף זיין „טשיילד סענטערד", דאָס הייסט מען דאַרף תמיד אַרויסגיין פון שטאַנדפּונקט פונעם קינד. און ווי מיר „וייסן" האָבן קינדער ניט קיין גרויסע נטיה צו פאַרברענגען מיט עלטערע מענטשן (אָלד פאָלקס), האָט מען פּולשטענדיק צעטיילט די דורות. דער עלטערער דור דאַוונט אַליין: אַזוי אַליין, ווי נאָר עלטערע מענטשן קאָנען זיין אַליין. דאָס יונגוואַרג מיט סטודענטן־רבנים און סטודענטן־חזנים האָבן „פאַן" (פאַרגעניגן) באַזונדער צו דאַוונען. אַזוי באַזונדער, אַז מען האָט אַ באַזונדערן בנין מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג, אין גאַנצן פון אַן אַנדערער גאַס, מען זאָל זיך אַפילו ניט באַגעגענען

איינע מיט די אַנדערע. די יונגינקע חזנים און די נאָך יינגערע משוררים טראָגן אונטער די תפילות און באַזונדערס די תהילות אויף אַ העכסט־אַטראַקטיוון אופן. ניטאָ דער ציטער, דער דרך־ארץ, וואָס פאָדערט זיך פאַרן עלטערן דור, די מורא אַרויסצורײדן אַ וואָרט. דאָ זײַנען זיי גלײַכע מיט גלײַכע און דאָס געמיט איז קינדעריש, שפּילעוודיק, עכט. איז דאָך, דאַכט זיך, אַלץ גוט און פֿײַן און ווויל, יאָ? אָבער, לאָמיר זיך אויף איין רגע פֿאָרשטעלן ווען די הונדערט קינדער, אָדער פופציק, אָדער פינף־און־זיבעציק גיבן זיך אַ לאָז־אַרײַן אין דער גרויסער שול צו די הקפות. ווי אַזוי וואָלט שמחת־תורה דאָ דעמאָלט אויסגעזען?

און נאָך איין קשיא שטעלט זיך דאָ אַוועק מיט דער גאַנצער האַרב־קייט: און ווו איז דער מיטלסטער דור? ווו זײַנען טאַטע־מאַמע פון די קינדער, זין און טעכטער פון די עלטערע מענטשן? ימים־נוראים איז דאָ געפּאַקט. ווו זײַנען זיי הײַנט, שמחת־תורה? דער ענטפער איז גע־קומען אַרום צוועלף אַ זייגער. טאַטע־מאַמע זײַנען געגאַנגען אײַנקויפן (שאָפּינג) און איצט זײַנען זיי געקומען אָפּנעמען די קינדער. טאַטע־מאַמע, דאָס זײַנען די דריי־טאָג־אין־יאָר ייִדן. פאַראַן אַ גרויסער שיכט פון דעם טיפּ ייִד אין אַמעריקע.

— —

אַ מאָל איז שמחת־תורה געווען אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער מש־פּחה — קינד און קייט. אַ מאָל זײַנען אייניקלעך געלאָפן איבער אַלע גאַסן מיט די שמחת־תורה־פאָנען אין די הענט.

אַ מאָל האָבן זיך זיסע אייניקלעך געכאָוועט ביי די זיידעס אויף די שויסן, און אוראַלטע מעשהלעך האָבן געצונדן קינדערשע פאַנטאַזיעס גאָר אין לשער. און טאָמער עס טרעפט, אַז דער זיידע איז געווען אַ שטרענגער, אַ בייזער, האָבן באָבעס געהאַלטן גרייט פולע הענט מיט רחמים און ליבשאַפט.

הײַנט זײַנען דאָס ווילד־פרעמדע וועלטן — מזרח און מערב. צי איז דאָס ניט גלײַכער אַזוי? מען מוז דאָך פאָרט צוגעבן, אַז דאָס קינד לעבט זיך בעסער אויס אין זײַן אייגענער וועלט, ניט צווישן דערוואַקסענע, אַפּשיטא שוין צווישן עלטערע מענטשן. געוויס, מען מוז דאָס אָנערקענען.

אָבער, צי איז עס טאַקע נייטיק די אָפּגעזונדערטקייט צו דערפירן ביזן שאַרפסטן, ווייטיקלעכן עקסטרעם? איז טאַקע ניטאָ קיין מיטלוועג?

צי איז די צעטיילונג פון די דורות בלויז ביי יידן אַזוי שאַרף? אָ, ניין. מיר אַלע ווייסן, אַז די זעלבע דערשיינונג זעט מען אויך ביי אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן און ביי אַמעריקאַנער פון אַנדערע גלויבנס. נאָר, ווי האָט געזאָגט משה נאַדיר ז"ל? „אַלע פעלקער זיינען גלייך, נאָר יידן זיינען אַ ביסעלע גלייכער"...

איז דאָס קומען אין קאָנטאַקט מיט מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער ניט קיין וויכטיקער באַשטאַנדטייל פונעם קינדס דערציונג און אַנטוויקלונג? מיר זיינען אָפּטע עדות פון יוגנטלעכע, וועלכע קומען אין באַרירונג מיט מענטשן אויסער זייער עלטער, און זיי פילן זיך אין גאַנצן פאַרלוירן. זיי האָבן ניט קיין דערפאַרונג און קיין שום צוגאַנג צום מענטשן פון רייפערן עלטער. און... משמעות, אַז טאַקע מיר, די עלטערע, האָבן זיי אַזוי געלערנט, און מיר לערנען זיי ווייטער אַזוי; ווייל... ס'איז מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע.

די יונגע טאַטע־מאַמע אין אַמעריקע באַמיִען זיך צו שאַפן נייע, אָדער אויפצולעבן די אַלטע טראַדיציעס פאַרן קינד; פאַרן קינד און ניט פאַר זיך. אַליין איז מען שוין אַרויסגעוואַקסן פון די דאָזיקע שיכלעך. אין אונדזער צייט לעבן זייט ביי זייט פיר דורות. צי דאַרפן מיר זיך ניט פאַרטראַכטן וועגן דער שייכות צווישן די פיר דורות? — ושננתם לבניך ודברת בם...

און מיר, די וועלטלעכע יידן ,וואָס טוען מיר, אָדער וואָס קאָנען מיר טאָן, כדי צו דערהאַלטן די גאַנצקייט און צו שאַפן אַ נאָענטקייט צווישן די לעבעדיקע דורות, אַז זיי זאָלן ניט אין גאַנצן אָפּגעפרעמדט ווערן? דאָס איז אַ קשיא וואָס זוכט אַ דרינגענדיקע תשובה.

אין שעהען פון דערהויבונג

עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס גאָלדע מאיר קומט צו אונדז, קיין לאָס־אַנדזשעלעס אין שליחות פון מדינת ישראל. נאָר דאַכט זיך, אַז אַזעלכע צוויי טעג פון דערהויבונג, ווי מיר האָבן איבערגעלעבט די וואָך, דאַנערשטיק און פרייטיק, אַנהויב נאָוועמבער פאַרלויפן זיך זעלטן אין לעבן.

דער „האָליוווד פּאַלאַדיום" איז געווען געפּאַקט; און מיט אַלע צו־געשטעלטע בענקלעך און צעעפנטע טירן האָבן מער ווי פינף און צוואַנציק הונדערט מענטשן ניט געקאָנט אַריין און צוליב דעם האָט מען דעם אַנדערן טאָג „אימפּראָמט" געמוזט איינאָרדענען אַ הוספה צו דער אסיפה אין גרויסן זאַל פון סטאַטלער האָטעל, — ס'איז געווען געפּאַקט. איבעריק צו זאָגן, אַז ס'איז געווען ווונדערבאַר אָרגאַנזירט און פאַר דעם קומט אַ דאַנק די פרויען־אָרגאַניזאַציעס פון שטאָט. דאָ גייט אָבער ניט אין דעם איבערצייגעבן אַ באַריכט; ס'גייט אין דעם אָפּשאַצן די פּערזענלעכ־קייט פון גאָלדע מאיר. איר שטאַטסמאַנשאַפט, איר רעדע, איר אָפּעל קאָן נאָר פאַרגליכן ווערן מיט דער רעדע, וואָס מאַקסים ליטוויניאָוו האָט גע־האַלטן אין דער פעלקער־ליגע, קורץ פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט אַפּעלירט צו די פירערס פון דער וועלט, אַז מען זאָל זיך באַזינען, מען זאָל עפענען די אויגן און זען, וואָס עס רוקט זיך אָן אויף דער מענטשהייט.

גאָלדע מאיר האָט גערעדט צו אַ ייִדישן עולם. אָבער אין אונדזער צייט פון צייטונג־רעפּאָרטערס, ראַדיאָ, טעלעוויזיע און פאָטאָגראַפן איז ניטאָ קיין פריוואַטע פאַרזאַמלונג. זי האָט דורך דעם דריי און אַ האַלב טויזנט קעפּיקן עולם אַפּעלירט צו די אוג"אָ־פאָרשטייערס פון דער וועלט, צו יעדן ערלעך דענקענדיק מענטשן, ווו, אין וועלכן וועלטטייל זאָל זיך ניט געפינען, צו עפענען די אויגן און זען, וואָס עס קומט באמת פאָר אויפן מיטעלן מזרח. די אויסדרעסירטע און פון אַלעמען באַוווסטע

ליגנס וועלן צו קיין גוטס ניט דערפירן. די אָן שום פּראָוואָקאַציע אַרויס־געשיקטע מיסילס צו זינקען די שיף אילת איז אַ גרויזאַמער אָנזאָג אויף געפערלעכע „עווענטואַליטעטן״.

גאָלדע מאיר האָט אָנגעוויזן, אַז ישראל האָט ביי קיינעם ניט געמאָנט און ביי קיינעם ניט געבעטן קיין נייע טעריטאָריעס. ישראל איז געווען צופרידן צו אַרבעטן, שאַפן און אַנטוויקלען די קליינע מדינה אין די שמאָלע, משונהדיקע צוגעשניטענע גרענעצן, ווי זיי זיינען געווען און זי וואָלט ניט אַריבערגעטראָטן די „שוועל״ פון אירע שכנים, ווען מען וואָלט זי נאָר געלאָזט צורו. אָבער די קאַנאָנען פון די סירישע הויכן זיינען שטענדיק געשטאַנען אָנגעצילט אויף די קיבוצים, אויף דער בליִענדיקער חולה־געגנט, וואָס האָט געקאָסט אַזוי פיל מי און לעבנס כּדי זי צו מאַכן בליִען, אויפן ים־כּנרת, וואָס געפינט זיך פולשטענדיק אין די ראַמען פון די ישראל־גרענעצן, האָט זיך פריער, פאַר דער מלחמה, אויך געפונען אין די ישראל־גרענעצן. און יעדער טאָג לעבן האָט געקאָסט קרבנות. זי האָט שטאַרק געליבט די קיבוצים אויף די געפערלעכע פאַרטיידיקונג־פונקטן. די בראַווע מאַמעס, וואָס געבערן און האָדעווען קינדער מער אונטערערדיש ווי אונטערן פרייען הימל. זי האָט געשילדערט בילד נאָך בילד, געשעעניש נאָך געשעעניש — דאָס האַרץ האָט געפּלאַצט פון ווייטיק און אומרעכט — און געשטעלט די אייביק בויערנדיקע פראַגע: פאַר וואָס? פאַר וועמען און צוליב וואָס אַזוי פיל אומשולדיק בלוט־פאַרגיסונג, ייִדיש און אַראַביש? זי האָט אָנגעוויזן אויף דער געפערלעכער לאַגע, אַזוי ווי זי איז. — די אונ״אָ ברעכט זיך דעם קאָפּ צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי אויסצומיידן דירעקטע אונטערהאַנדלונגען און דאָך איינשטעלן אַ געוויסן, אַפילו זייער אומזיכערן, שטילשטאַנד ביי די גרענעצן, ווען דער אייציקער שלומדיקער וועג איז פּנים־אל־פּנים — זאָל זיין אונטער דער השגחה פון דער אונ״אָ.

* * *

זי האָט אָנגעוויזן אויף דער געפערלעכער לאַגע, אָבער ניט גערעדט אין קיין פאַרצווייפלטן טאָן; אויך ניט אין קיין זיגערישן טאָן. פאַרקערט:

זי האָט אָנגעשלאָגן אַ צוגאַנג פול מיט פאַרגעבונג אין יישוב־הדעת. זי האָט זיך געוואָנדן מיט אַ שלום־אָנבאָט צו אַלע מאַמעס, וואָס ווילן האָדעווען זייערע קינדער באהבה און במנוחה.

אָבער זי האָט מיט אונדז אויך איינגעקנעלט דעם אַלטן שיעור, וואָס רבי הלל האָט מיט אונדז געלערנט נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק: „אם אין אני לי מי לי?" און דער „אני" מיינט אַ געאייניקט פאָלק און געאייניקטע דורות. דאָס, האָט זי אָנגעוויזן, איז אונדז בייגעשטאַנען אין יום־הדין פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה. און לאָמיר דאָס גוט געדענקען...

זי האָט שטאַרק געלויבט די יוגנט פון ישראל — די יוגנט פון אַלע עדות אין מדינת־ישראל, וועלכע האָט אַזוי פרייוויליק אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס פאַר פאָלק און לאַנד. קיין שום אַרמיי אין קיין שום אַנדער לאַנד האָט (פּראָפּאָרציאָנעל) ניט געליטן אַזעלכע גרויסע פאַרלוסטן אין אָפיצירן, ווי צה"ל.

„אחרי!" איז געווען די לאָזונג פון ראשי־צה"ל און זיי זיינען גע־גאַנגען פאָרויס. אַנדערע אַרמייען גיבן באַפעלן צו די סאָלדאַטן: „פאָרויס!" און די אָפיצירן בלייבן פון הינטן. „אחרי!" האָט טייער געקאָסט און דער ראש־צה"ל האָט געצאָלט מיט זיין בלוט.

ס'איז געווען צום באַוואונדערן גאָלדעס באַהאַוונטקייט אין וועלט־ענינים, דער שׂכל־הישר מיט וועלכן זי האָט גערעדט.

ס'איז פון דעסטוועגן כדאַי צו מאַכן אַ שטיקעלע פאַרגלייך: מיר האָבן דאָ, אין אַמעריקע, אין פאַרשידענע צייטן אויפגענומען פאַרשיי־דענע הויכגעשטעלטע פרויען, פאַרשטייערינס פון אַנדערע פעלקער און אַנדערע לענדער. מאַדאַם שאַן־קאַי־שעק, די אינדישע פרימערשע מאַדאַם אינדיראַ גאַנדי און, (צי איז נויטיק צו זאָגן להבדיל?) מאַדאַם נו־דיעם. זיי זיינען דערשינען אויסגעפוצט אין זייד און דימענטן. מאַדאַם שאַן־קאַי־שעק האָט זיך בשעתו באַקלאָגט, אַז עלינאָר רוזוועלט האָט איר ניט צוגעגרייט קיין זיידענע ליילעכער אויף צו שלאָפן אַזוי ווי זי איז גע־וווינט... און דאָ שטייט פאַר אונדז אַ ייִדישע טאָכטער — אַ מאַמע, אַ דערוואַקסענער און דערהויבענער מענטש, וואָס מיט איר דערשיינונג און מיט איר וואָרט צינדט זי אָן הערצער מיט רצון־טוב און בטחון.

צי איז טאַקע ניטאָ קיין פאַרגלייך צו איר? יאָ; געווען. — עלינאָר רוזוועלט. למען האמת — אין אויסזען איז זי ענלעך צו מאַדאַם כרושטשעוו; מיר זאָגן דאָ ניט להבדיל. עס קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז זי איז ניט קיין שׂונא־ישראל. איז דאָס מעגלעך? אפשר יאָ.

ווען אייבראַהאַם לינקאָלן ווערט דערציילט, אַז זיין געטיסבורג־רעדע האָט זיך דערפאַר אַזוי שטאַרק צוגעקלעפּט צום האַרצן פון אַמעריקע, פון דער גאַנצער וועלט, ווייל זי איז געווען „וויטה מאַליס טו נאָן ענד קאָמפּעשן טו אָלל" — מיט שׂנאה צו קיינעם ניט און מיט רחמנות צו אַלעמען. ס'וועט ניט זיין איבערגעטריבן אויב מיר וועלן די ווערטער אָנמעסטן אויף גאָלדע מאיר. ווי אַ מאַמע איז זי געשטאַנען פאַר גאָט און פאַר לייט און געבעטן פאַר אירע קינדער; פאַר ישמעאלס קינדער, און פאַר אַלע גאָטס קינדער אויף דער וועלט.

אויף די פעלדער פון שפע און רחבות

היסטאָרישער רעפּאָרטאַזש

די מעקסיקאַנער מינדערהייט איז געקומען אין די פּאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אויף אַ זייער איינפאַכן אופן: דהיינו? מען האָט זיי איינגענומען צוזאַמען מיט דער טעריטאָריע.

אין 1846 איז „אויסגעבראָכן" אַ מלחמה און אַמעריקע האָט פון איר פּרימיטיווער שכנה, מעקסיקע, אָפּגעריסן אַ העלפט טעריטאָריע. לויט דעם אָפּמאַך (טריטי) אין גוואַדעלופּ, כידאַלגאַ, אין 1848, האָט אַמעריקע צוגענומען ביי מעקסיקע: טעקסאַס, ניו־מעקסיקע, קאָלאָראַדאָ, יוטאַ אַריזאָנאַ, נעוואַדאַ און קאַליפאָרניע. דאָס איז געווען אַמעריקעס דראַנג צום מערב און אויב זי איז פאַרפאַרן אַ היפּש ביסל צפון און דרום איז דאָס שוין אַ טייל פונעם „איבערדראַנג". די טעריטאָריעס זיינען אָפּגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט דער באַפעלקערונג, פאַרשטייט זיך, אַזוי אַרום האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן זיך איינגעשאַפט די מעקסיקאַנער מינדערהייט.

על־פּי־שכל וואָלט די מעקסיקאַנער באַפעלקערונג געדאַרפט זיין צופרידן דערמיט, וואָס זי געפינט זיך אין אַן אַנטוויקלטער און פּראָג־רעסיווער מדינה און האָט אַ סך אַ בעסערע מעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף פּרנסה, ווי אין פּרימיטיוון היימלאַנד, איז אָבער די גרויסע מאַסע מעקסיקאַנער אין משך פון וואָסערע הונדערט־און־צוואַנציק יאָר ניט אינטעגרירט געוואָרן אין דעם רייכן לאַנד און איז געבליבן אַן אונטער־פּריווילעגירטע, קאָמפּאַקטע מינדערהייט.

און פּונקט ווי די ייִדן אין צאַרישן רוסלאַנד ווערן די מעקסיקאַנער דיסקרימינירט, גערודפט, געשלעפּט אין די אימיגראַציע־ביוראָס, געפּאַרשט און געבישטערט, — מיט איין וואָרט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ"...

דער שניט אין מיטן לאַנד, די גרענעץ אין דער מיט פון אַן איינהייטלעכער באַפעלקערונג איז געווען, ממש, ווי אַ שניט אין לייב. גאַנצע משפּחות זיינען איבערגעשניטן געוואָרן אויף צווייען. דאָס איז אַ שניט וואָס האָט זיך ניט פאַרהיילט ביזן היינטיקן טאָג. און ווי אַזוי האָט

זיך דאָס געקאָנט פאַרהיילן, אַז ס'באַקומט זיך: די מאַמע וווינט אין אַמעריקע און די טאָכטער אין מעקסיקע; דער זיידע איז אַ מעקסיקאַנער און דאָס אייניקל אַן אַמעריקאַנער. דאָס ווייב איז פון דער זייט גרענעץ און דער מאַן — פון יענער זייט, און פאַרקערט. מען פאָרט אַהין און צוריק. דער שורש פון פאָלק איז געבליבן איינגעוואָרצלט און אין דער זעלבער ערד, נאָר די ערד גופא איז איבערגעשניטן געוואָרן אויף צווייען. איז גיי דערצייל אַ פאָלק, ווער ס'איז ווער — מעקסיקאַנער צי אַמעריקאַנער? אַז די שפּראַך איז מעקסיקאַניש, די קולטור די זעלבע און די משפחות זייַנען געקניפּט און געבונדן פון ביידע זייטן גרענעץ זינט דור־דור־דורות. ווי דאָס זאָל ניט זיין, דער מעקסיקאַנער פירט ניט אָן קיין קאַמף צו באַפרייען זיין מעקסיקאַנער ערד, ער ווייזט אויך ניט אַרויס דעם מינדסטן פאַרלאַנג זיך אומצוקערן צוריק אין זיין היימלאַנד. ער איז דאָך „מעקסיקאָ". דאָ, אויף דער ערד וויל ער לעבן! דאָ וויל ער האָבן זיין אויסקומעניש און זיין עקזיסטענץ; זיין אויטאָנאָמיע פאַר שפּראַך און קולטור. מען לאָזט אים אָבער גוט צו וויסן, אַז ער איז אַ ניט־געוווּנטשענע מינדערהייט. פון איין זייט, יאָגט מען זיך נאָך זיינע הענט פאַר ביליקער אַרבעט, פון דער צווייטער זייט וואַרפט מען אים אָפּ.

לויטן געזעץ האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט ניט ווייניקער ווי פיר קאַטעגאָריעס מעקסיקאַנער: א) די, וואָס זיינען פון תמיד אָן דאָ געווען, דאָס הייסט, די געבוירענע אין די אויבנדערמאָנטע זיבן שטאַטן, וואָס אַמעריקע האָט אָפּגעשניטן פון מעקסיקע; ב) די, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אויף אַ לעגאַלן אופן און זיך דאָ באַזעצט אויף שטענדיק — צווישן זיי נאַטוראַליזירטע בירגער און ניט קיין בירגער; ג) די, וואָס קומען אַריַין אויף אַרבעט־קאָנטראַקטן — „בראַטעראָס" רופט מען זיי; און ד) די, וואָס קומען אַריין אָן שום באַוואָרעניש. לויט דער שפּראַך־פאָרמולע רופט מען זיי אַזוי: מעקסיקאַן־אַמעריקאַנס, מעקסיקאַן נעשיאָנאַלס, קאָנטראַקט־פאַרם־לייבאַרערס (אַרבעטער), און „וועט־בעקס". אַ „וועט־בעק" (נאַסער רוקן) מיינט אַזאַ איינער, וואָס שווימט אַריבער דעם טייך ריאָ־גראַנדע, וואָס טיילט אָפּ מעקסיקע פון די פאַראייניקטע שטאַטן — דאָס הייסט ער קומט אַריין אין לאַנד אויף אַ ניט־לעגאַלן וועג, ער שוואַרצט די

גרענעץ (צי ווייסן מיר עפּעס וועגן דעם ?). און כאָטש אַריינקומען אין לאַנד קאָן מען דורך דער טריקעניש אויך, איז דער צונאָמען „וועט בעק" געבליבן, ווי אַ סינאָנים צום ניט־לעגאַלן מעקסיקאַנער עמיגראַנט.

נאָר, ווי מען זאָל זיי ניט רופן האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט גרויסע מאַסן — אין די מיליאָנען — אונטער־פּריווילעגירטע אַרבעטמענטשן און קינדער, וואָס לעבן אין אַן אייזערנעם תּחום: תּחום הפּרנסה, תּחום החינוך, תּחום הגעזעלשאַפט, תּחום הקולטור און תּחום השכירות.

דאָס לאַנד, דאָס רייכע לאַנד אַמעריקע, און ספּעציעל די אויבנדער־מאַנטע זיבן שטאַטן, נויטיקט זיך שטענדיק אין ביליקער אַרבעט. און דער מעקסיקאַנער פון ביידע זייטן גרענעץ שטייט גרייט מיט זיינע הענט. אין משך פון איבער אַ יאָרהונדערט האָט אַמעריקע אַנטדעקט און אַנטוויקלט אירע גרויסע נאַטור־אוצרות: גאָלד, זילבער, קופּער, אויל און גאַז. זי האָט אויפגעבויט גיגאַנטישע דאַמבעס און וואַסער־רעזעוואַרן און האָט באַוואָסערט די וויסטעניש. און דאָס אַלץ האָט זי געטאָן מיט מעקסיקאַנער הענט און שוויס. ס׳גייט אַ כּסדרדיקער שטראָם פון מעקסיקאַנער „הענט" אַהין און צוריק. לויט אַן אָפיציעלן באַריכט פונעם אימיגראַציע־דעפּאַרטמענט זיינען אין די אַנהייב זעכציקער יאָרן איבער־געוואָרפן געוואָרן אַהין־און־צוריק אַ מיליאָן מענטשן. מיט מעקסיקאַנער הענט האָט די „לאַקהיד קאָמפּאַני" ניט לאַנג צוריק אויסגעגראָבן קאַנאַלן, דורכגעבראָכן די בערג און געשאַפן טונעלן און ריזיקע וויאַדוקטן, וואָס הויבן אויף טייכן וואַסער איבער די סיעראַ־בערג און לאָזן זיי אַראָפּ אין די טאָלן פונעם דרום און דרום־מערב. זיי אַרבעטן עס אויף די שאָסייען, זיי ליגן עס אין די פאַרשיידענע מינעס, זיי און טיילוויז (אַ קליינער טייל) די נעגערשע באַפעלקערונג וווינען אַרום און אַרבעטן אין די אויל־ראַפינעריעס. אַכציק פּראָצענט אין געווינלעכער צייט און אין און ניינציק פּראָצענט אין באַשטימטע סעזאָנען ווערט די פעלדאַרבעט געטאָן דורך מעקסיקאַנער אַרבעטהענט. די גרויסע ציטרוס־פּלאַנטאַציעס און וויינ־גערטנער איבערן גאַנצן שטח פון דער „ווייטער וועסט" ווערן באַאַרבעט, מיט קליינע אויסנאַמען, פון דער מעקסיקאַנער באַפעלקערונג — הי געבוירענע אָדער איינגעוואַנדערטע. און אויב דער הי געבוירענער לעבט

אין אַ תחום, האָט דער קאָנטראַקט־אַרבעטער און ספּעציעל דער „וועט בעק" אין גאַנצן ניט קיין מושב.

קאַליפאָרניע

רחבותדיק, איבער הונדערטער מײלן, אין דער לענג און אין דער ברייט, ליגן אײנגעבעסט קאַליפאָרניעס טאָלן. און די בערג — זיי שטייען, ווי שומרים סטראַטעגיש צעשטעלט — אין סגלען, אין רייען, אין גרופּעס און באַשיצן. זיי נעמען איבער אויף זייערע פעלדזן אַלע בייזע שטורעמס, זיי צוימען די ווינטן, זיי לאָקן דאָס אויג מיט פאַרכישופטע שנייטורעמס, זיי גלעטן מיט ווייכע וואָסערפאַלן און קוויקן דאָס האַרץ מיט קילע ריטשקעלעך ביז שפּעט אין זומער אַריין.

סאַן־פערנאַנדאָ וועלי (טאָל), סאַן בערנאַרדינאָ, סאַן־גאַבריעל און עפּל־וואַלי; די דאָזיקע הייליקע טאָלן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון ששת־ימי־בראשיתדיקן שלאָף און רעשן מיט גוואַלדיקן בוי: דזשעט־פאַבריקן, שטאָל־גיסערייען, אויטאָמאָביל־פאַבריקן, אַפּאַרטמענט־הײזער, „טייר"־אונטערנעמונגען (גומירעדער), וואָס ציען זיך אויף מײלן. דערלעבן: „שאָפּינג"־צענטערס (קראָמען־צענטראַלעס) און דעפּאַרטמענט־געשעפטן פון די גרעסטע אין לאַנד.

קאַטשעלאַ וואַלי, אַנטעלאָפּ, מאַדעראַ און נאָך אַזעלכע טאָלן קוועלן מיט שפע: מיט מילך און מיט האָניק, מיט זאַפט און מיט פּוטער, מיט סירופּ און מיט אויל, מיט גינגאָלדענע מאַראַנצן און מיט בורשטינענע וויינטרויבן, מיט שאר־יקרות און מיט כל המינים פּרוכטן, פון די קליינע (סידלעס) וויינטרויבן אָן קערלעך ביז דרייסיק־פונטיקע מעלאָנען. די דאָזיקע טאָלן, וואָס קוועלן מיט הצלחה און מיט זעט האָבן ניט קיין שטיקל היים און אָפּט מאָל אויך ניט גענוג ברויט פאַר די, וואָס קומען אַהער מיט זייערע הענט און מיט זייערע קינדער צו באַאַרבעטן די ערד, זי אָנטרינקען און אויסקעמען. די דאָזיקע רחבות — ממש אומענדלעכער רוים — האָט ניט קיין ערד און קיין פּלאַץ פאַר אַ שטיקל מקום־מנוחה צו געבן דעם קאָפּ, וואָס זיצט אויף די אַקסלען פון די „הענט", ווו ער זאָל זיך קאָנען און מעגן באַזעצן און ציען זיין יניקה. די דאָזיקע „הענט"

זיינען אַ סך מאָל אויסגעליענע, געבאָרגטע ביים אָרעמען שכן, מעקסיקע, „מכשירים" אַזעלכע, וואָס מען נוצט אָפּ און מען וואַרפט צוריק.

די ערד וויל מען זאָל זי צערטלען, מען זאָל זי ליב האָבן; מען זאָל זי כּאָווען און סטימולירן. דער מדבר האָט שוין לאַנג געלערנט צו „פאָלגן". גיב אים נאָר וואַסער און ער וועט געבן און געבן: צוויי, דריי און אפילו פיר שניטן אַ יאָר. און די, וואָס האָבן מיט זייער שוואַרצאַרבעט געבויט די דאַמבעס, אויפגעזאַמלט דאָס וואַסער, שטייען אונטער אַ גליענדיקער זון, נעמען אַראָפּ די אוצרות פון די צעפּאַרעטע פעלדער און שיקן זיי אַרויס פאַרן לאַנד צו געניסן. זיי אַליין האָבן גאָרניט. זיי זיינען קינדער פון קיינעמס לאַנד. אימיגראַנטן, „מייגראַנט פאַרם וואָרקערס", נעשיאָנאַלס, „וועט בעקס" — אַ נייער נאָמען פאַר אַלטער קנעכטשאַפט, אַ קנעכשאַפט, וואָס איז ערגער, ווי ביי די אַמאָליקע פּויערים אויף דער צאַרישער ערד. יענע, די „מושיקעס", האָבן געהערט צו דער ערד, וואָס זיי האָבן באַאַרבעט, אויב די ערד האָט ניט געהערט צו זיי. זיי האָבן כאָטש געהאַט די אָרעמע כאַטע, וואָס זיי האָבן גערופן היים. די, דאָ, האָבן דאָס אויך ניט. די פאַרם-קאָנטראַקט-העגט ווערן דאָך אַריינגעלאָזט בלויז אויף דערווייל. דערנאָך ווערן זיי צוריק אויסגעשפּיגן („דיסגאַרדזשד", לויטן פּרעזידענטס קאָמיטעט-באַריכט).

אימפּיריאַל וועלי, סאַן אואַקיס, סאַקראַמענטאָ און נאָך אַזעלכע טאָלן שפּרייטן זיך אויף אַ סך הונדערטער מיילן. די רחבות אַליין האָט זיך דאָ אויסגעלייגט אויף די טאָלן, כּדי די „העגט" זאָלן אַלץ דאַרפן איבער-וואַנדערן פון איין אָרט צום צווייטן; ווו מען זומערט דאָרט ווינטערט מען ניט; ווו מען פאַרזייט דאָרט שניידט מען ניט, נאָר מען שלעפּט זיך מיט די קויטיקע בעבעכעס פון איין אַרבעט-קעמפּ אין צווייטן. ווו-זשע פאַרט וווינען זיי? ווו לייגן זיי אָוועק די אויסגעטריקנטע ביינער נאָך אַ טאָג, ווען די זון האָט שוין אַרויסגעצויגן דאָס לעצטע ביסל זאַפט פון זיי? פאַראַן באַראַקן אַזעלכע, „שעקס" רופט מען זיי. קיינער ווייסט ניט צו וועמען די „שעקס" געהערן. צי צו די גרונטבאַזיצערס צי צו דער פאַרם-ביוראָ (אַ רעגירונג-אָפיס). גרויע ווענט, פיר-שייבלדיקע, קליינע פענצטערלעך. פון אויבן אַ דאַך, ווי אַן אָנגעהייצט שטאָרצל.

בייטאָג ברענט דאָרט אַן די זון ביז 135 גראַד היץ; ביינאַכט קילט דאָס בלעך פון די ווענט און ציט אַן אַ קעלט אין די אויסגעהאָרעוועטע ביינער. ניטאָ קיין סאַניטאַרישע איינריכטונגען, אַ געמיינזאַמער, אָפענער אָפּטריט, אַ קאַרג ביסל וואַסער, אַ שטויביקער דרויסן פאַר דער טיר׳.

די איבערוואַנדערונגען פון איין פּלאַץ צום צווייטן זיינען נאָך ערגער. לויט אַן אויטענטישן באַריכט פון דעם געוועזענעם קאָמענטאַטאָר, עדוואַרד פ. מאָרגאַן, דערמאָנען די דאָזיקע איבערוואַנדערונגען אין דער רוימישער שקלאַפערייַ (זיינע רייד), מיטן איינציקן חילוק: די פאַרם־ארבעטער זיינען ניט געבונדן, ניט געצווונגען. „פרייע" שקלאַפן. זיי טאָרן זיך אַפילו ניט אָפּשטעלן אין אַ שטאָט צו באַפרידיקן די ביאָלאָגישע באַדערפענישן.

וואָס פאַר אַ טרויעריקער דיסאַנאַנס עס זיינען די קויטיקע „שעקס" צו די בליענדיקע פעלדער און שמעקנדיקע גערטנער; וואָס פאַר אַ שרייענדיקער עדות עס זיינען די שטומע ווענט צו דעם נאַקעטן אומרעכט, וואָס שפּילט זיך דאָ אָפּ פאַר אַלעמען אין די אויגן, בפני כל עם ועדה.

די גערעכטיקייט שוויַגט. דאָס געזעץ זעט ניט. אַמעריקע ווייסט ניט. און די דאָזיקע „הענט" איז עס באַשערט צו זיין אַ שטריק אויפן האַלדז פונעם אַמעריקאַנער אַרבעטער בכלל און פונעם פאַרם־אַרבעטער בפרט. ספּעציעל דער „וועט בעק", ער איז דאָך נידעריקער פון גראָז. ניטאָ קיין שום שוץ פאַר זיינעטוועגן, קיין לוינגעזעץ, קיין אחריות פאַר זיין לעבן. אַ סך מאָל, ווערן זיי איבערגעפירט אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זיי דערלעבן ניט אָנצוקומען. און זייער געביין ווערט ערגעץ פאַרפאַלן. ניטאָ קיין רעקאָרד וועגן זייער עקזיסטענץ. אַז בסך־הכּל איז ער דאָך ניטאָ אין לאַנד. אין גאַנצן „ניטאָ". וואָרעם ווען דאָס געזעץ זאָל „וויסן" אַז ער איז דאָ, דאַרף מען אים דאָך, על פּי דיני אימיגראַציע, תּיכּף משלח זיין פון לאַנד, דעפּאָרטירן. איין פּיפּס און מען טרייבט צונויף אַזעלכע „וועט בעקס" ווי בהמות און מיט זיין צוזאַמען „מעקסיקאַן נעשאַנאַלס", און פאַר אַ צוגאָב מעקסיקאַנער הי־געבוירענע. אין צייט פון אַבלאַוועס איז מען ניט בודק ווער ס׳איז ווער — מען פּאַקט זיי צונויף אין פּראַכט־וועגענער און מען שטעלט זיי אַריבער די גרענעץ. דאָס טוט מען אַזוי, ווי, ווער, ווען עס פאַלט איין צו טאָן. ס׳איז גענוג איין ווונק פון אויבן, פון

גוט־באַזיצער („גראָוער" אויף ענגליש) און עס פליען אַבלאָוועס. אַגב, לוינען זיך די דאָזיקע אַבלאָוועס אויסגעצייכנט. וואָרעם די, וואָס ווערן דעפּאָרטירט אַזוי אומגעריכט, פאַרשפּאָרט מען דאָך צו באַצאָלן די פּאַר־דינטע שכירות. די מעקסיקאַנער רעגירונג מאָנט זיך ביי אַמעריקע גרויסע סומעס פאַר ניט באַצאָלטע אַרבעט, פאַר די קאָנטראַקט־פאַרם־אַרבעטער, וועגן די „וועט בעקס" רעדט מען ניט אין אָפיציעלע רעגירונג־קרייזן. זייער קול ווערט פון קיינעם ניט געהערט און זייער גויט פון קיינעם ניט באַשריבן. אַמעריקעס פעלדער זיינען אומענדלעך ברייט, די טאָלן זיינען ברייט, די בערג זיינען הויך. ערגעץ־ווו אין פייף פון אַ באַן אָדער אין סוויסטש פון אַ שעריף גייט פאַרלוירן דער אויסגעשריי פון אַ מענטשן, וואָס ווערט אויסגעכאַפּט, ווי פון אַ רויבפויגל און אָפּגעריסן פון זיינע אייגענע.

אי דאָס, וואָס אויף ביידע זייטן גרענעץ — על סענטראָ, מעקסיקאַלי, קאַלעקסיקאָ, על פּאַסאָ און אַנדערע פּונקטן — געפינען זיך שטענדי־קע ווערביר־סטאַנציעס פון די „גראָוערס", ערד־באַזיצערס, וועלכע רופן דעם מעקסיקאַנער אַרבעטער, זאָגן אים צו גאָלדענע גליקן און דערמוטיקן אים אַריבערצוגיין די גרענעץ, לעגאַל אָדער אומלעגאַל. מען לאָכט זיך אויס דערפון. מען לאַכט אין די פויסטן. וואָס מער אַרבעטער, אַלץ נידעריקער דער לוין — די אַלטע געשיכטע. דאָס שכנישע לאַנד איז אָרעם, ניט אַנטיוועקלט, די נאַטור־אוצרות ליגן באַהאַלטן טיף אונטער דער ערד. די וואַסערן פון די בערג שווימען אַראָפּ צום ים־אויסגוס און גייען פאַרלוירן. דער קאָלאָראַדאָ־ריוועט, וואָס פליסט פון די קאָלאָראַדאָ־בערג אַראָפּ צום מעקסיקאַנער גאָלף (איינגאָס), ביז ער קומט אָן קיין מעקסיקע איז ער שוין געדיכט און געזאַלצן — דאָס וואַסער אויסגענוצט. ניטאָ קיין איריגאַציע, פלאַצן די פעלדער, שמאַכט די ערד, שמאַכט דאָס מעקסיקאַנער פאָלק און דאָ שטייט דער אַמעריקאַנער דאָלאַר און לאָקט. און די נויט איז גרויס, דער דאָרשט נאָך גרעסער, ניט בייצושטיין.

די „קאָנטראַקט פאַרם־הענט", שוין אָפּגערעדט פון די „וועט בעקס" קומען אַליין, דאָס הייסט, אָן די משפחות. זיי זומערן אָדער ווינטערן ביי דער זייט פון סעדער און גערטנער, אָדער אויף ווייסע קאָטן־פעלדער,

אָדער גאָר אַרום אויסגעקאָוועטע „קענעריס״ — קאָנסערוון־פאַבריקן — און די בענקשאַפט נאָך ווייב און קינדער איז גרויס ביז צום עקן זיך. דאָס פון זון אָנגעגליטע בלוט שפּאַרט דורך די שוואַרצאַפּלען. דער קאָפּ איז מיד, דאָס האַרץ איז שווער, דער עלנט איז גרויס און ניטאָ קיין שויס ביי וועמען אַ טרייסט צו געפינען. מערן זיך די שענקען, קומען פאַר פאַרברעכנס, ווייזן זיך פאַרבלאָנדזשעטע שיכּורים ביי די וועגן. כאַפּט זיך אויף דאָס געזעץ, דער „שעריף ווערט אַקטיוו״, נעמט מען זיך צום אַלטן אויסגעפּרוּווטן מיטל: דעפּאָרטאַציע. דרייט זיך אַזוי דאָס אומזיניקע רעדל, ביז ס׳קומט צוריק פון וואַנען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן.

דאָך די „פּריווילעגירטע״, די היגע מעקסיקאַנער אָדער מיגראַנטן־תּושבים, וואַנדערן מיט זייערע משפּחות פון אָרט־צו־אָרט, נאָכיאָגנדיק די סעזאָנען פון פאַרזיי און שניט. זיי קומען מיט ווייב און קינדער אַרבעטן אויף די פעלדער. מיטאָגצייט, ווען די זון שטייט הויך אויפן הימל און בליט מיט פייערדיקע רייפן און יעדער מין באַשעפעניש ציט זיך מיט אַלע חושים צום זוים פון אַ שאָטן, שטייען זיי, די „הענט״ ביי קאָרעטעס לעבלעך וואַסער, עסן פון גרויסע שיסלען בציבור און קושן די קינדער.

דאָ, ווו מענטשן לעבן ווי חיות אין שטויב פון דער ערד, איז דאָס קינד, דאָס שוואַכע אונטערדערנערטע קינד מיט די גרויסן קאַרשן־אויגן, דער איינציקער כּוח, וואָס רופט נאָך אַ מאָל אַרויס אַ שמייכל אויפן צעאַקערטן פּנים. דער מעסיקאַנער איז בטבע אַ בעל־משפּחה, אַ פאַמיליע־מענטש, אַזוי ווי דער ייִד. ער האָט ליב קינדער.

דאָס וואַנדערנדיקע קינד האָט ניט קיין שול, קיין שפּילפּלאַץ, קיין אויפזיכט און אין געוויסע פאַלן אַפילו ניט קיין חבֿרל מיט וועמען זיך צו שפּילן, אַ סך מאָל בלייבט עס אַליין, אין שטוב אָדער אין פעלד און גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך זיינס גלייכן. פּונקט ווי זיין עלטערער קרובֿ אויף דער פּלאַנטאַציע גייט אויס פון בענקשאַפט צו זיין אָרעמער, שטיינערער היים, ערגעץ־ווו אויף אַ בערגל אויף יענער זייט גרענעץ.

גיי דערצייל עמעצן, אַז דאָס גייט שוין אַזוי אָן וואָסערע הונדערט און פינף־און־צוואַנציק־דרייסיק יאָר. גיי דערצייל עמעצן אַז די „וועסט״

און ספּעציעל דער דרום־מערב איז רייך, גאָר אָן אַ שיעור רייך און פעט געוואָרן דורך די דאָזיקע אויבנדערמאָנטע „הענט״. גיי דערצייל עמעצן, אַז אין לאַנד פון דעמקראַטיע, און אַמעריקע איז דאָך פאָרט אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, איז אַ גרויסער טייל פון די מינדערהייטן רעדוצירט געוואָרן צו הענט און גאָרניט מער ווי הענט. אונדזער לאַנד, אנדזער פּראָגרעסיוו און אַנטוויקלט לאַנד גייט אין הלכות־פּאַרמעריי אויף צוריק — רעגרעסיע. אַנשטאָט לאַנדרעפאָרם — לאַנד־אַנזאַמלונג. דער קליינער פּאַרמער, אויף וויפיל ער עקזיסטירט נאָך ערגעץ אין דער מיטלוועסט, וועט איינגעשלונגען אויפן זעלבן אופן, ווי ס׳איז איינגעשלונגען געוורן דאָס קליינע שניט־געשעפט, דער גראָסערי־מאַן, וואָס האָט דורות־לאַנג געצויגן חיונה פון זיין קלייטל.

דאָך: דער טשיקאַנאָ כאַפּט זיך אויף, די קנאַפּע צוויי מיליאָן (לויטן צענזוס פון 1970) מעקסיקאַנער אין קאַליפאָרניע האָבן אָנגעהויבן פאָדערן. פאָדערן וואָס? אַ חלק פון דעם אַמעריקאַנער ווילטאָג („פּראָספּעריטי״) און אייגענע, מעקסיקאַנער שפּראַך־און קולטור־אויטאָנאָמיע. שיער ניט, ווי דער „בונד״ אין פּוילן. זיי פאָדערן נאָך עפּעס: פּולע רעכט זיך צו באַטייליקן אין די וואַלן ניט נאָר אַלס ווייִלערס, נאָר אויך פאָר די פאַרשיידענע אַמטן פון שטאָט און שטאַט. נאָר די שטאַטישע באַפעלקערונג פון מעקסיקאַנער אָפּשטאַם איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. דאָס ריידן מיר בלויז וועגן די פאַרשיידענע מינים. לויט קלאַסיפיקאַציע, פאַרם־אַרבעטער.

די לעצטע צען יאָר איז אויסגעוואַקסן אַ יונגער אַרבעטער־פירער מיטן נאָמען סעזאַר שאַוועז און האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די פאַרם־הענט. דאָס שמעקט מיט גרויס סכנה. ניט איין פאַרזוך אויף זיין לעבן איז שוין געמאַכט געוואָרן. פון דעסטוועגן האָט ער זיך שוין דערוואָרבן גרויס אָנזען ווי אַ פירער און גרויס סימפּאַטיע פאַר דער יוניאָן. קעגן דער יוניאָן שטייט אַ דרייפאַכער כוח: די רעגירונגס־מאַכט, די „גראָוערס״, און די אַריינמישונג פון די טימסטערס. די אומלעגאַלע אַרבעטער זיינען אַ שטיין אין וועג פון דער יוניאָן. צום באַדויערן שטעלן זיי מיט זיך פאַר די קאָנקורענץ פון נידעריקן לוין. און... מען מוז צוגעבן, דעם סטרייקברעכער. ער, דער אומלעגאַלער פאַרם־אַרבעטער, איז נידעריקער

פון גראָז. ער איז ניט אין דער בחינה צו קעמפן. ער געפינט זיך אין אַ קלעם. ניט געקוקט דערויף האָט אָט די שוואַכע יוניאָן צוגעצויגן צו זיך די סימפּאַטיע פון די בעסטע עלעמענטן אין לאַנד. אויך פון די ייִדישע, מיט אומדערוואַרטע אויסנאַמען. בדרך־כּלל שטיצן די פאַרם־אַרבעטער אַזעלכע ייִדישע עלעמענטן, ווי בני־ברית, רעפאָרם טעמפּלען, הילל־קאָונסיל, השומר־הצעיר, דער ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט טראָגט צו אַ וויכטיקע פאַרבינדונג־אַרבעט (פּאַבליק רעליישאָן), עמאַ לאַזאַרוס פרויען־קלובן, מפ״ם אין אַמעריקע און אַנדערע. אָבער... טענהן קאָלעגן שרייבערס און ערנסטע קולטור־טוערס: „וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אונדז? מיר האָבן אַזוי פיל אייגענע דאגות״. און אַ ייִד אַ בן־תורה קנעלט מיט אונדז: מיר דאַרפן זיך אומקערן צוריק צום קליינעם שטעטל, לעבן אָפּגעזונדערט. איז מיר אויסגעקומען צו הערן ביי אַ קאָנפערענץ אַ רעפעראַט פון ד״ר יהודה שאַפּיראָ, פּרעזידענט פון דער פּאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון. ער האָט רעפערירט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין אַמעריקע. צווישן אַנדערן האָט ער אַרויסגעבראַכט. אַז „מיר האָבן אַ היפּש ביסל פאַרשפּעטיקט זיך צו באַקענען און דערנענטערן צו די אַנדערע מינדער־הייטן אין לאַנד, וועלכע הויבן אָן שפּילן אַ וואָס גרעסערע ראָלע אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק״. ער האָט גערעדט וועגן ניו־יאָרק און האָט דערמאָנט די פּאָרטאָריקאַנער (אין לאָס־אַנדזשעלעס זיינען די אָנגעזעענע מינדערהייטן די מעקסיקאַנער און שוואַרצע), וואָס הויבן אָן צו פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין די לאָקאַלע און פעדעראַלע רעגירונג־אַמטן. ער האָט אָנגעוויזן, אַז צוליב אונדזער איזאָלאַציע האָבן מיר ניט קיין השפּעה און געווינען ניט קיין פריינד צווישן זיי. פריינד אין וועלכע מיר וועלן זיך נויטיקן, פריינד וועלכע פעלן אונדז אויס שוין היינט.

ער האָט אַרויסגעבראַכט נאָך אַן ענין, אַ קאַרדינאַלן ענין: צוליב דעם, וואָס מיר שליסן זיך אויס פונעם אַלגעמיינעם לעבן („מיין־סטרים״) טיילט זיך די יוגנט אָפּ פון אונדז. זי, די יוגנט און אַפילו די יונגע דערוואַקסענע לעבן דאָך אין אַמעריקע און מיר שטייען אין אַ זייט. דאָס הייסט: מיר האָבן זיך אַליין אָוועקגעשטעלט אין דרויסן. דערפאַר איז ניטאָ קיין מגע־ומשא. מיר טיילן ניט זייערע דערפאַרונגען און ניט זייערע

אַספּיראַציעס, אַ חוץ זייער קאַריערע, דאָס יאָ. במילא ווייזן זיי ניט אַרויס קיין שום אינטערעס פאַר אונדזערע ספּעציפיש ייִדישע פּראָבלעמען ווי אַ וועלט־פאָלק און ווי ציוניסטן.

ער האָט ווייטער אין אַזוי פיל שיינע ווערטער (אַ פּרעכטיקע שפּראַך), אַנגעוויזן אויף דעם מאַנאָפּאָל פון די אויל־מאַגנאַטן און אויף פּרעזידענט ניקסאָנס גאָלדענע געשעפטן מיט אַמעריקאַנער תּבֿואות וואָס שפּילן אַריין בפרהסיה אין דער הענט פון די גרויסע גרונטבאַזיצערס און די טראָסטן, וועלכע נעמען אַרויס דעם ביסן ברויט פונעם מויל ביי דער אָרעמער, יאָ, ביי די גרויסע מאַסן אָרעמער באַפעלקערונג, וואָס לעבט אויף ברויט, ווייל קיין פליייש קאָנען זיי מער ניט קויפן. און אַ פונט באַנאַנעס קאָסט היינט פינף און צוואַנציק סענט.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט: ווען איינער פון עולם האָט געפּרוווט אַריינברענגען אַ פאָרשלאָג ווי אַ צוגאָב צו אַן אָנגענומענער רעזאָלוציע וועגן פּאָליטישער אַקציע, אַז „די קאָנפערענץ זאָגט זיך אַרויס צו שטיצן די פאַרם־אַרבעטער אין זייער ביטערן קאַמף פאַר אַ יוניאָן, פאַר אַ בעסערן מצבֿ", האָט מען דאָס גלייך צעריבן. פאַר וואָס דווקא דאָס? אַז דער סטרייק קומט פאַר אויף אונדזער גאַס, אונטער אונדזערע נעזער — אין די שפּייז־קראָמען, וווּ מיר קויפן איין, דאָס איז ניט וויכטיק. ד"ר יהודה שאַפּיראָ האָט זיך דווקא אָפּגעשטעלט אויף דעם פאָרשלאָג, ווי אויף אַ פּאָזיטיווער זאַך.

און איצט צוריק צום ענין: אויב אונדז זיינען טייער אונדזערע ייִדישע טראַדיציעס, דאַרפן מיר טייער האַלטן אויך די טראַדיציעס פונעם ייִדישן אַרבעטער. יאָ, עמך־שער־און־אייזן האָט אויך געשאַפן טראַדיציעס; לויט די טראַדיציעס וואָלטן מיר געדאַרפט שטיצן אַזאַ סטרייק, וואָס באַזירט זיך אויף ניט־גוואַלדזאַמקייט („נאָן וויִאָלענס") מיט אַלע מיטלען וואָס שטייען צו אונדזער דיספּאָזיציע. און מיר פאַרמאָגן אַ זייער שטאַרק מיטל, אַ מיטל. וואָס קיינער קאָן אונדז דאָס ניט אַרויסשלאָגן פון די הענט: דאָס ביסעלע קויפקראַפט. ווען מיר וואָלט גענוצט דעם דאָלאַר מיט וועלכן מיר קויפן איין ניט נאָר מיט חשבון, נאָר אויך מיט חשבון־הנפש, וואָלטן מיר זיך געוועןן געקאָנט אויסווירקן אין פאַרשיידענע צייטן מיט אַ סך

מער כּוח, ווי מיר האָבן באַוויזן דאָס צו טאָן; טוען אויך היינט. מיר זיינען אין דער בחינה צו לאָזן פילן מאַכט, יאָ, אונדזער מאַכט, אַפילו אויף די עלטערע יאָרן. מיר קויפן ניט ביי ייִדישע שונאים און מיר קויפן ניט אין קראָמען, וואָס האַנדלען מיט סקעב־פּראָדוקציע, אַפילו ווען מיר זאָלן דאָס קריגן ביליקער. עס איז אָנגעשטאַנען אַזאַ גרויסער ייִדישער פירמע, ווי מאַנישעוויטץ, וועלכע האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין אַ פּאָר־פּסח אַנאָסירט, אַז אירע וויינען ווערן געמאַכט אויסשליסלעך פון אָרגאַניזירטער אַרבעט, מעג עס יעדער ייִדישער באַלעבאָסטע אָנשטיין זיך אויך צו האַלטן דערביי.

בסך הכּל האַנדלט זיך עס אין איצטיקן מאָמענט בלויז אין צוויי אַרטיקלען: גרינצייג, סאַלאָט („לעטאָס״) און וויינטרויבן. נאָר מען דאַרף זיך ניט מאַכן דעם ענין גרינג, עס וועלן צוקומען נאָך אַרטיקלען וואָס מענטשן מיט אַ געוויסן וועלן דאַרפן באָיקאָטירן.

דער קאַמף האָט זיך איצט אויף ס׳ניי צעפלאַקערט. דאָס איז אַ קאַמף אויף יאָרן. דאָס איז אַ קאַמף פון אַן אַרבעטנדיקער, רעכטלאָזער מאַסע, וואָס ראַנגלט זיך קעגן איבערמעכטיקע כּוחות. די מעקסיקאַנער זיינען אין אַ סך אַן ערגערער לאַגע ווי די שוואַרצע. זיי, די שוואַרצע, זיינען כאָטש אַמעריקאַנער און האָבן ניט קיין מורא פאַר דעפּאָרטאַציע. די טשיקאַנאָס, ספּעציעל די פאַרם־אַרבעטער, און מיר רעדן דאָ בלויז וועגן זיי (די שטאָטישע באַפעלקערונג איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך) זיינען אין דער גרויסער מערהייט אימיגראַנטן. און צוליב דו, וואָס מען קאָן, ווען און וועמען עס ווילט זיך, דעפּאָרטירן, פילן זיך שוין די הי געבוירענע, מכּל־שכּן די נאַטוראַליזירטע, אויך ניט זיכער. כּמעט אין יעדער משפּחה איז פאַראַן עמעצער, וועמען מען קאָן דעפּאָרטירן.

קיין שום סטרייק אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז ניט געווען אויף אַזוי פיל אָפּהענגיק פון דער עפנטלעכער מיינונג און סימפּאַטיע, ווי דער סטרייק פון די פאַרם־אַרבעטער. „נאָן וויאָלענס״ („ניט־גוואַלדזאַמקייט״) איז זייער מאָטאָ, באָיקאָט איז זייער מיטל.

די א.פ.ל.־סי.אַי.אָ. סאָלידאַריזירט זיך מיט די פאַרם־אַרבעטער. אָט

די גרויסע יוניאָן־באַוועגונג האָט שוין אַריינגעבראַכט שווערע מיליאָנען צו העלפֿן אָרגאַניזירן די פֿאַרם־אַרבעטער. ס׳איז ווי אַ טראָפּן אין ים. ס׳האַנדלט זיך דאָ אין אַ קאָלאָסאַלן עסק. פֿעלדאַרבעט קאָן ווערן אַן ענין פֿון פּרנסה פֿאַר טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער; אויך אַמעריקאַנער אַרבעטער. ניט נאָר טשיקאַנאָס. די ערד איז גינציק און וואַסער איז שוין היינט פֿאַראַן געבוג אָנצוטרינקען די פֿעלדער. נאָר אַנשטאָט חיונה פֿאַר ערד־אַרבעטער איז דאָס אַמעריקאַנער עשירות, וואָס די ערד גיט אַרויס „רעדוצירט״ געוואָרן צו רווחים, — גוואַלדיקע רווחים פֿון די „גראָוערס״ — אין די שווערער ביליאָנען אָלאָ אויל מאַגנאַטן.

„אַרבעט קומט פֿריער״ האָט געזאָגט קאַרל מאַרקס. „אַרבעט שאַפֿט קאַפּיטאַל״. און דאָ, די פֿאַרם־אַרבעטער קומען ניט פֿריער און ניט שפּעטער מיט זייער פּרנסה. אין די צווישן־סעזאָנען קומען זיי אָן אויף קיצבה, וואָס גוטע מענטשן שיקן אַרויס אין קאַראַוואַנען. פֿאַר „וועלפֿעיר״, וואָס דער שטאַט טיילט אויס צו דער אָרעמער באַפֿעלקערונג האָבן זיי מורא. ווידער די זעלבע מעשה: פֿאַר „וועלפֿעיר״ דאַרף מען זיך דאָך רעגיסטרירן, אָנגעבן וווּ מען וווינט, ווו מען איז געבוירן געוואָרן. הונגערט מען און מען רעגיסטרירט זיך ניט. אַכציק טויזנט קינדער פֿון די מיגראַנטישע פֿאַרם־אַרבעטער קריגן ניט קיין נאָרמאַלע שולבילדונג, אַנדערע האָבן גאָרניט קיין בילדונג. במילא געניסן זיי אויך ניט פֿון די מאָלצייטן וואָס די שול טיילט אויס די אָרעמע קינדער אין די שטעט. ניטאָ קיין שול, — ניטאָ קיין מאָלצייט. דאָס איז ערשט די טעג געמאָלדן געוואָרן דורכן „דעפּאַר־טמענט פֿאַר דערציונג און וווילזיין״ — אָפֿיציעל געמאָלדן. מען שעמט זיך ניט.

יוריספּדיקציע

מען דאַרף וויסן, אַז דאָס איז ניט אַזאַ פּשוטער ענין פֿון אַרבעטער און באַלעבאָס. די פּלאַנטאַטאָרן („גראָוערס״) זיינען אַ קליינער, אָבער מעכטיקער קלאַס. דערצו זיינען דאָ פֿאַרמישט פּאָליטישע געשעענישן, וואָס מיר מוזן בקיצור באַרירן:

די „אַמעריקען פֿעדעריישאָן אָוו לייבאָר״ האָט אין איין צייט אויס־געשלאָסן די טימסטערס יוניאָן (טראָקפּירערס) פֿון אירע רייען פֿאַר

קאָרופּציע. דער פּרעזידענט פון די טימסטערס, דזשימי האָפּאַ, איז פאַראורטיילט געוואָרן צו תּפיסה פאַר מיסברויכן גרויסע יוניאָן־פאָנדן. און ווי דאָס מזל פונעם פאַרם־אַרבעטער האָט עס געוואָלט האָבן, איז ער פאַראורטיילט געוואָרן אונטער דער ממשלה פון ראָבערט קענעדי, דאָס הייסט ווען ראָבערט קענעדי איז געווען הויפּט־פּראָקוראָר פון לאַנד (אַטוירני דזשענעראַל). וואָס ס׳איז שפּעטער געשען מיט ראָבערט קענעדי איז אַלעמען באַקאַנט. און הגם דזשימי האָפּאַ איז באַפרייט געוואָרן דורך פּרעזידענט ניקסאָן, איז די שנאה צווישן בײדע יוניאָנס געבליבן טיף און גרויס. און זי פלאַקערט אויף ביי יעדער געגעבענער סיטואַציע. די „טימסטערס״, וואָס האָבן ניט קיין שייכות מיט פאַרמאַרבעט, האָבן זיך עס היינט געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון די „גראָוערס״. און אָט די מעכטיקע נאַציאָנאַלע יוניאָן פאַרמעסט זיך עס מיט דער שוואַכער פאַרם־אַרבעטער־יוניאָן צו ברעכן איר סטרייק. גלית קעגן דודן. אָבער טאַקע דעם פאַרגלייך האָט זיך דער יונגער טשיקאַנאָ יוניאָן־פירער, סעזאַר שאַוועז, גענומען אין קאָפּ אַריין. פון דאַנען דאַרפן מיר, אויסגעדינטע (רעטייערד) יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן לערנען דעם פשט, פאַר וואָס די פאַרם־יוניאָן נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין דער קאָאָפּעראַציע און גוטן ווילן פון דער עפנטלעכער מיינונג. איז אָבער די מעשה, וואָס די עפנטלעכע מיינונג האָט זייער אָפט אַ נטיה איינצודרעמלען און כאַפּט זיך ערשט אויף ביי אַ סענסאַציע. אָט, למשל, האָט מען מיט אַן אַנדערט־האַלבן יאָר צוריק געפונען 25 פאַרם־אַרבעטער כמעט ווי לעבעדיק באַגראָבן. אָדער עס פּאַסירט, און גאָרניט זעלטן, אַז אַ קינד ווערט שלאָפנדיק אין פעלד, געביסן פון אַ שלאַנג, אָדער גאָר איבערגעפאָרן פון אַ טראַקטאָר. דאָס איז דאָך אַ העכסט „טשיקאַוווע״ זאַך, ניין ? אָדער ווען מען שיסט אַראָפּ עטלעכע אַרבעטער פון די פעלדער און עס קומט פאַר אַ גרויסע לוויה. דעמאָלט קומען צו פאָרן אָנגעזעענע מענטשן (אַזעלכע ווי עטל קענעדי), פּערזענלעכקייטן, רבנים און גלחים, נאָענט און האָליוודער שטערן. דערנאָך שלאָפט זיך די עפנטלעכע מיינונג צוריק איין. אָט דאָ ניט לאַנג צוריק, אין איין קורצער צייט, האָבן זיך צוויי אָמניבוסן מיט מיגראַנטישע פאַרמאַרבעטער איבערגעקערט און אין איין אָמניבוס, אַרום

סאן־דיעגא, זיינען ניינצן מענטשן דערהרגעט געוואָרן, צווישן זיי — דריי קינדער, און אַכציק פאַרוואונדעט. אין אַנדערער באַס אַרום מעקסיקאַלאַ, איז אַרייגעפאָרן אין אַ סלופּ און דרייצן מענטשן זיינען אומגעקומען, ניינצן פאַרוואונדעט. דאָס איז אָפּגעגאַנגען ווי אַ רוטין שטיקל נייעס. ס'איז בלויז געמאָלדן געוואָרן, אַז מען וועט די „אינצידענטן אויספאָרשן".

צי געדענקען מיר נאָך דעם סוועט־שאָפּ, דאָס טרייענגל־פייער, די ערשטע פּרוּוון פון יידישע יוניאָנס — אין 1910, 1912, 1917, 1937 ? אַזעלכע קאַמפן זיינען אַ לאַנג־דויערנדיקער פּראָצעס. ערדאַרבעט אין אַמעריקע קאָן זיין אַ ברכה פון גאָט. אַנשטאָט דעם איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קללה, אַ הונגערלוין, אין אַן ענין פון סכנת־נפשות. די טאָלן פון חלב־ודבש, פון סירופּ און זאַפט, פון פּוטער־און־אייל, פון שפע־און־רחבות זיינען איין גרויסער סוועט־שאָפּ. דעם כּוח דאָס צו ענדערן פאַרמאָגט ניט די יוניאָן, ווי אין אַנדערע פאַלן. דער כּוח ליגט דווקא אין די הענט פון די ברייטסטע שיכטן פון דער אַפילו אָרעמער, באַפעלקערונג, שוין אָפּגערעדט פון דער דורכשניטלעך באַמיטלטער באַפעלקערונג. „די סייף־וועי מאַרקעטס" געפינען זיך דווקא אין די אָרעמע געגנטן און רעכענען אויס אויף קוואַנטום־אָפּזאַץ.

בויערט פון דעסטוועגן די פראַגע פון מיין קאָלעגע שרייבער: „וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אונדז ? מיר האָבן אַזוי פיל אייגענע דאגות". און ער ברענגט מיר אַ פּשט פון שיר השירים: „בני אמי נחרו פי, שמני נטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי". און אַ ייִד אַ למדן קנעלט מיט אונדז, אַז מיר דאַרפן צוריק אָנהויבן לעבן, אַזוי ווי אַ מאָל, אין קליינעם שטעטל — אָפּגעזונדערט. הער איך זיך גוט צו צו דעם און פרעג זיך: צי שליסט דען איינס אויס דאָס אַנדערע ? צי מיינט קומען צו הילף אונדזער שכן אויפגעבן אונדזערע אייגענע, יידישע דאגות ?

1952

רעיונות און זכרונות

שטיל, ווי אַ שאָטן, גייט מיר נאָך מיין טאַטנס זמר
וואָס ער פלעגט מיר ברומען אין די שעהען פון דעמער...

(חיים לייב פוקס)

מיין טאַטע

יום־כּיפּור. אַ טריבער טאָג היינט אין דרויסן. אין שטוב הענגט אַזאַ לויטערער טרויער. טרערן פליסן פון מיינע אויגן אויף די הענט אַראָפּ. איך וויש זיי ניט אָפּ ,די טרערן, אַ שאָד, אַזעלכע ריינע, דורכזיכטיקע טרערן — גאָלע בריליאַנטן. זיץ איך זיך אַזוי אין זיסער מנוחה און טראַכט: ניט באַשערט געווען, און אפשר גאָר, ניט ווערט געווען צו דאַווענען היינט אין אַ שול מיט אַן עדה יידן און הערן, ווי דער חזן צעגיסט זיך אין תּפילה. וואָס דאַרף אַ שטייגער אַ יידענע, ווי איך, אַ וועלטלעכער מענטש, פלוצלינג גיין אין שול אַריין? בין איך זיך מודה, אַז ס׳איז גאָרניט אַזוי פלוצלינג. כ׳האָב אַלע מאָל געהאַט אַ נטיה זיך אַריינצוכאַפּן אין אַ בית־הכּנסת ובפרט ימים־נוראים. איך פרעג זיך אַליין: „ביסט רעליגיעז?" איך ווייס ניט. דעם ריכטיקן ענטפער האָט מיר אַ מאָל געגעבן, דורכן טעלעפאָן, מיין חברטאָרין, רבקה, וועלכע האָט אויך אַזאַ נייגונג; — „ניט אַזוי, ווייל איך בין פרום", — זאָגט זי, — „נאָר, ווייל איך האָב עס ליב". — דעמאָלט האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האָב עס ליב. די ליבשאַפט צום בית־המדרש, צו דער שול האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך מיט מיין מאַמעס מילך. מיין טאַטע, ר׳ פייביש לייב, איז געווען אַ בעל־תּפילה און אויך בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט עס ליב געהאַט. קיין נאָטן האָט מיין טאַטע ניט געקאָנט און ס׳האָט אים ניט אויסגעפעלט, ס׳האָט קיינעם ניט אויסגעפעלט. דערפאַר אָבער האָט ער געקאָנט דאָס גאַנצע דאַווענען אויף אויסנווייניק און איז תּמיד גרייט געווען צו דינען.

געווען ביי אונדז געזינגענע ניגונים, וואָס אַלע האָבן זיי געקאָנט און קיינער האָט ניט געוווּסט פון וואַנען זיי שטאַמען, ווער עס האָט זיי אויסגעלערנט און אַהערגעבראַכט אין אונדזערע מקומות, נאָר זיי זיינען געווען גאָלע מתיקות.

תיכף נאָך תשעה־באב האָט ער זיך גענומען גרייטן, מיין טאַטע. מיך, מיט מיין עלטערן ברודער, פנחס, האָט ער אָפּגעריסן פון שפּיל, און אַ מאָל אונדז אַפילו אַרויסגענומען מיט אַ שעה פריִער פון חדר און געמאַכט פון אונדז משוררים. ווי אַזוי ער האָט עס געוואַגט אַריינצוברענגען אַ מיידל צווישן אַלע מאַנסבילן, דאָס שטעל איך זיך היינט ניט פאָר. נאָר צי בין איך דען געווען אַ מיידל? כ׳בין געווען עפּעס אַ קליינס, אַ פּאָר־דאַרטס. מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן און אַ קלינגענדיק קולכל.

מיין טאַטע איז געווען אַ תהילים־ייִד, וואָס ביי אונדז אין קליינעם שטעטל (ס׳איז גאָר ניט געווען קיין שטעטל, נאָר אַ העק פאַרשטופּט ערגעץ אין אַ ווינקל צווישן באַרג און טאָל, העט, העט הינטער טשער־נאָוויץ), האָט עס געהייסן ניט קיין גרויסער למדן. דערפאַר אָבער, פלעגט ער אויסציקלען אַ יהי־רצון, אַז ס׳איז זיך צעגאַנגען אין יעדן אבר. ביי אונדז אין דאָרף איז ניט געווען קיין ספּעציעלער בעל־קורא. יעדער „עם־הארץ" האָט געקאָנט לייענען די תורה.

מיין טאַטע האָט תמיד געקראָגן אַ „שיינע" עליה, שישי, מפטיר. דאָס איז געווען זיין זכות פאַר זיין דאַווענען מיט אַזאַ הייסער כוונה, וואָס האָט אַלעמען אָנגעהויכט מיט יראת־שמים, אַפילו די ווייבערישע זייט (ניט געווען קיין ספּעציעלע ווייבערישע שול).

די חיים סאָלאָמאָן־סינאַגאָגע אין מאַר־וויסטאַ

„פאָלג מיך אַ גאַנג און זאָם זיך ניט" — אַזאַ ווערטל איז ביי אונדז אַרומגעגאַנגען, ווען מען האָט געוואָלט אויסדריקן אַ פּאַראַדאָקס. דאָס איז חל אויף אויף מיין אָנקומען ווי אַ לערערין אין דער תלמוד־תורה פון דער חיים סאָלאָמאָן־שול אין מאַר־וויסטאַ. עמעצן וואָלט זיך געקאָנט אויסדאַכטן: פון אַ פּראָגרעסיווער, וועלטלעכער, ייִדישער קינדערשול אין „באַיל הייטס" אין האַרץ פון דער ייִדישער געגנט אין לאָס־אַנדזשע־

לעס, ביז אַ מאָדערנער תּלמוד־תּורה אין אַ גויִשער געגנט, מאַר־וויסטאַ, איז אַ געוואַלדיקער שפּרונג. יאָ, אפשר פאַר אַנדערע לערערס וואָלט דאָס טאַקע געווען אַ מהלך, אָבער ניט פאַר מיר. מיינע קינדער־יאָרן זיינען מיר בייגעשטאַנען. איך בין אַריין אין דער, וואָס מען האָט אָנגערופן „היברו סקול", ווי אַ פיש אין וואַסער. דאָס איינציקע וואָס האָט מיר געשטערט איז געווען דאָס, וואָס די סינאַגאָגע איז געשטאַנען נעבן אַ קלויסטער, בנין אין אַ בנין. פּונקט דעמאָלט, ווען מיר האָבן געעפנט די ספרים און געוואָלט נעמען אַ וואָרט אין מויל אַריין, האָט זיך דער קלויסטערגלאָק צעקלונגען.

ייִדיש אַלס שפּראַך האָט מען דאָרט ניט געלערנט, בלויז אַן עלעמענטאַרן עברית. אָבער דאַווענען, די פּרשה פון דער וואָך, געשיכטע, סיי כראָנאָלאָגיש, סיי לויטן ייִדישן לוח — דאָס הייסט די יום־טובים — דאָס האָבן מיר שוין גאָר געלערנט. אויפן חינוך האָט דער ראַבאַי געהאַלטן אַ שטרענג אויג. נו און געזאַנג? לידער האָבן מיר געלערנט פאַר „פאַן", פאַר פאַרגעניגן הייסט עס. ניט געווען קיין ספּעציעלער געזאַנג־לערער (אין די ייִדישע שולן איז יאָ געווען).

אונדזער ראַבאַי און פּרינציפּאַל פלעגט זיך אָפּט אָפּשטעלן ביי דער טיר פון אַ קלאַסצימער און זיך אונטערהערן וואָס ס'טוט זיך עפּעס דאָרטן אינעווייניק: ווי אַזוי מען לערנט, ווי אַזוי די קינדער האַלטן זיך, די דיסציפּלין און די שטימונג אין קלאַס. אַריינגיין, וואָלט געמיינט שטערן, איבעררייסן. געדענק איך, ווי ער האָט מיך איין מאָל געכאַפּט — נאָכן אָפּזינגען, מיט גוסט, „אֵין כּאלוהינו", ביי אַ ייִדיש ליד (און דאָס איז אויך ווייל איך האָב עס ליב).

„האָב איך געהאַט אַ פייגעלע —
אַ פייגעלע גאָר פיין.
האָט דאָס פייגעלע פאַרלאָזן מיך
געלאָזן מיך אַליין.
ווּ ביסטו, האַרציק פייגעלע, ווּ זינגסטו דיין געזאַנג.
צי ווייסטו האַרציק פייגעלע, דער האַרבסט, ער ציט זיך לאַנג?"

דאָס לידעלע האָט אַזאַ זיסע, האַרציקע מעלאָדיע, אַז ס'האָט דעם ראַבאַי, ווייזט אויס, אויך גערירט. ער האָט שטיל געעפנט די טיר און איז אַריינגעקומען. מיר זיינען שטיל געבליבן. איך האָב זיך גערוכט אויף אַן איבעררייד. נאָר ניין. דער ראַבאַי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך גלייך אַרויסגערוקט. — מילא — האָט ער זיך, ווייזט אויס, געטראַכט — אַז די קינדער (מערסטנס יינגלעך צווישן צען און צוועלף יאָר) האָבן הנאה דערפון, זאָלן זיי!

נאָר איין מאָל — פאַר פורים איז דאָס געווען — האָב איך געפרוווט אויסלערנען די קינדער דאָס יידישע פאָלקסליד „האָפּ מיינע המן־טאַשן", האָט ער מיר יאָ אויסגערעדט: „כאַפּט ניט איבער די מאָס..."

פאַר די קינדער האָט לגמרי ניט אויסגעמאַכט צי ס'איז יידיש, צי עברית. זיי קאָנעןביידע שפּראַכן ניט. איז וואָס איז זיי דער חילוק? ביי אונדז, חדר־קינדער האָט עפּעס אויסגעמאַכט צי ס'איז אַראַמיש צי העברעיִש? ס'איז געווען איין לשון־קודש. נאָר דאָס לידל „יאַכנע דוואָשע" האָבן זיי ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען. די מעלאָדיע, דעם ריטם — יאָ. אָבער די ווערטער — באַין אופן... אָבער מיר האָבן דאָך פאַרט געוואָלט האָבן „פאַן", האָבן מיר אויסגעלערנט עטלעכע שורות פון מגילת־אסתּר אויף אויסנווייניק און מיטן טראָפּ — אַ פאַרשאַרפטן טראָפּ:

— ויהי בימי אחשורוש —

הוא, אחשורוש,
המולך מהודו
ועד כּוּשׁשׁשׁ. —

איך האָב די קינדער ניט אויסגעטייטשט דעם צווייַדייטיקן מיין פונעם וואָרט כּוש (קוש). ס'איז געווען שטיפעריש גענוג אָן אַן אויסטייטש.

אונדזער ראַבאַי

ראַבאַי בן־ציון כּוהן איז געקומען, ווייזט אויס, ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט פון אַ גרויסער ישיבה אין שיקאַגע מיט סמיכה און אַ בי.אַי, „ביטשלאָרס דעגרי", פונעם נאָרד־וועסטערן אוניווערסיטעט. ער איז געווען

אַ יונגער־מאַן מיט אַלע מעלות: אַ הויכער, אַ שיינער, מיט אַ ברוינלעך פּנים און שוואַרצע, לאַכנדיקע אויגן, ווי אַ חדר־ייִנגל און אַ חן־גריבעלע אויף דער גאָמבע. ער האָט גערעדט פריי ייִדיש. כאָטש דאָס האָט ער ניט אָנגעגעבן אין זיינע קרעדיטן איז עס אים צו נוץ געקומען. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער פּאָסיקסטער ראַבאַי פאַר דער נאָר וואָס געגרינדעטער קהילה, אַחוץ, וואָס ער איז געווען איבערגעטריבן פרום. אמת פרום. געוווינט האָט ער דערוויל, מיט זיין קליין ווייבעלע און דריי פּיצלעך קינדער אין אַ דירה ערגעץ ווו אין לאָס־אַנדזשעלעס. פרייטיק נאָכמיטאָג האָט ער זיך איינגעפּאַקט זיין נייעם, גרויסן טלית, דעם קיטל, די שבתדיקע ווייסע יאַרמולקע און האָט זיך אַריבערגעפּעקלט אין שול אַריין, ווו ער האָט געהאַט אַ צימערל — פיר איילן די גרויס — און דאָרטן שבת געהאַלטן. וואָרעם פאָרן אַהין און צוריק, מחלל שבת זיין?...

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג האָט ער, פאַרשטייט זיך, געלערנט תורה. ערשט העט, העט אין אָונט, ווען אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן דריי שטערן, האָט ער איינער אַליין געדאַוונט פאַרן עמוד מעריב, געמאַכט הבדלה און איז אַהיימגעפאָרן. אַיי דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ווייב און קינדער אין אַ פרעמדער שטאָט, איבער גאַנץ שבת, אַליין — דאָס האָט זיך ניט גערעכנט. האָבן דאָך די פרומע חסידים, וועלכע פלעגן פאָרן צום רבין אויף שבת, אויך אַזוי געטאָן און קיינער האָט ניט גע־פרעגט קיין שאלות. און אונדזערע מאָדערנע ייִדישע שרייבערס, וועלכע גלאָריפיצירן היינט אַזוי שטאַרק די חסידים, האָבן אויך קיין מאָל ניט אַוועקגעשטעלט אַזאַ פראַגע: ס׳טייטש: ווייב און קינדער? דאָ ווערט דאָך באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן זיי? נאָר אני הקטנה, דערוועג זיך און פרעג יאָ. און אויב איך פרעג ניט ביי די רביים און חסידים, פרעג איך עס ביי אונדזערע מאָדערנע ייִדישע שרייבערס: דאָס אַוועק־פאָרן אויף גאַנץ שבת צום רבין איז דאָך ניט געווען קיין דין; ס׳איז געווען אַ ניט געבאָטענער מנהג. ווען ייִדן זיינען עולה רגל געווען צום בית־המקדש, האָבן זיי מיטגענומען ווייב און קינד און אַפילו די ציג, זי זאָל געבן מילך פאַר די קינדער.

די באַלעבאַטים האָבן געלעקט די פינגער פון זייער גערעאַטענעם ראַבאַי. זיינע דרשות האָבן אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער געגנט (מאַר־וויסטאַ, קאַלווער סיטי און וועניס). דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען אַ צייט. די יונגע קהילה איז מצליח געווען: צוגעקראָגן נייע מיטגלידער, קינדער אין דער תּלמוד־תּורה און מיט דער צייט אויסגעבויט אַ שיינע, גרויסע סינאַגאָגע. אַפילו אָפּגעקויפט אַ קליין הייזעלע פאַרן ראַבאַי מיט זיין הויזגעזינד, ער זאָל ניט דאַרפן אָפּהאַלטן שבת, ווי אַ נזיר, רחמנא־לצלן.

די אידיליע האָט אַזוי געקאָנט אָנגיין גאָט ווייסט, ווי לאַנג, אונדזער ראַבאַי וואָלט זיך דאָרט געקאָנט אויסלעבן זיין רבנישע קאַריערע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. האָט ער אָבער געהאַט, צו אַלע זיינע גרויסע מעלות, איין קליינעם חסרון. דהיינו? ער האָט ליב געהאַט אַ סך צו דאַוונען. ווען ער האָט זיך דערזען ביים עמוד, איז געווען ניט אָפּ־צורייסן אים: נאָך אַ פּסוק און נאָך אַ פּשט און נאָך אַ דרשה...

די קהילה, דווקא אַ ווילער עלעמענט מיטלקלאַס־מענטשן — קרע־מערס, אויפזעערס, פּראָפעסיאָנאַלן, פּאַכלייט — האָבן זיך געביסן די ליפּן. כאָטש זיי זיינען געווען זייער צופרידן מיט דער סינאַגאָגע, געקומען יעדן שבת דאַוונען, יום־טובים, געפּראַוועט בר־מצוות, חתונות. זיי האָבן דערפילט, אַז זיי זיינען יִדן אין דער גויִישער געגנט. דער פאַקט אַליין, וואָס זיי האָט אויסגעפּעלט אַ שול רעדט פאַר זיך. נאָר פּרנסה איז פּרנסה. פרייטיק, שבת און מאָנטיק (ניט זונטיק) איז ביז היינטיקן טאָג, אַ ניט אָפּיציעלער יריד, אין קאַלווער „שאָפּינג סענטער". מען האַלט אָפן די אָפיסעס, די געשעפטן. דעריבער איז פרייטיק אָוונט ניט געווען קיין „סערוויסעס" — קיין קבלת־שבת — דאָס הייסט מען האָט ניט געדאַוונט. ניט געווען קיין מנין. דערפאַר האָט זיך דער ראַבאַי געוואָלט אָפּנעמען זיינס און האָט אַריינגעדאַוונט שבת אין דער פרי ביז העט, העט אין נאָכמיטאָג אַריין. האָט מען אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט אים, געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז אויב זיי וועלן דעם שבתדיקן טאָג ניט מאַכן קיין געשעפטן, וועלן זיי ניט קאָנען אויסהאַלטן די שול. מען האָט אַפילו געוואָרנט, אַז דער ענין קאָסט זיי צו טייער. ניט חלילה זיינע שׂכירות,

נאָר די צייט. ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז עס זיינען אָפּגעלאָפן די פינף יאָר פון זיין קאָנטראַקט און זיי האָבן אים, דעם קאָנטראַקט, ניט געוואָלט באַנייען.

דער צער פון אַ ראַבאַי ביים פאַרלירן זיין פּאָזיציע איז גאָרניט צום באַשרייבן. אונדזער ראַבאַי איז געוואָרן שוואַרץ, ווי קויל. ער האָט בײַ זיך אַליין אָנגעווירן דאָס פּנים. דערצו איז ער שוין איצט געווען אַ מטופּל מיט זעקס קינדער — איינס קלענער פונעם אַנדערן. אמת, פאַראַן דאָ הי אַ ועד־הרבנים, וואָס שפּילט אַ גרויסע ראָלע, פאַרנעמט זיך מיט וויכטיקע קהילה קדושה־ענינים. אָבער קיין שטעלעס טיילן זיי ניט אויס, ס'איז ניט קיין יוניאָן. פון דאַנעט נעמט זיך, וואָס אַזוי פיל רבנים בויען זיך אויף קליינע, פּריוואַטע שולעכלעך און מאַכן שבת יעדער איינער פאַר זיך. ראַבאַי בן ציון כּוהן האָט דאָס ניט געוואָלט. צי אויף דעם האָט ער געקראָגן סמיכה מיט אַזעלכע גרויסע רעקאָמענדאַציעס און „סקאָלאַרשיפּ" אין אוניווערסיטעט ער זאָל זיך היינט מאַכן אַ ווינקל־שול? אחוץ דעם מאַטעריעלן מצב האָט זיין אייגן־ווערדע געליטן שיער ניט אַ פּאַטאָלן קלאַפּ.

נאָך אַ יאָר אָן אַ פּאָזיציע האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין שיקאַגע. דאָרטן, ווי מיר האָבן געהערט, האָט ער געעפנט אַ היים פאַר עלטערע מענטשן. ער האָט שוין היינט פּרנסה ברווח נאָר זיין האַרץ גייט אויס נאָכן עמוד.

* * *

חיים סאָלאָמאָן־טעמפּל ביז „טעמפּל בית־תּורה"

דורך די יאָרן, וואָס איך האָב געלערנט אין דער חיים סאָלאָמאָן תּלמוד־תּורה האָב איך איבערגעלעבט דריי רבנים. ניט חלילה ווייל זיי זיינען נטפּר געוואָרן, ניין, נאָר ווייל די שול האָט געביטן איר פּנים. דער נאָמען חיים סאָלאָמאָן האָט אונדזערע אָרויפגעאַרבעטע באַלעבאַטים אויפגעהערט צו געפעלן. אַ צו וואָכעדיקער נאָמען און דערצו נאָך אַ רעוואָלוציאָנערער נאָמען (חיים סאָלאָמאָן איז באַרימט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פון 1775—76 און ניט ווי אַ ראַבאַי, נאָר ווי

אַ סוחר, וועלכער האָט דורך זיינע טראַנזאַקציעס פינאַנציעל געדינט דער רעוואָלוציע). צי אויף דעם האָבן זיי זיך אַרויסגעקליבן פון באַיל הייטס" ווו ס'האָט געשמעקט מיט וועלטלעכקייט, יוניאָנס און רעוואָלוציע? זיי ווילן דאָס מער ניט. זיי ווילן זיין מיט לייטן גלייך. האָבן זיי אַנגאַזשירט אַ נייעם ראַבאַי, אַ ספרדי (אַז בייטן, זאָל זיין געביטן), געמאַכט פון דער אָרטאָדאָקסישער שול אַ קאָנסערוואַטיוון טעמפּל. זיי האָבן זיך אָבער ווידער אָפּגענאַרט, דער נייער ראַבאַי איז געווען אַ שטילער מענטש, האָט ניט געליאַרעמט אַרום זיך און האָט זיך בכלל ניט אויסגעטויגט צו די אשכּנזישע מנהגים. זיינע דרשות האָבן ניט אָפּגעקלונגען אַזוי ווי ראַבאַי כּוהנס דרשות. איז די קהילה ווייטער ניט געווען צופרידן. אָבער אויף זייער מזל האָט זיך פאַרמאַכט אַן אַלטע, איינגעפונדעוועטע סינאַגאָגע אויף ניו-העמשייר סטריט אין לאָס-אַנדזשעלעס. האָבן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַנגאַזשירט יענעם ראַבאַי. אַ מאָדערנער מענטש מיט שטאָטישן פּרעסטיזש — אַ נאָמען. האָבן זיי ווידער געביטן און געמאַכט פון דעם קאָסערוואַטיוון טעמפּל אַ רעפאָרם-טעמפּל מיטן נאָמען „טעמפּל בית-תורה".

דער ראַבאַי איז באמת געווען אַ העכסט פּראָגרעסיווער מענטש. ער האָט זיך גלייך באַפריינדט מיטן גלח פון דער דערבייִיקער קירך. דער גלאָק האָט אויפגעהערט צו קלינגען אום שבת און ביידע — דער ראַבאַי מיטן גלח — זיינען אַרויסגעטראָטן אויף איין פּלאַטפאָרמע ביי שטאָטישע און „פּראָגרעסיווע" פאַרזאַמלונגען. נאָך מער — אויף טעלע־וויזיע. צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן דעם פּרעסטיזש?

וואָס ווייטער, איז שוין צו פיל צו דערציילן. גענוג צו זאָגן, אַז „טעמפּל בית-תורה שטייט נאָך היינט אויפן זעלבן פּלאַץ און איז ב"ה בקו הבריאות.

* * *

צי האָב איך זיך טאַקע אויסגעלעבט אין שול, אין תּפילות וקדושות? ייִדישקייט איז אַ וווּנדערלעכע זאַך, אַן עמוד האש מיט פילפאַרביקע אַס־פּעקטן. מען קאָן זיך אָנכאַפּן אָן איינעם אָדער מער פון די אַספּעקטן און זיין אַ געשמאַקער ייִד, הנאה האָבן פון דעם, וואָס מען איז אַ ייִד.

איך, למשל, האָב ליב געהאַט און האָב אויך היינט ליב די ייִדישע טראַ־דיציעס. אָבער די ייִדישע ליטעראַטור, טאַקע אויף מאַמע־לשון, מיט איר גאַנצן פּאַרנעם, איז דער זויערשטאָף מיט וואָס איך אָטעם. אַז איך וויל אַזוי גוט אָפּאָטעמען, לויף איך אין ייִדישן קולטור־קלוב. (היינט אין ל. א.). אין ניו־יאָרק, ווען איך האָב געלערנט אין די שלום־עליכם־הייזער, אויף ניילס פּלייס, פלעג איך פאָרן פון די בראָנקס „דאַון טאַון", צו די ליטע־ראַרישע אָוונטן פונעם י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין. כ'האָב אויך דאָרטן געהאַט נאָענטע פריינד (וואָס אין יידישן קולטור־קלוב האָב איך ניט). אַ מאָל בין איך געלאָפן, אין איין אָטעם געלאָפן, צו די לינקע פּועלי־ציון. אגב, האָב איך גאָרניט געהאַט ווייט צו לויפן, כ'בין געווען אין האַרץ פון דער באַוועגונג.

איך האָב ניט קיין סיבה צו לייקענען, (ווי אַנדערע טוען דאָס), אַז איך האָב זיך אויך אין איין צייט אויסגעלעבט אין די קינדערשולן פונעם ייִדישן פאָלקסאָרדן. כ'בין געווען צען יאָר קולטור־דירעקטאָר פון דעם אַ מאָל באַרימטן „ברענטש" 51. כ'האָב איינגעלאַדן צו אונטערנעמונגען אַלע ייִדישע שרייבערס פון שטאָט: ה. רויזנבלאַט, קלמן מרמר, מאַטעס דייטש, חבר פּאַווער, מלכּה טוזמן, אסתּר שומיאַטשער. אַלע זיינען גע־קומען אַחוץ יצחק פרידלאַנד, דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון „חשבון" (אגב, איך האָב זיך דעמאָלט אויך געדרוקט אין „חשבון" פּונקט אַזוי ווי היינט). זיי האָבן מיר בפירוש באַרייכערט אונדזערע קולטור־אָוונטן.

ס'האָט געטראָפן, יאָ ס'האָט געטראָפן, אַז איינער פון די פירערס פון אָרדן זאָל מיר געבן אַ שאַרפן אויסרייד, אָדער גלאַט אונטערשטעלן אַ פיסל אין מיין אַרבעט. אַ מאָל מער ווי איין מאָל — האָט עס מיך געקאָסט אַ וואָך שכירות. האָב איך דאָס אָנגענומען פאַר ליב און גע־שוויגן. (לייב מלאך זכרונו לברכה פלעגט זאָגן אויף מיר „ס'איז זיך ניטאָ מיט וועמען צו קריגן").

אָבער ס'איז ניט דאָס, וואָס די לינקע פּועלי־ציון. אַיי, די לינקע פּועלי ציון... נאָך דעם ווי „אַלע פירערס" פונעם בוים, זיינען זיך צע־פלויגן". קוויק איך זיך נאָך היינט מיט באָראָכאָווס עטישן ציוניזם. נאָך מער, איך האָב אויסגעפונען, אַז פּרקי־אבות איז ניט קעגן דעם עטישן

ציוניזם. ס׳איז בלויז מער באַלערנדיק, רייכער אין אינהאַלט און אין עטיק. פּרקי־אבות איז געשריבן געוואָרן פון מער ווי איין בער באַראַכאָוו. אָבער דאָס אַלץ איז דאָך אונדזערס. מיין האָב און גוטס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

הכלל, דעם וואָלף ציט אין וואַלד אַריין. געקומען אלול (אלול תשמ״א), האָט עפּעס שטאַרק אָנגעהויבן ציִען ביים הארצן. און דער מוח האָט אונטערגעזאָגט מיט שׂכל: זע, דו האָסט שוין היינט קיינעם ניט. דו דאַרפסט שוין היינט קיינעם ניט פאַרזאָרגן. שוין אַ שאָק מיט יאָרן, אַז דו דאַרפסט מער ניט שיקן דער מאַמען קיין געלט און קיין מעדיצינען דאַרפסטו שוין אויך ניט קויפן. גיי, נעם און פאַרגין זיך; קויף דיר אַ „לייטישן״ בילעט אויף יום־טוב אין שול אַריין. געטראַכט און געטאָן. אוועק אין בית־עם און זיך איינגעהאַנדלט אַ בילעט פאַר פינף און זיבעציק דאָלאַר. אַ זיצפּלאַץ ערגעץ ביי דער וואַנט, ווו ס׳האָט געבלאָזן אַ ווינט. דאָס איז געווען דער בעסטער פּלאַץ, וואָס מען האָט געקראָגן פאַר דעם געלט. (זיצפּלעצער אין דער „סאַנקטואַרי״ (מקדש) האָבן גע־קאָסט דריי הונדערט און פופציק דאָלאַר אַ פּלאַץ). האָב איך שוין, הייסט עס, אַ בילעט אין שול אַריין. נאָר, דער שׂטן כנגד האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אין דער ברייט און גענומען ליאַרעמען: — אַזוי פיל יאָרן ניט געהאַט קיין „שטאַט״ אין שול קומסטו היינט, אויף דער עלטער, תשובה טאָן? — וואָס איך בעט זיך, „שׂטן, טייערער, איך האָב גאָרניט בדעה תשובה צו טאָן; איך ווייס ניט פאַר וועלכע זינד!״ — „אַזוי, דו ווייסט ניט, דערמאָן זיך נאָר אָן דיינע יונגע יאָרן!״. „יונגע יאָרן? איך בין שוין לאַנג דאָס אָפּגעקומען. אָפּגעקומען כּפל כּפלים... טאַקע נאָך דעמאָלט, אין מיינע יונגע יאָרן. חוץ לזה, שׂטן טייערער, דו ביסט גאָר קיינעם קיין מאָל ניט מוחל? ביסטו דאָך אָן אמתע סיטרא אחרא״. אויסגעפירט האָט ער, דער שׂטן. געדאַוונטביידע טעג ראש השנה און צו כּל נדרי, פּונקט צו כּל נדרי, זיך אַוועקגעלייגט מיט הויכן פיבער. צומאָרגנס, יום כּיפּור אין דער פרי, ליג איך אַזוי און טראַכט: — כ׳בין טאַקע גוט קראַנק אָבער „דאַווענען דאַרף מען דאָך״. הויב איך זיך אויף און שלעפּ זיך צו צום ביכערשאַנק און קוק: פיר מחזורים, איינער

אינטערעסאַנטער פון דעם צווייטן. איינס אַ גאָר אַלט מחזור מיט עברי־טייטש, וואָס איך פיר עס שוין אַזוי אַרום מיט זיך מיין גאַנץ לעבן. דאָס צווייטע אַן אָרטאָדאָקסיש מחזור, אָבער שוין מאָדערן, מיט ענגלי־שער פאַרטייטשונג. און דאָס דריטע — אַ מחזור אַן אַנטיק. רייך אין אינהאַלט, פאַרזען מיט באַלערנדיקע אָנווייזונגען וועגן דער אויטענטיש־קייט פון יעדער פון די וויכטיקסטע תפילות מיט אַן אַריינפיר און אַ נאָכ־וואָרט, אַ שלל מיט פיוטים, תפילות און אַ סך צוגעגעבענע תהילות — אַ גרויס ליטעראַריש ווערק צונויפגעשטעלט פון פלטיאל בירנבוים. (אפשר אַן אייניקל פון מיינע באַרימטע לאַנדסלייט — פאָטער און זון — נתן און אוריאל בירנבוים). נעבן דעם מחזור (דעם נגיד) שטייט זיך אַ ביכעלע יידישע פּאָעזיע אָן שום פרעטענסיע.

„ווי פייגל, וואָס שוועבן, ווען ס'וועקט זיך דער מאָרגן
און קולות פון ווינטן, וואָס קלאָגן און וויינען
אַריין אין געמיט מיר. צעבליִען מיינע געבעטן און טענות
צום בורא, ווי תפילות געהילטע אין פיינען:
פאַר וואָס האָסטו דיין פּנים פון פאָלק דיינעם פאַרבאָרגן?"

איך לייען אַזוי און לייען, ליד איין, ליד אויס — אַ מחזור פאַר מיין געמיט צו נעילה. — זע נאָר, ווי איך האָב דאָס ביכעלע לידער נאָך ניט באַוויזן איבערצולייענען, כאָטש איך האָב עס שוין אַ לענגערע צייט, ווי אַזוי האָב איך דאָס אַזוי געקאָנט? לייען איך אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז איך כאַפּ זיך ,אַז איך לייען גאָר ניט, איך טו תפילה.

„די תפילה פון אַ קליינעם בעל חי,
וואָס מיאַנטשעט אין ווייטיק און שטילן צער.
דערהער זי, מיין באַשאַפער, פאַרנעם זי מיין האַר,
ווי מיינע ווערטער, וואָס איך מורמל צו דיר נאָר אַליין.

און איך לייען אַזוי ווייטער און ווייטער; לייען אַרויס און לייען אַריין: „פאַר וואָס זיינען ביי דיר די יידישע לידער ווייניקער הייליק,

ווי די פיוטים? דאָס מחזור איז דאָך אויך ניט געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני. מענטשן האָבן זיי, די פיוטים, אויסגעדיכטעט און מענטשן האָבן דאָס מחזור צונויפגעשטעלט. מענטשן, אָט אַזעלכע, ווי מלך ראַוויטש אָדער, למשל, ווי אני הקטן, חיים לייב פוקס". (אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער אים ריידן). נאָר די טענות זיינען שוין איצט געווען אין גאַנצן איבעריק, וואָרעם סיי ווי האָב איך שוין דאָס בוך ניט געקאָנט אַרויסלייגן פון האַנט.

„און מער נאָך האָב איך ליב געהאַט
דעם מזמור פון תהילים
וואָס איז אַריין אין מיין נפש און נישט
געוואָלט זיך איינשטילן".

ווי ער האָט עס מיר אַזוי צוגעטראָפן! איך לייען מיט אַזאַ אינטענסיווקייט, טייטש אַריין מיין אייגנס און טייטש אַרויס: „דער אַכטער הימל". וואָס אַ דיכטער פאַרגינט זיך. און איך, זינדיקער מענטש, וואָלט כאָטש געוואָלט נאָך „די צייט, וואָס היילט ניט מיינע ווונדן", דערגרייכן צום ראַנד פון ערשטן הימל און זיך קאָנען אָנכאַפּן אָן די פאָלעס פון די טהורים כדי צו געפינען אַ ביסעלע מנוחה.

איך האָב אַזוי געדאַוונט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ביז איך בין זייער מיד געוואָרן. ניין, ניט פונעם לייענען, נאָר פון דער יצירה. איך האָב איבערגעלעבט יעדע תפילה, יעדן פערז, יעדע שורה און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך אַליין האָב זיי אָט די פיוטים און לידער געשאַפן.

אָ, גאָט!
„לאָז מיך דערפילן די וועלט, פאַרטונקל מיין ברעם ניט —
דאָס פינטעלע זון, אין מיינע בלוטן פאַרקיל ניט,
בלויז אַ פינטעלע זונשיין איידער שקיעת החמה".

„אַ בריוועלע דער מאַמען" *

איך בין די לעצטע פון אַ גזע,
כמעט די לעצטע פון אַ דור.
איך ווייס ניט מיט וועמענס כוח
דערצויגן ביז אַכט און זיבעציק יאָר.

מאַמע, מיין טייערע מאַמע,
כ'האָב מורא צו זיין אַליין.
איך דיין יינגסטע טאָכטער
בין שוין ראוי לישני עפר.

און אויב עס זאָל מיר באַשערט זיין
צו דערלעבן דאָס יאָר פון גבורה —
זיי מיר אַ שליחה, מאַמע,
און דאַנק פאַר מיר דעם בורא.

כ'האָב אָפּגעלעבט אַ לעבן
— אַלעמען געדינט.
און געפילט האָב איך זיך שטאַרק שולדיק
ווען כ'האָב מער ניט געהאַט וואָס צו געבן.

אָ, מאַמע, מיין געטרייע מאַמע!
איך דאַרף דיך היינט נאָך מער, ווי פריער.
מאַמע, נעם איין דיין מעזינקע,
דו האָסט זי געזויגן פולע צוויי יאָר.

מאַמע, איך האָב נאָך אַזויפיל צו טאָן —
מאַמע וואַרט אויף מיר.
און טאָמער, איך פאַרשפּעטיק אויף עטלעכע יאָר
האַלט אָפן פאַר מיר די טיר.

1983

* לויט י. שמואלעוויטש.

אינהאַלט

שיינט די זון (ליד) 7

דערציילונגען

דער רבי און אַ קאַנטשיק . . 11
„ספעדיינע עוועניו" 21
זאַשע און בראַניע 31
דער עלטסטער זון 58
די ציטערדיקע האַנט 64
און אַרבעטער־פירער ווערט
און עקזעקוטיוו 83
איבערגעלעבט דעם תלמיד . . 93
דזשעק — „יאַנק" 103
עד־דלא־ידע 115
עלנטע 124
„לאַ פאַם בראַון" 132

געשטאַלטן

דב נוי אין לאָס־אַנדזשעלעס . 159
אברהם ליס'ס באַזוך
אין לאָס־אַנדזשעלעס . . . 168
עלעגיעס 174
מיינע באַגעגענישן מיטן
קינסטלער נחום אַראָנסאָן . 184
דער דיכטער מאמין
יעקב שמואל טויבעס . . 191
דער קדוש יצחק אַריסטאָ . . . 199
דניאל טשאַרני ביים שרייבטיש 206
דער זיידענער יונגער־מאַן
ברוך שעפנער 210
דער איינציקאַרטיקער יידישער
אַקטיאָר, נח נאַכבוש . . . 216
די דיכטערין שפרה ווייס . . . 225
דער דיכטער יחזקאל בראַנשטיין 232
ד"ר נחום ניר־ראַפאַלקעס . . . 239
אברהם רייזען וווינט אין די
שלום־עליכם־הייזער . . . 245

מאמרים

אַ פאַטעטישער טאַנץ 251
אין שעהען פון דערהויבונג . . 256
אויף די פעלדער פון שפע
און רחבות 260
רעיונות און זכרונות 275
„אַ בריוועלע דער מאַמען" (ליד) 287